STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06121

ARISHE PAPIRN

Michal Borwicz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיכאל באָרוויטש

אַרישע פּאַפּירן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

107

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פּיגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

מיכאל באָרוויטש

אַרישע פּאַפּירן

באַנד דריי

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, 1955 — תשט״ו

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיאָראָ — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס.

דער מחבר פונעם ווערק

מיכאל באַרוויטש

אין דער „ערישער תקופה"

אינהאַלט:

עטלעכע ווערטער וועגן דער גענעזע, וועגן כאַראַקטער און דעם אָרט פון די דאָזיקע פערזענלעכע זכרונות — — — — — — — — — — 11

1) דאָס אַנטלויפן פון טויט־לאַגער. — אין טראַמוויי און אויף אַ וויזיט 15

2) אין צוג. — נאָכן אָנקומען קיין קראָקע. — „בילדונג־דערגענצונגס־קורס" — באַגעגענישן מיט פאַרמלחמהדיקע פריינט, נישט־יידן — — 23

3) דער קאָנספּיראַטיווער קאָנטאַקט מיט דעם לאַגער אין לעמבערג און די רעטונגס־אַקציע. — דאָס שפּילן וואַ־באַנק. — קאָנטאַקט מיטן יידישן אונטערערד אין וואַרשע — — — — — — — — — — — — 29

4) דער ענין ד״ר מיכאל ווייכערט און פון „יוס" — — — — — — — — — 38

5) אַ בליק אויף דער גאַס פון דער קינדהייט. — וועגעלעך אין דער דזשונגל. — מיטאַרבעט מיט דער אונטערערדישער פּרעסע און אַ „גרוס" פון תהום. — פון קראָקע דאַרף מען פאַרשווינדן — — — — — 55

6) אַ בינטל פּרטים וועגן דעם פּוילישן אונטערערד אין דעם „געביט" פּראַשאָוויץ די באַגדאַנסקיס „פּאַלאַץ". — געהיימע לערע. — קאָנס־פּיראַציע און היימישע „קווי־פּראָ־קוואָ". — פּאָפּולאַריטעט. — אין אַ פאַרוואָרפענער העק. — צוויי רושינעקס און אַנדערע קאָמעדיעס צו־ליב טעותים — — — — — — — — — — — — — — — — 64

7) פון דער סעריע: מיספאַרשטייעניש. — הילף פאַר באַהאַלטענע יידן. — „דער גאַנצער קאָמענדאַנט מוז זיין יענער אַנטיסעמיט". — אַן איינ־לאַדונג צו ווערן אַ טויף־פאָטער. — די דאָזיקע פריילין זעט לגמרי נישט אויס ווי קיין יידישע. — דער סאָוועטישער מאַיאָר קאַבאַנאָוו און דער „יידישער" אופן. — די ליבע פרוי קאַזשע און מיין אַנאַלפאַבע־טיזם. — מיין אַרט לעבן „איבער דער מאָס" — — — — — — — — — 84

8) היטלעריסטן אין פּוילישן אונטערערד. — וואָס וויניקער יידן אַלץ גרעסער די „יידישע פראַגע". — „נו, און קיין יידן זענען שוין נישטאָ". — אַ גלח — אַ מאַגיסטער. — דער יוגנטלעכער „יידקענער" דער פאַן לייטער. — אַן אַלטער יאַט פון פּ. פּ. ס. — אַ משפּחה וואָס האָט „געוווסט דאָס איריקע" — — — — — — — — — — — — — — — 100

9) ציווילע פאַרברעכער און מערדער פון דער אונטערערד. —" פון דער נ. ס. ז. — אינטערוועגצן און קאָמפּליקאַציעס. — אַ פאַרברעכער צווישן מיינע זעלנער. — ווער האָט פון דעם פויער געמאַכט אַ מער־דער? — אַ געשפּרעך מיט אַ מיטגליד פון נ. ס. ז. — „צו וואָס זיך תיכף צו דענערווירן?" — — — 117

10) נאָך די אויפברויזן אין געטאָס און לאַגערן. — קאָנטאַקט מיט דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע „קאזיק". — שמחה ראָטהייזער אַלס פאַרבינדלער. — די פראַגן פון דער יידישער קאַמפּס אָרגאַניזאַציע אין אַ מצודה. — פאַרבינדלערינס. — דער קליינער יורעק. — די אויפגאַבע פון דער מאַריאַנסקאַ. — „וואָס קענען מיר וועגן דעם וויסן?" — — 131

11) לימוד פון.... יידיש — — — 144

12) עטלעכע ווערטער וועגן „פאַפּירן". — וועגן גערטעטעוועטע — — — 151

13) פאָסט סקריפּטום: „אויב אַזאַ ייד ווייסט נישט...". — מיין געוועזענער זעלנער ווייזט זיך אַרויס אַלס... ייד. — מיינע געוועזענע זעלנער דער־וויסן זיך, אַז זייער געוועזנער קאָמענדאַנט איז אַ ייד — — — 159

VI טייל: גבית־עדות פון נישט־יידן — — — 167

VII טייל: פוילישע יידן אויף אַרישע פאַפּירן אין אויסלאַנד — —

1) „מאַראַנען" — — — 205

2) אַרישע פאַפּירן אין פראַנקרייך — — — 207

3) „אַזידאָר" — — — 222

4) פון פאַריז ביז איטאַליע. — אין די בערג. — אין מאָנאַסטיר — — 224

5) אַ פוילישער ייד אין דער ראָלע פון אַ שפּאַנישן וויצע־קאָנסול — — 231

VIII טייל: אַ נישט־ייד „אויף פאַפּירן" — — — 237

IX טייל: דאָס פּראָבלעם פון כבוד — — — 263

X טייל: עפּילאָגן און... פאַרזעצונגען, באַמערקונגען — — — 285

קאנפראנטאציעס
און פארגלייכונגען

פינפטער טייל:

זכרונות פון א יחיד

עטלעכע ווערטער וועגן דער גענעזיז, וועגן כאַראַקטער און דעם אָרט פון די דאָזיקע פּערזענלעכע זכרונות.

אין דער צייט ווען איך האָב — אין די ראַמען פון מיין טעטיקייט אין דער ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין קראָקע — פאַרעקשנט גע־ווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון מיינע מיטאַרבעטער אויף דער נויטיקייט צו באַקומען עדות־דערקלערונגען — דאָס מאָל: פאַר אַלעם פון געביט — „אַרישע פּאַפּירן" — האָט איינע פון מיינע מיטאַרבעטערינס, איבערגעבנ־דיק מיר אין אַ געוויסן טאָג דעם צונויפגעזאַמלטן מאַטעריאַל צוזאַמען מיט דער רשימה פון מענטשן, וועלכע זי האָט נאָך בדעה געהאַט „אויסצו־פאָרשן", מיר געזאָגט:

— אייגנטלעך פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס זאָלט איר אַליין למשל נישט אָפּגעבן קיין גבית עדות. איר זייט דאָך אויך געווען אויף „אַרישע פּאַפּירן".

צופרידן מיט איר איינפאַל האָט זי אים פאַרגעזעצט, האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט, נאָכמאַכנדיק דערביי דעם טאָן, מיט וועלכן מיר פלעגן אַלעמאָל צוגעבן חשק זייטיקע מענטשן אָפּצוגעבן דערקלע־רונגען:

— איר דאַרפט נישט מורא האָבן. דאָס איז באמת נישט שווער — גאַנץ פשוט: איר וועט מיר דערציילן און איך וועל פאַרפּראָטאָקאָלירן... נאַטירלעך קענט איר אייערע דערקלערונגען אויך אַליין אָנשרייבן.

— איר מיינט אַזוי?

— געוויס. אַזוי מיין איך. נאָר שרייבט, ביטע — האָט זי פאַרגעזעצט מיט אַ שמייכל — בלויז און אויסשליסלעך דעם אמת. קיין שום זאַך חס

ושלום נישט פאַרשענערן, ווייל דאָס ברענגט צו גאָרנישט. איבעריקנס קענען מיר גוט די אָקופּאַציע און באַזיצן אַ סך פּאַרגלייכונגס־מאַטעריאַלן. מיר קענען אויפן אָרט אונטערשידן דעם אמת פון פאַנטאַזיע. ביטע, שרייבט וועגן אַלץ. אַפילו וועגן קליינע זאַכן און ענינים, וואָס זעען זיך אויס אומוויכטיק. אַ סך מאָל דערציילן זיי מער, ווי די כלומרשט וויכטי־קע. ביטע, גייט נאָך דעם לויף פון די פּערזענלעכע איבערלעבונגען, ווייל די פּריוואַטע, פּערזענלעכע געשעענישן גיבן אַ בולטן און אויסדריק־לעכן בילד פון דער ווירקלעכקייט. פאַר אונדז האָט אַ גרעסערע באַדיי־טונג איין פּרט אָן אמתער, אײדער גרויסע, אַלגעמיינע סינטעזעס, וואָס זענען פון אַ באַשטימטן שאַבלאָן, אָן דעקונג פון פאַקטן. רעכנט זיך נישט מיט קיין שום פאַרבאַהאַלטן און אויך נישט מיט קיין שום סוגעסטיעס. אין פאַל ווען איר וועט האָבן אַ ספק צי איר זאָלט דערמאָנען אַ וועלכן עס איז נאָמען, וועט די ה. ק. שאַנעווען אייער סוד. דאָך זאָלט איר אַזעלכע באַוואָרענישן מאַכן נאָר דעמאָלט ווען דאָס וועט זיין פולשטענדיק נויטיק.

דער וויץ פון מיין מיטאַרבעטערין איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך אַליין, אויספירנדיק די פונקציעס פון דירעקטאָר פון דער ה. ק. האָב מיינע מיטאַרבעטער אויסגעלערנט זיך צו באַנוצן מיט די דאָזיקע אָנווי־זונגען און אַרויסצוברענגען אָט די „גאָלדענע געדאַנקען".

איצט זענען זיי ווי אַ בומעראַנג צוריק־געפאַלן צו מיר. אין שפּאַס אָבער דאָך נישט אָן אַ געוויסן ערנסט.

כ'האָב זיך פאַרטראַכט. מיין מיטאַרבעטערין, אַריינגייענדיק אויף אַן אמת אין איר ראָל, האָט דערוויל ממשיך געווען:

— אויפן סטיל דאַרפט איר לחלוטין נישט אַכטונג געבן. מיר מאַכן זיך נישט אַפילו פון גראַמאַטיקאַלישע און אָרטאָגראַפישע פעלערן.

— דער לעצטער אַרגומענט — האָב איך געענטפערט אַריינפאַלנדיק אין טאָן פון מיין מיטאַרבעטערין — האָט מיך שוין פולשטענדיק איבער־צייגט. איבערהויפּט די פראַגע פון גראַמאַטיק און אָרטאָגראַפיע... כ'וועל דעריבער שוין זיכער אָנשרייבן. כ'וועל דאָס טון אויפן סמך פון ווערטל: „אַזוי לאַנג האָט דער וואָלף שעפעלעך געטראָגן, ביז מען האָט אים אַליין אַוועקגעטראָגן".

און דאָך — ווען עס איז געקומען צו פאַרטראַכטן זיך קאָנקרעט איבער

אַרישע פּאַפּירן

די אייגענע זכרונות פון דערמאָנטן אָפּשניט זענען מיך באַפאַלן — כ׳בין זיך מודה — געוויסע ספקות. און אָט פאַרוואָס. דער גרונט־שטריך פון לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן“ איז געווען דאָס כסדרדיקע זאָרגן צו פאַרקאָנספּירירן די אייגענע ייִדישקייט. די דאָזיקע זאָרג איז געווען: לעבן. יעדע אומפאָרזיכטיקייט האָט געדראָט מיט טויט. גלייכצייטיק האָבן אויף אָט דער דעקאָנספּירירונג געלויערט אַזויפיל פאַרשידנאַרטיקע פאַקטאָרן, אַז די זאָרג האָט זיך אַריינגעריסן, ווי אַ געזעץ, אין יעטוועדע באַוועגונג, כמעט אין יעדן טריט. אין רעזולטאַט דערפון געהערט צו די זכרונות פון לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן“ דאָס אַלץ וואָס דער צייטווייליקער „אַריער“ האָט איבערגעלעבט און דערפאַרן. ביי מיר האָט זיך אָבער אַלץ צוזאַמענגעלייגט אַ ביסל אַנדערש. קודם כל האָט דער אַרט פון מיינע באַשעפטיקונגען אין דעם געגעבענעם לעבנס־אָפּשניט אויסגעשלאָסן דאָס פלאַנירן אַן „אופן פון לעבן“ פון ווינקל פון צוזאַמענטרעפן און סיטואַציעס, וואָס זענען געפערלעך בלויז פון „ראַסן“־שטאַנדפונקט. פאַרקערט, כ׳האָב דורכגעוואַנדערט צענדליקער געגנטן, זיך געטראָפן מיט הונדערטער מענטשן פון פאַרשידענע שיכטן און איבערצייגונגען. (דייטשן און נ. ס. ז.־לייט איינשליסלעך). כ׳בין געווען אין די אָרגאַניזאַציאָנעלע אינסטאַנצן און כ׳האָב אָנטייל גענומען אין זיצונגען און אין די „אַרויספאַלן“ נישט בלויז אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי, צו וועלכער כ׳האָב געהערט, נאָר אויך אין פאַרשידענע פּוילישע צווישנפּאַרטייאישע אינסטאַנצן, ווו כ׳האָב פאַרטרעטן מיין פּאַרטיי. טראָץ דעם אַלעם איז בנוגע מיין פּערזאָן קיינמאָל נישט געווען קיין חשד פון האָבן אַ שייכות צו דער „פאַרברעכערישקייט“ וואָס הייסט: זיין פון ייִדישן אָפּשטאַם. ווי אַ פּועל יוצא דערפון האָב איך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט קיין שום שאַנטאַזש, קיין שום אויסקויפן זיך, קיין אונטערהאַנדלונגען און די איבעריקע אַלע ענינים וואָס האָבן געהערט צום רעפּערטואַר פון אַ ייִד, וועלכער האָט געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן“. כ׳קען מיר ביזן היינטיקן טאָג נישט אויפקלערן, ווי ס׳איז געווען דער סדר, די דריי פון די דאָזיקע סיבות: צי האָט דאָס פעלן פון אַזעלכע אינצידענטן מיר דערלויבט זיך צו באַפרייען פון דעם קאָמפּלעקס צו באַטראַכטן אַלץ נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון באַהאַלטן מיין „ראַסע“, אָדער פאַרקערט. דאָס הייסט: די אָפּוועזנהייט פון דעם דאָזיקן קאָמפּלעקס און

די פרייקייט פון פערזענלעכער האַלטונג האָט מיך באַשיצט פון גרויזאַמע חשדים. אַזוי, אָדער אַנדערש — אַ גאַנצע ריי געשעענישן אין וועלכע איך האָב דעמאָלט אָנטייל גענומען האָבן קיין שום שייכות נישט מיט „אַרישע פּאַפּירן". צוויטנס: די קאָנספּיראַטיווע פּאָליטישע און מיליטע־רישע אַקציעס פון די געגעבענע פּוילישע פאָרמאַציעס קענען נישט באַ־שריבן ווערן בלויז פון איין אַספּעקט. (וואָס איז פאַר זיי געווען אינגאַנצן מין הצד), דערפאַר, וואָס איינער פון די מענטשן, וואָס האָט זיי אָרגאַני־זירט, אָדער אָנגעפירט איז געווען צופעליק אַ ייד.

דעריבער האָב איך אָנשטאָט אַ פולן באַריכט וועגן די דערפאַרונגען פון יענער צייט דאָ געגעבן נאָר אַ טיילוויַזן. כ'האָב פון יענע צייט אַרויס־גענומען נאָר דאָס, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט „אַרישע פּאַפּירן" אָדער מיט יידישע פראַגן, געזען פון דער פּערספּעקטיוו פון די דאָזיקע „פּאַפּירן". דעם הויפּט־טראָפּ האָב איך דערביי געלייגט נישט אויף די געשעענישן און סענסאַציאָנעלע פּאַרוויקלונגען, נאָר להיפּוך — אויף די (כלומרשטע) קלייניקייטן, וואָס אילוסטרירן דעם קלימאַט. דאָס ברענגען זיי צום באַוווסטזיין און דאָס געשטאַלטיקן זיי קומט אינעם לויף פון די ווייטערדיקע קאַפּיטלען, אָפּטמאָל פּעליעטאָן־אַרטיקע, מיט אַ ציל־באַוווס־טער „לייכטקייט" (מיט וועלכער עס איז דערלויבט צו טראַקטירן אייגענע איבערלעבונגען און ס'איז נישט תמיד דערלויבט צו טראַקטירן איבער־לעבונגען פון אַנדערע מענטשן).

I

דאָס אַנטלויפן פון טויט־לאַגער. — אין טראַמוויי און אויף אַ וויזיט.

אַלזאָ אַזוי: מיט די דאָזיקע „אַרישע פּאַפּירן" מיינע בין איך אַרויס־געפלויגן (אויב מען קען די קאָמפּליצירטע זיגזאַגן פון אַנטלויפן אָנרופן: פליִען) פון דעם טויט־לאַגער אין לעמבערג, אין דעם סוף־אָפּשניט פון דער עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער מאָרד־פאַבריק 1).

אין די חדשים פאַר מיין אַנטלויפן, ד"ה, אין יולי־אויגוסט 1943, האָב איך אין לאַגער שוין דיספּאָנירט מיט אַ ברייט־פאַרצווייגטער קאָנספּיראַ־טיווער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאַט אַ ברייטע נעץ מיט אַקטיווע אָפּטיילונגען. איך האָב אַרויסגעשיקט פּאָסט צו דער פּוילישער אונטער־ערדישער פּרעסע און מאַטעריאַלן צו די פּוילישע געהיימע אַרכיוון. די אין לאַגער צעוואָרפענע אָרגאַניזאַציע־קרייזלעך האָט מען (אַ דאַנק דעם איינפלוס פון דער אָרגאַניזאַציע) געקענט אויסנוצן כדי צו רעאַליזירן די זייער פאַרוויקלטע אופנים פון באַקומען קאָנטאַקטן 2).

די גוט־פונקציאָנירנדיקע אונטערערדישע קעמערלעך און קרייזלעך

---

1) דער דאָזיקער לאַגער איז טרויעריק באַרימט געוואָרן א. נ. „יאַנאָ־ווער לאַגער". דערביי שטאַמט דער נאָמען נישט פונעם אָרט וווּ ער האָט זיך געפונען, נאָר פון אַ גאַס אין לעמבערג, וואָס האָט צו אים געפירט. מער פּרטים וועגן אים אין מיינע אַרבעטן: „דער אוניווערזיטעט פון מערדער" (אויסגאַבע פון דער קראָקעווער היסטאָרישער קאָמיסיע), „ליטעראַטור אין לאַגער" (דער זעל־ביקער פאַרלאַג). דאָ ברענג איך נאָר עטלעכע פּרטים וואָס זענען נויטיק אויפֿצוקלערן די סיטואַציע. פאַרגלייך חוץ דעם: דאָס טאָג־בוך פון יאַנקאַ ה. „מיט די אויגן פון אַ 12־יעריק מיידעלע" און וויעליטשקערס: „די טויט־בריגאַדע" (ביידע אויסגאַבעס פון פריער דערמאָנטן פאַרלאַג).

2) פאַרגלייך: מיין „ליטעראַטור אין לאַגער".

האָבן אָבער אויף אַ האָר נישט געענדערט די פּאַטאַלע לאַגע. מיר האָבן שוין געהאַט הינטער זיך אַקטן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד 1) און אַ גאַנצע ריי אַקטיוויטעטן אויף דעם דאָזיקן געביט. מיר האָבן שוין אויך געהאַט „אַריינפאַלן", דערשיסונגען און געהאַנגענע. די אַלע זאַכן האָבן אָבער נישט דערשלאָגן די אָרגאַניזאַציע. פאַרקערט: נאָך יעדער כוואַליע פון טויט האָבן מיר אָנגעהויבן פונסניי, פאַרבעסערנדיק ביז אַ מאַקסימום אי די געשיקטלעכקייט, אי די ווירקעוודיקייט פון אונדזערע שריט. די דער־פאַרונג האָט אונדז אָבער דאָך באַוויזן, אַז די בעסטע געשיקטלעכקייט און דער געניוסטער, דורכגעטראַכטער סטראַטעגיע־פּלאַן וועט נישט דורכ־ברעכן דעם אײַזערנעם רינג. יעדער בונט און אומקום־קאַמף האָט זיך אויסגעטוישט (און דאָס צוליב גאָר אַנדערע מאָטיוון, ווי די וואָס עס מיינען די סעמינאַר־טעאָרעטיקער) אויף איינצלנע אַקטן און די לעצטע זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין דער טויט־כוואַליע אָן שפור און אָן עכאָ. די גאַנצע פּראָבלעמאַטיק און די גאַנצע סטראַטעגיע פון ווידערשטאַנד אין אַזעלכע פאַלן שטעלט מיט זיך, איבעריקנס, פאַר אַ באַזונדער קאַפּיטל.

אין די ראַמען פון דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט איז דעריבער, צווישן אַנדערן, פאַרגעקומען אַן עקשנותדיק צוגרייטן מעגלעכקייטן צו אַנטלויפן. אָרגאַניזירנדיק זיי האָב איך אַרויסגעגעבן אינסטרוקציעס, אַז דער אַנט־לאָפענער זאָל, נאָכן אַרויסקריגן זיך פון לאַגער, תיכף טון אַלץ כדי זיך איינצושליסן אין דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט אויסער די דראָטן. אין ווייטערדיקן פאַרלויף פון די געשעענישן איז דער דאָזיקער פּרינציפּ געוואָרן רעספּעקטירט.

אין דער צייט, וועגן וועלכער עס רעדט זיך דאָ, איז דאָס אַנטלויפן פון לאַגער געווען ריזיקאַלישער, ווי ווען עס איז צוליב דעם וואָס עס זענען שוין פולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן די גרופּן, וואָס פלעגן אַמאָל גיין אויף אַרבעט אין שטאָט און דערביי זענען אויך פאַרשפּאַרט געוואָרן אַלע קלענסטע שפּאַרעס פון תפיסה־לעבן, וואָס פלעגן פריער געבן די בריגאַדעס אַ געוויסע (אמת, זייער קליינע) באַוועגונגס־פרייהייט. אַן אַנט־לאָפענער וואָס איז געכאַפּט געוואָרן האָט געענדיקט זיין לעבן אין די

1) פאַרגלייך: מיין „אוניווערזיטעט פון מערדער".

ראַפינירטסטע פּייניקונגען. אַן איינגעגעבענער אַנטלויף, האָט ווידער מיט זיך געבראַכט די אויסמאָרדונג פון אַלע גרופּע־חברים פון דעם אַנטלאָ־פענעמס בריגאַדע. איבעריקנס, אומאָפּהענגיק פון די (אין יאַנאָווער לאַ־גער זייער געוויינלעכע און טאָגטעגלעכע) איינצלנע צעשיסונגען און אויפ־הענגונגען, זענען אין דער דאָזיקער צייט אין לאַגער, אַלע עטלעכע טעג, פאָרגעקומען „הורט״־ליקווידאַציעס. יעדעס מאָל אויף אַן אַנדערן אופן. די מי און שפּע פון פאַרברעכערישער פאַנטאַזיע, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער רעזשי פון איבעראַשן די קרבנות, די ריזיקע ברייט־קייט און פאַרשידנאַרטיקייט פון אינסצעניזאַציעס, וואָס זייער ציל איז געווען אַראָפּצופירן פון וועג, אַריינצוברענגען אין טעות די אסורים וועט נאָך אפשר אַמאָל אויסקומען באַזונדער צו אַנאַליזירן.

דעם קאַנדידאַט צו אַנטלויפן האָט די אָרגאַניזאַציע געשטעלט אין רשות געוויסע פונקטן אויף דער טראַסע פון עוקר־זיין. אומאָפּהענגיק דער־פון האָבן מיר מיט געוויסע „איבערוקונגען״ אין דער לאַגער־בוכהאַל־טעריע (וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך אונדזערע קאָלעגן אין „טעכ־נישן ביוראָ״) געפונען אַן אויסוועג צו באַהאַלטן די שוין פאַרגעקומענע פליטה 1).

איך בין אַנטלאָפן אין דער צווייטער העלפט סעפּטעמבער 1943, נאָך דעם, ווי איך האָבן אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט מיינע קראָקעווער פריינט פון פּ. פּ. ס. 2).

***

כדי צו אַוואַנסירן צו דער מדרגה פון אַן „אַריער״, האָט מען קודם כל געדאַרפט ווערן ענלעך צו אַ געוויינלעכן מענטש. אָבער שוין אין לאַ־גער האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעק ביים געדאַנק, וויפל זאַכן ס׳מוז האָבן אַ לעבעדיקע בריאה כדי צו זיין ענלעך צו אַ „געוויינלעכן מענטש״. ער מוז האָבן האָר, ער מוז האָבן אַ וואַסער עס איז ציוויל מלבוש. ער מוז האָבן

---

1) דער דאָזיקער אויסוועג איז באַשטאַנען דערין, וואָס אין דער פרי בעתן אָפּציילן די אַסורים האָט מען אויך געמאָלדן די צאָל פון געפאַלענע אין משך פון נעכטיקן טאָג (אַזעלכע זענען תמיד געווען געווען) מען האָט דעריבער דעם אַנטלאָפענעם „אַריינגערוקט״ צווישן די טויטע.

2) פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

אַ ריי זאַכן פון טאָגטעגלעכן געברויך. ער מוז האָבן „פּאַפּירן“... כדי אויף דעם אויסגעגאָלטן קאָפּ פון אַ לאַגערניק אויסצוהאָדעווען אַ בינטל האָר דאַרף דויערן וואָכן. דאָס הייסט: מען דאַרף לאַנגע וואָכן באַהאַלטן פון די לאַגער ס. ס., פון אַ לאַגער־שערער דעם עמבריאָן פון אַ טשופּרינע. דער־ביי דאַרף מען מורא האָבן אויך פאַר די בריגאַדירן און אַפילו — יאָ, פאַר די אייגענע פּיין־ברידער, וואָס ציטערן פאַר קאָלעקטיווער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט. וואָכן לאַנגע דאַרף מען זיך באַהאַלטן אין די הינטערשטע רייען (אָדער אַפילו אין באַראַק) בעתן אַפּעל. אָנטאָן זיך דעם פאַלשן באַנד פון „אַ פאָראַרבעטער“ בעתן אינדערפריאיקן מיידן די קאָנטראָל־בודקע, ווו עס קומט די קאָמעדיע „מיטצען אב“. פאַר יעדן פון דעם דאָזיקן קאָס־מעטישן מיטל האָט געדראָט אַ גיכער און דערוואַרטער טויט. דעריבער איז דאָס געווען די איינציקע צייט אין מיין לעבן ווען איך האָב זיך אַליין געשאָלטן צוליב דעם, וואָס איך האָב זיך נישט אָפּגעשפּאָרט ביז איצטער קיין פּליך, וואָס וואָלט מיך פון דעם אַלעם באַפרייט.

די טיילן פון דער ציווילער גאַרדעראָבע האָבן פאַר מיר סוקצעסיוו געגנבעט מיינע חברים (צ״אַ דער לעמבערגער רב באַבאַד), וואָס האָבן געאַרבעט אין די מאַגאַזינען, ווו מען האָט סאָרטירט די מלבושים פון די דערמאָרדעטע. אַ הוט האָט מיר געקויפט אַ קראַקעווער פאַרבינדלערין, לויט דער מאָס וואָס איז איר אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַגער. די „פּאַ־פּירן“ האָט מען פאַבריצירט אין קראָקע. אָבער צו די פּאַפּירן האָט מען געדאַרפט אַ פאָטאָגראַפיע. היות די אסורים אין לאַגער האָבן געוויינלעך נישט געהאַט קיין פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, האָבן מיר זיך „דערלויבט“ צו מאַכן אַן אויפנאַמע (ווי אין פיל פריִערדיקע און שפּעטערדיקע פאַלן), בסוד סודות, אויף דעם... אַמטלעכן אַפּאַראַט.

אַ טאָג פאַר מיין אַנטלויפן האָב איך איבערגעגעבן מיין צוגעשיקטן פאַרבינדלער פון דער קראַקעווער פּ. פּ. ס. די רעשט פון די אַרכיוו־מאַטע־ריאַלן. עס איז געגאַנגען דערין, אַז איך זאָל בעתן אַנטלויפן נישט האָבן ביי זיך קיין שום פּאַפּירל. נאַטירלעך איז אין דער לעצטער מינוט קלאָר געוואָרן, אַז איך האָב נישט אַלץ איבערגעגעבן און ס׳זענען געבליבן אַ גרויסע צאָל גריפסן פון די חברים און אַנדערע מאַטעריאַלן, וואָס מען האָט געמוזט מיטנעמען. אַזוי אַרום בין איך — קעגן די געזעצן פון אָרגאַ־

ניזאַציאָנעלער פּאַרזיכטיקייט — אַנטלאָפן פון לאַגער מיט אַ היפּשן פּאַק פון פאַרשידענע פּאַפּירלעך.

איך מייד אויס מיט אַ כיוון דעם עצם ענין פון אַנטלויפן, ווייל דאָס וואָלט באַטירלעך געמוזט פירן צו אַן אויפקלערונג פון פיל קאָמפּליצירטע פּרטים, וואָס געהערן לגמרי, צו אַן אַנדערער טעמע. אין הסכם מיט דעם אָפּגערעדטן פּלאַן, האָב איך זיך געטראָפן מיט די קראַקעווער פאַרבינדלער אין אַ טויער אויף דער סלאָנעטשנע גאַס. די פאַרבינדלער זענען געווען: זשוטא (רישינסקא) און טאַדעוש (בילעוויטש). זשוטא האָט מיר אָנגעטון אויפן קאָפּ דעם געקויפטן קאַפּעלוש. טאַדעוש גיט מיר די „קענקאַרטע“. עמיצער פון זיי רוקט מיר אין האַנט אַריין אַ טשעמאָדאַן און אין אַ פּאָר מינוט אַרום גייען מיר אַרויס פון טויער אַלע דריי, לאָזנדיק זיך אין דער ריכטונג פון דער טראַמווײ־סטאַציע אויף קאַזשימיערזשאווסקי גאַס. צוליב דעם וואָס דער אָנפאַרנדיקער טראַמוויי איז געפּאַקט ביז איבער די ברעגן, שטופּן מיר זיך אַריין מיט כוח. אַן ענגשאַפט, אַ טומל, אַ קעגנזייטיק טרעטן זיך אויף די פיס, זידלערייען, געשרייען — דאָס אַלץ האָט אָבער דאָ עפּעס אַן אַנדערע וויבראַציע ווי אין לאַגער. אין דער סומירונג בילדן זיי דעם געדיכטן עקסטראַקט וואָס הייסט: „פרייהייט“. דאָס אַלץ ווירקט אויף אַ נאַר־וואָס אַנטלאָפענעם פון לאַגער, ווי אַ שפּרונג אין אַ קילן וואַ־סער־שטראָם: דערפרישנדיק אָבער דאָך פאַררעטעריש. אַ מינוט נורטע־ווועט נאָך די שרעק צי וועלן פון דעם סימפּאַטיש־לעבהאַפטן גערויש אַרויס נישט אַ קוק טון אויף מיר די אויגן פון אַ געהיימען פּאָליציי־אַגענט, אָדער סתם מסור. די פּאַסאַזשירן טוישן זיך אָבער מיט גיכקייט, כאַטש מיט שוועריקייטן, אויף יעדן אָפּשטעל. ווען דער קאָנדוקטאָר שטופּט זיך צו אונדז דורך מיט בילעטן, כאַפּ איך זיך פּלוצים, אַז איך ווייס נישט וויפל אַ בילעט קאָסט. כ'שטעק דעריבער אַריין די האַנט אין טאַש, נעם אַרויס אַ ביסל קליינגעלט און מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז מיין צווייטע האַנט איז פאַרנומען מיט דעם טשעמאָדאַן, בעט איך זשוטען זי זאָל נע־מען וויפל מען דאַרף. זשוטע אָריענטירט זיך מאָמענטאַל און קויפט בי־לעטן פאַר אַלע דריי.

פאַראַן אין דער רייזע נאָך אַ קליינער פּרט. אַ פּיקאַנטער, וועלכן נאָר איך אַליין פיל אָפּ. דער טראַמוויי פאָרט, נישט מער און נישט ווייני־

קער, נאָר אין דער ריכטונג פון לאַגער. איך פאַרשטיי, אַז ביים עק פון דער קאַזשימיערזשאַווסקי וועט ער זיך פאַרנעמען, נישט אויף דער יאַנאָ־ווער גאַס, נאָר אויף דער טאַקאַרזשעווסקי (גראַדעצקאַ), ווייל דער וואַק־זאַל — וואָס קען מען זיך העלפן? — ליגט אויף דער זעלביקער זייט אין לעמבערג, וואָס דער לאַגער... דערנאָך וועט מען אים אויסמיידן, אַ דורכ־פאָרן אַאַז״וו. דאָס זענען אָבער אַרגומענטן פאַר דער לאָגיק און נישט פאַרן געפיל. דאָס איז גאָרנישט אַנגענעם פון אייגענעם ווילן, אָן צוואַנג, צו קריכן דווקא אין דער ריכטונג פון וואַנען מ׳איז ערשט מיט קוים עטלעכע שעה צוריק, אַנטלאָפן ביי גאַנץ סענסאַציאָנעלע אומשטענדן. דאָס דאָזיקע געפיל ווערט אויך אונטערגעשטיצט דורך דער לאָגיק: טאָקע דער־פאַר, וואָס מיר פאָרן אין דער ריכטונג פון לאַגער, קען אין טראַמוויי איינ־שטייגן עפּעס אַן ס. ס.־מאַן, וואָס קערט זיך אום פון שטאָט אין לאַגער אַריין. עס האָט טאָקע געקענט אַזוי זיין. ס׳איז אָבער אַזוי נישט געווען. אויף אַ געוויסן טראַמוויי־אָפּשטעל שטייג איך אַראָפּ מיט טאַדעושן, און זשוטא פאָרט ווייטער כדי צו קויפן באַן־בילעטן.

טאַדעוש פירט מיך אין דער וווינונג פון זיינע גטלעגנהייטלעכע באַ־קאַנטע, אין איינעם פון די הייזער אויף טאַקאַזשעווסקי גאַס. פאַרן אַריינ־גאַנג זאָגט ער צו מיר אין אַ טאָן פון אַן אינסטרוקציע:

— מיר זענען געקומען פון קראָקע צוליב האַנדל.

אַן אָרעם, נעבעכדיק וווינונגל פון אַן אַרבעטער־משפחה. אַקוראַט געפינט זיך ביי זיי, אויף אַ וויזיט, אַ יונגער גלח פון דער פּראָווינץ. אין אַ שטיקל צייט אַרום גייט טאַדעוש אַוועק כדי צו דערליידיקן זיינע ענינים אין שטאָט. ווען כ׳בלייב אַליין מיט די שטובלייט פרעגט מיך עמיצער פון זיי, וואָס מען הערט אין קראָקע. צוליב דעם וואָס איך בין אין קראָקע שוין נישט געווען פיר יאָר, ענטפער איך פילאָזאָפיש און אויסמיידנדיק:

— נו וואָס? ווי אין קראָקע...

כ׳וואָרף עפּעס אַן אַלגעמיין וואָרט וועגן „כאַפּערייען״, וועגן דער צעשטערונג פון גרונוואַלד־דענקמאָל און מיצקעוויטש־דענקמאָל וועגן וואָס איך האָב נאָך געוווסט איידער איך בין אַריין אין לאַגער.

איך הויב אָן צו האַלטן אַ רעפעראַט — (אַדורכגעפלאָכטן מיט אַנעק־דאָטן) וועגן כאַראַקטער פון קראָקע. נאָך עטלעכע זאַצן הער איך אויף צו

„מאַרקירן״, וואָרום רעדנדיק פון קראָקע באַפרידיק איך די אייגענע נויט־ווענדיקייט זיך אָפּצוטובלען אין דעם קלימאַט פון דער געבוירן־שטאָט. ווען טאַדעוש קומט צוריק, בין איך שוין מיט די שטוב־מענטשן האַרציק באַפריינדעט.

טאַדעוש, מיט וועלכן איך האָב זיך ערשט נאָר־וואָס אַליין באַקענט (דאָס טאָרן די שטובלייט נאַטירלעך נישט וויסן), ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ פאַרברענטן אַנהענגער פון קאָאָפּעראַציוון וועזן 1). בעתן שמועס פאַרבינדט זיך אַ הייסער וויכוח. צוליב דעם, וואָס טאַדעאוש איז אַ בעסערער פּאָלעמיסט ווי דער גלח און וואַרפט מיט זייער שאַרפע און לייכטע אַרגומענטן, טרעט איך אַרויס קעגן אים אין שוץ פון גלח. דערביי זאָג איך אַ פּאָר וויצן, וואָס ברענגען אַן אַנטשפּאַנונג דער אָנגעלאָדנקייט פון דער שטימונג. אין אָונט, ווען מיר געזעגענען זיך שוין צום אַוועקגיין, פאַרבעטן מיך די באַלעבאַטים זייער האַרציק אויסצונוצן זייער שטוב ביי יעדער געלעגנהייט. אויך דער גלח בעט מיך, אַז ווען איך וועל זיין אין דער געגנט ווו ער געפינט זיך, זאָל איך אומבאַדינגט זיין ביי אים צוגאַסט. אויף דער גאַס זאָג איך צו טאַדעושן:

— די פּראָפּאָזיציע, וואָס גיט אַן אַנטלאָפענעם פון לאַגער די מעגלעכקייט צו זיין „אַ ליבער גאַסט״ הויבט אויף — ווי עס זאָל נישט זיין — דאָס זעלבסטגעפיל.

זשוטאַ וואַרט אויפן אָפּגערעדטן פּונקט. צוזאַמען מיט איר גייען מיר אויפן וואָקזאַל צו פוס. דאָס דאָזיקע שטיקל וועג האָט מיך אַממייסטן געשראָקן. אויפן וואָקזאַל און אַרום וואָקזאַל האָבן „אָפּעריִרט״ (לויט די ידיעות וואָס די לאַגער־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט) צוויי יִדישע פּראָוואָקאַטאָרן: שוואַדראַן און פּעהערזש. זייער „אויפגאַבע״ איז געווען אויסצוכאַפּן יִדן, וואָס לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן״. איינער פון די פאַרשוי־נען האָט געהאַט די געלעגנהייט מיך צו קענען און דאָס פון דער ערגסטער זייט. מיט אַ יאָר צוריק, האַרט פאַרן אַריינפאַלן אין לאַגער, האָב איך געהאַט מיט אים אַ זייער דראַסטישן געשפּרעך, — אין אויפטראַג פון דער גרופּע. איך האָב אים דעמאָלט צווישן אַנדערע צוגעזאָגט אַ גיכן און נישט צופע־

1) נאָך דער מלחמה איז ער טאַקע געוואָרן דער דירעקטאָר פון לאָדזשער „ספּאָלעם״ און דעפּוטאַט אין סיים.

ליקן טויט פון אונדזער האַנט. אונדזער פֿאָדערונג (עס איז געגאַנגען דערין זיי זאָלן תּיכף אויפֿהערן זוכן צוויי ייִדישע פּרויען, וועלכע פֿלעגן אַרויס־גיין פֿון געטאָ, ווי אונדזערע פֿאַרבינדלערינס) האָט דער פּראָוואָקאַטאָר — אַוודאי מיטן געדאַנק זיך אָפּצונעמען אין אַ שפּעטערדיקער צייט — תּיכף אויסגעפֿירט. צוויי וואָכן נאָך דעם דאָזיקן געשפּרעך בין איך אָבער שוין געווען אַן אַרעסטאַנט אין לאַגער. דער ענין האָט שוין פֿאַרלוירן זיין אַק־טואַליטעט. דאָך, גייענדיק איצט אין דער ריכטונג פֿון וואָקזאַל, בין איך זיכער געווען, אַז ווען מיין באַשיידענע פּערזאָן, פֿאַלט אין זיינע הענט אַריין, וואָלט זי אים פֿאַרשאַפֿט אַ גרויסע סאַטיספֿאַקציע.

שוין זיצנדיק אין וואַגאָן האָב איך מיר, אויף יעדן פֿאַל, איינגעחזרט מיינע נייע פּערסאָנאַליען. כ'האָב געהייסן איצט מיכאַל באַרוצקי. איך בין געווען אַ באַן־אַסיסטענט. כ'האָב געשטאַמט פֿון ... אאַז"וו. נאָכפֿאָלגנדיק די פּרטים אין דער „קענקאַרטע" איז שווער געווען נישט צו שמייכלען. מיין פֿאַמיליע־נאָמען איז געווען אַ טראַנספֿאָרמאַציע פֿון מיין אמתן. דער פֿאָרנאָמען איז אויך געווען אַן אמתער: איינער פֿון די צוויי נעמען, וואָס איך האָב באַקומען און וואָס איז דורך מיר פֿאַר דער מלחמה נישט באַ־נוצט געוואָרן. און געווען איז דאָס מיין „ייִדישער" נאָמען — מיכאַל. דער צופֿעליקער וויץ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיין „אַריזירונג" איז גע־מאַכט געוואָרן, צווישן אַנדערן, מיט דער הילף דווקא פֿון מיין צווייטן עכט „ייִדישן" נאָמען.

II

אין צוג. — נאָכן אָנקומען קיין קראָקע. — „בילדונגס־דערגאַנ־צונגס־קורס״, באַגעגענישן מיט פאַרמלחמהדיקע פריינט — נישט־ייִדן.

די לאַנגע רייזע־שעהן האָבן מיר אויסגעפילט מיט געשפּרעכן. הויפּט־זעכלעך — פון דערציילן זיך פון די אַזוי גערופענע „שטיקלעך". פריי און — לויטן פּראָגראַם — נישט צו שטיל. אין פּשעמישל פאַלט אַריין דייטשע פּאָליציי, וואָס טאַפּט אויס אַלע רענצלעך און לייכט אין די אויגן מיט עלעקטרישע טאַשנלעמפּעלעך. אין טאַרנאָוו — אַן אויפרודערונג: מען האָט געכאַפּט אין צוג אַ ייִדישע פרוי. די פּאַסאַזשירן גייען אַרויס פון די וואַגאָנען כדי צו כאַפּן אַ קוק. ווען זיי קערן זיך אום אין די וואַגאָנען הויבט זיך אָן אַ הייסער שמועס אויף דער דאָזיקער טעמע.

— ווער וואָלט זיך דאָס געריכט, אַז „זיי" זענען נאָך פאַראַן — זאָגט מיט ערגערניש איינער פון די פּאַסאַזשירן.

אַן אַנדערן, וועלכער דערציילט, אַז מיט אַ שעה צוריק איז זי געבן אים פאַרבייגעגאַנגען און ער — היגטיש בלוט: האָט נישט דערקענט, אַז זי איז אַ ייִדישע.

זאָגט טאַדעוש:

— פאַרוואָס האָט מען זי נישט פאַרשטעלט? אַ שאָד אַ מענטש!

די רויקע באַמערקונג רופט אַרויס אַן ענדערונג אין דער שטימונג. דער זעלביקער פּאַדשוין, וואָס האָט ערשט באַדויערט, וואָס ער האָט נישט צוגעלייגט קיין האַנט צום ענין, זאָגט איצט:

— איך מיש זיך נישט אין דעם, דאָס איז נישט מיין זאַך.

אין דער אינטאָנאַציע פון דער דאַזיקער פאָרמולירונג איז שוין אָבער געווען עפּעס, ווי אַ נאָטקע פון באַרעכטיקן זיך. אַ צווייטער זאָגט שוין מיט אַ געוויסן מיטגעפיל:

— ווען זי וואָלט דורכגעגאַנגען מיט צוויי מינוט פריער, אָדער צוויי מינוט שפּעטער, וואָלט די פרוי זיך געראַטעוועט.

באַגייגען לויפן פאַרבײַ די פינצטערע קליינע סטאַציעס, וואָס אַמאָל נאָענטער צו קראָקע, וואָס אַמאָל מער „אייגענע״. נאָך פיר יאָר. נאָענט פון קראָקע שטופן זיך אַריין אין וואַגאָן באַן־אַרבעטער, וואָס פאָרן צו דער אַרבעט. צוויי פון זיי האָבן „אַריינגעזאָגט״ זעט אויס שוין אויפן ניכ־טערן מאָגן. זיי זענען פרײלעך און באַריידעוודיק. עפּעס אַ דאַמע מאַכט זיי אַ פאָרוואורף. וואָס זיי הויבן אָן גאָטס טאָג מיט אַלקאָהאָל.

— ווי זשע, דאַמעלע, נישט אָנהויבן אים, ווען ער איז שפּעטער אַזוי טרויעריק — פאַרענטפערט זיך איינער — דאָס איז, דאַמעלע, צוליב דער אַקס, ווייל זי האָט געפּלאַצט.

די איבעריקע באַן־אַרבעטער, די ניכטערע, שמייכלען אַריין אין די וואָנצעס. זעט אויס, אַז דער דאָזיקער ענין איז שוין גוט קאָמענטירט גע־וואָרן נאָך איידער זיי זענען אַריין אין וואַגאָן. אין יענע טעג האָט גע־פּלאַצט די אַקס... רוים־בערלין.

— אַזאַ שיין אַקסל געווען — הויבט אָן דער צווייטער שיכורער באַנער.

— און זי האָט אָנגעזעצט — ענטפערט דער דריטער, קורץ און זאַכלעך.

דערנאָך האָט מען שוין ביז קראָקע גאָרנישט גערעדט, נאָר וועגן דער אַקס. מיט איינצלנע ווערטער — אייגנטלעך: איבערחזרנדיק אין קרייז, ווי מיט אַ קינדערשער איינגעשפּאַרטקייט, איבערגעזאָגט דאָס איינע וואָרט אין פאַרשידענע וואַריאַנטן און אינטאָנאַציעס:

— די אַקס, דאָס אַקסל, דאָס אַקסעלע...

און ס׳איז געווען צו זען, אַז דאָס געלעכטער שפּאַרט פון זיי אַרויס. די פּנימער זייערע — געוויינלעכע, הינטערשטאָטישע האָבן אַמאָל אויסגעפּילט די זאַלן, אָדער פלעצער אויף סאָציאַליסטישע מיטינגען.

האַרט הינטער קראָקע גייט די באַן אויף אַ הויכן וואַל. פון די וואַגאָן־פענצטער קען מען בעסער זען די געגנט, וואָס ליגט נידעריקער.

און אָט האָבן זיך פאַרן אויג באַוויזן לאַנגע מענטשן־רייען, געשפּענס־טערהאַפט־אויסגעמאַטערט און אָפּגעריסן. ביי דער זייט פון דעם, אָדער יע־נעם אָפּגעריסענעם פאַרשוין הענגט אַראָפּ (ווי כאַראַקטעריסטיש דאָס איז) אַ טאָפּ. אַלע האָבן זיי לאַפּאַטעס און ברוך־שטאַנגען. אַ טייוואַלאַנישער פאַרבן־פלעק געוואָרפן אויף דער גרינקייט פון דער לאַנדשאַפט.

אָט דאָס איז געווען דער ערשטער פראַגמענט פון מיין געבוירן־שטאָט, וואָס איך האָב די זכיה געהאַט צו זען נאָך פיר יאָר אָפּוועזנהייט, נישט קיין גאַנצן מעת־לעת נאָך מיין אַנטלויפן פון יאַנאָווער טויט־לאַגער. דאָס איז געווען אַן אַרויסמאַרש פון אַסורים אין פּלאַשאָווער לאַגער, אַן אָרט פון פאַרניכטונג פון טויזנטער קראָקעווער יידן, דאָס קעניגרייך פון מאַסן־מער־דער אַמאָן לעאָפּאָלד געט.

כ׳האָב דעמאָלט נישט פאַרגעפילט, אַז אין דריי יאָר אַרום וועל איך אָנטייל נעמען אין פּראָצעס פון דעם זעלביקן געט אַלס עקספּערט און, אַז איך וועל אים באַשולדיקן אין נאָמען פון דער יידישער געזעלשאַפט. כ׳האָב אויך נישט פאַרגעפילט, אַז דער זעלביקער געט (וועלכער האָט אַליין דער־מאָרדעט הונדערטער און אָנגעפירט מיטן מאָרד פון טויזנטער מענטשן) וועט — בעת ער וועט געשטעלט ווערן צום משפּט — אַזוי פּחדנותדיק פאַרטיידיקן זיין לעבן און וועט (פּונקט ווי זיינע מיטשותּפים צום פאַר־ברעכן) זוכן טויזנטער אויסגעטראַכטע אַרגומענטן כדי אויסצומיידן דעם טויט [1].

קראָקע. נעבן וואָקזאַל וואַרטן זשעגאָטאַ (וואָלאַדיסלאַוו וואַיטשיק) און מיעטשיסלאַוו (פּיאַטראָווסקי). טאַדעוש און זשוטע מישן זיך אויס מיטן עולם. איך מיט זשעגאָטען גייען מיר אַריין אין דער לוביטש־גאַס. אויפן וועג גיט ער מיר געוויסע אינפאָרמאַציעס. דערנאָך בלייבט זשעגאָטאַ היב־

---

1) דער פּראָצעס פון אמאָן געט איז פאָרגעקומען אין אויגוסט־סעפּטעמבער 1946, אין קראָקע, פאַרן העכסטן טריבונאַל. דער פּראָצעס פון אמאָן געט גייט ווייט אַרויס פון די ראַמען פון די אַלע ענלעכע פּראָצעסן. אַ סטענאָגראַם פון משפּט (איבער 500 זייטן) האָט אַרויסגעגעבן די צענטראַלע ייד. היסט. קאָמיסיע אין פּוילן א. נ. „דער פּראָצעס פון מענטשן־מערדער אמאָן לעאָפּאָלד געט״.

טערשטעליק און צו מיר קומט צו פּיאָטראָווסקי, מיט וועלכן כ'האָב זיך באַקאַנט בעת „אַ קאָנטאַקט" אין לעמבערג. מיר כאַפּן אַ קורצן שמועס:

— איך וויל אייך זאָגן — רופט ער זיך אָפּ, ווען מיר מיידן אויס די „שופּאס", וואָס גייען אונדז אַנטקעגן אויף דעם זעלביקן טראָטואַר — אַז איך בין אויך אַ ייִד.

דאָס האָב איך וואָס אַן אמת נישט געוווּסט און דערויף זיך נישט גע־ריכט. דאָך האָב איך זיך נישט צופיל פאַרוווּנדערט. עס מאַכט זיך אַזעלכעס אויך — האָב איך ביי זיך געטראַכט.

שפּעטער: עטלעכע שעה שלאָפן אויף אַן אמתדיק בעט און אונטער אמתדיק בעטגעוואַנט. דאָס מיטיק דערלאַנגט מיר די באַלעבאָסטע אויף אמתע טעלער. זי בעט מיך נאָך איבער, וואָס דאָס געשיר איז „עפּעס נישט ווי געהעריק".

— ס'איז צעהאַקט געוואָרן — זאָגט זי — און נייעס, ווי איר ווייסט, איז בעת דער מלחמה, שווער איינצוקויפן.

דוכט זיך מען האָט זי געזאָגט וועגן מיר, אַז ס'וועט קומען „אַזאַ איי־נער פון טיפער קאָנספּיראַציע". דעריבער ברומט זי אונטערן נאָז אַלע רגע עפּעס אַן אַנדער פאַרבאָטן לידל. מיין איינגעהאַלטנקייט בנוגע דעם טיילן זיך מיט אינפאָרמאַציעס און מיין אָפּפּטרן זי מיט אַלגעמיינע פראַזן נעמט זי אויף מיט פאַרשטענדעניש: נאַטירלעך: — קאָנספּיראַציע. דערפאַר ענט־פערט זי אויף מיינע פראַגן (געשטעלט זייער גלייכגילטיק און דורכגייענ־דיק) זייער ברייט און גערן. זי דערציילט און דערציילט אָן אויפהער באַ־ריכותדיק און כאַאָטיש. די ידיעה וועגן דער לעצטער „כאַפּעריי" פאָרט זיך ביי איר מיט עפּעס אַ פאַרדראָס אויף אַ באַקאַנטער, וועלכער ס'איז קיינ־מאָל נישט אַזוי גוט געגאַנגען ווי היינט, ווייל זי הוליעט מיט דייטשן און איז אַליין געוואָרן אַ „פאָלקסדויטשקע". די מעשיות וועגן שמוגל מיט שפּייז־פּראָדוקטן פון דאָרף מישן זיך אויס מיט אַ באַריכט וועגן אינערלעכע משפּחה־מחלוקת, מיט סקאַנדאַלן און געשלעגן. די רייד וועגן עלעקטרי פירן אַרויף אויף אַ ברייטן שמועס וועגן דעם אופן פון אומטעטיק מאַכן דעם עלעקטרישן זייגער און גאַז־מעסטער. דערנאָך קומען דיגרעסיעס וועגן באַקאַנטע, וואָס אַרבעטן אין דער עלעקטראָווניע, פריינד פון דער באַלע־באָסטע און דערנאָך וועגן געוויסע אַרעסטן. אין סומע באַקומט זיך אַ גוט־

מוטיקער פלאָנטער פון פאַרשידנערליי ידיעות, זאָרגן, צרות, עוולות פון פאַרשידנאַרטיקסטן מין. איר מיינט אפשר, אז ס'איז לאַנגווײליק? דווקא נישט. אַלענפאַלס — פאַר מיר — דעמאָלט. אויבנאויפיק בלייב איך ביי דעם געשפּרעך גלייכגילטיק. כ'באַהאַלט אָבער דאָס און יענץ אין זכרון און זאַפּ אין זיך אַלץ אַריין, ווי אַ שוואָם. ווען די פרוי רייסט איבער, דערמאָ־ ענדיק זיך, אַז זי האָט מיך שוין צו לאַנג נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, רוק איך איר אונטער אַ נייעם אויסרייד, כלומרשט אן אומשולדיקע פראַגע, מיט וועלכער איך פאַרפיר אָבער דעם שמועס אין דער ריכטונג, וואָס גייט מיך אָן. איך פרעג אומשולדיק וועגן גאַסן, וועגן הייזער, וועגן קוואַרטאַלן. מיר זיצן אַזוי ביזן שפּעטן אָוונט. די באַלעבאָסטע איז צופרידן פון דעם געדולדיקן צוהערער און דער צוהערער דערגענצט דערווייל זיין וויסן. וואָ־ רעם דאָס וואָס די חברים האָבן מיר רעפערירט איז זיכער געווען זייער לאָגיש און קאָנדענסירט, אָבער ערשט דאָ אין דעם גוטמוטיקן געפּלאַפּל דערפיל איך דאָס צאַפּלדיקע לעבן — דאָס נישט סטיליזירטע, טאָג־טעג־ לעכע. ערשט נאָך דעם געשפּרעך האָב איך זיך דערפילט ווי אַ באַוווסטזי־ ניקער איינוווינער פון קראָקע אין יאָר 1943.

אין אָוונט קומט זשעגאָטא. מיט אים גיי איך אין דער וווינונג פון ז. קאַספּאַרעק אין די באַן־הייזער אויף באָסאַצקע־גאַס. דאָרט בלייב איך וווינען.

***

באַגעגענישן מיט פאַרמלחמהדיקע פריינד, וואָס האָבן איצט אָנטייל גע־ נומען אין דער אונטערערדישער אַרבעט. וואָס נוגע אַנדערע — וואָלט עס פאַרנומען צופיל צייט, צופיל זוכעניש. דערפון האָט מיך אָפּגעעצהט טעאָ־ דאָר (אַדאַם רישעוויטש) וואָס איז אין די אָקופּאַציע־יאָרן רייף געוואָרן ווי אַ דעצידירטער קעמפער מיט אַ גרויסער געשיקטלעכקייט. ער איז געווען סעקרעטאַר פון קרייז־קאָמיטעט פון פּ. פּ. ס. אין קראָקע און די נשמה פון דער מערהייט אונטערנעמונגען.

די טרעפונגען זענען פאָרגעקומען אַממייסטן אין גאַס. דער אָפּגעשמו־ עסטער פלעגט אָנקומען אויף אַ באַשטימטער גאַס אין דער באַשטימטער שעה און דאַן פלעגן מיר מאַכן אַ לאַנגן שפּאַציר.

מיכאל באַרוויטש

סטאַשעק דאָבראָוואָלסקי 1) (סטאַניעווסקי), וועלכער איז אַגב געווען דער פאָרזיצער פון ר. פּ. זש.2) איז אויף דער ערשטער טרעפונג געקומען מיט אַ שפּאָר פּעקל.

אין פּעקל — וועש, אַ פּיזשאַמע און אַפילו עטלעכע אויסבינדערס. ער האָט דאָס גאַנץ קלוג געמאַכט: אַ פּיזשאַמע און אויסבינדערס (דערצו נאָך עטלעכע פון פאַרשידענע קאָלירן) שמעקט שוין לגמרי נישט מיט קיין לאַגער.

מאַרישאַ האָכבערג (מאַריאַנסקאַ) האָט אין יענער צייט הויפּטזעכלעך געאַרבעט אויף דעם שווערן געביט פאַר הילף פאַר באַהאַלטענע ייִדן. מיט עקשנות אָרגאַניזירט זי און דערליידיקט די „פּראָבלעמען" פון די וואָס געפינען זיך אונטער איר אויפזיכט.

דאָס טרעפן זיך מיט פאַרמלחמהדיקע פריינד איז איין טיפּ פון די קאָנטאַקטן. ס'איז ווי אַ מין בריק צווישן אַמאָליקע און איצטיקע יאָרן. דער צווייטער טיפּ — דאָס זענען די באַגעגענישן מיט אַנדערע אָנטיילנעמער פון דער „אַרבעט". פאַר זיי בין איך אַ מענטש מיט אַ נישט באַקאַנטער, פאַרגאַנגענהייט. ס'איז פאַראַן נאָך אַ דריטער טיפּ: געוויינלעכע באַקאַנטשאַפטן. שכנהשע און געלעגנהייטלעכע, וואָס ווערן אָנגעבונדן מיט אָדער קעגן ווילן פון דעם מענטש, וואָס לעבט אויף „פּאַפּירן", דאָס הייסט דורך דעם „פּאַן באַרוצקי", אָדער „דלוגאַש" (ווי איך האָב זיך גערופן). די דאָזיקע באַקאַנטשאַפטן האָבן זיך זייער אייגענער טענדענץ צו פאַרשווינדן, אָדער צו אַוואַנסירן, צו פאָרמירן, אָדער צו פאַרטיפן זיך.

---

1) נאָך דער מלחמה פאָרזיצער פון „טור" און דער אויסלאַנדס־אָפּטיילונג פון פּ. פּ. ס., סיים־דעפּוטאַט.

2) ראַט פון הילף פאַר ייִדן.

III

דער קאָנספּיראַטיווער קאָנטאַקט מיט דעם לאַגער אין לעמ־
בערג און די רעטונגס־אַקציע. — דאָס שפּיל וואַ באַנק. — קאָנ־
טאַקט מיטן ייִדישן אונטערערד אין וואַרשע.

דאָס אַנטלויפן פון לאַגער — כאָטש ס׳איז תמיד געווען אַ ריזיקאַלישע אַוואַנטורע — איז אָבער נאָר געווען אַן אָנהויב. פאַר דעם דורכשניטלעכן אַנטלויפער האָבן זיך די פּערמאַנענטע שוועריקייטן ערשט אָנגעהויבן נאָך דעם געלונגענעם אַנטלויף. די שוועריקייטן האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דער זייער פּשוטער — אָבער האָפענונגסלאָזער — פראַגע: וווּ אַהין אַנט־לויפן? ווי אַזוי זיך אויסבאַהאַלטן?

דאָס אָרגאַניזירן פּליטים פון דער ווייטנס (און דערצו פון לאַגער) איז געווען אַ מין קלאַפּן דעם קאָפּ אין דער וואַנט. די ציפער פון אַנטלויפערס, וועלכע איך האָב זייענדיק אין לאַגער (מיט אַ פאַרשידענעם דערפאָלג) גע־קענט אָרגאַניזירן האָט זיך באַגרענעצט צו איינסן. דערנאָך — מיט דער גאַנצער גרופּע, צוזאַמען מיט דער שווער אויסגעהאַרעוועטער סטראַטעגיע פון אַנטלויפן (וואָס האָט אַלעמאָל געמוזט געענדערט ווערן) האָב איך זיך אויפסניי געפונען „אויפן זאַמד". האָבנדיק מעגלעכקייטן פאַר זיך, האָב איך טראַץ דעם נאָך תמיד געשטעקט אין לאַגער, גלויבנדיק, אַז פריִער דאַרף איך אַרויסשיקן אַנדערע. צום סוף האָבן דעם עניין אַנטשידן מיינע קראַקאָ־ווער חברים, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף נישט וואַרטן אויפן לעצטן מאָמענט.

זייענדיק אין קראָקע און אַריינקומענדיק אין נייעם לעבן, האָב איך

זיך געמוזט רעכענען מיט דער צייט, נישט דאָ, נאָר דאָרט, ד״ה, אין לאַגער. דאָ האָבן זיך אָבער די טעג אַנדערש געציילט. דאָס קייטלען זיך פון די באַזונדערע רינגעלעך, אַפילו ווען עס איז געגאַנגען וועגן „איינאָרדענען״ איין מענטש, איז פאָרגעקומען זייער פּאַמעלעך. אין דער זעלביקער צייט האָט מען דאָרט געמאָרדעט, האַסטיק און מאַסנהאַפט.

דער קאָנטאַקט מיט דעם לעמבערגער לאַגער האָב איך אין די דאָזיקע טעג אונטערגעהאַלטן אויף צוויייערליי אופנים: דורך פּאָסט־קאָרעספּאָנדענץ און דורך פאַרבינדלער. אין אַכט נעמענדיק די סיטואַציע זענען ביידע אופנים אויס פאַנטאַסטיש. דאָך זענען זיי געווען געניטער ווירקזאַם. דער ערשטער אופן האָט אויסגעזען אַזוי: כ׳האָב געשריבן „נאָרמאַלע״ בריוו אויף דעם אַדרעס פון געוועלב, וואָס האָט זיך געפונען אויף שויסקי־גאַס אין לעמבערג. נעבן דעם הויפּט־אַדרעס — אַ קליינער אומשולדיקער צושריפט: „פּאַר בראַ־נעקן״ (דאָס האָט באַדייט פּאַר יאַקובאָוויטש, אַ מיטגליד פון דער געהיימער לאַגער־אָרגאַניזאַציע). אין געוועלב פלעגן געמאַכט ווערן איינקויפן פאַר די ס. ס. פון לאַגער. דער אייגנטימער פון געוועלב, דערהאַלטנדיק אַזאַ בריוו פלעגט אים אַריינלייגן צווישן דער סחורה וואָס איז איינגעקויפט געוואָרן פאַרן לאַגער. די סחורה פלעגט אָנקומען צו יאַקובאָוויטשן, וועלכער פלעגט אַלץ (ווי דער בוכהאַלטער פון לאַגער) נאָטירן אין די ביכער און אַזוי אַרום האָט ער באַקומען דעם בריוו. מיט דעם דאָזיקן וועג איז געגאַנגען די פּאָסט אויף צוריק. דער טעקסט פון בריוו האָט געמוזט זיין אַזאַ, אַז אויב ער זאָל אַריינפאַלן אין נישט געוווּנטשענע הענט, זאָל ער אויסזען זייער פּריוואַט און אינטים. דערצו האָט אונדז געדינט דער אָפּגערעדטער שיפר... צו דעם צוועק האָב איך, נאָך איידער כ׳בין אַנטלאָפן פון לאַגער, פאַרפאַסט עטלע־כע „ראָמאַנסן״. איינעם — אַ פאַמיליען־ראָמאַנס, דעם צווייטן — אַ שניי־דערישן א. אַ. וו. אין שניידערישן „ראָמאַנס״ האָט „נייען״ געהייסן אַנט־לויפן. „מאַכן אַן אָנצוג״ — אָרגאַניזירן דעם אַנטלויף. „פּרעסן״ — פאָרן מיט דער באַן. „מאָס״ — אָנגעבן פּרטים צו דער „קענקאַרטע״, „לייוונט״ — פּאַפּירן, „קאָנפיטורן״ — מאַנוסקריפּטן א. אַ. וו. קאָנסעקווענט ביז די לעצ־טע פּרטים. דער תוך איז אָבער נישט געלעגן אין די פּסעוודאָנימען, נאָר אין גאַנצן טעקסט, אין וועלכן די באַנוצונג פון די פּסעוודאָנימען איז אויס־געקומען גאַנץ נאַטירלעך און לחלוטין נישט פאַרדעכטיק.

אַ מענטש וואָס האָט דעם לאַגער געקענט נאָר פון הערן, האָט וועגן אים געהאַט אַ פאָרשטעלונג ווי וועגן דער גרעסטער גרויליקייט. די פאָר־שטעלונג איז געקומען פון געפיל און נישט פון פּרעציזע פּרטים. פאַר מיר אָבער האָט „לאַגער" מיט זיך פאָרגעשטעלט גאַנץ קאָנקרעטע ענינים. איצט, אין דער שעה קומט „דאָרט" פאַר דער אַפּעל. כ'האָב געזען אין דמיון יעדע בריגאַדע, פּנימער, באַוועגונגען. אָט זענען די דורכמאַרשן, מיט דעם גנבע־נען זיך פון די מענטשן פון איין אָרט אויפן צווייטן, אָט איז דער גאַנצער רעפּערטואַר פון שווינדערלעכקייטן. אַרויסשיקנדיק אויפטראַגן צו די חברים אין לאַגער, האָט מען זיך יעדעס מאָל געמוזט געניי באַוווסט מאַכן יעדן פּונקט, באַרעכנענדיק אַלע מעגלעכע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין צווישן צייט. און די טויטע. און די איבריקע איבערטאַסירונגען.

דאָס ערשטע פּאָסט־קאַרטל, וואָס איז אָנגעקומען פון לעמבערג האָט צווויסן געטון, אַז „איך האָב זיך טועה געווען, אויב איך האָב געמיינט, אַז עמעצער האָט איבער מיר געלאָזט כאָטש איין טרער". דאָס האָט באַ־דייט, אַז דער טויטער, וואָס האָט „געטראָגן" מיין נאָמען האָט אויסגעפירט זיין ראָל. מיין עוקר זיין איז צו דער לאַגער־מאַכט נישט דערגאַנגען און האָט דעריבער קיין שום רעפּרעסיעס נישט אַרויסגערופן. זשוטע, וועלכע איז געפאָרן קיין לעמבערג מיט אינסטרוקציעס פון מיר און מיט אַ ווייַ־טערדיקן טראַנספּאָרט פון „קענקאַרטן" האָט געבראַכט עטלעכע בריוו (אין די „גריפּסן", וועלכע זענען איבערגעגעבן געוואָרן דער פאַרבינדלעריו האָט נישט פאַרפּליכטעט אַזאַ קאָנסעקווענטע פּאָרזיכטיקייט, ווי אין די בריוו, וואָס זענען געשיקט געוואָרן מיט דער פּאָסט. זיי האָבן אָבער גע־דאַרפט זיין קורץ און זאַכלעך). טראָץ די אָנגענומענע פּרינציפּן זענען די בריוו פון לאַגער דאָך געווען לאַנג, פול מיט אַפּאָסטראָפן און באַשווערונ־גען. דאָס לעצטע האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין דער גרופּע איז פאָר־געקומען אַ מחלוקה. דער און יענער האָט צוגעשריבן פון זיך, ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער בשותּפותדיקער פאָרמולירונג. דערביי איז דאָס כאַראַקטעריסטישע אין די דאָזיקע בריוו געווען זייער לאַנגקייט. דאָס כסדר אויסטייטשן די לאַגע, די השבעות. די דאָזיקע סמנים האָבן גע־וויזן, אַז ביי די חברים הויבט שוין אָן צו ריידן דאָס געפיל קעגן דער לאָגיק, די איינשטעלונג, אַז דער וואָס געפינט זיך אויסער די דראָטן, אויף

דער „פּריז", קען זייער פּיל אויפּטון, מען דאַרף אים נאָר צוהיטן, רירן, איבערצייגן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געיעג מיטן טויט. די איבערצייגונג, אַז דאָרט שפּרייזט זי מיט ריזן־טריט האָט געהייסן שפּילן וואַ באַנק. קיין אַנדער עצה איז נישט געווען. די קראָקעווער פריינד, וואָס האָבן געקענט די מאָגערקייט פון די מיטלען, האָבן געפּרוווט איבערצייגן: שיקנדיק דעם באַפעל צו אַנטלויפן, נעמט איר דאָך אויף זיך די אַחריות פאַרן גורל פון אַנטלאָפענעם!

אַחריות!

דאָס אַנטלויפן קען זיך איינגעבן, אָדער נישט. ביי אַ נישט איינגעגע־בענעם אַנטלויף דראָט דער טויט. טויט באַדייט אויך אַ געלונגענער אַנט־לויף, אויב מען וועט דעם אַנטלאָפענעם נישט קענען „איינאָרדענען". דאָס איז אמת. ביי דער סיטואַציע איז דאָס אָבער געווען דער אמת פון אונדזערע באַבעס, וועלכע האָבן אָפּגערעדט פון אַ נויטווענדיקער אָפּעראַציע, ווייל ס'האָט זיך געטראָפן, אַז ביי אַן אָפּעראַציע איז מען געשטאָרבן. איך האָב געוווסט: ווער ס'וועט בלייבן אין לאַגער, וועט זיכער אומקומען. אַנטלויפנ־דיק מוז ער... נישט אומקומען. כ'האָב געשיקט „קענקאַרטן", אויפּטראָגן צו די „שרייפלעך" (וואָס פאַרלייכטערן דעם אַנטלויף). כ'האָב אָנגעוויזן אַרטיקע מלינהס און פונקטן, כאָטש כ'האָב געוווסט, אַז זיי קענען דינען גאַנץ קורץ. אַבי אַרויסצוקריגן וואָס מער חברים פון לאַגער. דערנאָך וועט מען ווייטער טראַכטן. צייט!

טראָץ דער פּיבערהאַפּטיקייט איז די קאָמוניקאַציע געהינומדיק פאַר־מעלעך. אַמוייניקסטנס אין באַצוג צו דעם טעמפּאָ דאָרט. די בריוו שרייב איך ביי זיך אין שטוב. נישט איינמאָל אין דער אָנוועזנהייט פון פרעמדע מענטשן. מען מוז שרייבן מיט אַ רויִקער מינע.

אין געדאַנק, ווי אין בוך, זענען פאַראַן „פּאָזיציעס". אין געדאַנק, ווי אין בוך, באַצייכנט מען אונטערגענומענע שריט אין באַצוג צו נעמען. אין געדאַנק, ווי אין בוך, מאַכט מען ביי זיי באַמערקונגען, מען רוקט זיי איבער, אָדער מען טראָגט זיי איבער אויף אַ צווייטער זייט.

א. ווארמאַן (בראָנעק) איז אַנטלאָפן. ער איז אין וואַרשע. ער האָט

זיך קאָנטאַקטירט מיטן ייִדישן אונטערערד. ער שרייבט ראַפּאָרטן קיין קראָקע אַלע עטלעכע טעג.

ס. קין (סטאַשעק) איז אַנטלאָפֿן און געפֿינט זיך אין אַ מלינה אין לעמבערג. צו די פּונקטן וועלכע מען דאַרף געדענקען, דאַרף מען איצט אויך אַריינגעמען די דאָזיקע מלינה.

מוניא פּערלמוטער (מאטקא) האָט מיט נאָך עטלעכע זיך דערשלאָגן אין וואַלד אַריין.

אינזשעניער לאדענהיים (אייסמאַן), וועלכער האָט פֿון קראָקע גאָרנישט באַקומען חוץ אַ „קענקאַרטע" און אַן „אַרבעטס־שיין", איז שוין אויסער די דראָטן. ער איז מודיע, אַז ער רעכנט אויס אויף זיין אייגענער אונטערנעמערישקייט. נאַטירלעך, זענען נישט אַלע ידיעות ענלעך צו די דאָזיקע. ס'זענען דאָ „דורכפֿאַלן" און טויטע. ס'זענען דאָ טויטע, וואָס זייער דערמאָרדונג איז געקומען מיט טעג, מיט אַ טאָג, מיט שעהן פֿאַרן געפּלאַנטן אַנטלויף. ס'זענען אויך דאָ אָפּזאָגן. יאַקובאָוויטש, וועלכער איז ביזן סוף געווען רויִק און זיכער ביים צוטיילן אַנדערע הילף האָט פּלוצים, באַקומענדיק פֿון מיר דאָקומענטן און דעם אַדרעס פֿון ערשטן פּונקט פֿון אַריינגיין אויף דער פֿריי, באַשלאָסן דאָס אַלץ נישט אויסצונוצן. ער איז געווען אין לאַגער מיט זיין פֿרוי און זון. „כ'בין אַ צו שווערער פֿאַרשוין — האָט ער געשריבן". לאַנג האָב איך באַהאַלטן דאָס קאַרטל. אין דעם פֿאַל איז קיין שום רייד נישט וועגן דעם, אַז אויף דעם אָפּזאָג האָט געווירקט די מורא פֿאַר דער ריזיקאַלישקייט פֿון אַנטלויפֿן. כ'האָב געקענט זיין געדאַנקענגאַנג. ער האָט געגנוג געהאַט די „וועלט". ער האָט באַוווסטזיניק אויסגעקליבן דעם טויט צוזאַמען מיט זיין משפּחה. „ס'איז נישט ווערט צו לעבן" — האָט ער זיך אַמאָל מיר פֿאַרטרויט, ווען איך בין נאָך געווען אין לאַגער. קומענדיק צו דעם באַשלוס האָט ער אָבער אויף אַ מינוט נישט אויפֿגעהערט צו זיין אַקטיוו אין דער לאַגער־אָרגאַניזאַציע. דעם טויט קען מען אויסוויילן פֿאַר זיך, אָבער נישט פֿאַר אַנדערע. פֿאַר אַנדערע דאַרף מען טון אַלץ, וואָס מען קען טון. אין קעגנפֿאַל וואָלט דער טויט נישט געווען קיין רעאַליזירונג פֿון אַן אייגענער מאָראַלישער קאָנקלוזיע, נאָר אַ באַווייז פֿון שוואַכקייט, אַ באַווייז פֿון אַנטלויפֿן פֿון די לעבנס־אויפֿגאַבן. ער האָט זיך דעריבער ווייטער געפֿונען אויף זיין פּאָסטן. און טאַקע

באַלד איז געקומען פון „דאָרט" די ידיעה, אַז*יאַקובאָוויטש און אקסער געפינען זיך אין בונקער 1) אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן „אַריינפאַל" ביי אַן אַנטלויף.

רישעק אקסער איז געווען אַ פּרעכטיקער בחור. איינער פון די, וואָס פאַרנעמענדיק אַ הויכן אַמט אויפן לאַגער-„אָלימפּ" (ער האָט געפירט דעם „אַרבייטס-איינזאַץ") האָט ער זיך קיינמאָל נישט פאַרפלעקט מיט אַ קליי־ניקייט. די גאַנצע צייט — אין קאָנטאַקט מיט מיר אין דער אָרגאַניזאַציע. די גאַנצע צייט — רירעוודיק, מוטיק און איבערגעגעבן. כ'האָב געשיקט צו אים עטלעכע מאָל. אַ זון פון אַ באַקאַנטן יידישן אַדוואָקאַט, האָט ער געהאַט שוין, אַן מיין הילף, אַ מלינה, אין שטאָט. זיין מוטער האָט געוווינט אויף „פּאַפּירן" אין וואַרשע. ער האָט געקענט דאָרט אַהין פאָרן. ער האָט אָבער אָפּגעוואַרט. ער האָט געגלויבט, אַז אין שייכות מיט די טעכנישע מעגלעכקייטן, וואָס עס גיט אים זיין „רעסאָרט", וועט זיין פּליטה פאַר אים קיינמאָל נישט זיין צופיל ריזיקאַליש. זיין אַנטלויפן וואָלט אָבער געמוזט אַרויסרופן רעפּרעסיעס בנוגע די געבליבענע, וואָרעם די פּליטה פון רע־פערענט פון „אַרבייטס-איינזאַץ" וואָלט זיך נישט איינגעגעבן צו „פאַר־ווישן". עס איז געקומען דער „אַריינפאַל" צוליב אַ פרעמדנס אַנטלויפן. פון בונקער האָט ער זיך נאָך אַרויסגעקריגן לעבעדיק, אָבער אין אַ נייער לאַגער-סיטואַציע, מיט נייע פאַרשוונגען לגבי אים. וועגן אַנטלויף האָט שוין קיין רייד נישט געקענט זיין.

עס האָט געפייניקט דער געדאַנק וועגן דעם יידישן שרייבער ירח־מיאל גרין. וועגן דעם זשורנאַליסט און כלל־טוער דוד פרענקעל, איינער פון די נאָענטסטע צו דער לאַגער-אָרגאַניזאַציע. טראָץ מיינע אָנשטרענגונ־גען איז מיט זיי תמיד עפּעס געשען, וואָס האָט פאַרפּלאָנטערט זייער אַנט־לויפן. עפּעס נישט קיין געלונגענער שריט ביי די ערשטע צוגרייטונגען צום אַנטלויפן, עפּעס אַ מורא פאַר דער אומבאַוווסטקייט. שפּעטער — אַ בקשה וועגן אַ געניוערער באַצייכענונג ווי אַזוי איך טראַכט זיי „איינצואָר־דענען". כ'האָב פאַרביסן די ליפּן. די צייט איז געלאָפן.

דאָרט האָט געווירקט די שרעק פאַר דער ריזיקאַלישקייט פון אַנט־

---

1) אסורים פון לאַגער. דער בונקער אין לאַגער איז געווען ווי אַ „פאַר־צימער" פון טויט.

לויפן. אין דעם ענין פון אַנטלויפן האָט מען אָבער קיינעם נישט געקענט אַרויסהעלפן, פאַרבייטן. מען האָט נישט געקענט אַנטלויפן פאַר יענעם. אָט די מורא פאַרן אַנטלויפן האָט אומגעבראַכט דעם באַרימטן וויסנשאַפט־לער, דאָצענט פון לעמבערגער אוניווערזיטעט גריפּל, וועלכער האָט שוין אַלץ געהאַט גרייט צו דער פּליטה, צוגעשיקט דורך אונדז פון קראָקע. אָט די מורא...

אַחריות! וויפל זאַכן און באַגריפן האָבן זיך דעמאָלט אויסגעמיטן. זוכנדיק מיט גוואַלד אָנשפּאַר־פּונקטן, האָב איך שוין געהאַט דעם הסכם פון די קראַקעווער חברים אויף דעם אַנטלויפן פון לאַגער און אויפן ברענגען קיין קראָקע, צווישן אַנדערע, פון רענע איידעם. („עלזשביעטאַ") די קאַנדידאַטקע איז געווען אַן אינטעליגענט ניינצניעריק מיידל, וואָס האָט פאַרמאָגט די אַזוי גערופענע „הערלעכע באַדינגונגען", צ. ב. „אַ גוטן אויסזען", אַ גוטע פּוילישע אויסשפּראַך, אַ באַהערשטקייט. עס וואָלט פאַר איז גענוג געווען „פּאַפּירן" און דאָס ריכטן מיט אירע ערשטע שריט. אַרויסשיקנדיק די פאַרבינדלערין, האָב איך אָבער פאַרדאָפּלט מיינע באַפעלן. עס האָט מיר נישט געגעבן קיין רו דער געדאַנק וועגן דעם, אַז אין לאַגער געפינט זיך נאָך די צוועלף־יעריקע יאַנקאַ העשעלעס, וועלכע איז אין דער לאַגער־אָרגאַניזאַציע אריין דורך אירע לידלעך. כ'האָב זיך צוגעזאָגט צו ראַטעווען דאָס קינד 1). מיינע קראַקעווער חברים, וואָס האָבן מסכים געווען, אַז מען זאָל זי אַרויסציִען פון לאַגער, האָבן געהאַלטן, אַז דאָס „איינאָרדענען" אַ קינד דאַרף אַנדערש באַזאָרגט און באַקלערט ווערן. פּאַמעלעך און מיושבדיק, לויט דער ריי. מיך האָט אָבער נישט צורו געלאָזט דער געדאַנק צי די דאָזיקע „ריי" וועט נישט קומען אַמאָל... צו שפּעט. דעריבער האָב איך, אין דער לעצטער מינוט, אַרויסשיקנדיק די פאַרבינדלערין, אויף אייגענער האַנט געענדערט דעם באַשלוס. כ'האָב עלזשביעטען און יאַנקען געהייסן אַנטלויפן צוזאַמען. אין עטלעכע טעג אַרום קומט זשוטע צופאַרן מיטביידן. ווי אויף צולהכעיס — אַ צוגאָב צו די צרות — האָט אַקוראַט „אָנגעזעצט" דער חבר, וועלכער האָט זיי געדאַרפט „אָפּנעמען" אויפן קראַקעווער וואָקזאַל. זשוטע קומט צולויפן צו

1) פאַרגלייך: מיין „ליטעראַטור אין לאַגער" און: יאַנקאַ ה. „מיט די אויגן פון אַ 12־יעריק קינד", ווי אויך די אַנטאָלאָגיע: „דאָס ליד וועט אַרויסגיין גאַנץ".

מיר. הילפלאָז דרייען מיר זיך זאַלבעפערט אַרום איבער די גאַסן. ס'איז שפעט. קאַלטער האַרבסט. די אַנטלאָפענע — אין לייכטע, זומערדיקע בלוז־קעלעך — זענען מיד און פאַרקילט. מען מאָביליזירט — ווי תמיד — די מאַריאַנסקאַ. האַרט פאַר דער פּאָליציי־שעה קומט זי מיט מיעטשיסלאַוון און הויבט אָן מיט שטרענגע אויסריידן אויף דער טעמע פון „אומפאַראַנט־וואָרטלעכקייט":

— ווי האָט מען געקענט — זאָגט זי — ברענגען צוויי מיטאַמאָל, ווי־באַלד דו האָסט געוווּסט א. אַ. וו.

אויף דער גאַס ווערט וואָס אַמאָל גרעסער, נערוועזער די באַוועגונג. מענטשן איילן זיך אַהיים אין זייערע שטובן פאַר דער פּאָליציי־שעה. איך זאָג רויִק:

הער, מאַרישע! אויב עס גייט דיר בלויז אין דיין גערעכט זיין, ביסטו אין אָרדענונג. האָסט מיך טאַקע איבערצייגט, אַז אין הורט טאָר מען נישט. פאַרפאַלן. האָסט נישט קיין פליכט...

איצט האָט זי געקוקט אויף מיר מיט כעס צוליב דעם, וואָס איך דערוועג זיך צו טראַכטן, אַז טראָץ אַלע גערעכטיקייטן, גייט זי זיך אָפּ־וואַשן די הענט אין אַזאַ קאָנקרעטן פאַל, ווען עס דראָט אַ געפאַר, ווען מען דאַרף הילף. איך האָב געוווּסט, אַז אַזוי וועט עס זיך ענדיקן. יאַנקאַ איז דערווייל אַוועק צו מאַריאַנסקאַן אין שטוב (וואָס איז אַגב אויך געווען באַדראָט).

וואָס נוגע דער „פאַראַנטוואָרטלעכקייט"? אין דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון געשעענישן איז עלזשביעטע אומגעקומען. יאַנקאַ האָט זיך גליקלעך דערהאַלטן. זי לעבט. אַזוי האָט אויסגעזען די מאַטעריאַליזירונג פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין דער פּראַקטיק.

***

באַלד נאָכן אָנקומען קיין קראָקע, האָב איך אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט דעם ייִדישן אונטערערד אין וואַרשע. מאַריאַנסקאַ, וועלכע איז צוזאַ־מען מיט זשעגאָטען אַרויסגעפאָרן אויף דער זיצונג פון „ראַט צו העלפן ייִדן", האָט מיר געבראַנגט בריוו פון צביה לובעטקין, („צעלינא"), פון דר.

לעאָן פיינער („מיקאָלאַי״) און פון דר. אַדאָלף בערמאַן („באָראָווסקי״). דער דאָזיקער קאָנטאַקט האָט פון דעמאָלט אָן אָנגעהאַלטן. קיין וואַרשע איז געגאַנגען אַ טייל פון דעם אַרכיוו־מאַטעריאַל און מאַטעריאַלן צו די אומלעגאַלע אויסגאַבעס. עס האָט אויך אָנגעהאַלטן (כאָטש מיט איבעררייסן) דער קאָנטאַקט אין לויפנדיקע פראַגן.

אומאָפּהענגיק דערפון און אומאָפּהענגיק פון די אָרטיקע ענינים האָט אויך, אויף וויפל דאָס איז נאָר מעגלעך געווען, אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די אַנטלאָפענע פון דעם „יאַנאָווער״ לאַגער. אָפטמאָל האָט מען עמיצן אויף גיך געדאַרפט בייטן די „פּאַפּירן״, אַן אַנדערמאָל — פאַרשאַפן אַ נייעם וווין־פונקט, אָדער שיקן הילף: געלט פון ראַט צו העלפן יידן. נישט איינעם פון די אַנטלאָפענע האָבן מיר תיכף פאַרלוירן פון אויג. זיי האָבן זיך דורכגעשלאָגן מיט אייגענע מיטלען. ערשט נאָך דער מלחמה האָבן מיר זיך וועגן דעם דערוווּסט. אַנדערע זענען אָבער אַריינגעפאַלן און געפאַלן בעת דער „אַרבעט״ ווי ס׳איז געווען דער פאַל מיט א. ווארמאן. ס׳איז אויך אומגעקומען עלזשביעטע. דער גרעסטער טייל אָבער האָט דורכגעהאַלטן. זיי לעבן.

IV

דער ענין פון דר. מיכאל ווייכערט און פון „יוס״.

קראָקע איז געווען די הויפּט־שטאָט פונעם „גענעראַל־גוווערנעמאַן״. דאָ האָט אין קעניגלעכן שלאָס געוווינט און אַמטירט דער הערשער פונעם אונטערדריקטן פּוילן, דער גובערנאַטאָר פראַנק. דאָ האָבן זיך געפונען די צענטראַלע אינסטיטוציעס און אַמטן; אין שייכות דערמיט אַ גרויסע צאָל דייטשן: פּאָליציי, מיליטער און ציווילע.

אין דער צייט, וועגן וועלכער מיר רעדן, איז שוין קראָקע געווען „יודנריין״. מיט אַנדערע ווערטער: די דאָזיקע שטאָט — אַזוי ווי לעמבערג פון וואַנען איך בין געקומען — האָט שוין געהאָט הינטער זיך צאָלרייכע „אַקציעס״ און די אויסמאָרדונג פון די צענדליקער טויזנטער מענטשן. דער געוועזענער יידישער קוואַרטאַל איז שוין געווען באַוווינט דורך קריסטן, צווישן וועלכע עס זענען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס די דייטשן האָבן גע־האָט אַרויסגעיאָגט פון זייערע אַמאָליקע דירות.

די שארית הפליטה פון די קראקעווער יידן האָט זיך געמאַטערט און מאַסנווייז געפאַלן אין לאַגער פון דער קראקעווער פאָרשטאָט — פּלאַשאָוו. אין שטאָט איז שוין — פאַרשטייט זיך — פאַרשוווּנדן יעדער שפּור פון די צענדליקער יידישע אינסטיטוציעס, וואָס זענען דאָרט אַמאָל געווען טע־טיק. עס האָט נאָך אַלץ עקזיסטירט איין אינסטיטוציע, אַ נייע, אַ געשאַ־פענע שוין בעת דער אָקופּאַציע. דאָס איז געווען די „יוס״ (Jüdische Unterschtüzung Stelle) וואָס האָט אין פּרינציפּ געהאַט פילאַנט־ראָפּישע אויפגאַבן, און אין שפּיץ פון וועלכער ס'איז געשטאַנען דר. מיכאל ווייכערט.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין קראָקע זענען מיינע ידיעות וועגן „יוס“ שוין געווען פאַרעלטערט. מיט צוויי יאָר פריִער (ד. ה. סוף 1941 אָדער אין אָנהייב 1942) איז קיין לעמבערג געקומען אַן אָפּיציעלער פאָרשטייער פון „יוס“ דר. עליאַש טיש. זיין ציל איז געווען צו קומען צו אַ הסכם מיטן אָרטיקן „יודענראַט“ וועגן פאָלגנדיקן ענין:

צווישן זיינע פאַרשידענע אָפּטיילונגען האָט דער לעמבערגער „יודנראַט“ געהאַט געשאַפן אַ רעסאָרט פון הילף פאַר אָרעמע און קראַנקע (ד. א. ג. (“Fursorge Abteilung”) פאַרשטייט זיך, אַז אין פאַרגלייך מיט דער שוידערלעכערווירקלעכקייט, איז די אויסווירקונג פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג געווען אַ נישט פּראָפּאָרציאָנעל קליינע. די אָפּטיילונג האָט אָבער געטון, וואָס זי האָט נאָר געקענט; זי האָט אָרגאַניזירט די פאַרטיילונג פון אַלטע מלבושים, געגעבן אונטערשטיצונג, געשאַפן קיכן א. אַ. וו. דר. טיש איז געקומען מיט אַ פאָרשלאַג אויסצוטיילן די דאָזיקע פילאַנטראָפּישע טעטיקייט פון די ראַמען פונעם „יודענראַט“ און שאַפן אַ לעמבערגער אָפּטיילונג פון דער קראַקעווער „יוס“. די מיטגלידער פונעם לעמבערגער „יודענראַט“ האָבן זיך דעם פאָרשלאַג אָנטקעגנגעשטעלט. אַ חוץ די אַרגומענטן פון אַדמיניסטראַטיוון כאַראַקטער, האָבן זיי (גאַנץ אָפן) באַנוצט דעם פאָלגנדיקן אַרגומענט: די דאָזיקע אָפּטיילונג איז איינע פון דער קליינער צאָל „יודענראַט“־רעסאָרטן (און פאַקטיש דער איינציקער אַקטיווער), וועלכע אַרבעטן לטובת ייִדן און נישט קעגן זיי. אויב מען וועט זיי אָפּטיילן פונעם „יודענראַט“, וועט זיך ענדיקן דערמיט, אַז דער גאַנצער פאַרדינסט וועט פאַרשריבן ווערן אויף דער קאָנטע פון קראַקעווער „יוס“, (נישט געקוקט דערויף, וואָס די מיטלען פאַר דער דאָזיקער פילאַנטראָפּישער טעטיקייט וועלן ווייטער מוזן געשאַפן ווערן פון די אָרטיקע רעסורסן), און דער לעמבערגער „יודענראַט“ וועט זיך פאַרנעמען אויסשליסלעך מיט דער „שמוציקער מלאכה“ 1).

1) פאָרמעל (און אויך אין די אַדמיניסטראַטיווע פּרטים) האָט זיך יענע מיינונג־פאַרשידנהייט פאָרגעשטעלט אַ ביסל אַנדערש, און אויף אַ מער „דיאַלעקטישן“ אופן: ווייכערט (וועלכער האָט שוין פריִער באַזוכט לעמבערג) האָט דאָרט נאָמינירט אַ פאָרשטייער פון דער „יוס“ (אין דער פּערזאָן פון ד״ר לייב לאַנדוי). די מאַכערס פון „יודענראַט“ זענען אַרויסגעטרעטן קעגן זיין באַשלוס און האָבן דעם ניי־נאָמינירטן באַשווערט די אַרבעט ווי ווייט מעגלעך. זייער שטעלונג

געענדיקט האָט זיך מיט אַ פשרה.

במשך פון די עטלעכע טעג, וואָס דר. טיש איז געבליבן אין לעמבערג, האָט ער — אומאָפּהענגיק פון די אונטערהאַנדלונגען — מיטן „יודענראַט“, אָפּגעהאַלטן אַ מין פּריוואַטע זיצונג מיט אַ ריי געקליבענע פאַרמלחמהדיקע עסקנים. ער האָט וואַרשיינלעך געוואָלט אַזויאַרום שאַפן אַ דרוק פון אויסנווייניק. אויך איך בין געוואָרן פאַרבעטן.

צו דער זיצונג בין איך נישט געגאַנגען. אַזוי ווי איך בין אָבער בײַ דער דאָזיקער געלעגנהייט געוויר געוואָרן וועגן דר. טישס (וועמען איך האָב גוט געקענט פון קראָקע) קומען קיין לעמבערג, האָב איך אים געבעטן (דורך דער פאַרמיטלונג פון דוד פרענקל) מיט מיר זיך פּריוואַט צו טרעפן; איך האָב פּשוט געוואָלט אים אויספרעגן וועגן קראָקע, ווו איך האָב געהאַט איבערגעלאָזט אַלע מיינע נאָענטע. דער צוזאַמענטרעף איז געווען אַ קורצער. טיש האָט נישט געהאַט קיין צייט. אויף מײַנע פראַגן וועגן די קראַקעווער ייִדן, האָט ער געענטפערט בלויז מיט אַ זיפץ. און באַלד איבערגעגאַנגען (אַגב אויך אין קורצע ווערטער) צום ענין „יוס“. אויף דעם האָב איך ווידער געענטפערט אויסמיידנדיק (און אויפריכטיק), אַז מיין מיינונג האָט אין דעם פאַל קיין שום באַדייטונג, ווייל נישט נאָר, וואָס איך בין אין געגעבענעם מאָמענט פולשטענדיק אַ פּריוואַטער יחיד, נאָר איך האָב אויך נישט קיין געלעגנהייט אויסצודריקן מיין שטעלונג פאַר די מענטשן, וועלכע וועלן וועגן דעם ענין דעצידירן.

שפּעטער האָב איך נאָכאַמאָל זיך אָנגעשטויסן אויף דעם ענין פון „יוס“. דאָס מאָל שוין אין יאַנאָווער לאַגער. געשען איז דאָס אַזוי: צווישן די אסורים, וועלכע האָבן זיך טיילמאָל קאָמוניקירט מיט מיין קאָנספּיראַטיווער גרופּע האָט זיך אויך געפונען בורשטין, פון ווילנע. אין שייכות מיט דער הילף־אַקציע, וואָס מיר האָבן אָרגאַניזירט פאַר די הונגעריקע

האָבן זיי מאָטיווירט דערמיט, אַז דער דעלעגאַט דאַרף האָבן הינטער זיך (מאָראַליש?) סאָציאַלע כוחות (!!!) און ד״ר לאַנדוי האָט זי כלומרשט נישט געהאַט. אין דער אמת: ד״ר לאַנדוי איז געווען אַ מענטש פון באַזונדערער אַנשטענדיקייט, מיט אַלגעמיין אַנערקענטן אויטאָריטעט און מיט דעם בעסטן ווילן. דעריבער (אין דעם פאַל) איז געווען גערעכט ווייכערט. ביי די קעגנער האָט זיך געהאַנדלט וועגן אינטערעסן פון זייער קליקע.

קאָלעגן, איז בורשטין צו מיר געקומען מיט אַ פאָרשלאָג צו באַקומען הילף מחוץ דעם לאַגער.

— „איך האָב זיך דערוווּסט, — האָט ער מיר געזאָגט — אַז אין קראָקע איז נאָך ווייטער אָפּיציעל טעטיק די „יוס". איר טעטיקייט באַשטייט טאַקע אין געבן הילף פאַר די לאַגערן. דר. ווייכערט פירט ווייטער אָן מיט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. איך קען אים פּערזענלעך. ס'איז מיר אַפילו געלונגען איבערצושיקן אים דורך עמעצן אַ פּאָר ווערטער און צו באַקומען אויפן זעלבן וועג אַן ענטפער. דר. ווייכערט איז גרייט דאָס צו באַהאַנדלען, ער פאָדערט אָבער מען זאָל צו אים אָנשרייבן וועגן דעם ענין אַן אָפיציעלע ווענדונג".

איך האָב אָנגעקוקט בורשטינען (וועלכער איז.געווען אין לאַגער בלויז אַ קורצע צייט) ווי אַ מענטש, וועלכער גיט זיך נישט אָפּ קיין דין וחשבון פון דעם ווו ער געפינט זיך. אין יאַנאָווער לאַגער האָט דאָס געפינען ביי אַ „פליכטלינג" פּאַפּיר אָדער אַ בלייפעדער באַדייט טויט. דאָס הייסט אַגב נישט, אַז קיינער פון די אסורים האָט נישט געהאַט פון צייט צו צייט פּאַפּיר אָדער אַ בלייער. דער פאָרשלאָג פון „אָפיציעלער קאָרעספּאָנדענץ" האָט אָבער באַדייט, אַז, אָדער דר. ווייכערט האָט געחוזקט פון דעם ווייטפאַרוואָרפענעם „פּעטענט", אָדער, אַז ער האָט — נישט געקוקט אויף זיין טעטיקייט אין דער „לאַגער־בראַנזשע" — נישט געהאַט קיין שום באַגריף וועגן דער סטרוקטור פונעם יאַנאָווער לאַגער 1).

און אָט האָב איך איצט, נאָך מיין קומען קיין קראָקע אין סעפּטעמבער 1943, ווידער אָנגעטראָפן אויף דעם ענין פון דר. ווייכערט און פון זיין „יוס". דאָס מאָל איז שוין אָבער דער גאַנצער ענין געווען פולשטענדיק רייף. אין דער צווישנצייט, האָט די זאַך אַדורכגעמאַכט אַלע עטאַפּן און זי איז שוין געוואָרן שטאַרק דרינגענדיק. אַזוי האָבן מיר דעם ענין פאַרגעשטעלט קודם כל מיינע חברים פון פּ. פּ. ס. אַדאַם ריסיעוויטש און סטאַניסלאַוו וואָיטשיק, סטאַניסלאַוו דאָבראָוואָלסקי, (נישט קיין יידן), און שפּעטער מאַריאַנסקא (וועלכע איז ווי שוין געזאָגט — געווען די יידישע

1) נעמענדיק אין אַכט, אַז ער האָט טאַקע געשיקט אָפּיציעלע הילף אין די לאַגערן פון פּלאַשוו און סקאַרזשיסקא בין איך גענייגט אָנצונעמען די צווייטע מעגלעכקייט.

פאַרשטייערין אינעם אונטערערדישן ראַט פון הילף פאַר ייִדן). זיי האָבן אַלע, איינער נאָכן אַנדערן, מיר דערקלערט, אַז זיי האָבן טאַקע געוואָרט אויף מיר, כדי דעם ענין דעפיניטיוו צו לייזן. לויט זייער פאַרשטעלונג האָט דער ענין (וואָס האָט נאָך דער מלחמה גורם געווען פאַרשטענדלעכע ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס און איז נאָך ביז היינט צו טאָג אַ זייער אַנגע־ווייטיקטער) אויסגעזען אַזוי:

— אין ערשטן פעריאָד פון איר עקזיסטענץ האָט מען די „יוס" גע־קענט באַטראַכטן ווי אַ פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע. מיט דער צייט אָבער האָט זיך די לאַגע געענדערט. די דייטשן האָבן אויסגעמאָרדעט מיליאָנען ייִדן. אין איצטיקן מאָמענט 1) איז שוין זייער מערדערישע אַרבעט אייגנט־לעך פאַרענדיקט אויף דעם דאָזיקן אָפּשניט. אויף דער פריי זענען שוין איבערהויפּט נישט פאַראַן קיין ייִדן; וואָס שייך די לאַגערן, ווערן זיי אויך איינער נאָכן אַנדערן „ליקווידירט". עס זענען שוין נישטאָ קיין שום ספקות. טאָ צוליב וועלכע סיבות דערלויבן די דייטשן פאָרצוזעצן די פילאַנטראָ־פּישע טעטיקייט פון „יוס"? אפשר מיטן צוועק אָפּצוראַטעווען פון הונגער־טויט אַ הייפל ייִדן, אין דער צייט ווען זיי מאָרדן אויס יעדן טאָג טויזנטער?

— „די הילף, וואָס די „יוס" קען געבן פאַר די לאַגערן איז אַ באַ־גרענעצטע. דערפאַר אָבער האָט די עקזיסטענץ פון „יוס" געהאַט אַן אַנ־דערע פונקציע און אַנדערע „אַספּעקטן". קודם כל די מיטלען, מיט וועלכע עס דיספּאָנירט דר. ווייכערט, ווערן געשיקט פון אויסלאַנד... די דאָזיקע טראַנספּאָרטן אַנטהאַלטן נישט בלויז לעבנסמיטל, נאָר אויך מעדיקאַמענטן, פון וועלכע די דייטשן נעמען צו אַ גרויסן חלק פאַר זיך. אַזוי אַרום באַ־קומען זיי אַ דאַנק דר. ווייכערט ווערטפולע רפואות, וואָס פעלן זיי אַזוי שטאַרק אויס.

— נאָך וויכטיקער איז אַ צווייטער אַספּעקט: באַקומענדיק רעגולערע קוויטונגען פאַר דער הילף, וואָס זיי שיקן (קוויטונגען וואָס זענען אונטער־געשריבן דורך אַ מענטש, וועלכן זיי קענען), קענען די אויסלענדישע ייִדן גלויבן, אַז דאָס פּוילישע ייִדנטום לעבט נאָך. די עקזיסטענץ פון „יוס" שטיצט די פאַלשע דערקלערונגען פון די דייטשן (וועלכע האַלטן אין איין

---

1) אין די לעצטע חדשים פון יאָר 1943.

שרייַען, אַז די ידיעות וועגן די מיליאָניקע מערדערייַען זענען אַן אויס־טראַכטעניש פון דער אַליאירטער און ייִדישער „גרויל־פּראָפּאַגאַנדע" [1],

— צוליב די און נאָך אַנדערע סיבות שטעלט די „יוס" מיט זיך פאָר אַ נעסט פון קאָלאַבאָראַציע און זי דינט די דייטשן אויף אַ דאָפּלטן אופן: קודם כל פּראַקטיש — אַ דאַנק איר באַקומען זיי ווערטפולע מעדיקאַמענטן און שנית — ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע מיטל פאַר אויסלאַנד. ווען מען נעמט אין אַכט דעם גורל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז די „יוס" איינע פון די צומייסטן פערפידע אימפּרעזעס וואָס דער אָקופּאַנט האָט אויסגעטראַכט. אונדזער פאָדערונג איז דעריבער אַ קלאָרע: דער „יוס" מוז פאַרשווינדן. די זעלבע פאָדערונג שטעלט אויך די ייִדישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע [2], וועלכע איז טעטיק אין וואַרשע, און מיט וועלכער מיר שטייען אין קאָנטאַקט.

— די „יוס" (און דאָס וויכטיקסטע, אין שייכות מיט איר, אירע קאָנ־טאַקטן מיט אויסלאַנד) שטיצט זיך אייגנטלעך אויף איין מענטש: דר. ווייַ־כערט. מיר האָבן אים פאָרגעשלאָגן, ער זאָל זיך אָפּרוקן און פאַרגעלייגט אים אַ באַהעלטעניש, אין וועלכן ער וואָלט געקענט איבערלעבן די מלחמה. ווייכערט זאָג זיך אָפּ. דער ענין מוז אָבער ליקווידירט ווערן און דאָס ווי צום שנעלסטן. זינט אַ געוויסער צייט וואַרטן מיר שוין אויף דיר און מיר האַלטן, אַז דו מוזט שוין איצט די זאַך דעפיניטיוו דערליידיקן.

דאָס ביוראָ פון „יוס" האָט זיך געפונען נישט אין לאַגער (ווו מען האָט פאַרשפּאַרט די ביז־איצט לעבנגעבליבענע ייִדן), נאָר אין שטאָט, אין אַ געוויינלעך הויז, אויף אַ געוויינלעכן אַדרעס. דר. ווייכערט האָט נישט

---

1) ווי אַ דערגענצונג: אין אַן צַנדער קאַפּיטל פון דעם דאָזיקן בוך (וועגן ייִדן „אויף פּאַפּירן" אין דייטשן רייך און אין אַנדערע לענדער), וועלן דער־מאָנט ווערן אייניקע ייִדן, וועלכע עס איז געלונגען, בשעת דער מלחמה, צו קומען קיין סקאַנדינאַוויע. צוויי פון זיי (פּאַלקמאַן און קעלער) האָבן מיר דער־קלערט, אַז ווען זיי זענען אָנגעקומען אין דעם בייטראַלן שוועדן האָבן זיי די אָרטיקע ייִדן געפרעגט פאַרוואָס זיי זענען אַנטלאָפן פון פּוילן און האָבן נישט געוואָלט גלויבן זייערע דערציילונגען. די שוועדישע ייִדן זענען געווען איבער־צייגט, אַז דאָס פּוילישע ייִדנטום לעבט און ווי אַ באַווייז האָבן זיי טאַקע געוויזן קוויטונגען אונטערגעשריבענע דורך ד"ר ווייכערט.

2) נאָך דער מלחמה האָט יצחק צוקערמאַן (אַנטעק) דערקלערט, אַז די ייִדישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט שוין פריער געהאַט אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל אויף ד"ר ווייכערט. לשם פּשוטער דערקלערונג וויל איך צוגעבן, אַז מיינע חברים פּאָליאַקן האָבן מיר דעמאָלט וועגן דעם אורטייל נישט געזאָגט. און איך גלויב נישט, אַז זיי האָבן וועגן אים געוווּסט.

געוווינט אין לאַגער, פון וואַנען מען וואָלט אים אונטער אַ שמירה געמוזט פירן אין ביורא אַריין (אַזוי ווי מען האָט אַנדערע ייִדן געפירט צו דער אַרבעט). ער האָט געוווינט מיט זיין משפחה אין שטאָט. פּריוואַט, אַזוי ווי יעדער, אַרישער איינוווינער און ער איז אַפילו באַפרייט געוואָרן פון דער פליכט צו טראָגן דעם „ייִדישן״ צייכן. אין אַ שטאָט, וואָס איז געווען „ריין פון ייִדן״ האָט אַזאַ באַפרייאונג באַדייט אַ גאָר גרויסע פּריווילעגיע.

***

איך האָב דעריבער געדאַרפט אַדורכפירן מיט ווייכערטן אַ דעצי־דירנדיקן שמועס. דעם צוזאַמענטרעף האָט געזאָלט דערליידיקן סטאַניס־לאַוו דאַבראַוואָלסקי. איך האָב מיך געוווּנדערט, וואָס מיינע חברים (נישט ייִדן) האָבן נישט קיין מורא צו קאָנטאַקטירן זיך מיט אַ מענטש, וואָס גע־ניסט פון פּריווילעגיעס, וועלכע קענען פאַרשידנאַרטיק אויסגעטייטשט ווערן. דאַבראַוואָלסקי האָט מיר אָבער געזאָגט:

— ניין. ווייכערט איז נישט קיין מסור און נישט קיין פּראָוואָקאַטאָר. איך גלויב אַפילו נישט, די דייטשן זאָלן דאָס פון אים פאָדערן. ער האָט זיינס אַ רעסאָרט, צו וועלכן ער איז ווי געבוירן. ער איז אינטעליגענט, שאַרפזיניק און פעיִק... אַ חוץ דעם איז ער וואַרשיינלעך נאָך אין די ווינד־לען געווען אַ ביוראָקראַט און אַ „לעגאַליסט״.

איך וויל אונטערשטרייכן ביידע טיילן פון דער דאָזיקער באַצייכע־נונג מיט דער זעלבער ערנסטקייט. ערשטנס האָט מען ווייכערטן נישט נאָר נישט באַשולדיקט, אין וועלכע עס זאָל נישט זיין פּאָליצייאישע מעשים, נאָר מען האָט אויך געהאַט פאַרטרויען צו זיין דיסקרעציע. אין אַלגעמיין האָט מען נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו זיין באַזונדער איינגעהאַלטן אין די געשפּרעכן מיט ווייכערטן. (אַגב איז מען אין יענע טעג געווען גאָר פאָרזיכטיק נישט נאָר מיט פאַרדעכטיקע מענטשן, נאָר אויך מיט צייטוויי־ליק „נישט קאָנטראָלירטע״, אָדער נישט גענוג באַהערשטע און לייכטזי־ניקע). מען האָט געשעצט זיין אינטעלעקטועלן ניוואָ און די אָרגאַניזאַטאָ־רישע פעיִקייטן.

דערפאַר אָבער האָבן די אַנדערע שטריכן זיינע און דהיינו די ביור־

ראַקראַטיע און דער „לעגאַליזם“ פּאַרוקט דעם גאַנצן פּראָבלעם אין אַ טעמפּ ווינקל. אומאָפּהענגיק פון דער עצם זאַך, האָבן זיי גורם געווען גע־וויסע דערשיינונגען, וועלכע זענען, נאָך דער מלחמה, געוואָרן די סיבה פון פּערזענלעכע פּאַרוואורפן. קודם כל האָט ער זיך פון אָנהויב אָן געפירט ווי אַ נישט־צוטריטלעכער שר. ער האָט געקיניגט אין אַן עלעגאַנט איינ־געאָרדנטן קאַבינעט, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון די „קליענטן“ דורך אַ גאַנצער חברותא פון זיינע אָנגעשטעלטע (טראָץ דעם, וואָס צווישן די „קליענטן“ האָבן זיך געפונען אַ סך ווערטפולע און געשעצטע מענטשן). ער האָט נישט בלויז אָנגעפירט נאָר געהערשט און געלאָזט די דאָזיקע מאַכט זיינע אָפּפילן. וואָס שייך דעם ווייטערדיקן פּעריאָד האָט צ. אַ. מאנדעל (אַ פּאַרמילחמהדיקער טוער פון „התאַחדות“) דערציילט, אַז בעת ער איז שוין געווען אין פּלאַשאָווער לאַגער, האָט מען אים איינמאָל געשיקט מיט עטלעכע חברים אין „יוס“, ווו זיי האָבן געדאַרפט אָפּנעמען דאָס צוגע־טיילטע לעבנס־מיטל. אויסנוצנדיק זייער אָנוועזנהייט ביי אים, האָט ווײ־כערט געהייסן די מענטשן אַרויפברענגען (אָדער אַראָפּטראָגן) קוילן פון (אָדער אין) קעלער. מיט אַנדערע ווערטער: ער האָט זיי באַהאַנדלט נישט, ווי מענטשן וואָס געפינען זיך אין אַ לאַגער, וועלכע אים איז דערווייל צו־פעליק געלונגען אויסצומיידן, נאָר ווי אַזעלכע וואָס דאַרפן אים, דעם שר, באַדינען.

אמת, דידאָזיקע פּאַרוואורפן זענען פיינלעכע. איך בין אָבער מודה, אַז איך באַטראַכט זיי פּאַר צווייט־ראַנגיקע. עמעץ, וואָס איז אַ ביוראָקראַט און מיינט, אַז „אָרדענונג מוז זיין“, האַלט שוין ווי אַ פּועל יוצא דערפון, אַז ער מוז זיך הערשעריש אויפפירן, כדי איינצוהאַלטן זיין אויטאָריטעט. ווידער, דאָס האַלטן זיך ווייט פון דער ''splendid isolation''. „מאַסע“ פון די „פּעטענטן“ (ווען עס זענען אַפילו צווישן זיי פּאַראַנען — אַזוי ווי אין געגעבענעם פאַל — אַזעלכע מענטשן ווי דער מאלער ביימאַן, אָדער מרדכי געבירטיק), ווערט פּאַר אים בלויז אַ באַשטאַנד־טייל פון דעם נאַטירלעכן רעגולאַמין און אַ מיטל פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער געשיקט־קייט פון ביוראָ. דער וואָס איז אַזאַ „לעגאַליסט“ אָנערקענט אויטאָמאַטיש די געשאַפענע יעראַרכיע, נישט נעמענדיק אין אַכט, אין געגעבענעם מאָ־מענט, אירע סיבות. אויב די דאָזיקע גראַדירונג האָט פון געוועזענע עסקנים

געמאַכט „בלויז" לאַגערניקעס און פון אים אַ מענטש, וואָס געניסט פון די רעכט פון אַ „בירגער", אַן אָנפירער פון אַן אינסטיטוציע (מיט וועלכער עס רעכענען זיך אַפילו די דייטשן!) און דערצו נאָך טאַקע צוליב די דאָזיקע סיבות דעם בעל־טובה פון אָרעמע לאַגערניקעס, איז שוין גאַנץ „נאַטירלעך" אַז די דאָזיקע פיזיש־אויסגעשעפּטע לאַגערניקעס דאַרפן פאַר אים, אַ מענטש וועלכער לעבט אין באַדינגונגען, וואָס שעפּן פיזיש נישט אויס, טראָגן קוילן אין קעלער אַריין.

דאָס אומגליק האָט געשטעקט ערגעץ אַנדערש; נישט אין דעם אָדער יענעם איינצלנעם פאַל, נאָר אין דעם יסוד אַליין. דהיינו: אין אַ ווירקלעכקייט, וואָס איז פון קאָפּ ביז די פיס געווען געשטיצט אויף אומגעזעצלעכקייט און אויף פאַרברעכן איז דער „לעגאַליזם" געווען פשוט אַן אומזין. עפּעס אַזעלכעס ווי אַ נאָרמאַלער רעגולאַמין פאַר פיזישע איבונגען אָנגעווענדעט לגבי אַ שטערבלעך־קראַנקן מענטש, מאַכן גימנאַסטיק, לויפן אויף דער פרישער לופט, הייבן שווערע געוויכטן א. אַ. וו. דאָס קענען זיין גאָר נוצלעכע איבונגען פאַר אַ געזונטן מענטש. ווען מען הייסט דאָס אָבער טון אַ קראַנקן (לאָמיר זאָגן אויף טיפוס, וועלכער ליגט אין בעט מיט פערציק גראַד היץ), קען די רעצעפּט באַטראַכט ווערן ווי אַ מערדעריי. פון די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע איז דאָס פּוילישע ייִדנטום געווען שטערבלעך פאַרוווּנדעט, קיין שום ספקות וועגן דעם האָבן נישט געקענט עקזיסטירן.

דער אמת הייסט צוגעבן, אַז מיר האָבן אין די דאָזיקע יאָרן געהאַט גאַנצע מאַסן אַזעלכע „לעגאַליסטן". די ערשטע פידל האָבן צווישן זיי געשפּילט די געוועזענע אַדוואָקאַטן, נאָכגעטון זיי האָבן אָבער גאַנצע לעגיאָנען היימישע „רעכט־מענטשן". זיי האָבן זיך געחקרנט איבער יעדן קאמא פון די דייטשע פאַראָרדענונגען, אויסזוכנדיק רעכטלעכע אינטערפּרעטאַציעס און בויענדיק אויף זיי גאַנצע פּראָגראַמען. צווישן די דאָזיקע מענטשן זענען געווען אַ גאַנצע ריי ערלעכע יחידים.

פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט האָט די שאַפונג פון „יוס" געהאַט אַן ענלעכן מקור צו די „יודענראַטן": זי האָט זיך געשטיצט אויף דער מיינונג, אַז מען דאַרף טון דאָס, וואָס ס׳איז מעגלעך אין די געגעבענע באַדינגונגען און אין דער געגעבענער „רעכטלעכער" סיטואַציע.

וואָס האָבן געטון די ערלעכסטע „לעגאַליסטן“ ווען די „אַקציעס“ און די „אויסזידלונגען“ האָבן ביי זיי אַוועקגענומען די אילוזיעס? טשערניאַקאָוו, דער פאָרזיצער פון וואַרשעווער „יודענראַט“, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד; געפנער איז געגאַנגען פרייוויליק אַנטקעגן דעם טויט צוזאַמען מיט די קרבנות פון זיין קהילה. דער ערשטער פאָרזיצער פונעם לעמבערגער „יודענראַט“ דר. פּאַרנאַס האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן אַ דייטשע פאַראָרדענונג און איז צוליב דעם דערשאָסן געוואָרן. ענלעכע געשעענישן זענען אויך פאָרגעקומען אין פאַרשידענע אַנדערע ערטער; זיי האָבן אָבער צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים נישט געהאַט די פאַרדינטע „פּובליסיטעט“. אַנדערע לעגאַליסטן, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט אַנטשליסן איבערצורייסן מיט זייער „אמת“ (אויף דער פּערזענלעכער ריזיקע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַזאַ שריט) האָבן ווייטער „געראַטעוועט וואָס עס האָט זיך געלאָזט“. ביז צום סוף ד. ה. ביז זייער אייגענעם טויט. נאָך אַנדערע ערלעכערע, האָבן זיך באַמיט איבערצושרייען זייער געוויסן מיט „מעשים טובים“. זיי האָבן זיך באַמיט אויסצומיידן אַ דירעקטן אָנטייל אין דער שמוציקער מלאכה, לייגנדיק זיך למשל אין בעט אַריין בעת די דראַמאַטישע מאָמענטן אָדער טוענדיק טובות פאַר יחידים. אין די „יודענראַטן“ איז מיט דער צייט פאָרגעקומען אַ זייער טיפּישע איבערגרופּירונג: עס איז געפאַלן דער „אויטאָריטעט“ פון די מער ערלעכע יחידים און אויפן ערשטן פּלאַן זענען אויפגעשווומען די מער „דעצידירטע“ ד. ה. אַזעלכע וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום מאָראַלישע צוימען. לסוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „דעצידירטע“ ציוויליסטן טויגן שוין אויך נישט. די „יודענראַטן“ זענען פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן און די „יודענראַטלער“ האָבן די דייטשן אומגעברענגט. די „מאַכט“ האָט איבערגענומען די „ייִדישע“ פּאָליציי. איר אויפגאַבע איז שוין דעמאָלט באַשטאַנען פון דער שמוציקסטער אַרבעט. נאָך שפּעטער איז אויך אויסגעמאָרדעט געוואָרן די פּאָליציי און עס איז פאַרבליבן בלויז אַ הייפל „פאַרדינסטפולע“ מוסרים, וואָס זייער פּרנסה האָט זיך באַגרענעצט מיטן אויסכאַפּן די ייִדן, וועלכע האָבן זיך נאָך באַהאַלטן...

די „יוס“, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אויף אַן ענלעכן „רעכט“־יסוד וואָס די „יודענראַטן“, האָט אין פאַרגלייך מיט די לעצטע געהאַט אַן

איבערוואָג, ווייל איר טעטיקייט האָט פון אָנהויב אָן געדאַרפט טראָגן אַן אויסשליסלעך פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער; זי האָט טאַקע ביזן סוף געפירט אַזאַ טעטיקייט. ווען נישט אָט „דער צווייטער זייט פונעם מעדאַל", וואָלט דר. וויכערט געקענט זאָגן, אַז ער האָט געוווּנען אן אומדערהערט געווינס אויף דער לאָטעריע פון די ציַיטן פון שגעון. זיין „יוס", די ריין־פילאַנט־ראָפּישע אינסטיטוציע האָט איבערגעלעבט די געטאָס, די „יודענראַטן" און אַפילו די „יידישע" פּאָליציי. דר. וויכערט איז כסדר געווען אַ בעל־טובה און דאָס לגבי יידן. נישט צוליב עפּעס אַנדערש, נאָר דווקא צוליב דער דאָזיקער ווילטעטיקייט האָט ער גענאָסן פון אויסערגעוויינלעכע פּריווילעגיעס. ער האָט דערוואַרט פון די צוקונפטיקע דורות אַ מאָנומענט. דערווייל האָט ער אָבער געהאַט אַן „אייזערנעם בריוו" פון די דייטשן, וואָס האָט אים באַפרייט פון אַלע גזירות; און די אינסטיטוציע, פאַר וועלכער ער האָט זיך מקריב געווען האָט אים פאַרזיכערט זיין קיום.

ווען די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע האָט געשטעמפּלט דעם פּרייז, וואָס די אַלע ניסים האָבן געקאָסט און געפאָדערט פון וויכערטן ער זאָל זיך אָפּרוקן, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טון. ער איז פאַרבליבן אַ „לעגאַליסט" און נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם אַמט.

להיפוך צו די „יודענראַטלער", וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויסצו־פירן פאַרשידענע פאַראָרדענונגען בעת זיי האָבן נאָך אַמטירט, האָט ווי־בערטן נישט געדראָט דער טויט, ווען ער וואָלט אַוועק. די אָרגאַניזאַציע האָט אים פאַרגעלייגט אַ באַהעלטעניש. אַזוי ווי ער האָט געלעבט אויף דער פרייהייט, וואָלט זיין אַנטלויפן נישט געווען קיין שווערער ענין. עס איז פאַרשטייט זיך געווען ריזיקאַליש און מען האָט נישט געקענט זיין אַבסאָ־לוט זיכער. די געפאַר איז אָבער בשום אופן נישט געווען קיין גרעסערע פון דער סכנה וואָס האָט געדראָט יעדן ייד וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן, אָדער געלעבט אויף „אַרישע פאַפּירן". פאַרקערט, די קאָנטאַקטן און די צוגריי־טונג האָבן זי געמאַכט אַ סך קלענער.

***

דאָס צושטאַנדקומען פון מיין געשפּרעך מיט וויכערטן האָט אָנגע־טראָפן אויף אַ סך גרעסערע שוועריקייטן, ווי איך האָב מיר געקענט פאַר־שטעלן. נישט חלילה צוליב טעכנישע סיבות.

קודם כל האָט ווייכערט זיך נישט געקענט דערמאָנען מיין נאָמען. (נאָך דער מלחמה האָט ער מיר דאָס אויפגעקלערט דערמיט, וואָס דאָב־ ראָוואָלסקי האָט מיט אים גערעדט וועגן מיר, ווי וועגן אַ ייִדישן שרייבער און איך האָב דאָך פאַר דער מלחמה נישט געשריבן אין דער ייִדישער שפּראַך). אין געגעבענעם פאַל האָט דער נאָמען אייגנטלעך נישט געהאַט קיין באַדייטונג, ווייל איך האָב געדאַרפט רעדן אין נאָמען פון דער אָרגאַ־ ניזאַציע און נישט אין מיין אייגענעם. דער ענטפער, אַז ער געדענקט נישט (אַלץ איינס צי דאָס איז געווען אמת, אָדער נישט) האָט אָבער אַנטהאַלטן אַ געוויסן ניואַנס; אויב דאָס וואָלט געווען נויטיק, האָט ווייכערט געקענט קוועסטיאָנירן צי איך רעד אויך אין נאָמען פון די ייִדן. אַזוי אַרום וואָלטן מיינע פאָדערונגען געווען בלויז די איבערחזרונג פון די פאָדערונגען, וואָס ער האָט שוין געקענט, און מיין צוזאַמענטרעף מיט אים — נישט קיין דע־ צידירנדיקער, נאָר בלויז נאָך איינער.

שפּעטער איז ווייכערט געוואָרן פאָרזיכטיק. ער האָט נישט געוואָלט שטעלן אין געפאַר דעם באַלעבאָס פון דער דירה, ווו עס האָט געדאַרפט פאָרקומען דער געשפּרעך. „ס'האָט נישט געברענט"...

גענוג, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן (וועגן דעם ווערט דערמאָנט אין קומענדיקן קאַפּיטל) און דער צוזאַמענטרעף איז נישט פאָרגעקומען. איידער איך האָב פאַרלאָזט קראָקע, האָב איך מיר אַגב אָפּגעשמועסט, אַז — אויב דאָס וועט זיין נויטיק — וועל איך ספּעציעל קומען קיין קראָקע בכדי אַדורכצופירן דעם דערמאָנטן „געשפּרעך". דאָס איז שוין אָבער בלויז גע־ ווען אַ רעטארישע פאָרמולע. עס איז נישט געווען קיין שום זיכערקייט, אַז אין דער צוקונפט וועט מיר געלינגען דאָס צו טון, קומענדיק קיין קראָקע אויף עטלעכע שעה, ווען עס איז מיר נישט געלונגען בעת איך האָב גע־ ווינט אין שטאָט און כ'האָב בלויז געדאַרפט אַדורכגיין אַ פּאָר גאַסן.

מיין נסיעה איז שוין אַגב נישט צושטאַנדגעקומען. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט ווייכערט פאַרלאָזט זיין „פּאָסטן" און זיך באַהאַלטן. געטון האָט ער דאָס אָבער אונטערן איינפלוס פון עלעמענטן, וואָס האָבן מיט אונדז נישט געהאַט קיין שום שייכות. די סיבות זענען געקומען פון דעם פאַרקערטן צד: דהיינו: ווייכערט איז געוויר געוואָרן (אָדער ער האָט זיך אָנגעשטויסן) אַז די דייטשן האָבן בדעה אָפּצושטעלן זיין טעטיקייט. אין

אַזאַ פאַל וואָלט ער — פאַרשטייט זיך — געטיילט דעם גורל פון אַלע אַנדערע „לעגאַליסטן", וואָס האָבן „אָפּגעטון דאָס זייעריקע".

בעת ער איז שוין געווען אין באַהעלטעניש, האָט דר. וויכערט אָנגעהויבן שרייבן זיינע זכרונות. מיינע חברים פונעם „ראָט פון הילף פאַר ייִדן" פלעגן ביי אים נעמען טיילן פון זיין אַרבעט כדי דאָס איבערצושרייבן אויף דער מאַשין. דורך זיי טאַקע איז די אַרבעט געקומען צו מיר. נאָך דער מלחמה און נאָך דר. וויכערטס פּראָצעס האָב איך דעם אָריגינאַל פון דער אַרבעט אָפּגעגעבן דעם מחבר. די קאָפּיעס האָב איך איבערגעלאָזט ביי זיך. איינע פון זיי האָב איך דעפּאָנירט אין דער ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין קראָקע, ווו זי איז פאַרבליבן; די צווייטע געפינט זיך אין די זאַמלונגען פון „פאָרשונגס-צענטער פאַר געשיכטע פון פּוילישע ייִדן" אין פּאַריז.

ווען איך האָב בעת איינעם פון מיינע נאָך-מילחמהדיקע שמועסן מיט דר. וויכערט באַרירט די פראַגע פון אונדזער נישט צושטאַנדגעקומענער באַגעגעניש פון 1943, האָט ער מיר געזאָגט:

— אַ שאָד, מיט אייך וואָלט איך געווען געקומען צו אַ הסכם, ווייל איר זענט גלייכצייטיק געווען באַטייליקט סיי אין דער פּוילישער און סיי אין דער ייִדישער ווידערשטאַנד-באַוועגונג.

צי וואָלטן מיר טאַקע געקומען צו אַ הסכם? איך ווייס נישט. איך באַדויער אויך וואָס מיר האָבן זיך נישט געטראָפן. עס וואָלט מיר געווען אַ סך ליבער, ווען דר. וויכערט וואָלט געווען פאַרלאָזט זיין „פּאָסטן" פינף מינוט כאָטש פאַרן סוף, אָבער פון אייגענעם ווילן און אויפן סמך פון אַ פּרינציפּיעלן באַשלוס. און נישט בלויז דערפאַר און נישט ערשט דעמאָלט ווען די דייטשן האָבן שוין געהאַט גענוג. עס וואָלט מיר געווען ליבער — כאָטש איך פאַראורטייל שאַרף זיין „אָריענטאַציע" — צו געפינען מילדערנדיקע אומשטענדן.

וועגן וואָס פאַר אַ מילדערנדיקע אומשטענדן קען טאַקע זיין אַ רייד? בכדי צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, מוז מען קודם כל צוריקברענגען די געשעענישן צו זייער ווירקלעכער מאָס. אויב וויכערט פּרוווט סוגערירן, אַז די „יוס" האָט פאַרטיילט הילף צווישן אַלע ייִדן וואָס האָבן

נאָך געלעבט אין דער געגעבענער צייט 1), זענען דאָס בלויז הוילע ווערטער, אָן שום דעקונג. ווייל אויב אַפילו מען וואָלט נישט גערעכנט די ייִדן וואָס האָבן געלעבט אין באַהעלטענישן אויף אַן א. ג. אומלעגאַלן אופן (און האָבן זיך דעריבער געפונען מחוץ די ראַמען פון דער לעגאַלער און לעגאַליסטישער „יוס") און ווען מען וואָלט גענומען אין אַכט בלויז און אויסשליסלעך די לאַגערן, וואָלט מען געמוזט פעסטשטעלן, אַז אויך דאָ איז די טעטיקייט־„געאָגראַפיע" פון „יוס" געווען נאָר... אַ סימבאָלישע. צו אַ גאַנצער ריי לאַגערן האָט די „יוס" בכלל נישט געהאַט קיין צוטריט; אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן זיך אַפילו נישט געפונען אין איר עווידענץ. די „יוס" איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט בלויז מיט עטלעכע לאַגערן (למשל מיט סקאַרזשיסקאָ־קאַמיענאַ). דער דאָזיקער קאָנטאַקט איז אָבער אויך געווען אַ לויזער און אַן אומדירעקטער און די הילף אַ נישט רעגלמעסיקע און באַגרענעצטע.

אַ כסדרדיקע און אמתע הילף האָט די „יוס" אייגנטלעך געגעבן נאָר דעם לאַגער אין פּלאַשאָוו ביי קראָקע. איך וויל דערמיט זאָגן, אַז דעם נאָמען פון אַ „צענטראַלער הילף־אָרגאַניזאַציע" האָט די „יוס" געטראָגן בלויז פאָרמעל און אַלס שילד פאַר... די אויסלענדישע ייִדן. באמת האָט די אָרגאַניזאַציע געווירקט נאָר לאָקאַל מיט ספּאָראַדישע (אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן) „שפּרונגען" אויף דער פּראָווינץ. דאָס זעלבע איז שייך ווייכערטן. ער האָט בלויז געטראָגן דעם טיטל פון אַ „צענטראַלן" טוער און דאָס בפרט... פאַר אויסלאַנד 2). אין פּרט פון דער הילף וואָס די „יוס" האָט געטיילט (און נישט פון דער וואָס זי האָט באַקומען), איז ווייכערט געווען אַ מין גרויער און גאַנץ לאָקאַלער שתדלן. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז לויט זיינע אייגענע דערקלערונגען האָט ער יעדן טאָג פאַרברענגט זעקס שעה אין פּלאַשאָווער לאַגער. אויב מען וועט צורעכענען דעם וועג, וואָס ער האָט געמוזט אָוועקגעבן אויף איינצוקויפן פאַרשידענע זאַכן אין שטאָט, אויף אָפּנעמען די פּעקלעך פון דער פּאָסט, אויף אָרגאַ־

---

1) און אָנגעבנדיק זייער צאָל סוגערירן אַז דאָס איז די אמתע אָדער בלויז פּאָטענציאַלע ציפער פון די ייִדן, וועלכע האָבן גענאָסן פון זיין הילף...

2) דאָס איז שייך בלויז דעם לעצטן צייט־אָפּשניט פון דער עקזיסטענץ פון „יוס" ד"ה, וועגן דער צייט פון וועלכער עס שטיצט זיך די באַשולדיקונג.

ניזירן טראַנספּאָרטן, אויף באַזוכן אין דייטשע אַמטן, אויף האַנדל־טראַנ־
זאַקציעס 1), אויף קאָמפּליצירטע פֿאָרמאַליטעטן א. אַ. וו. וועט דאָס בילד
זיין פֿולשטענדיק און נישט צווײדייטיק קלאָר. אין דער דאָזיקער דיספּראָ־
פּאָרץ דריקט זיך אויך אויס איינער פֿון די שווערקייט־פּונקטן פֿונעם
גאַנצן פּראָבלעם. דער (שוין דערמאָנטער) פּרייז וואָס מען האָט געמוזט
— מאַטעריעל און מאָראַליש — צאָלן פֿאַר דער דאָזיקער — אין גרונט
גענומען — לאָקאַלער הילף.

אָבער: אויב מיר וועלן באַווייזן אויף אַ רגע אָוועקגיין פֿון דעם פּראָב־
לעם ווי אַזעלכן (און פֿון די קאָנסעקווענצן פֿאַר וועלכע ווייכערט איז גע־
ווען בלויז געצייג) און נעמען אין אַכט בלויז זיין אַרבעט פֿון אַ לאָקאַלן
שתדלן, דאַרפֿן מיר פֿעסטשטעלן, אַז ער האָט די אַרבעט געטון אין שווע־
רע באַדינגונגען און אַז ער האָט אין איר אַריינגעלייגט אַ סך מי. דאָס קו־
מען אין פֿאַרשידענע דייטשע אַמטן און אינסטיטוציעס, דאָס טרעפֿן זיך
מיט דייטשע מושלים (צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען דער בלוטיקער
קאָמענדאַנט פֿון לאַגער) איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ כסדרדיקער סכנה,
האָט געפֿאָדערט ניכטערקייט און אַ שנעלע אָריענטאַציע. אין די ראַמען
פֿון זיין „לעגאַליזם" (און מיר וועלן צוגעבן — לאָקאַליזם!!!) האָט ווייכערט
אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו לטובת די אסורים פֿון פּלאַשוֹוו. ווייטער:
אַפֿילו די קליינע האַנדלס־טראַנזאַקציעס, וועלכע עס איז אים אויסגעקומען
אַדורכצופֿירן (די טוישן, דאָס באַקן א. אַ. וו.) זענען אין די דעמאָלטיקע
עקאָנאָמישע און געזעצלעכע באַדינגונגען, געווען פֿאַרבונדן מיט אַ סך
מאַטערנישן און אַנשטרענגונגען. אויפֿן סמך פֿון די אַלע ידיעות וואָס מיר
האָבן וועגן זיין טאָגטעגלעכער אַרבעט, קענען מיר אָננעמען, אַז ער האָט
קיין אָנשטרענגונגען נישט געזשאַלעוועט. און לסוף: די הילף פֿון „יוס"
פּלעגט דערגרייכן צו אַ קליין הייפֿעלע בלויז; די וואָס האָבן אָבער פֿון איר
גענאָסן, האָבן זיך אין איר באמת געניטיקט און זיי האָט זי טאָקע אַ סך
געהאָלפֿן.

1) למשל: דאָס פֿאַרקויפֿן פֿון סאַרדינען א. אַ., וועלכע מען האָט געשיקט
פֿון אויסלאַנד כדי פֿאַר דעם געלט איינצוקויפֿן ברויט פֿאַר די לאַגערניקעס.

**
*

נאך דער מלחמה איז דר. ווייכערט — ווי באקאנט — צוויי מאל גע־משפט געווארן. קודם כל דורך דעם מלוכה־געריכט אין קראקע, דורך וועלכן ער איז דערקלערט געווארן פאר אומשולדיק. דאס צווייטע מאל — מיט דריי יאר שפעטער!!! — דורך א בירגער־געריכט, וואס איז געשאפן געווארן דורכן „צענטראל־קאמיטעט פון יידן" אין ווארשע. דאס דאזיקע געריכט האט אים פארורטיילט.

עס איז שווער נישט צוצוגעבן, אז ביידע דערמאנטע פראצעסן האבן איבערגעלאזט א גאנץ משונהדיקן איינדרוק. דער ערשטער איז איבער־הויפט נישט געווען צוגעגרייט; דער צווייטער אבער... שוין צופיל. בעתן ערשטן פראצעס האט דער באשולדיקונגס־אקט אנטהאלטן פארווורפן, וואס האבן נישט געהאט קיין שום שייכות מיט די באשולדיקונגען, וועלכע עס האט ארויסגערוקט די יידישע עפנטלעכקייט און אויך די עדות. בעתן צווייטן, האט מען זיך מער געזארגט וועגן דער קליינער פאליטיק פון די יידן פון „צענטראל־קאמיטעט" ווי וועגן דעם יידישן פראבלעם, וואס האט געשטעקט אין דעם ענין אליין.

אין דער צווישנצייט האבן די פובליציסטן (פון דער קליינער צאל יידישע צייטשריפטן, וואס זענען אין דער דאזיקער צייט נאך דערשינען אין פוילן) נישט „באוויליקט" זאכלעך צו אנאליזירן דעם ענין און זיינע אספעקטן; זיי האבן זיך באנוגנט מיט געלעגנהייטלעכע זידלערייען. א באזונדער גרויסן אפקלאנג האט געהאט אן ארטיקל פון דעם יידישן שרייבער פ. (אגב זייער א פארדינסטפולער מענטש), וועלכער האט די מלחמה־יארן דורכגעלעבט מחוץ פוילן א. נ.: „שקץ תשקצנו". דאס ארטיקל האט געהערט צו דעם מין פון גאר שטארקע, אבער הויפטזעכלעך צוליב די עפיטעטן, וואס זענען אין אים באנוצט געווארן. אויפגעקלערט האט ער אבער גארנישט. אויסגעסטיליזירט איז עס געווען אזוי, אז איך האב מיך נישט געקענט באפרייען פון דעם איינדרוק, אז דעם מחבר איז מער גע־גאנגען אויסצונוצן א געלעגנהייט צו אן עפעקטפולן ארויסטריט, ווי וועגן דער זאך אליין.

מיכאַל באָרוויטש

**
*

אין לעצטן קאַפּיטל האָב איך אַ ביסל פֿאַרנאַכלעסיקט די כראָנאָלאָ־גיע פֿון די דאָזיקע זכרונות. געטון האָב איך עס דערפֿאַר, וואָס דער באַ־רירטער ענין איז אַ פּראָבלעם פֿאַר זיך.

V

אַ בליק אויף דער גאַס פון דער קינדהייט. — וועגעלעך אין דער דזשונגל. — מיטאַרבעט מיט דער אונטערערדישער פּרעסע און אַ „גרוס״ פון תהום. — פון קראָקע דאַרף מען פאַרשווינדן.

כ׳האָב געוווינט אין קראָקע אין דעם הייזער־בלאָק פון די באַן־אַרבעטער אויף באסאצקע־גאַס, אויפן צווייטן שטאָק פון בנין נומער 14. פון פענצטער האָט מען געקענט זען דעם גאַנצן באַן־שטח, וואָס איז געדיכט אויסגעלייגט געווען מיט שטאָלענע רעלצן און אָפּגעצוימט מיט אַ הילצערנעם פּאַרקאַן. צוליב דעם, וואָס דער גאַנצער שטח איז פריי פון הויכע אָביעקטן, לויפט דער בליק דורכן פענצטער פריי און שטעלט זיך אָפּ ערשט ביי די הייזלעך פון דער פּאַוויע־גאַס, אויף דעם אָפּשניט צווישן די געסלעך: קורניקי און אַגראָדאָווע. די אייגנטימלעכקייט (אויסשליסלעך פּריוואַטע און אָביעקטיווע) פון דעם דאָזיקן שטיקל „לאַנדשאַפט״ איז פאַר מיר באַשטאַנען דערין, וואָס איינעם פון די הייזער — אין דער אָפּגעדראַפּעטער, איינשטאָקיקער הייזקע פון נומער 22, בין איך געקומען אויף דער וועלט און דאָרט אָפּגעוווינט עטלעכע צוואַנציק יאָר. ווען ס׳קומט אויס, נאָך פיר יאָר מלחמה, וואָס זענען אויסגעפילט מיט אַ היפּש בינטל, גאָרנישט אידילישע איבערלעבונגען, אומצוקערן זיך צוריק אין דער געבוירן־שטאָט (און דאָס אין זייער אַ „דעליקאַטער״ אומגעבונג) און דערביי דורך אַ פּשוטן צופאַל צו וווינען אַקוראַט מיטן אויסבליק אויף דעם הויז פון געבורט, אויף דער גאַס פון דער אייגענער קינדהייט און יוגנט — איז שווער נישט צו קאָנפראָנטירן. דעריבער האָב איך אָפּט אַרויסגעקוקט דורך

דעם פענצטער און „באַפּעלקערט" דעם אויסבליק מיט געשעענישן, וואָס זענען, סיי לויט דער צייט, סיי לויט דעם קלימאַט זייער ווייט געווען פון היינטיקן טאָג.

דאָרט, אויף יענע געסלעך האָב איך אַלס קליינער מזיק, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע קונדסים געוואַנדערט איבער די שטובן מיט די ווײַ־נאַכט־שטערן, אָדער מיט דעם קריסטוס־שפּיל. כ'האָב זיך דעמאָלט נישט שטאַרק אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון וועגן דער אַנדערשקייט פון מיין רעליגיע און „ראַסע". איינמאָל האָט מיך מיין פאָטער געכאַפּט דערביי, ווי איך וואַרף שטיינער אויף אַ ייִד מיט אַ באָרד. איך גיב צו: „מיט אַ באָרד", ווייל טיילנ־דיק די וועלט־אַנשייאונג פון מיין סביבה, האָב איך טאַקע די באָרד גע־האַלטן פאַר דעם איינציקן און אינטעגראַלן (אויסער די פאות) צייכן פון דער נישט־ליב געהאַטער „ייִדישקייט". כ'בין געווען זייער פאַרוווּנדערט, ווען מיין פאָטער האָט מוסרנדיק (און אַפילו... אַקטיוו) פאַר דעם דאָזיקן טאַט מיך אינפאָרמירט, אַז איך אַליין בין אויך דער זעלביקער ייִד, דאָס הייסט נישט, אַז איך האָב פריִער נישט געזאָלט וויסן, אַז ס'איז פאַראַן עפּעס אַ פאָדעם, וואָס בינדט מיך מיטן וואָרט „ייִד". דאָס איז אָבער געווען אַ נישט פאַרפליכטנדיקע אבסטראַקציע, אַ נישט גענוי פּרעציזירטע, וואָס האָט דערביי נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס מיט די ביישפּילן פון גאַסן־זשאַרגאָן. דער גליקלעכער צופאַל האָט געוואָלט, אַז ווען איך בין, נישט קיין סך שפּעטער, געקומען אין באַרירונג מיט ייִדן און מיט ייִדישקייט, האָב איך מיינע באַגריפן געבויט נישט אויף די היפּור־כים פון דער גאַסן־חכמה, נאָר אויף דער פּאָזיטיווער באַקענונג מיט זיין אינהאַלט און ווערט. איצט אָבער, נאָך אַזויפיל יאָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס וויסן פון די גאַסן־יונגען וועגן ייִדן איז געווען דער הויכפּונקט פון דערקענטעניש־דערגרייכונג אין באַצוג צו די אידעאָלאָגן און ערודיטן פון דריטן רייך און זייערע מיטהעלפער פון אַנדערע פעלקער. די ערלעכע איגנאָראַנץ פון די גאַסן־יונגען איז נאָר געווען אַ מיאוסע שוואַכקייט. די „בויער פון דער נייער אייראָפּע" האָבן ערשט געגעבן דער איגנאָראַנץ אַ מאָנומענטאַלן פאַרנעם, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ מאַסנהאַפּטער מענטשן־פרעסעריי.

— דאָרט ביי יענער מויער פלעג איך צוזאַמענרופן אונדזערע מזיקים

כדי מלחמה צו האַלטן מיט ייִנגלעך פון דער אַנדערער גאַס, אָדער כדי אַוועקצולאָזן זיך רייסן עפּל און באַרן אין דעם סאָד פון הייליקן פלאָריאַן־קירכע.

כ׳בין געווען דער ליבלינג פון די באַן־אַרבעטער און קוילן־טרעגער (די פּאַוויע גאַס איז געווען אַ גאַס פון קוילן־סקלאַדן). זייער פריינטשאַפט מיט מיר איז נישט געשטערט געוואָרן אַפילו דורך אונדזערע שפּעטערדיקע פאַרשידענע וועגן. אַפילו אין מיינע אוניווערזיטעט־יאָרן האָבן מיר זיך תמיד געקענט פאַרשטענדיקן און אַפילו די שפּעטערדיקע נאַטירלעכע דערוויטערונגען האָבן זיי געקענט אויסטייטשן פּשוט: אַ יונג מיט ביינער, נאָר... דאָ האָבן זיי מיט אַ געוויסן באַדויער צוגעלייגט אַ פינגער צום שטערן און געזאָגט: „נאָר ער האָט אָנגעהויבן לייענען די ביכער".

כ׳האָב געטראַכט וועגן מיינע ברידער. ס׳לעצטע מאָל האָב איך פון זיי געהאַט אַ ידיעה מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק. אַצינד, אומקערנדיק זיך קיין קראָקע, האָב איך געפרעגט וועגן זיי וועמען ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. אָבער אַלע נאָכזוכענישן (וואָס זענען באַשרענקט געוואָרן דורך דער סיטואַציע) האָבן קיין רעזולטאַט נישט געבראַכט. ערשט נאָך דער מלחמה האָט זיך מיר איינגעגעבן צו קריגן אַ ביסל ידיעות וועגן זיי. זיי האָבן נישט איבערגעלעבט. מיט ביטערער געריכטקייט איז מיר נאָך דער מלחמה אויסגעקומען צו הערן די מיט באַוווּנדערונג־אָנגעזעטיקטע דערציילונגען וועגן זייער מוטיקייט און פלינקייט, וועגן זייער נישט אויספּילאָזאָפירטער, פּראָסטער און האַרטער העלדישקייט.

אָבער דעמאָלט נאָכן אומקערן זיך פון לעמבערג, האָב איך קיין שום ידיעה וועגן זיי נישט געקענט באַקומען. כ׳האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געפילט, אַז אפשר וואָלט איך געקענט קריגן אַן אינפאָרמאַציע דאָרט, אויף דער פּאַוויע גאַס. אָבער דאָס האָט מען נישט געקענט דערליידיקן דורך קיין פאַרמיטלער. און גראָד די גאַס האָט געהערט צו די געציילטע אין קראָקע, ווו איך האָב זיך אַבסאָלוט נישט געטאָרט ווייזן, שוין אָפּגערעדט פון אַרומדרייען זיך דאָרט און נאָכזוכן, ווייל דאָרט האָבן מיך כמעט אַלע געקענט. דאָס הייסט נישט, אַז איך בין חושד מיינע יוגנט־פריינד אין דעם, אַז זיי וואָלטן מיך געמסרט, פאַרקערט — אויב עס גייט וועגן דער מערהייט פון זיי בין איך לגמרי געווען פאַרזיכערט. אַ גאַס איז

אָבער דאָך אַ גאַס. אין יענע יאָרן האָט זיך אַ חיה אָפּגעזוכט אומעטום און אין מנוול וואָלט געווען גענוג צו פאַרקאָכן אַ גאַנצע קאַשע, וועלכע עס וואָלטן נישט געקענט אויפעסן אַפילו צען מענטשן מיט גוטן ווילן.

כדי בעסער צו אָבסערווירן דורכן פענצטער די דורכגייער אויף יע־נער ווייטער גאַס האָב איך איינמאָל לאַנג געקוקט דורך אַ מיליטערישער פעלד־לאָרנעטע. אפשר וועט דורכגיין עפּעס אַ באַקאַנטער... זדזישישעק, דער באַלעבאָס פון דער וווינונג האָט מיך דאַן געפרעגט, וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנטעס איך ריכט זיך דאָרט צו זען? ווי זאָל איך אים דאָס פאַר־טייטשן? כ׳האָב אים געענטפערט, אַז איך פּרוּוו דערמיט אויס די טויגעוו־דיקייט פון דער לאָרנעטע.

כ׳דערמאָן וועגן די אַלע „אימפּאָנדעראַביליען" דערפאַר, וואָס וויפל מאָל עס קומט אויס צו טראַכטן וועגן דעם לאַבירינט פון די אָקופּאַציע־וועגלעך און אָקופּאַציע־קאָנטאַקטן זוכט דער מענטשן קעגן זיין ווילן עפּעס אַן אַלגעמיינעם שליסל צו זיי, עפּעס אַן אַלגעמיינעם פּרינציפּ, עפּעס אַ הערשנדיקן געזעץ אין דעם אלעם. מיט וואָס פאַר אַן אופן האָבן די פאַר־לוירענע אין דער דזשונגל געטראָפן פּלוצעם אויף ווייטע פּונקטן, קעמער־לעך און מענטשן און דערביי האָט מען די נאָענטסטע און ווי עס האָט זיך אויסגעדאַכט — די צוטרויטלעכסטע נישט געקענט איינבייסן? ווי אַזוי קען מען זיך פאַרטייטשן דאָס, וואָס פאַרלירנדיק די מעגלעכקייט זיך צו פאַר־שטענדיקן אַפילו מיט מענטשן, פון וועלכע עס האָבן אונדז אָפּגעטיילט בלויז וואָכן און בלויז עטלעכע גאַסן, זענען מיר אַריינגעפאַלן אין אַן אָרגאַ־ניזירטער סביבה פון אַלטע האַרציקע פריינד, וואָס זענען לויט דער צייט געווען שוין ווייט און וואָס מ׳האָט זיי שוין אַפילו געהאַט פאַרלוירן פון אויג?

מיט די פאַרמלחמהדיקע פריינד האָב איך אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט פון ווייטן לאַגער. דאָס אָנקניפּן דעם קאָנטאַקט איז דערביי נישט פאַרגעקומען דורך דער אויסנוצונג פון אַ פאַרמלחמהדיקער געדענקטער אַדרעס, אָדער דורך געוויסע פּערזאָנען. פאַרקערט, קיין שום אַדרעס פון פאַר דער מלחמה (אַבסאָלוט!) האָט נישט געקענט גענומען ווערן אין אַכט. די באַגעגעניש האָט געפירט, נישט דורך מענטשן צו דער אונטערערדישער אַרבעט, נאָר פאַרקערט. קיין קראָקע בין איך געקומען אין רעזולטאַט דערפון, וואָס עס

האָבן זיך געקרייצט די וועגן פון צוויי געהיימע אָרגאַניזאַציעס — פון דער לאַגער־אָרגאַניזאַציע און פון דער קראָקעווער. דאָ האָב איך טאַקע באַלד געטראָפן אויף אַ גאַנצער גרופּע פריינד פון פאַר דער מלחמה, וועלכע זענען איצט אויפסניי פאַרבונדן געווען דורך דער אַרבעט. אויפן דעק פון די דאָזיקע נישט פאָראויסגעזעענע באַגעגענישן איז געלונגען אַ פריידיקער — יאָ טראָץ אַלעם — אמת, אַז די בשותפותדיקע אידעע איז מתחייב. דאָס מלחמהדיקע שווינדל־ראָד האָט יעדן פון אונדז צעוואָרפן אין פאַרשידענע סיטואַציעס. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז כאָטש קיינער פון אונדז האָט אַמאָל וועגן אַזעלכע סיטואַציעס נישט געקענט חלומען האָט דאָך די בשותפותדיקע וועלט־אַנשויאונג יעדן פון אונדז, אין זיין לאַגע, ספּאָנטאַן דיקטירט די אָנגעצייכנטע אַרבעט. מיר האָבן זיך נישט געזען גאַנצע פיר יאָר, וואָס זענען אויסגעפילט מיט שאַרפע שטורעמס און דאָך ווען צו עמעצן פון אונדז איז דערגאַנגען אַ ידיעה וועגן דעם, אַז אַ צווייטער איז אַריינגעפאַלן אין תפיסה, אָדער אין לאַגער, האָט ער אויף באַשטימט געקענט וויסן וואָס דער אַריינגעפאַלענער וועט אָרגאַניזירן, אָדער וועט פּרוּוון אָרגאַניזירן אין דעם דאָזיקן לאַגער, אָדער תפיסה.

ווען עס איז געקומען דערצו, אַז מיר זאָלן זיך טרעפן, האָבן מיר תיכף געהאַט — כאָטש די וועלט האָט זיך דערווייל איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף — אַ בשותפותדיקע שפּראַך.

אין קראָקע האָב איך געשריבן אין דער אונטערערדישער סאָציאַליסטישער פּרעסע. אַ חוץ אַרטיקלען — ידיעות און באַריכטן פון געהיים אונטערגעהערטע ראַדיאָ־אויודיציעס, ווי אויך מיטטיילונגען פון די געהיימע קעמערלעך. אין איינעם פון די ערשטע טעג פון מיין אָנקומען קיין קראָקע ברענגט מיר זשעגאָטאַ צו רעדאַגירן פאַר דער אונטערערדישער פּרעסע, צווישן אַנדערן, אַ קאָרעספּאָנדענץ פון אָשוויענטשים. דעם „גריפּס“ (וואָס איז, ווי אַ סך אַנדערע געקומען פון דאָרט דורך טערעזע לאַסאָצקאַ) האָב איך באַקומען שוין איבערגעשריבן אויף דער מאַשין. איבערלייענענדיק דעם טעקסט, האָב איך תיכף באַקומען דעם איינדרוק, אַז איך קען דעם סטיל: עטוואָס כאַאָטיש און נאַכלעסיק, דערביי בילדלעך און לעבעדיק, נישט רעכענענדיק זיך מיט די געזעצן פון ענדיקן דעם זאַץ און קאַפּריז אין דער סטרוקטור, אָנגעגאָרנט מיט אומגעריכטע באַ־

צייכענונגען, איז ער אָבער אין די פאָרמולירונגען געווען טרעפלעך און לאַפּידאַר. אַ מינוט דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך האָב פאַר זיך נישט קיין מאַשין־שריפט, נאָר אַ באַקאַנטן האַנט־שריפט, וואָס איז אַ ביסל ווונדערלעך אויסגעקרימט און פאַרוויקלט, אַ ביסל הערראָגליפיש. איך זאָג צו זשעגאַטען:

— פון וועמען איז די קאָרעספּאָנדענץ?

זשעגאַטאַ (ווי מיר אַלע אין יענע יאָרן) וואַקלט זיך אַ ביסל צווישן דעם פאַרפליכטענדיקן געזעץ נישט אויסצוגעבן קיין נעמען און צווישן דער לעכערלעכקייט צו באַהאַלטן אים פאַר מיר. איך העלף אים אַרויס:

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיר זאָגן: פון יוזשעק ציראַנקעוויטש 1).

זשעגאַטאַ לאַכט. אַזעלכע מינים „גרוסן" פון פריינד, וואָס זענען דורך דער אָקופּאַציע געוואָרפן געוואָרן אין פאַרשידענע „סיטואַציעס" זענען געווען אַ סך. דאָס אומגעריכטע אָנטרעפן אויף זיי איז נאָר טייל־ווייז געווען צופעליק. די ידיעות האָבן געשפּרייזט מיט וועגן, וואָס זענען אויסגעטרעטן געוואָרן דורך יעדן איינעם באַזונדער, אָבער וועלכע האָבן זיך געצויגן אין איין ריכטונג, לויטן קאָמפּאַס פון אַמאָליקע געמיינזאַמע פּאָזיציעס. אין דער צייט פון דער מלחמה האָט דאָס ווייזערל פון קאָמפּאַס נאָך אָנגעוויזן די דאָזיקע איינע ריכטונג. אונדזערע וועגן זענען זיך צע־גאַנגען ערשט... נאָך דער מלחמה.

צופאַל און לאָגיק? ציראַנקעוויטש (וועלכער איז ביי דער דייטשער עוואַקואַציע פון אַשוויענטשים פאַרטריבן געוואָרן קיין דייטשלאַנד) האָט זיך אומגעקערט קיין פּוילן אין דער העלפט פון יאָר 1945. ווען מיר זענען נאָך זעקס מלחמה־יאָרן נישט זען זיך, ווידער געגאַנגען אויף דעם קראָקעווער מאַרק האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטון:

— גיב אַ טראַכט! געווען היטלער... מלחמה... לאַגערן... און מיר גייען זיך ווידער אויף דעם מאַרק און די טורעמס שטייען זיך ווייטער אויף דעם זעלביקן אָרט.

אַזעלכע מחשבות, זייער פּשוטע און דערביי זייער איבערראַשנדיקע, האָט געהאַט יעדער, וואָס האָט זיך אומגעקערט, פול מיט איבערלעבונגען און בילדער, וואָס זענען ניי און אומפאַרגלייכלעך, צום „געוויינלעכן"

---

1) איצטיקער פרעמיער־מיניסטער אין פּוילן.

לעבן. דאָס אַרויסטראָגן דעם אייגענעם קאָפּ גאַנץ פון אַזויפיל גהינום־אָפּטיילונגען, וואָס אַזויפיל טויזנטער מענטשן האָבן נישט באַוויזן צו טון האָט נישט איינעם געצווונגען צום פאַרטראַכטן זיך איבער דער לאָגיק פון זיינע שריט, וואָס ער האָט געמאַכט בעת דער אָקופּאַציע. אַנדערע ווידער האָט עס געבראַנגט צו טראַכטן וועגן אַ באַזונדערן גורל. די ספיקות און די טיילווייזקייט פון די דאָזיקע פאַראַלגעמיינערונגען אויף דער טעמע באַשטייט פשוט דערין, וואָס עס קענען זי פאָרמולירן נאָר די וואָס האָבן זיי דורכגעלעבט 1).

***

דאָס בלייבן און איבערהויפּט די „אַרבעט" אין דער שטאָט ווו איך האָב פאַר דער מלחמה אָנטייל גענומען אין פיל פאַרזאַמלונגען, דיסקוסיע־אָוונטן און מיטינגען, איז אין יענע באַדינגונגען געווען אַ גאַנץ לייכטזיניק רייצן זיך מיט דעם צופאַל. כדי אַרויסצורופן קאָנסעקווענצן איז גענוג געווען עס זאָל מיך דערקענען אַ צופעליקער פאַרבייגייער. עס האָט מיר שוין עטלעכע מאָל געטראָפן, אַז מען האָט מיר אויף דער גאַס געגריסט מיט אַ פאַרוווּנדערטן, אָבער דאָך גינסטיקן שמייכל. איינמאָל האָט אַפילו איינער זיך מיר געוואָרפן אויפן האַלדז אויסדריקנדיק הויך זיין צופרידנקייט דערמיט, וואָס איך לעב. עס האָט אָבער געקענט אויך טרעפן פונקט פאַרקערט. דער שמייכל האָט געקענט זיין פון אַן אַנדער סאָרט, מיט אַן אַנדערן פועל־יוצא און מיט אַן אַנדערן סוף.

די ערשטע ידיעה, וואָס מיינע קראקעווער פריינט האָבן מיט עט־

---

1) שוין נאָך דער מלחמה האָט מען אין אַ קרייז פון קעמפער זיך דערציילט וועגן פאַרשידענע געשעענישן און פאָרפאַלן בעת דער „אַרבעט". יעדער פון זיי האָט זיך געענדיקט „גליקלעך". אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך זיך אָפּגערופן: — „ווען עמעצער אַ זייטיקער וואָלט געהערט אונדזער דערציילן, וואָלט ער באַקומען דעם איינדרוק, אַז עס זענען גאָרנישט געווען קיין נישט איינגעגעבענע אונטערנעמונגען. אַלץ האָט זיך איינגעגעבן. אויף דעם האָט מאַריאַן באַמבא (געוועזענער קרייז־קאָמענדאַנט פון פּ. פּ. ס.־קאַמפּס־אָפּטיילונג), וואָס האָט מיט אַ מינוט פריער איבערגעריסן זיינע זכרונות וועגן דעם אויפרייס פון „אַרבעטסאַמט" אין קראָקע, געענטפערט: „דו ווייסט נישט פאַרוואָס? ווייל די אַלע, וועלכע עס האָט זיך נישט איינגעגעבן, זענען שוין איצט פאַרוואַקסן מיט גראָז און קיינער פון זיי דערמאָנט שוין נישט". וועגן דעם פּסיכאָלאָגישן טעות פון דער פּערספּעקטיוו דאַרף מען געדענקען אָפּשאַצנדיק די פאַרגאַנגענהייט אויפן גרונט פון זכרונות פון מענטשן, וואָס האָבן... צופעליק איבערגעלעבט...

לעכע חדשים צוריק דערהאַלטן פון מיר (פון לאַגער) איז געווען, אַז מען האָט דערקענט מיין טויטן גוף. די צווייטע ידיעה: וועגן אַן אויסגעפירטע עקזעקוציע איבער מיר מיט אַ „העפּי ענד". די ערשטע ידיעה האָט זיך גענומען פון אַ לייכטער גוזמא. עס האָט זי וואַרשיינלעך פאַרשפּרייט אַ לאַגער־אַרעסטאַנט, וואָס האָט געזען, ווי מען פירט מיך צו דערשיסן. ער האָט אָבער נישט געוווּסט דעם סוף פון יענעם אינצידענט. די צווייטע איז נוגע געווען אַ פאַל, וואָס האָט געטראָפן אין די לעצטע חדשים בעת מיין זיין אין לאַגער: מען האָט מיך אויפגעהאַנגען אויף דער תליה, איך האָב פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין, אָבער דער שטריק האָט זיך איבערגעריסן. דעמאָלט האָט דער ס. ס.־מאַן — פאַררופנדיק זיך אויף אַן אַלט גערמאַנישן מנהג — מיך באַגנעדיקט. די זאַך איז פאַרגעקומען אין דער אַנוועזנהייט פון אַלע צונויפגעטריבענע צו דעם צוועק לאַגער־אַרעסטאַנטן. צוליב דעם, וואָס צווישן זיי האָבן זיך נאָך דעמאָלט געפונען אַזעלכע, וואָס פלעגן אַרויסגיין אויף אַרבעט אין דער מעבל־פאַבריק אין שטאָט האָט, איינער פון זיי דערציילט וועגן דעם ענין דעם חבר פּיאָטראָווסקי, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער פאַבריק ווי אַ רייזע־אַגענט און פלעגט אָפט פאָרן קיין קראָקע... ער האָט דאָס איבערדערציילט אין פּ. פּ. ס.־קעמערל אין קראָקע. צווישן זיך גערעדט, אַז אַ דאַנק דעם, וואָס פּיאָטראָווסקי, האָט געאַרבעט אין יענער פאַבריק און אַזוי אַרום געקענט האָבן אַ שמועס מיט די לאַגער־אַרבעטער, איז בכלל געקומען צו אַ קאָנטאַקט מיט דער אָרגאַניזאַציע אין קראָקע. איצט נעמענדיק אין אַכט די קראָקאָווער "Couleur local" און מאַכנדיק אַן אַלוזיע צו יענעם אינצידענט, האָט „טעאָדאָר" אין מיר אַריינגעטענהט:

— האָסט זיך אָפּגעריסן פון שטריקל, דאָס הייסט, אַז לויטן פאָלקסווערטל דאַרפסטו האָבן גליק. אָבער אין אונדזערע היינטיקע פאַרשיווע צייטן קען אַפילו אַ פאָלקס־ווערטל — פאַרשטייסט? — „אָנזעצן". און וואָס וועט זיין אויב אין דעם נאָענטסטן מאָל וועט זיך דאָס שטריקל נישט איבעררייסן? אָבער אויב דער ניי־גערמאַנישער גאַרנישט, וואָס וועט דיך אין דעם נאָענטסטן מאָל הענגען, וועט זיך אַקוראַט נישט דערמאָנען קיין אַלט־גערמאַנישע מנהגים? דו מוזט „אויספאַרעווען" פון קראָקע. כ'האָב געדאַרפט פאָרן אין מיעכאָווער געגנט. און באַקענענדיק

זיך מיט די דאָרטיקע באַדינגונגען, קעמערלעך און אופן פון אַרבעט — איבערנעמען די קאָמענדאַטור איבער אונדזערע מיליטערישע אָפּטיילונגען.

אויף דעם נייעם געביט בין איך אַרויסגעפאָרן מיט טאָמאַשן (סטאַניסלאַוו קאָוואַלטשיק 1). מיר האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז כדי צו האָבן אַ גרעסערע באַוועגונגס־פרייהייט, וועל איך די ערשטע צייט וווינען ביי אַ משפחה, וואָס איז מיט שטרענג־פּאַרטייאישער אַרבעט נישט געבונדן. דערווייל האָב איך זיך באַזעצט אין פּראַשאַוויץ. אָנקומענדיק האָב איך זיך געזאָגט זייער באַנאַל: נאָך דאָ האָב איך אויסגעפּעלט! איך בין אַריינגעפירט געוואָרן דורך טאָמאַשן צו דער פאַמיליע באָגדאַנסקי אויף סלאָמניצקע גאַס און בין דאָרט געבליבן וווינען. שפּעטער, אין דער מאָס, ווי עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די מיליטערישע אַרבעט, האָב איך געטוישט מיינע קוואַרטירן עטלעכע מאָל. פון שטעטל האָב איך זיך איבערגעטראָגן אין דערפלעך. איבעריקנס איז דאָס „שטענדיקע אָפּשטעל־אָרט" דיקטירט געוואָרן דורך דעם פּראָגראַם פון אַרבעט און אַקציעס. דעריבער איז דאָס דאָזיקע „אָפּשטעל־אָרט" אין דער שפּעטערדיקער צייט געוואָרן וואָס אַמאָל מער באַוועגלעך.

כ'האָב זיך דאָס מאָל גערופן מיכאל דלוגאַש און אַלס אַזעלכער בין איך דאָ און דאָרט געווען איינגעמאָלדן. אומאָפּהענגיק דערפון האָב איך חוץ דעם געהאַט נאָך עטלעכע נעמען, „קענקאַרטן", געבורט־שיינען, שולציײַגנישן און אַרבעטס־שיינען. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אין טאָגטעגלעכן לעבן נישט געהאַט קיין גרויסע באַדייטונג. וואָרום קיינעם פון די נייע באַקאַנטע האָב איך קיינמאָל נישט געפּרוווט איינרעדן, אַז איך בין אין דער אמתן „אַ מילך־הענדלער", „אַ באַן־אַרבעטער", אָדער „אַ באַן־אַסיסטענט". וואָס נוגע דעם נאָמען, האָבן מיינע זעלנער מיך געקענט נאָר פון פּסעוודאָנים „זיגמונט" און דאָס איז פאַר זיי פולשטענדיק גענוג געווען. דאַקעגן מיינע ציווילע באַקאַנטע און שכנים האָבן גאַנץ גוט זיך תופס געווען (צוליב סיבות וואָס מען וועט שפּעטער איבער זיי רעדן), אַז די אַלע נעמען, מיט וועלכע איך שטעל זיך פאָר, זענען פאַלשע.

1) נאָך דער מלחמה פאָרזיצער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. סיים־דעפּוטאַט און פאָרזיצער פון דעם הויפּט־ראַט פון דער אָפּיציעלער פּ. פּ. ס. (וועלכע האָט ווי באַוווּסט אויפגעהערט צו עקזיסטירן צוליב דער פאַראייניקונג מיט פּ. פּ. ר. ד"ה, דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי).

VI

אַ בינטל פרטים וועגן דעם פוילישן אונטערערד אין דעם „געביט“ פּראשאוויץ. — די באָגדאַנסקיס „פּאַלאַץ“. — גע־היימע לערע. — קאָנספּיראַציע און היימישע „קווי־פּראָ־קוואָ“. — פּאָפּולאַריטעט אין אַ פּאַרוואָרפענער העק. — צוויי רוטי־נעקס און אַנדערע קאָמעדיעס צוליב טעותים.

דאָס פאַרשטיין די סיטואַציע, וועגן וועלכער עס וועט דאָ גערעדט ווערן פאַרלאַנגט באַדיי געוויסע ידיעות, וואָס זענען נוגע דער פוילישער אונטערערדישער באַוועגונג און איבערהויפּט אירע פּאַרטיזאַנישע אָרגאַ־ניזאַציעס 1). דעמאָלט (סוף 1943) האָט די דאָזיקע באַוועגונג שוין גע־האַט הינטער זיך עטלעכע יאָרן פון טעטיקייט און עוואָלוציע.

די מאַכט, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן דורך דער גאַנצער פוילישער באַפעלקערונג (מיט גאַנץ אומבאַדייטנדיקע אויסנאַמען 2) איז געווען די עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן (אין שפּיץ פון וועלכער עס איז דאַן געשטאַנען דער גענעראַל וולאַדיסלאַוו שיקאָרסקי). דאָס איז געווען אַ

1) אַ גענויערע באַשרייבונג וועגן דער סטרוקטור פון דער דאָזיקער באַ־וועגונג, וועגן איר עוואָלוציע און איבערהויפּט וועגן דער באַציאונג פון די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס צו דער אַ. ג. „יידן־פּראַגע“ האָט דער לייענער גע־פינען אין די פריערדיקע טיילן פון דעם בוך. דעריבער גיבן מיר דאָ נאָר עט־לעכע אַלגעמיינע אָנווייזונגען, אויף אַזויפיל אויף וויפל עס איז דירעקט נייטיק כדי צו פאַרשטיין די דאָזיקע זכרונות פון פּערזענלעכן כאַראַקטער. (אויף וואָס איך מאַך נאָכאַמאָל אויפמערקזאַם).

2) ד. ה. מיטן אויסנאַם פון די קאָמוניסטן פון איין זייט און דער נ. ס ז. פון דער צווייטער זייט. (די לעצטע זענען געווען דעצידירט פאַשיסטיש־ אַנטי־סעמיטיש).

קאַאַליציע־רעגירונג, ד. ה., זי איז באַשטאַנען פון פאַרשטייער פון די פיר הויפּט־פּאַרטייען: א) פּויערים־פּאַרטיי (פּ. ס. ל.); ב) סאָציאַליסטן (פּ. פּ. ס.); ג) קריסטלעכע דעמאָקראַטן (א. ג. „כאדעקעס") און ד) נאַציאָנאַלע דעמאָקראַטן (א. ג. „ענדעקעס").

אין לאַנד, וואָס איז אָקופּירט געווען דורך די דייטשן האָט די רע־גירונג געווירקט דורך די א. ג. „דעלעגאַטורן". די לעצטע זענען נאַטיר־לעך געווען אומלעגאַל־געהיים און האָבן געשפּילט די ראָל פון אינס־טאַנצן פון פאַרשידנאַרטיקע מדרגות. עס איז געווען „אַ הויפּט־דעלעגאַ־טור" מיטן זיץ־אָרט אין וואַרשע, דאַן — די איר אונטערליגנדיקע „וואָ־יעוואָדישע דעלעגאַטורן" און „פּאָוויאַט־דעלעגאַטורן". פּונקט ווי די עמיג־ראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן איז יעדע דעלעגאַטור געווען צוזאַמענגע־שטעלט פון פאַרשטייער פון די פיר הויפּט־פּאַרטייען. יעדע פון די פּאַר־טייען האָט דורך איר פּרעסע פּראָפּאַגאַנדירט איר אידעאָלאָגיע. די דאָזיקע אידעאָלאָגיעס זענען געווען פאַרשידענע און אין דער באַציִונג צו געוויסע פראַגן — אַפילו סתירותדיקע. אין דער טעטיקייט איז דערפאַר אָפט געקומען צו פאַרשלעפּטע און פאַרביסענע קאָנפליקטן.

די דערמאָנטע פּאַרטייען (איבערהויפּט דריי פון זיי: די פּויערים־פּאַרטיי, די סאָציאַליסטן און די ענדעקעס) האָבן אין אָנהויב געהאַט זייערע אייגענע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס. מיט דער צייט האָבן זיך די אַלע (און אויך אַנדערע) מיליטערישע גרופּעס פאַראייניקט (לכל הפחות — פאָרמעל) אין איין גאַנצקייט א. נ. „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" (א. ק.) די לעצטע האָט געדאַרפט אויספירן נאָר די באַפעלן פון דער רעגירונג און נישט די באַפעלן פון באַזונדערע פּאַרטייען. אין דער פּראַקטיק אָבער איז די דאָזיקע אַפּאָליטישקייט זייער שווער געווען דורכצופירן. צוזאַמען מיט דעם פּאַרטייאישן אָפּשטאַם פון די פאַרשידענע גרופּן האָבן אויך גע־ווירקט די איינפלוסן פון פאַרשידענע אָפיצירן. די קאָנספּיראַטיווע לאַגע פון דער באַוועגונג האָט זיי מעגלעך געמאַכט גאַנץ אָפט אַרויסצוגעבן באַפעלן אין קעגנזאַץ צו די אָפיציעלע באַפעלן פון דער רעגירונג. די זעלביקע זאַך האָט באַשווערט די קאָנטראָל פון דער רעגירונג.

צוליב דעם האָבן די סאָציאַליסטן און די פּ. ס. ל. זיך געווערט קעגן דעם פולשטענדיקן צוזאַמענקום פון זייערע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונ־

גען מיט אַנדערע, מורא האָבנדיק איבערצוגעבן זייערע מיטגלידער אונ־טער דעם איינפלוס פון די רעאַקציאָנערע אָפיצירן. דאָס איז טאַקע געווען איינע פון די סיבות פאַר שטענדיקע קאָנפליקטן. אַממייניסטן האָבן זיך גע־עקשנט די סאָציאַליסטן. וואָס נוגע מיין „אינספעקטאָראַט", האָב איך — אין הסכם מיט די אינסטרוקציעס וואָס איך האָב באַקומען — נישט איבערגעגעבן מיינע אָפטיילונגען דער „אַפּאָליטישער" אָנפירונג. די דאָ־זיקע אָפּטיילונגען, ביז צום סוף פון דער דייטשער אָקופּאַציע, זענען אָפּ־הענגיק געווען נאָר פון מיר, אַלס זייער הויפּט־קאָמענדאַנט אויפן שטח פון גאַנצן אינספעקטאָראַט. און נאָר דורך מיר — אַלס זייער קאָמענדאַנט — האָבן זיי זיך קאָנטאַקטירט מיט דעם הויפּט־שטאַב פון אַ. ק. מיך האָט פאַרפליכטעט נאָר די באַפעלן וואָס איך האָב דערהאַלטן פון דער פּ. פּ. ס.־קאָמענדאַנטור. דאָס איז געווען אַ פאָרם, וואָס האָט זיך גערופן „פאַרייניקונג פון דער הייך". זי האָט דערמעגלעכט — פון איין זייט: דאָס צוזאַמענרעדן זיך וועגן געמיינזאַמע אַקציעס, צוזאַמען מיט דער גאַנצער אַ. ק. קעגן אָקופּאַנט. פון דער צווייטער זייט: האָבן זיי נישט דערלאָזט (צוליב דעם וואָס די נישט־סאָציאַליסטישע אָנפירער פון אַ. ק. האָבן נישט געהאַט קיין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די אָפּטיילונגען) קיין אומגעוווּנטשענע איינפלוסן (ווי דאָס איז געווען ערגעץ אַנדערש מיט זייער שלעכטע פאָלגן).

וואָס נוגע מיר, איז דאָס באַשטימען מיך ווי אַ קאָמענדאַנט פון אַלע קאַמפּס־גרופּן פון מיעכאָווער פּאָוויאַט פאַרגעקומען — ווי עס איז שוין פאַרבייגייענדיק דערמאָנט געוואָרן — אין קראָקע. מיט דער דאָזיקער פונקציע בין איך טאַקע אַהערגעקומען אין מיעכאָווער געביט.

אַ צווייטע נויטיקע אויפקלערונג איז נוגע די אָרגאַניזאַציע־פאָרמען: „מיין" געביט האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן מיעכאָווער פּאָוויאַט און אַ שמאָלן דרום־פּאַס פון פּינטשעווער פּאָוויאַט. די אָפּטיילונגען האָבן זיך געטיילט אויף: א) קאַמפּס־גרופּן און ב) מיליטערישע גרופּן. די מיליטע־רישע גרופּן זענען באַשטאַנען פון די איינוווינער פון די שטעטלעך און דער עיקר, פון די צאָליקע דערפער. די דאָזיקע מענטשן זענען פאַר־בליבן אויף זייערע וווין־ערטער און אין משך פון טאָג האָבן זיי געפירט זייער נאָרמאַלן לעבן־שטייגער. ביינאַכט האָבן זיי געמאַכט מיליטערישע

איבונגען, אָדער האָבן אויסגעפירט די אָנגעצייכנטע אויפגאַבן. דאָס זע־נען געווען די קאַדרען, וועלכע זענען צוגעגרייט געוואָרן צו דעם שפּע־טערדיקן אויפשטאַנד און צו די לויפנדיקע אַקציעס האָט מען זיי געגער־מען נאָר אין די נויטיקסטע פאַלן. אין קעגנזאַץ צו זיי האָבן זיך די אַזוי גערופענע „קאַמפּס־אָפּטיילונגען" תמיד געפונען אונטערן געווער, זיי האָבן סטאַציאָנירט אין די „מעלינעס" אָדער אין וואַלד און האָבן אויס־געפירט אַלע לויפנדיקע אויפגאַבן. צו זייערע אויפגאַבן האָבן געהערט די סאַבאָטאַזש־אַקטן קעגן די דייטשן, דאָס אַנטוואָפענען קלענערע דייטשע גרופּן, די אָנפאַלן („שפּרונגען") אויף דייטשע פּאָסטנס (ד. אָ. ג. „שטיץ־פּונקטן"), דאָס דעוואַסטירן דייטשע אינסטיטוציעס, צוו. אַנד. קאָמוני־קאַציע, ווירטשאַפטלעכע און אַפּראָוויזאַציאָנעלע; לסוף — דאָס אויספירן די אורטיילן פון די אונטערערדישע געריכטן איבער דייטשן, ווי אויך איבער פּאָליאַקן, אָנהויבנדיק פון טויט־שטראָף, ביז קאָנפיסקאַציע, שמיץ־שטראָף און אויב עס איז געגאַנגען וועגן פרויען — אינעם אָפּגאָלן זיי די האָר. צו זייערע אויפגאַבן האָט חוץ דעם געהערט: דער קאַמף מיטן באַנדיטיזם, קאָנוואָירונג פון אַ פאַרשידנאַרטיקן טיפּ און אין געוויסע פאַלן — דאָס אָפּשלאָגן אַרעסטירטע פון די דייטשע הענט.

אין באַשטימטע טערמינען פלעגן מיטגלידער פון די קאַמפּס־אָפּטיי־לונגען געטוישט ווערן דורך אַנדערע, וועלכע פלעגן גענומען ווערן פון די מיליטערישע אָפּטיילונגען. חוץ דעם פלעגט מען פאַר אַ גרעסערן קאַמף מאָביליזירן גרעסערע קאָנטיגענטן. אין אַזעלכע פאַלן פלעגן די אָפּטיילונגען אַרויסגעשיקט ווערן ווייט אויסערן געביט (ווי צום ביישפּיל אין די בעסקידן, וועגן וואָס עס וועט נאָך דערמאָנט ווערן).

די געברענגטע פּרטים באַווייזן, אַז מיין לעבן האָט זיך באַוועגט אויף צוויי פלאַכן: אויף דער מיליטערישער (ווען איך האָב זיך געפונען ביי די אָפּטיילונגען), און אויף דער ציווילער פלאַך. (אָדער לכל הפּחות — כלומרשט — ציווילער). גלייכצייטיק האָב איך צוליב מיין פונקציע אָנטייל גענומען אין די זיצונגען פון דער „דעלעגאַטור". כ'האָב געהאַט צוזאַ־מענטרעפן מיט די אָנפירער פון א. ק., כדי אויסצוגלייכן קאָנפליקטן מיט אַנדערע פּאַרטייען און אַרומצורעדן פאַרשידענע געמיינזאַמע ענינים. דעריבער באַנוץ איך אין לויף פון דער באַשרייבונג דעם נאָמען

„אַ. ק.״ אין באַצוג צו אַנדערע אָפּטײלונגען, װעלכע זענען געװען דירעקט אונטערגעװאָרפן דער אָנפירערשאַפט פון אַ. ק., אונדזערע אָפּטײלונגען האָט מען גערופן „די אָפּטײלונג פון פּ. פּ. ס.״.

אין דער ערשטער צייט פון מיין אָנקומען אין געביט האָב איך (למראית עין) געפירט אַ ציוויל לעבן. אַנדערש גערעדט: איך האָב געוווינט אויף אַ באַשטימט אָרט, ווי אַ ציווילער בירגער פון וואַנען איך בין געפאָרן אָדער געגאַנגען אויף קאָנספּיראַטיווע צוזאַמענטרעפן. איך בין פאַרשווונדן אויף אַ נאַכט, אָדער אויף עטלעכע טעג אין „געביט״. אין דער שפּעטערדיקער צייט איז געווען פאַרקערט: כ׳האָב תמיד געוווינט אין „געביט״ און אין דער ציווילער וווינונג בין איך נאָר געקומען אַמאָל — געלעגנהייטלעך.

**
*

די קאָנספּיראַטיווע אַרבעט אין פּוילישן אונטערגרונט, וואָס איז אין יענער צייט געווען מיין הויפּט־אויפגאַבע און פאַרנעמונג גייט נישט אַריין אין די ראַמען פון די דאָזיקע זכרונות, צוליב סיבות, וועלכע זענען שוין דערמאָנט געוואָרן אין אַריינפיר. איך באַגנוג זיך בלויז מיט ראַנד־באַמערקונגען, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער טעמע. אָן אַנדער זאַך, אַז אין באַצוג צו פיל אינצידענטן דערוועקט די מעגלעכקייט פון אַזאַ אָפּגרעניצונג אַ גראָבן צווייפל. דערויף קען מען נאָך זאָגן, אַז ערגעץ ווו טרעפט זיך אַלץ צוזאַמען און בינדט זיך ערגעץ־ווו, כדי נישט ווייט צו זוכן — דעם דאָזיקן נאָענטסטןביישפּיל:

די אינסטרוקציעס האָבן באַפוילן אָפּצוהיטן אַ שטרענגן „אינקאָגניטאָ״ יעדן קאָנספּיראַטיוון טוער, מכל שכן — די וואָס זענען געשטעלט געוואָרן אויף די העכערע אָנפירנדיקע שטאַפּלען. אויסבאַהאַלטנדיק מיין אמתן נאָמען, האָב איך דערמיט נאָר אויסגעפּילט אַ פּשוטן און פאַר־שטענדלעכן באַפעל, וואָס האָט פאַרפליכטעט אומאָפּהענגיק פון „ראַסן״־טעמים. דאָס איז אמת. עס איז אָבער אויך אמת, אַז אומאָפּהענגיק פון דעם, אָדער יענעם שטאַפּל אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, האָט דער קאָנספּיראַטיווער טוער אויך געהאַט אַזאַ, אָדער אַן אַנדער פּריוואַט לעבן. די דאָזיקע צוויי געביטן, ד. ה., דאָס פּריוואַטע און דאָס געזעל־

שאַפּטלעכע לעבן האָט מען געדאַרפט צוליבן ווייל פון דער זאַך שטאַרק אָפּגרענעצן. עס זענען אָבער געווען סיטואַציעס, וואָס האָבן געפאָדערט אַ להיפּוכדיקע טאַקטיק, (ווען אַפילו צייטווייליק). ס'איז אויך נישט תמיד געווען קיין גרונט דעם „אינקאָגניטאָ" אַרומצומויערן אין פּריוואַטן לעבן. אַפילו אין די פאַלן ווען מען האָט געמוזט ענדערן די „פּאַפּירן", וואָס איז פאַרגעקומען זייער אָפט אין יענע יאָרן צוליב פאַרשידענע „אַריינ־פאַלן" און „שריפות", האָט דער סוד נישט געמוזט אומבאַדינגט חל זיין אויף מענטשן זיכערע, אויף האַרציקע פריינד, מיט וועלכע מען האָט זיך, וואָס אַן אמת, נישט לאַנג צוריק באַקענט. אין מיין לאַגע האָט אָבער די קאָנספּיראַציע געמוזט אָפּגעהיטן ווערן מיט אַלע קלענסטע פּרטים, ווייל דאָס, וואָס ביי אַנדערע האָט נאָך געקענט ווי עס איז דורכגיין, האָט ביי מיר געדראָט מיט „ליקווידאַציע" און דער קבורה פון דער גאַנצער טעטיקייט.

די משפּחה באַגדאַנסקי, ביי וועלכער איך האָב אין אָנהויב געוווינט נאָר „כדי זיך אַרומצוקוקן, נאָר כדי זיך צו אָריענטירן און וויסן ווו און וואָס אויסצוקלייבן", האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ געזעמל... ווי זאָל איך דאָס אָנרופן? פון אָריגינאַלן, לויט דער באַצייכענונג פון קאָפּ פון דער משפּחה, הער אָסקאַר. דערפאַר אפשר טאַקע זייער ליבע מענטשן. זיי זע־נען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון זאַגלעמביע, וואָס איז איינגעשלאָסן גע־וואָרן אין דייטשן „רייך"; דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטער צו שרייבן די „פאָלקסליסטע". אין פּראַשאָוויץ האָבן זיי זיך באַזעצט שוין נאָך פאַרשידענע עטאַפּן פון וואַנדערונג און נע־ונד. זיי האָבן באַוווינט איין שטוב מיט אַ קיך, איינגעאָרדנט אויפן סטודענטישן שטייגער, מיט מעבל פון אייגענער אויסאַרבעטונג. וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן: נישט מיט מי יודע וואָסער מעבל פאַרשטייט זיך. זיי האָבן זיך אָבער איינגע־שפּאַרט, אַז דאָס פאָלקס־ווערטל „אַ גאַסט אין שטוב, גאָט אין שטוב" איז נישט געשאַפן געוואָרן בלויז צוליב דעם, מען זאָל עס ציטירן אין די שול־ביכער, נאָר אויך דערפאַר, אַז מען זאָל עס רעספּעקטירן. פאַר־פאַלן — פאַראַן אַזעלכע אויך. אין דער דאָזיקער עקשנות איז געווען, אי די ספּאָנטאַנישע גאַסטפריינדלעכקייט, אי אַ טראַציקייט, וואָס איז פול מיט חן. ווייל אין משך פון זייער פּליטים־וואַנדערונג האָבן זיי

זיך אַזויפיל אָנגעהערט און אָנגעשטויסן דערויף, אַז אין די אָקופּאַציע־ציַיטן איז אַ גאַסט אַ שווערע לאַסט, אַז איצט האָבן זיי אין די אייגענע ד׳לד אַמות געוואָלט דערוויזן דאָס פאַרקערטע. אַזויפיל מאָל האָט מען זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ גאַסט איז ווי אַ פיש: כל־זמן ער איז פריש — ביטע זייער — איז ער געשמאַק; אָבער שפּעטער... אַז זיי האָבן שוין געהאַט איבערגענוג אָט דעם „גאָלדענעם״ געדאַנק. דעריבער האָבן זיי אויפגענומען אַלס געסט וועמען דאָס פורל האָט געבראַכט צופירן. אַ גלח איז אַ גלח. אַ פריץ איז אַ פריץ. אַ משפחה־מענטש — אַוודאַי און אַוודאַי. נו, און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן נישט און מוזן ערגעץ איבערנעכטיקן. עס האָט טיילמאָל געטראָפן: דעם גאַסט, וואָס האָט זיך געמוזט פאַרהאַלטן אין פראַשאָוויץ, פאַרבעטן די באַגדאַנסקיס צו בלייבן נעכטיקן. דער גאַסט קוקט זיך אַרום אומרויִק איבערן צימער. אין דעם גאַנצן פּאַלאַץ זעט ער נישט מער, ווי איין (זייער שמאָל) בעט. חוץ דעם עפּעס שוין זייער אַן אַלטע סאָפקע; און מענטשן אין שטוב זענען דאָ קיין עין הרע זעקס. מאַכנדיק אויף גיך דעם חשבון, קען דער גאַסט בשום אופן נישט לייזן דאָס רעטעניש: ווו וועט מען דאָ אַוועקלייגן שלאָפן זיין ווערטפולע פּער־זאָן? צום סוף זאָגט ער אַרויס זיין ספק. אָבער דער הער אָסקאַר ברעכט אויס אין אַ געלעכטער און רייבט אַזש די הענט פון שימחה: „נו, און אין צווייען קען מען נישט שלאָפן? נו, און שטרוי־זעק צו לייגן אויף דער פּאָדלאָגע, מיינט דער פריץ, איז נישט פאַראַן? נו, און שטרוי מיינט דער לאָרד האָט שוין אין פראַשאָוויץ פאַרפעלט?״

מיך האָט צו זיי אַריינגעפירט טאָמאַש. מיט טאָמאַשן האָט זיי אַמאָל באַקענט זייער קרוב ר. אַ לאַנג־יעריקער פּ. פּ. ס.־טוער פון זאַגלעמביע. טאָמאַש פלעגט, זייענדיק אויף „דינסט״ אין מיעכאָווער געגנט, תמיד באַזוכן די באַגדאַנסקיס אין פראַשאָוויץ. ער פלעגט זיי צושטעלן אונדזע־רע „צייטונגען״ און זיי אויך פערזענלעך אינפאָרמירט וועגן דער פּאָ־ליטישער לאַגע. זיינע דיאַגנאָזן פלעגן זיך תמיד צושפּיצן דערצו, אַז די דייטשן זענען „בעטלער״, אַז די מפּלה פון דייטשלאַנד וועט קומען אין די נאָענטסטע טעג. ער האָט געהייסן פּאַקן די זאַכן און דאָס באַלד, ווייל אין משך פון אַ וואָסערע צוויי, דריי וואָכן וועט מען דאַרפן אַהיימפאָרן, אין דעם באַפרייטן געביט. ער האָט נישט גענומען ערנסט

די פּראָנט־קאָמוניקאַטן, די פּראָנט־ליניע. ער האָט אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז יעדע באַוואָרעניש, יעדער ספק האָט אויסגעזען צו שטאַמען פון קליינקעפּלדיקייט. און כאָטש עס זענען אַזוי אַוועק וואָכן און חדשים האָט טאַמאַש זיינע השערות און זיינע טערמינען נישט געביטן. דער הער אָסקאַר האָט זיך אָבער אַלץ איינס געפרייט מיט דער פאַרזיכערונג, אַז אין איינציקע צוויי־דריי וואָכן אַרום וועט ער זיך אומקערן אַהיים.

ווען מיר האָבן מיינע באַלעבאַטים געוווּסט, אַז איך בין אַ „פאַר־ברענטער"; דעריבער האָב איך געמוזט אַנטלויפן פון מיין פריערדיק וווין־אָרט. זיי האָבן אויך געוווּסט, אַז איך בין געקומען אין מיעכאָווער געגנט אויף קאָנספּיראַטיווער אַרבעט. דאָס איז געגוג געווען, אַז זיי זאָלן פאַרשטיין, אַז וועגן גענויערע פּרטים בנוגע מיין פּערזאָן דאַרף מען נישט פרעגן און עס איז אויך איבעריק צו פרעגן, ווייל דאָס וואָס איך וועל זיי ענטפערן וועט אויך זיין נישט מער ווי „אַ ליפּע". דער הער באַגדאַנסקי, וועלכער האָט מיט אַ פּאַסיע ליב געהאַט אַלץ, וואָס איז געווענדט קעגן דייטש, האָט דערויף גענומען רייבן די הענט פון פרייד און אַרויסגעזאָגט איינעם פון זיינע באַליבטסטע דעוויזן: „הייסט עס, — נישט זיי אונדז, נאָר מיר זיי. נאָר זיך נישט לאָזן". די פרוי באַג־דאַנסקאַ האָט בכלל נישט ליב געהאַט זיך צו מישן אין פרעמדע געשעפטן און מיט אַ צויבערנדיקער גראַציע האָט זי געטון אַלץ כדי אויך אַנדערע דערין צו שטערן. דערביי האָב איך שוין אין די ערשטע טעג מיט אַלע שטובלייט זיך האַרציק באַפריינדעט. דער דאָזיקער פאַקט האָט אונדז אַמבעסטן איבערצייגט, אַז פריינטשאַפט קען געמאַכט ווערן — להיפּוך צו אַ פּאָסטן פון אַ סטרוזש אין מיניסטעריום — אָן אַ בקשה מיט אַ צוגאָב: די אייגענע אויטאָביאָגראַפיע.

***

פּראָשאָוויץ איז אָבער פּראָשאָוויץ און די באַגדאַנסקיס הויז ווערט שטאַרק באַזוכט. עס קומען פּראָשאָוויצער איינוווינער און עס קומען אָנ־געפּאַרענע געסט. עס קומען — ווי שוין דערמאָנט — פּריצים פון די

אַרומיקע „הייף" און גלחים. אין רעזולטאַט דערפון, האָט דער דראָטלאָ־זער טעלעגראַף גאַנץ גיך צעטראָגן דאָס נישט וויכטיקע ידיעהלע וועגן דעם אָנקום פון אַ געהיימניספולן פּאַרשוין.

חוץ דעם האָט נאָך עקזיסטירט אַ צוגאָב־אַגענטור: קינדער, יוגנט. אין דעם אויבן־באַשריבענעם פּאַלאַץ פון די באַגדאַנסקיס האָט, זיינע אַ טאָכטער, וויעסלאַווא, געפירט געהיימע שול־קורסן. יעדן טאָג זענען דריי קאָמפּלעטן דורכגעגאַנגען אין דער ריי. צוליב דעם, וואָס איך בין יענע ערשטע טעג וויניק אַרויסגעגאַנגען אויף מיין „געביט" און צוליב דעם, וואָס עס איז נאָר געווען איין צימער, האָב איך גאַנץ אָפט אַסיס־טירט בעת די לעקציעס. נאַטירלעך — פּאַסיוו. אָבער איינמאָל — בעת דער לעקציע פון פּוילישער ליטעראַטור — בעת די פּאַרטייטשונג פון עפּעס אַ ווערק האָט זיך נישט געקלעפּט, האָב איך זיך שלימזלדיק אַריינגעמישט אין דער דיסקוסיע. כ'האָב אָנגעהויבן דערקלערן און דער־ביי זיך פּאַרגעסן, זיך צעהיצט. וויעסלאַוואַ האָט אין אָנהויב זיך צוגע־הערט אויפמערקזאַם, מיט אַ געוויסן חשד, אָבער דערנאָך האָט זי מיט איר אייגנטימלעכער יונגער אונטערנעמערישקייט דערקלערט, אַז פון היינט אָן וועל איך פירן די לעקציעס וועגן פּוילישער ליטעראַטור. אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן. צו ליטעראַטור איז שפּעטער צוגעקומען געשיכטע און נאָך שפּעטער — רעליגיע און אַנדערע הומאַניסטישע קעגנשטאַנדן. אויב עס גייט וועגן רעליגיע, האָב איך זי געלערנט מיינע שילער לאָיאַל און בין געווען — ווי מיר דאַכט זיך איצט — פון די בעסטע וועלטלעכע „קאַטעכיזיסטן" אין דער געגנט. צי האָב איך געדאַרפט לערנען רע־ליגיע? ביי די באַגדאַנסקיס איז אָפט געקומען אין געסט דער ליבער, פריילעכער און רירעוודיקער גלח מגר. מיעטשיסלאַוו סקורטשינסקי (ער האָט דעמאָלט געוווינט אין דער פּלעבאַניע ניעגאַרדאוו). ער האָט ביי זיך אויך געפירט געהיימע לערן־קורסן און אויף וויפל איך בין זיך נישט טועה, איז ער געווען דער איניציאַטאָר פון די קורסן פון וויעסלאַוואַ. צוליב דעם, וואָס מיין אַרומקריכן איבער די דערפער, מיינע נאַכט־אויס־פלוגן און מיין אָנגעהעריקייט צו פּ. פּ. ס. איז גאַנץ גיך געוואָרן די טעמע פון געשפּרעכן (וועגן דעם אין אַן אַנדער אָרט) אין געוויסע קרייזן — און דער גלח האָט וועגן דעם גוט געוווּסט — האָב איך באַשלאָסן צו

שפּילן אין אָפּענע (בעסער געזאָגט: אין האַלב־אָפּענע) קאָרטן. דאָס שפּיל האָב איך אָנגעהויבן מער ווייניקער אַזוי:

— איך בין, ווי דער גלח ווייסט, אַ סאָציאַליסט און אַ נישט־רעליגיעזער מענטש. צי איז דאָס דעריבער אין אָרדענונג, אַז גראָד אַזעלכער זאָל לערנען רעליגיע? איך טו דאָס לאַיאַל, אָבער טרוקן און זאַכלעך.
דער גלח האָט טראַקטירט מיין ספק, אין די געגעבענע באַדינגונגען, ווי אַ גוזמא. דעמאָלט האָב איך אָנערקענט, אַז איך מוז נישט זיין פּויפּסט־לעכער ווי דער פּויפּסט.

צוליב דער איינצימערדיקייט פון דער דירה, זענען די לעקציעס אָפּטמאָל פאָרגעקומען אין דער אָנוועזנהייט פון די געסט. דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט נישט פאַרבעסערט די געשיקטלעכקייט פון די געהיימע לימודים. דערפאַר אָבער האָט זי פאַרשפּרייט מיין רענאָמע אַלס... קאָרע־פּעטיטאָר. נאָך ערגער: עס האָבן גענומען אַרומגיין קלאַנגען, אַז איך בין טאַקע אַ לערער און נאָך אַ סך ערגער — אַ ליטעראַט.

פון דעמאָלט אָן, האָט מען אין מיין אָנוועזנהייט תמיד אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף ליטעראַטור. איינמאָל זיץ איך אין דער סביבה פון אַ גרויסער צאָל געסט און מיר שמועסן וועגן אַלעם מעגלעכן אין דער וועלט. פּלוצים רופט זיך צו מיר אָפּ דער אייגנטימער פון אַ גרויסן מאַיאָנטעק אין דאַלעוויטש, דער סימפּאַטישער מאַריאַן ס.:

— צי האָבן מיר זיך נישט צופעליק געטראָפן פאַר דער מלחמה אין קראָקע, אין דער וווינונג פון קאַזשימיערזש טשאַכאָווסקי? 1).

כ׳טראַכט זיך: ס׳איז ביטער. כ׳ענטפער אָבער:

— אַלץ קען מעגלעך זיין אויף דער וועלט...

— אַנטשולדיקט — וואַגט ווייטער מאַריאַן ס. — כ׳האָב פאַרגעסן אייער נאָמען.

— מיין נאָמען — ענטפער איך קאַלט און בכיוון — וועט אייך סיי ווי גאָרנישט זאָגן. ער איז אַ צוגעטראַכטער.

---

1) אַ באַרימטער קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער. אויטאָר פון פיל מאָנאָגראַפיעס און פון דעם גרויסן פיל־בענדיקן ווערק „דאָס בילד פון דער היינט־צייטיקער פּוילישער ליטעראַטור״. נאָך דער מלחמה דעפּאַרטאַמענט־שעף פון ליטעראַטור אין מיניסטעריום פאַר קולטור און קונסט. געשטאָרבן דעם 17טן אויגוסט 1947.

אַנוועזנדיקע זענען געווען אַ סך. אָבער אַלץ רייפֿע אינטעליגענטע מענטשן. דעריבער האָט די ריזיקאַלישע דערקלערונג אַרויסגערופֿן דעם געהעריקן עפֿעקט. דער פּאַדים איז אָפּגעהאַקט געוואָרן, ווי מיט אַ מע־סער. אַ מינוט איבעררעשונג און דערנאָך איז דאָס געשפּרעך ווייטער אַוועק, אָבער דערביי שוין קיין איין וואָרט נישט אויף דער פֿריִערדיקער טעמע. עס איז אָבער קלאָר, אַז נאָך אַזאַ אינצידענט, איז די נייגעריקייט ביי אַלעמען נאָך מער אויסגעוואַקסן. אָבער פֿון איצט אָן האָבן זיי גע־ווּסט, אַז איצט גייען שוין אַריין אין קאָן פּאָליטישע מאָמענטן און זי־כערקייטס־מאָמענטן און דאָס הייסט, אַז די דאָזיקע נייגעריקייט דאַרף געשטילט ווערן אין פּאַרטרוילעכע שמועסן מיט זיכערע מענטשן. אין דעם טאָקע איז מיר געגאַנגען. אַנעקדאָטיש איז אָבער געווען די ווייטער־דיקע אַנטוויקלונג פֿון דעם ענין:

קודם־כל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין „הויף" ביי מאַריאַן ס. גע־פֿינט זיך, נישט מער און ווייניקער, נאָר דער זון פֿון טשאַכאָווסקין, דער 20־יעריקער אַדאַם. כ׳קען נישט זאָגן, אַז דער דאָזיקער פּרט (כאָטש אַדאַם האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פֿאַר זייער אַ ליבן יונג) זאָל מיר האָבן געווען זייער צו דער האַנט. אין עטלעכע טעג אַרום קומען אָן צוֹ־פֿאָרן פּריצישע פֿערד און אין שטוב גייט אַריין דער יונגער טשאַכאָווסקי. איך טראַכט מיר: אָט וואָס עס גייט אויף מיר איצט. מיר באַגריסן זיך. אָבער נאָך איידער איך באַוויז אַדאַמען צוזאָגן מיין פֿאַלשן נאָמען דריקט ער מיר די האַנט און זאָגט:

— איר זענט דער הער רושינעק? אמת?

— ניין — ענטפֿער איך — איר האָט זיך אַ ביסל טועה געווען.

דעמאָלט שמייכלט ער אַ ביסל דיסקרעט, ווי איינער זאָגט: אויב דו ווייסט, אַז איך ווייס, אַז דו ווייסט א. אַ. וו. וואָס־זשע שפּילסטו דעם גולם?

און דערביי איז עס געבליבן. דערווייל. דערפֿאַר אָבער האָט מען זיך אַנגעהויבן אַלץ מער צו פֿאַרטרויען, אַז דער... דאָרט... דאָס איז מיכאַל רושינעק 1) שפּעטער איז געקומען קיין דאַלעוויץ די טאָכטער פֿון קאַ־

1) ראָמאַנען־שרייבער, אויטאָר פֿון די ביכער: „שטורעם אויפֿן ברוק", „דער פֿלוטאָן פֿון דער ווילדער לאַנקע", „די ערד וואָס פֿליסט מיט האָניק" א.

זשימיערזש טשאַכאָווסקי — זאָפיאַ. זי איז אויך געקומען קיין פּראַשאַ־וויץ. זי האָט אָבער קיין אַלוזיעס נישט געמאַכט. פאַרקערט, זי האָט זייער דיסקרעט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז עס פעלט איר אַפילו נישט איין צו פאַרטראַכטן זיך ווער עס איז דער ניי־באַקאַנטער. אַרויספאָרנדיק האָט זי פונדעסטוועגן באַשטעטיקט די טעזע פון איר ברודער: געוויס — רו־שינעק. באַקענטע פון פריצישן הויף, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן קיין קראָ־קע האָבן ביי טשאַכאָווסקין געבאָרגט זיין בוך: „צוויי יאָר פוילישע ליטע־ראַטור 1937־38", וואָס איז דערשינען האַרט פאַר דער מלחמה און אין וועלכן עס האָט זיך, צווישן אַנדערן, געפונען אַ קליינע פאָטאָגראַפיע פון מיכאל רושינעק. קיין שום זייטיקער מענטש וואָלט אַוודאַי צווישן אונדז ביידן נישט געפונען קיין שום ענלעכקייט. אויב מען וויל אָבער דווקא געפינען אַן ענלעכקייט, נו, איז דער האָט אַ נאָז און יענער — אַ נאָז, דער האָט אויגן און יענער — אויגן, דער האָט וואָנצעס און יענעם האָט אויך די נאַטור באַשאָנקען מיט וואָנצעס. הכלל: ס'איז געבליבן, אַז איך בין טאַקע רושינעק. אמת, רושינעק האָט אויף דער פאָטאָגראַפיע געהאַט אַ סימן פון אַ פליך אין פאָטענץ. אָבער דאָס איז גאָרנישט. ווייניק מיט־לען פאַר האָר־וווקס פאַרקויפט מען אין די אַפטייקן?

צו מיר זענען די אַלע קלאַנגען דערגאַנגען זייער אומדירעקט, אין דיסקרעטע אַלוזיעס און אין פיל־באַדייטיקע שמייכלען. איך האָב זיך דערוווסט, אַז קאַזשימיערזש טשאַכאָווסקי, וואָס איז געווען מיכאל רו־שינעקס אַ פריינד, האָט אים זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, ווי אַ קאָ־מענדאַנט פון געהיימע קאַמפּס־אָפּטיילונגען. דעריבער האָט ער — כדי צו מאַכן אַ סוף צו דעם ספק, אָנגעשריבן אַ בריוו קיין וואַרשע (ווו רושי־נעק האָט זיך, לויט זיינע ידיעות געדאַרפט געפינען) מיט אַ גרוס פאַר רושינעקן און מיט אַן אומשולדיקער אָנפראַגע, וואָס ער מאַכט, ווי ער פילט זיך און וואָס ער טראַכט צו טון. רושינעק האָט געזאָלט ענטפערן, אַז ער לעבט, איז געזונט, וווינט אויפן זעלביקן אַדרעס און וואַרט אויפן סוף פון דער מלחמה. דוכט זיך קלאָר! אָבער אין מעכאָווער געגנט האָט

א. וו. אַרויסגעגעבן אַ באַנד זכרונות א. נ. „פון דער באַריקאַדע אין הונגער־טאָל". נאָך דער מלחמה שעף פון טעאַטראַלן דעפּאַרטאַמענט אין מיניסטעריום פאַר קולטור און קונסט אין פוילן.

מען באַשלאָסן, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער, ווי אַ באַווייז פון מיין טיף קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט. כ׳האָב שוין אַפילו געטראַכט אָנצושרייבן אַ בריוו צו קאַזשימיערזש טשאַכאָווסקי, מיט וועלכן כ׳האָב זיך גוט געקענט און אים בעטן, אַז ער זאָל אַ סוף מאַכן צו דעם פּלאָנטער. כ׳האָב דאָס אָבער נישט געטון, ווייל אַ בריוו איז אַ בריוו און אין געוויסע סיטואַציעס קען ער נאָך מער פאַרפּלאָנטערן פאַרשידענע ענינים.

דערווייל האָט די אינטעליגענץ פון דער אומגעגנט גענומען שטאַרק זוכן די ביכער פון מיכאל רושינעק. מען האָט אַלץ געלייענט — אַפילו זיין בראָשור (דוכט זיך וועגן גדיניע). כ׳האָב זיך דעמאָלט געטראַכט: אויב ס׳איז דאָ אויף דער וועלט כאָטש אַ ברעקל יושר, וואָלט איך באַ־דאַרפט באַקומען פּראָוויזיע ביי זייער נייער אויפלאַגע. כאָטש אין יענע צייטן האָט דער דאָזיקער גרויסער נאָכפרעג קיין שום ווירקונג נישט געהאַט אויף דער צאָל פון פאַרקויפטע עקזעמפּלאַרן, וואָרום אַ בוך איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט און איין עקזעמפּלאַר האָט פאַרטראָטן אַ גאַנצע אויפלאַגע.

אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער לעקטור, האָבן די אַלוזיעס בנוגע מיר אָנגענומען אַ מער „ליטעראַרישן", מער אויסגעזוכטן כאַראַקטער. איך גיי, למשל, אַהיים פון עפּעס אַ דאָרף, פון אַ צווישנפּאַרטייאישער זיצונג פון דער לאַנדאַנער רעגירונגס־דעלעגאַטור. איך גיי מיט פאַר־שטייער פון אַנדערע פּאַרטייען. אויפן וועג גייען מיר ערגעץ אַריין אויס־טרינקען אַ ביר. מיין באַגלייטער (וועלכן כ׳האָב באַקענט פון דער קאָנס־פּיראַטיווער אַרבעט) באַשטעלט צו טרינקען, אָבער אָנשטאָט צו זאָגן פּשוט: „ביטע, צוויי גלעזער ביר", הייבט ער אָן צו רעציטירן „בום, בום" און שמייכלט דערביי צו מיר פילדייטיק. דערהערנדיק דאָס, דערמאָן איך זיך תיכף דעם קאַפּראַל, וועלכן רושינעק באַשרייבט אין זיינע ביכער „דער פּלוטאָן פון דער ווילדער לאָנקע" און אין „האַניק־פליסנדיקן לאַנד". דער דאָזיקער קאַפּראַל האָט טאַקע אַ טבע אויף אַזאַ אופן צו באַשטעלן זיך ביר אין שענק. איך מאַך זיך אָבער, אַז איך פאַרשטיי נישט אין וואָס עס גייט. דערפאַר קוקט אויף מיר מיין באַגלייטער מיט אַ טיף פאַרדריסלעכן בליק, וואָרום איך האָב, הייסט עס, צו אים קיין

צוטרוי נישט, ווען ער גיט מיר אַזוי קולטורעל, אַזוי נישט פאַרפּליכטנ־דיק צו פאַרשטיין, אַז ער ווייסט ווער איך בין.

באַלד דערנאָך האָט די זאַך אָנגענומען נאָך אַן ערנסטערע ווענ־דונג. אַלס קאָמענדאַנט פון די פּ. פּ. ס.־אָפּטיילונגען טרעף איך זיך איינ־מאָל מיט דעם אינספּעקטאָר פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ". מיר רעדן אַרום צום ערשט פאַרשידענע קלייניקייטן און שפּעטער טרעטן מיר צו פעסטצושטעלן צו וועמען עס געהערן די מענטשן, וואָס מען האָט ביי־נאַכט געזען באַוואָפנטע אויף אַ געוויסן קאַמפּס־געביט. דער שעף פון אויסשפּיר־דינסט ביים אַ. ק. רעכנט מיר אויס אַ ריי נעמען און צווישן אַנדערן פרעגט ער:

— צי געהערט מיכאַל רושינעק צו אייך?

— ניין, ענטפער איך, ביי אונדז איז אַזאַ איינער נישטאָ.

באַלד כאַפּ איך זיך, אַז דער ענטפער טויג אויף כפּרות, ווייל פון דעם קען אַרויסקומען אַ גאַנצער פּלאָנטער, וואָרום אויב דער אויסשפּיר־דינסט פון אַ. ק. האָט פעסטגעשטעלט, אַז „רושינעק" גייט אַרום אין דער נאָענט מיט באַוואָפנטע גרופּעס, קענען זיי מיר איצט, ביי אַ גע־לעגנהייט, דערשיסן ווי אַ געוויינלעכן באַנדיט. דאָס הייסט: דעם „רו־שינעקן" וואָס געהערט כלומרשט צו קיינעם נישט. דעריבער זאָג איך:

— צי זענט איר זיכער, אַז דער מענטש, וועגן וועלכן איר רעדט, הייסט טאַקע אַזוי?

מיר זענען דעמאָלט געווען ווייט אין פעלד, נעבן די שינעס פון דער קליינבאַן. מיין מיטשמועסער, דערהערנדיק די פראַגע, איז פּלוצים געבליבן שטיין.

— וואָרום וואָס? איר האָט געהערט וועגן אַזאַ נאָמען?

— יאָ — ענטפער איך — איך קען אַזעלכן, וואָס מען איז אים חושד, אַז ער הייסט אַזוי.

ער גיט מיר גענויערע סימנים. עס שטימט. עס גייט וועגן מיר. איך זאָג:

— יאָ, דער דאָזיקער מענטש געהערט צו אונדז. כ'מאַך אייך אָבער אויפמערקזאַם, אַז דער דאָזיקער מענטש איז נישט רושינעק. דאָס זענען גרונטלאָזע קלאַנגען.

און כדי צו מאַכן אַ סוף מיט דעם גאַנצן שפּיל, שטעל איך אויף דעם לעצטן קאָן:

— דאָס בין איך!

מיין מיטשמועסער איז דערשטוינט. ער בעט מיך איבער. אין דער קאָנספּיראַציע זענען פאַראַן מיספאַרשטענדענישן. נו, דער אויסשפּיר איז אַן אויסשפּיר. אָבער איצט ווען ער ווייסט שוין, איז... נאַטירלעך... ...

— אָבער איך מאַך אייך נאָכאַמאָל אויפמערקזאַם — זאָג איך — אַז איך בין נישט מיכאַל רושינעק און איך בעט אייך צו מאַכן אַ סוף צו די קלאַנגען.

דער אינספּעקטאָר זאָגט מיר פייערלעך צו צו טון אַלץ וואָס ער וועט קענען. זיין וואָרט האָט ער טיילווייז געהאַלטן. מענטשן, וואָס זענען געווען נאָענט צו דער אַ. ק. האָבן וועגן דער זאַך אויפגעהערט הויך צו רעדן. דאָך — אין אַ צוויי וואָכן אַרום — געפין איך אין דער מיליטער־רישער פּאָסט פון קראָקע צו מיר, אַ צושריפט פון טעאָדאָרן:

„זיגמונט! וואָס טוט זיך דאָרט? דער אויסשפּיר פון אַ. ק. אינס־פּעקטאָראַט האָט פאַרטרויליך מיטגעטיילט אין דער קרייז־קאָמענדע, אַז דער קאָמענדאַנט פון די פּ. פּ. ס.־אָפּטיילונגען אין מיעכאָווער געגנט איז מיכאַל רושינעק. פאָרש אויס, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך".

איבערלייענענדיק דאָס, האָב איך זיך צעלאַכט. ס'האָט זיך מיר דערמאָנט אַן אַלטער וויץ וועגן צוויי פריינד וואָס טרעפן זיך אויפן וואָק־זאַל: — וואוהין פאָרסטו? — פרעגט איינער. — קיין פּויזן — ענטפערט דער צווייטער. דערויף זאָגט דער ערשטער: — ס'איז אַ ליגן! דו זאָגסט, אַז דו פאָרסט קיין פּויזן כדי איך זאָל מיינען, אַז דו פאָרסט קיין ווילנע, אָבער אין דער אמתן פאָרסטו דאָך טאַקע קיין פּויזן!

מיט אַזעלכע קאַטעגאָריעס האָט, זעט אויס, געטראַכט דער שעף פון אויסשפּיר־דינסט פון אַ. ק. ער האָט געמאַכט דעם אַנשטעל, אַז ער נעמט אָן מיין דערקלערונג פאַר אַ גוטער מטבע. ביי זיך אין האַרצן האָט ער אָבער געטראַכט: „נישטאָ קיין נאַראָנים"; און טאַקע תיכף מיט־געטיילט זיין העכער־שטייענדיקער מאַכט וועגן זיין אַנטדעקונג, אַלס פאַקט, וואָס איז „אויסער יעדן ספק". צי האָט ער באַקומען עפּעס אַן אויסצייכענונג פאַר זיין דורכדרינגלעכקייט, ווייס איך נישט. מיך וואָלט

עס אַפּילו נישט געוווּנדערט. און געווען איז דאָס אַ מענטש — אויף וויפל איך האָב זיך געקענט אָריענטירן — אַן אינטעליגענטער. מילא אַזעלכע זאַכן קענען יעדן טרעפן.

דער צושריפט פון טעאַדאָרן האָט מיר אָבער באַוויזן, אַז אונדזער אויסשפּיר איז טראָץ אַלעם מער פּרעציז.

**
*

מיט די דאָזיקע לעקציעס, מיט דער ליטעראַטור און מיט רושינעקן זענען נאָך געווען אַנדערע קאָפּ־פּאַרדרייענישן.

אַלס לערער האָב איך באַקומען אַ נאָמען — ווי אויף דער בויט־ווענדיקייט אין יענע צייטן — אַ צו גוטן. ס׳זענען געקומען מענטשן, וואָס נישט איך און נישט די באַגדאַנסקיס האָבן זיי געקענט מיט דער בקשה כ׳זאָל זיי געבן לעקציעס צו דער „מאַטורע" (גימנאַזיעלע רייפ־קייט־צייגעניש). איינמאָל איז אַפּילו געווען אַן ערנסטער מאָמענט, ווייל מיט די געהיימע לעקציעס פון וויעסלאַווען האָט זיך פּלוצים פּאַראינטערעסירט די פּאָליציי, וועלכע האָט זיך וועגן זיי דערוווּסט פון עפּעס אַ פּאַרשוין, וואָס איז נישט אויסן געווען צו מסרן, נאָר האָט סתם אומפּאַר־זיכטיק געפּלאַפּלט. אַ גליק, וואָס דער אינצידענט איז תיכף ליקווידירט געוואָרן.

די פּאָפּולאַריטעט אין פּאַרוואָרפענעם העק איז מיר אָבער וואָס אַמאָל ווייניקער געווען צו דער האַנט צוליב נאָך אַנדערע סיבות: די לעקציעס, וועלכע האָבן פריִער מאַסקירט מיינע „אויספלוגן" אין דער געגנט, האָבן איצט, (ווען די אויספלוגן האָבן זיך גענומען פּאַרציִען אויף טעג), מיך להיפּוך דעמאַסקירט, ווייל דורך זיי איז ניכר געוואָרן מיין לאַנגע אָפּוועזנהייט. צום סוף האָט די אַרבעט שוין געפּאָדערט, אַז איך זאָל זיך אינגאַנצן אַרויסציִען פון די באַגדאַנסקיס און אַריינפּאַלן דאָרט נאָר אַלס גאַסט, דעמאָלט ווען מיין וועג האָט צופעליק געפירט דורכן שטעטל. די מיליטערישע אַרבעט האָט איצט געפּאָדערט מיין כסדרדיקע אָנוועזנהייט נעבן די מיליטערישע אָפּטיילונגען און האָט אויסגעשלאָסן די אין אָנהויב אָנגעווענדעטע דאָפּלטע בוכהאַלטעריע פון לעבנס־אופן.

דער ריכטיקער מיכאַל רושינעק, וועלכער איז אומשולדיק פּאַר־

פּלאָנטערט געוואָרן אין די אַלע ענינים (כאָטש אים איז שפּעטער אויך אָויסגעקומען צו פאַרזוכן דעם טעם פון אַ דייטשן לאַגער, ווען וואָס ס׳זאָגט עדות זיין בוך „אין טאָל פון הונגער״) לעבט און איז נאָך דער מלחמה געווען דער דעפּאַרטאַמענט־שעף פון דער טעאַטער־אָפּטיילונג ביים פּוילישן מיניסטעריום פאַר קולטור און קונסט. ווען עס זאָל זיך אָבער אַזוי מאַכן, אַז אים זאָל נמאס ווערן דער דאָזיקער הויכער אַמט און עס זאָל זיך אים פאַרוועלן וווינען אין אַן אָפּגעלעגן אָרט, וואָלט איך אים געראַטן צו פאָרן קיין פּראַשאַוויץ. ער האָט דאָרט זייער אַ גוטן נאָמען אַלס... לערער. לעקציעס וועלן אים זיכער נישט פעלן. די מענטשן פון מיעכאָוער געגנט זענען גאַסט־פריינדלעך און די ערד איז אַ שפּעדיקע. ער וועט זיך דאָרט ווי עס איז אַן עצה געבן.

דאַקעגן אויב עס גייט וועגן דעם היקף פון פּאָפּולאַריטעט פון אַ ליטעראַרישן נאָמען, האָט ער זיינע גרענעצן און אַפילו זיינע סורפּריזן. ס׳האָט מיך דערין איבערצייגט אַ געוויסער געשפּרעך, וואָס איך האָב אין אַ שפּעטערדיקער צייט געהאַט מיט אָפּיצירן פון א. ק., אין אַ געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ פריינטלעכער אַטמאָספער. איינער פון די אָפּיצירן האָט דעמאָלט ווידער דערמאָנט דעם נאָמען פון מיכאַל רושינעק; אויך מיט אַ שמייכל, אָבער — גוטמוטיק, האַרציק, נישט האָפּערדיק. ביי אים אָבער איז דער דאָזיקער נאָמען פאַרבונדן געווען מיט די שטרייקן, וואָס פּ. פּ. ס. האָט פאַר דער מלחמה אָרגאַניזירט. כ׳האָב גלייכגילטיק געענטפערט, אַז אויף וויפל איך ווייס, האָט מיכאַל רושינעק קיינמאָל קיין אַקטיוון אָנטייל נישט גענומען אין דירעקטע פּאָליטישע אַקציעס. מיין מיטשמועסער האָט זיך ווידער שיער נישט באַליידיקט, מחמת אים האָט זיך געדאַכט, אַז איך זאָג עס צוליב מאַנגל אין צוטרוי צו אים. ער האָט מיר דערויף געזאָגט:

— נו, און די שטרייקן פון די טראַנספּאָרטלער אין גדיניע?

דעמאָלט האָב איך זיך ערשט געכאַפּט, אַז ווי אַ צוליב צום גאַנצן פּלאָנטער, האָט מען דאָ נאָך צוזאַמענגעמישט צוויי רושינעקס: דעם שרייבער מיכאַל רושינעק און דעם פּ. פּ. ס.־טוער קאַזשימיערזש רושינעק אין גדיניע. איצט האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי עס איז מעגלעך געוואָרן, אַז רושינעק זאָל קומען אין די פּ. פּ. ס.־אָפּטיילונגען, וואָרום

געהערט האָט ער דאַן טאַקע צו פּ. פּ. ס. אלא וואָס דען? דאָס איז נישט געווען דער שרייבער רושינעק? נו, אַזאַ געניוקייט קען מען שוין אין אַזאַ פּלאָנטער נישט פאַרלאַנגען.

וועגן דער גאַנצער מעשה האָב איך פאַרבייגייענדיק דערציילט קאַזשימיערזש רושינעקן, ווען ער איז געווען אין קראָקע, אומקערנדיק זיך פון אַ דייטשן לאַגער קיין פּוילן. דעמאָלט איז דאָס געווען אַ פריילעכער אַנעקדאָט. זייט יענער צייט זענען אַ סך וואַסערן אָפּגעפלאָסן. אין מיעַבאָווער געגנט ווייס מען שוין פון לאַנג, אַז איך בין אַ ייִד. איך האָב זיך אין דער היגזיכט דעקאָנספּירירט באַלד נאָך דער מלחמה און אַזעלכע „סענסאַציעס" האָבן אַ טבע אין דער פּראָווינץ זייער גיך זיך צו פאַרשפּרייטן. קאַזימיערזש רושינעק איז אָבער נאָך דער מלחמה געוואָרן אַ מיניסטער. נאַטירלעך, האָבן די ביידע פאַקטן מיט זיך אַזויפיל שייכות, וויפל אַ רעגן אין האָנאָלולו מיט אַן ערדציטערניש אין יאַפּאַן. איך אָבער, וואָס קען די מעטאָדן פון גוטע מענטשן, האָב שטאַרק מורא, צי דאָרט אין מיעכאָווער געגנט האָט זיך ווידער נישט אַלץ פאַרמישט. עס קען זייער געמאָלט זיין, אַז דער און יענער, לייענענדיק דעמאָלט אין דער פּרעסע די נעמען פון די נייע מיניסטאָרן, פאַרהאַלט זיך אַ ווייל ביים נאָמען רושינעק און גיט אַ ברום: „שוין ווידער אַ מיניסטער — אַ ייִד". און אויב איינער איז נאָר געפאַלן אויף דעם דאָזיקן שכל, וועט מען זיך דאָס איבערגעבן פון מויל צו מויל, ווי אַ פאַקט „אויסער יעדן ספק".

***

ניין. איך פאַרגעס לגמרי נישט וועגן דער פּאַקטישער טעמע פון די דאָזיקע זכרונות. אויב איך פאַרהאַלט זיך ביי פּרטים, וואָס זענען אויס נישט וויכטיק, וואָס זענען אויס זייטיק אוןְ פון אַן אַנעקדאָטישן כאַראַקטער, טו איך דאָ מיט אַ כיוון. אין די דאָזיקע פּריוואַטע קלייניקייטן האָט אין תוך געבומען געלויערט דער... ייִדישער מאָמענט. דאָס באַהאַלטן אים.

ייִדן אויף „אַרישע פּאַפּירן" האָבן געמוזט תמיד קאַמפּאַנירן און רעזשיסירן „אַ פאַרגאַנגענהייט", אַ משפּחה, אַן אָפּשטאַם. זיי האָבן אינסצעניזירט אַרויספאָרן צו כלומרשטע פאַמיליע-מענטשן, אויפגענומען געסט

— כלומרשטע קרובים 1). זיי האָבן עס געטון דערפאַר, כדי עס זאָל נישט בלייבן הינטער זיי קיין ליידיק אָרט, ווו די מענטשלעכע נייגע־ריקייט זאָל אַריינשטעלן אירע השערות. שכנים ווילן בעסער וויסן אויס־געטראַכטע זאַכן, איידער גאָרנישט. און מיט דער נייגעריקייט פון די שכנים האָט מען זיך אין יענע יאָרן געמוזט שטאַרק רעכענען. אַ שלי־מזלדיקע באַמערקונג, אַ זייטיקע אַלוזיע, אָדער אַ קלאַנג, וואָס איז אַרויס־געלאָזט געוואָרן דורך אַ שלעכטן ווילן פון אינגאַנצן פריוואַטע מענטשן האָט געברענגט מיט זיך זייער מאקאברישע פאָלגן.

עס איז צופעליק אַזוי געשען, אַז מיין קינדהייט און מיין יוגנט האָבן זיך אָן שוועריקייטן געקענט אַריינפּאַסן אין לעבן פון אַן „אַרישן מענטש"; דעריבער ווען איך האָב אַמאָל געלעגנהייטלעך דערציילט מיינע יוגנט־דעראינערונגען, זענען דאָס געווען אמתע. כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין נויטווענדיקייט אויסצוטראַכטן „אַ משפּחה־רעקוויזיט", קיין „ראַם". ווען מיינע נייע באַקאַנטע האָבן געוואָלט שטילן זייער נייגער מיט דערוויסן זיך פּרטים וועגן מיר און מיין פריִעדיק לעבן, האָב איך נישט אויסגעטראַכט קיין מעשיות, כ'האָב זיי קלאָר, אָפן און עטוואָס פּראָוואָקאַטאָריש געזאָגט:

— מיין נאָמען פון דער „קענקאַרטע" איז אַ „ליפע" און ווי אַזוי ער איז אין דער אמתן איז שוין מיין זאַך.

אין די מאָמענטן פון חברישער האַרציקייט, ווען עמעצער האָט אויפן סמך פון דעם אָדער יענעם פּרט געוואָלט פעסטשטעלן מיין ביאָג־ראַפיע, האָב איך אים אָפּגעשטעלט האַלב אין שפּאַס:

— כ'מאַך דיר אויפמערקזאַם, אַז דו ביסט אויף אַ פאַלשן וועג.

טיילמאָל האָב איך צוגעגעבן פּראָוואָצירנדיק:

— ווען איך זאָל באַמערקן, אַז עמעצער פון אייך דערנענטערט זיך צום ריכטיקן וועג, וועל איך טון אַלץ כדי אייך צו פאַרטומלען און דעזאָריענטירן.

דאָס באַהאַלטן מיין „ראַסן"־אָפּשטאַם איז נישט געווען דער ציל פון מיין האַנדלונג, אין דעם פאַל איז עס נאָר געווען אַ טעכנישער צו־גאָב. און דאָך — אַ צוגאָב אַ נויטווענדיקער, וואָס האָט אָן אָפּעלאַציע

---

1) זע — וועגן דעם — אין דער ערשטער טייל פונעם בוך.

באַדינט אַלע אַנדערע. ווען דאָס איינע „רינגעלע“ וואָלט „אָנגעזעצט“, וואָלט דער טייוול גענומען די גאַנצע איבעריקע אַרבעט. און נאַטירלעך פון דעם דאָזיקן סוד, וואָלט ער מיך באַלד שלעכטס געטון; ער וואָלט — אויך מיך. עס גייט נישט דערין, וואָס ווען עמעצער דערוויסט זיך דעם סוד אָבער איבערגעגעבן אַ צווייטן. ווייל ווי דען? ווי אַזוי זיך נישט אַראָפּרעדן פון האַרץ? ווי אַזוי זיך אַרומטראָגן מיט אַזאַ סוד איינער אַליין? און אויף דער אַנטוויקלונג פון די ווייטערדיקע געשעענישן וואָלט ער שוין קיין איינפלוס נישט געהאַט.

VII

פון דער סעריע: מיספאַרשטייעניש. — הילף פאַר באַהאַל־טענע ייִדן. — „דער גאַנצער קאָמענדאַנט מוז זײַן יענער אַנטי־סעמיט". — אַן אײַנלאַדונג צו ווערן אַ טויף־פאָטער. — „די דאָזיקע פרײַלין זעט לגמרי נישט אויס ווי קיין ייִדישע". — דער סאָוועטישער מאַיאָר קאַבאַנאָוו און דער „ייִדישער" אופן. — די ליבע פרוי קאַזשע און מײַן אַנאַלפאַבעטיזם. — מ'יין אַרט לעבן „איבער דער מאָס".

אין דער געגנט, האָבן זיך, דאָ און דאָרט, אויסבאַהאַלטן די אייניציקע נאָך נישט־אויסגעמאָרדעטע ייִדן. די דאָזיקע מענטשן (אויב ס'האָט זיך אײַנגעגעבן צו קריגן מיט זיי אַ דירעקטן, אָדער אומדירעקטן קאָנטאַקט) האָבן מיר זיך באַמיט צו העלפן. זיי האָבן באַקומען אַ חודשלעכע געלט־שטיצע (אין אָנהייב — זייער אַ קליינע, שפּעטער — אַ גרעסערע) פון דעם „ראַט צו העלפן ייִדן". דאָס האָט געהערט צום „ציווילן" רעסאָרט, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער שוין דערמאָנטער טאָמאַש; דערנאָך — דער אַלטער סאָציאַליסטישער טוער פון זאַגלעמביע — פלאָריאַן, (פּיאָטר אראטשעווסקי). די דאָזיקע אויפגאַבע האָט פלאָריאַן אויסגעפירט מיט זײַן אייגנטימלעכער אָרנטלעכקייט. אַ חוץ אינטערווענירן און קאָנקרעטע פאַלן, האָט ער דעם דאָזיקן פּראָבלעם געווידמעט אַ סך אויפמערקזאַמקייט אין די ראַמען פון אונדזער אויפקלערונגס־אַרבעט. טראָץ זײַן עלטער איז ער אויך בײַגעווען אויף אַלע מיליטערישע אַקציעס. מיר האָבן געאַרבעט אין פולן הסכם און פרײַנדלעכער פאַרשטענדיקונג,

אַזוי, אַז אין דער פּראַקטיק האָט די פונאַנדערטיילונג פון אונדזערע קאָמ־פּעטענצן נישט געהאַט קיין גרויסע באַדייטונג.

די באַהאַלטענע ייִדן האָט מען פון צייט צו צייט געדאַרפט מאַכן (אויף יעדן פאַל) פאַלשע פּאַפּירן. טיילמאָל אַריבערפירן ביינאַכט פון איין אָרט אויפן צווייטן. אַן אַנדערשמאָל רעדן מיט זייער באַלעבאָס, באַ־רויִקן, אויסגלייכן, מוטיקן. אין דעם האָט פיל מיטגעהאָלפן יאַן טשעפּ־לי 1), אַן אַגראָנאָם, וואָס האָט געוווינט אין אָפּאָטקאָוויצע.

אין די אַלע פאַלן האָבן אויך נישט געפעלט קיין קאָמישע מאָמענטן, וועלכע נאָר איך אַליין האָב געקענט ווי געהעריק אָפּשאַצן.

אין אַ געוויסער באַהעלטעניש האָבן זיך געפונען דריי ייִדן (אַ פּאָר־פאָלק און אַ דריטער מאַן). די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך דריי יאָר געפונען אין דער מלינה, זענען זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען זייער נער־וועז און ס׳זענען צווישן זיי פאָרגעקומען גרויסע מחלוקת. די מחלוקת וואָלטן נישט געווען אַזוי שרעקלעך, ווען דאָס וואָלט נישט אַרויסגעפירט פון געדולד דעם באַלעבאָס, וואָס האָט זיי באַהאַלטן. ער האָט פּשוט מורא געהאַט, אַז דערמיט גיבן זיי אויס זיך און אים. כ׳בין דעריבער אַוועק צו די מענטשן און מיט אַ שאַרפן טאָן זיי אַריינגעזאָגט עטלעכע ווערטער. ביים אַרויסגאַנג האָב איך זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן, כדי צו קאָנטראָלירן צי מען זעט נישט אין דער נאָענט קיין נישט־געוווּנטשענע מענטשן. דע־מאָלט דערהער איך, ווי איינער פון די ייִדן זאָגט צו דעם צווייטן אויף ייִדיש:

— דער גאַנצער קאָמענדאַנט מוז זיין יענער אַנטיסעמיט. אָבער מען האָט אים באַפוילן זיך צו פאַרנעמען מיט אונדז, מוז ער דאָס טון.

**
*

נישט איינמאָל האָבן די דאָזיקע מיספאַרשטייענישן געהאַט אַ לי־רישן ניואַנס. איינמאָל האָט מיר מיינס אַ זעלנער פאַרבעטן אַלס טויף־פאָטער פאַר זיין זון. צי איז אַזאַ זאַך לייכט אָפּצוזאָגן? ערשטנס זאָגט מען זיך פון אַזאַ זאַך בכלל נישט אָפּ און צווייטנס איז די זאַך געווען

1) אַן אַקטיווער טוער אויך אויף אַנדערע געביטן. אים האָט פיל מיטגע־האָלפן זיין פרוי אַניעלאַ.

אַ באַווייז פון האַרציקייט. זוכנדיק עפּעס אַ לאָגישן אויסרייד האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האָב אַ קאַטעגאָרישן פאַרבאָט פון מיין העכערער מאַכט צו פיגורירן אויף וועלכן עס איז ציווילן אַקט. דערהויפּט ווען איך לעב נישט אויף מיין נאָמען, נאָר אויף אַ פרעמדן.

— פאַר דעם געטויפטן וואָלט נישט געווען קיין גוטער סימן ווען שוין אין טויף־אַקט זאָלן זיך געפינען פאַלשקייטן — זאָג איך.

— וואָס פאַר אַ פאַלשקייטן — ענטפערט ער מיר — ס׳וועט זיין אַ פּוילן, וועט מען גיין צום גלח און אַלץ פאַרריכטן; און ווי לאַנג ס׳איז קיין פּוילן נישטאָ, מוז סיי ווי אומעטום זיין עפּעס אַ פאַלשקייט.

כ׳האָב געפילט, אַז טראָץ מיין אַרגומענטאַציע האָט ער דאָך אַ פאַר־דרוס אויף מיר צוליבן אָפּזאָגן. כדי צו פאַרגלעטן דעם ענין, האָב איך געזאָגט:

— און ווייסט איר מיין טייערער — אַזוי צווישן זיך גערעדט — ווייס איך נישט צי איר האָט געמאַכט בנוגע מיר דעם ריכטיקן אויסוואַל. אַפילו ווען איך זאָל דעם דאָזיקן פאַרבאָט נישט האָבן. אַלס טויף־פאָטער דאַרף מען אויסקלייבן אַ סאָלידן מענטש. דאָס יינגל וועט וואַקסן, וועט ער דאַרפן האָבן אַ טויף־פאָטער, וועלכן עס קריכן שוין קיין נאַרישקייטן נישט אין קאָפּ. און מיט מיר, מיין טייערער, געשעט נאָך אַלץ פאַרשידנס.

איך טראַכט מיט אַ געוויסער גערירטקייט וועגן דעם דאָזיקן קאַנ־דידאַט אויף מיינס אַ טויף־זון, כאָטש איך האָב אים קיינמאָל פאַר מיינע אויגן נישט געזען. איצט, נאָך עטלעכע יאָר, וואָלט איך אויפסניי איבער־געחזרט די מיינונג וועגן זיך. אפשר אויך אין דעם פאַל, ווען ס׳וואָלט נישט אַריינגעקומען אין שפּיל די מאָמענטן פון רעליגיע און גלויבן.

**
*

וואָס מער איך פאַרטיף זיך אין זכרונות, אַלץ מער וואָלט איך וועלן פאַרנאָטירן די אַלע קלייניקייטן, וועלכע ווערן אַזוי זאָרגלאָז אויסגעמיטן אין די „וויסנשאַפטלעכע״ עלאַבאַראַטן.

זשוטע רישינסקאַ (נישט קיין יידישע) וועלכע איז מיט אַ יאָר צוריק געווען די פאַרבינדלערין מיטן „יאַנאָווער״ לאַגער אין לעמבערג, איז אין דער צווישנצייט בעת דער „אַרבעט״, אַריינגעפאַלן. זי איז דורכגעגאַנגען

די שוידערלעכע אויספאָרשונג אין טאַרנאָוו. מען האָט פון איר גאָרנישט נישט אַרויסגעקריגן. פון תפיסה האָט מען זי אָפּגעשיקט אין שעבני־לאַגער, פון דאָרט — אין פּלאַשאָווער לאַגער. ווען מען האָט זי סוף כל סוף אַרויסגעלאָזט, האָט זי געמוזט (אויף יעדן פאַל) „פאַרשווינדן פון די אויגן”. דער קרייז־קאָמיטעט האָט זי אַרויסגעשיקט צו מיר אין מיעכאָווער געביט.

צוליב דעם, וואָס זשוטע האָט געוווּסט ווער איך בין און איז שוין געווען אַ ביסל באַהאַוונט אין „ייִדישע” ענינים, האָב איך איר עטלעכע מאָל געגעבן זייער דעליקאַטע אויפגאַבן אויף דעם געביט. אין אַ געווויסן טאָג האָט זי געדאַרפט פּאָטאָגראַפירן אַ ייִד אין זיין מלינה. (דעם דאָזיקן ייִד האָבן מיר געהאַט אונטער אונדזער אויפזיכט). ווען זי איז שוין אַרויס, האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט צו איר זייער האַרציק:

— מיט אַזאַ פּנימל ווי איר האָט, קען מען זיך רויִק גיין איבער דער וועלט. קיינעם וועט אַפילו נישט איינפאַלן, אַז איר זענט אַ ייִדישע.

— איך בין דאָך נישט קיין ייִדישע — ענטפערט זשוטע אומשולדיק.

די באַלעבאָסטע האָט אָבער נישט געגלויבט. זעט אויס זשוטע האָט מיט דעם ייִד גערעדט צו האַרציק און צו נאַטירלעך. ווען איך בין ביי אַן אַנדער געלעגנהייט געווען אין יענער כאַטע, זאָגט צו מיר די באַלעבאָסטע:

— איר ווייסט? די פריילין, וואָס איר האָט אַהער געשיקט צו דעם ייִד, זעט איינגאַנצן נישט אויס ווי קיין ייִדישע.

— דאָס איז נישט קיין ייִדישע — ענטפער איך.

דערויף ענטפערט זי מיר מיט אַ דייטלעכן פאָרוואורף:

— איך מעג דאָך וויסן. איך וועל דאָך נישט אויסגעבן. איך אַליין באַהאַלט דאָך אַ ייִד.

— איך ווייס. וואָס זאָל איך אָבער טון, אַז זי איז פאָרט נישט קיין ייִדישע!

— עה...

כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳וועט גאָרנישט העלפן. דאָס בלייבן ביים אמת וועט באַדייטן אַז איך האָב נישט קיין צוטרוי צו איר. זשוטען קען

דאָס קיין שאָדן נישט ברענגען. טאָ צו וואָס רייצן די באַלעבאָסטע, וועל־כע איז אַגב געווען אַ גוטע פרוי.

איך זאָג דעריבער:

— נו, אויב איר ווייסט שוין יאָ, טאָ צו וואָס טויג דאָס רעדן?

זי איז דערפון געווען אויסערגעוויינלעך צופרידן. אי פון מיין צו־טרוי צו איר און אי פון איר דורכדרינגלעכקייט.

אָדער אַן אַנדערער (אויך אַ נישטיקער) אינצידענט — אַ טראָפּן אין ים.

איינער פון אונדזערע מענטשן, טאַדעוש, וועלכער האָט געאַרבעט אין דעם ברייט־פונאַנדערגעבויטן פּאַראייַן פון די טאַבאַק־פּלאַנטאַטאָרן, האָט איינמאָל געמאָלדן, אַז צווישן די פיל באַאַמטע פון פּאַראייַן איז פּאַ־ראַן איינער אַ בוכהאַלטער, וואָס איז „זיכער אַ ייִד". סימנים: „ער איז שוואַרץ און גאָלט זיך אַלע טאָג". און... „אַלע רעדן וועגן דעם".

איך האָב געוווסט, אַז ווען דער פאַרדאַכט איז שוין אויף עמעצן גע־פאַלן, איז שוין די געפאַר אויפן וועג. איך האָב מיין ידיעה־ברענגער שוין אויפן אָרט געזאָגט, אַז אַזעלכע קלאַנגען טאָר מען איבערהויפּט נישט איבערחזרן און ווען מען הערט זיי פון אַנדערע דאַרף מען זיי יענע אַרויסשלאָגן פון קאָפּ.

טאַדעוש האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער פאַראָרדענונג. דאָך זענען די שמועסן וועגן דער ייִדישקייט פון בוכהאַלטער געוואָרן אַלץ אָפטער. עס איז וואָס אַמאָל שווערער געוואָרן זיי איינצושטילן. וואָס אַמאָל האָט מען אַלץ מער ייִדישע „סימנים" אַנטדעקט און „פעסטגעשטעלט" ביי דעם „ייִד". כדי נישט צו דערלאָזן צו קיין קאַטאַסטראָפע, האָט מען געדאַרפט אָנווענדן דראָונגען לגבי די שמועסער און ריידער.

צום סוף האָט דער בוכהאַלטער איבערגעלעבט. ס'האָט זיך בלויז נאָך דער מלחמה אַרויסגעוויזן, אַז ער איז לחלוטין נישט קיין ייִד. וואַרשיינ־לעך ווייסט ער ביז היינטיקן טאָג נישט וועגן די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך פאַרצויגן איבער זיין קאָפּ און אוודאַי נישט וועגן די באַמיונגען די דאָזיקע וואָלקנס פונאַנדערצוטרייבן.

יעדער, וואָס האָט איבערגעלעבט די מלחמה ווייסט זייער גוט וויפל טעותן און מיספאַרשטענדענישן פון דעם טיפּ עס זענען געווען אין יעדע

געגנט, אויף יעדער גאַס, כמעט אין יעדן הויז. אין הונדערטער וואַריאַנטן און זייער אָפט אין ערגערע באַדינגונגען און מיט ערגערע פאָלגן.

***

איינמאָל האָב איך פון מיינס אַ זעלנער באַקומען אַ ראַפּאָרט, אַז אין זיין כאַטע באַהאַלט זיך אַ סאָוועטישער מאַיאָר — אַן אַנטלאָפענער פון דייטשער געפאַנגענשאַפט. כדי דאָס נאָכצוקאָנטראָלירן, בין איך אויף צומאָרגנס אַוועק אין יענעם דאָרף.

דער אַנטלאָפענער איז געווען אַ רוס פון מיטעלן עלטער — מיקאָלאַי קאַבאַנאָוו. ער איז געווען אָנגעטון אין אַן אַלטן סאָוועטישן מיליטערישן שינעל. ער האָט געקענט בלויז רוסיש. ער האָט געהאַט באַהאַלטן זיין מיליטעריש ביכל. ער האָט דערקלערט, אַז ווערנדיק פאַרוווּנדעט הינטער סטאַלינגראַד, איז ער אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט פון וואַנען אים האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן מיט נאָך צוויי אָפיצירן. די לעצטע זענען געפאַלן אויפן וועג. ער איז מיט די לעצטע ;כוחות דערגאַנגען ביז דער כאַטע, אין וועלכער ער האָט געפונען אַ צייטווייליקן אָפּרו.

אין רעזולטאַט פון אַ לענגערן געשפּרעך, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ער זאָגט אמת. צוליב דעם, וואָס איינע פון אונדזערע קאָמפּס־אָפּטיילונגען האָט סטאַנציאָנירט אין באַביע־גורע, ווו עס האָט זיך אַקוראַט דעמאָלט געפונען אַ סאָוועטישער דעסאַנט, האָב איך באַשלאָסן — נאָך אַ פאַרשטענדיקונג מיט קראָקע — אַז אַמלאַגישסטן וואָלט געווען אים אַריבערצופירן צום סאָוועטישן דעסאַנט. אָבער אויף וועלכן אופן? היות קאַבאַנאָוו האָט נישט געקענט קיין פויליש, האָט ער געקענט אַריינפאַלן ביי אַ ליאַדע קלייניקייט אין וועג. דאָ האָב איך באַשלאָסן אויסצונוצן דעם „יידישן" מיטל. כ'האָב אים אויסגעשטעלט „אַ קענקאַרטע" אויפן נאָמען פון טאַדעוש קאַבאַנאָוויטש. אין דער געהעריקער רובריק האָב איך צוגעשטעלט „טויב־שטומער". מען האָט אים אָנגעטון אין ציווילע מלבושים. דעם קאָפּ — האָט מען אים — צוליב עפעקט — אַרומגעבונדן מיט אַ באַנדאַזש. ס'האָט געהייסן, אַז מען פירט אים צום דאָקטער. דערנאָך האָב איך אים מיט שטאָפּעטן אַרויסבאַגלייט אין וועג.

„טשאַרני" און עוואַ האָבן אים צום ערשט אָפּגעפּירט מיט אַ פורל קיין קאַצמיזשאַוו. פון דאָרט, מיט דער באַן, קיין קראָקע. פון קראָקע האָבן אים מאַריאַן באַמבא און „זאכא" (ז. רישעוויטש) אָפּגעפּירט קיין זאַוויע. פון דאָרט — צום אָרט ווו עס האָט זיך געפונען אונדזער באַטאַליאָן און דאָן ערשט צום אָרט פון סאָוועטישן דעסאַנט. דער גאַנצער וועג איז אַדורך בשלום. שוין אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַקומען פון אים אַ בריוו — דורך דער געהיימער מיליטערישער פּאָסט — ווו ער האָט מיר האַר־ציק געדאַנקט מיט די ווערטער „אָטשען בלאַגאָדאַריו" און „כאַראַשאָ פּריעכאַל".

דעם מאַיאָר קאַבאַנאָוו האָב איך שוין מער נישט געזען. איך ווייס, אַז ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה און האָט אַוואַנסירט. ער האָט אַפילו באַזוכט דאָס אָרט אין מיעכאָוער געגנט ווו מען האָט אים גע־ראַטעוועט.

כ'האָב דאָ געבערענגט דעם דאָזיקן עפּיזאָד בלויז אַלס אַ משל פאַר פאַרגלייכונגס־סטודיעס. די צוועקמעסיקייט פון די מעטאָדן — ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן — איז לגמרי אומאָפּהענגיק געווען פון דער „ראַסע".

און כדי צו פאַרענדיקן דעם דאָזיקן סאָרט ביישפּיל מיט „אַ העפּי ענד" (ווייל לעת עתה קלויב איך אויס בלויז אַזעלכע) — נאָך איינעם:

אין איינעם אַ זונטיק האָב איך באַזוכט אַ ניי־באַקאַנטע משפחה, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך די דייטשן פון פויזנער געגנט און וואָס האָט דעריבער אין דער מלחמה־צייט געוווינט אין מיעכאָווער געגנט. אין גאָרטן (ווו עס איז פאָרגעקומען די אויפנאַמע) האָבן זיך חוץ מיר געפונען נאָך עטלעכע געסט. צווישן זיי — אַ דרייסיק־יעריקע שיינע קרובה פון די באַלעבאַטים, וואָס איז געקומען צו זיי צופאָרן פון וואַרשע אויף צוויי וואָכן. בעתן שמועס האָט זי דערציילט וועגן דעם טאָגטעגלעכן לעבן אין וואַרשע און וועגן דער אונטערערדישער טעטיקייט אין דער הויפּט־שטאָט. אין קעגנזאַץ צו אַ סך אַנדערע געלעגנהייטלעכע אינפאָר־מאַטאָרן האָט זי געקענט אילוסטרירן איר דערציילונג מיט אומבאַקאַנטע ביישפּילן. זי האָט זיך אָפּט אָפּגעשטעלט ביי דעם, אָדער יענער פּרט און אים אינטעליגענט פאַרטייטשט.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין וואַרשע קומט זי אויף געהיימע ליטעראַרישע פאַרזאַמלונגען, און אַז די ענינים פון ליטעראַטור גייען איר גאַנץ שטאַרק אָן. דעריבער איז אונדזער ווייטערדיקער געשפּרעך שוין אַוועק אין דער ריכטונג. פון די געהיימע ליטעראַרישע פאַרזאַמלונגען איז זי אַריבער צו ביכער און צו די ליטעראַרישע שטרעמונגען פאַר דער מלחמה. כדי נישט צו שטערן דער איבעריקער געזעלשאַפט, האָבן מיר זיך אָפּגערוקט אַ ביסל אין אַ זייט, כדי דאָ דורכצולופטערן פאַרשידענע נעמען, אַסאָסיאַציעס, טיטולן א. אַ.

פּלוצעם — מסתמא דורך עפּעס אַ געדאַנקלעכער פאַרבינדונג — דערמאָנט זיך מיין מיטשמועסערין אין אַ לעקציע פון פּראָפ' כזשאַנאַווסקי און פּראָפ' פּיגאַן אויף דער יאַגעלאָנער אוניווערזיטעט אין קראָקע.

— זענט איר הייסט עס אויך געווען אין קראָקע? פרעג איך אַ ביסל פאַרוווּנדערט.

— כ'האָב דאָרט שטודירט — ענטפערט זי מיט אַן אומשולדיקער מינע פון אַ זויג־קינד — קיין וואַרשע בין איך ערשט אַריבערגעפאָרן אַ יאָר פאַר דער מלחמה.

נאָך דער דאָזיקער דערקלערונג איז מיין גרויסער חשק צום „אינ־טעלעקטועלן" געשפּרעך פּלוצעם אויסגעלאָשן געוואָרן... קראָקע... יאַגע־לאָנער אוניווערזיטעט... לעקציעס פון פּראָפ' כזשאַנאַווסקי... דאָס אַלץ האָט געשמעקט מיט דערקענט ווערן... די געפאַר איז געווען...

— וואָס אַן אמת — ציט ווייטער די געוועזענע קראָקעווערין — בין איך נישט געווען אויפן פאַלאַניסטישן פאַקולטעט, נאָר אויף דעם פאַקולטעט פון נאַטור־וויסנשאַפט.

כ'האָב אָפּגעאָטעמט אַ ביסל לייכטער, אָבער נאָר אַ ביסל לייכ־טער. כדי זיך צו פאַרזיכערן פרעג איך:

— ווי אַזוי — זשע קומט איר צו די לעקציעס פון כזשאַנאַווסקין און פּיגאַניען? דאָס זענען דאָך ליטעראַטור־היסטאָריקער, האָבן זיי דאָך געדאַרפט לערנען אויפן פאַלאַניסטישן פאַקולטעט און נישט אויפן נאַטור־וויסנשאַפטלעכן? אַזוי דוכט זיך מיר, וואָרום אויף געוויס ווייס איך נישט — פאַרבעסער איך זיך אַליין.

— ס'האָט מיך אינטערעסירט — ענטפערט זי — בין איך געגאַנגען

זיי הערן פון צייט צו צייט. איבערהויפּט אין דעם אָנהויב פון מיין סטו־דיע, ווען איך האָב נאָך אַליין נישט געוווּסט וואָס איך וועל לערנען, מיינע עלטערן האָבן געוואָלט איך זאָל לערנען נאַטור־וויסנשאַפט. מיך האָט אָבער געצויגן צו ליטעראַטור.

— אַך, אַזוי — טראַכט איך — כאָטש גוט, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן זי צוגערעדט צו נאַטור־וויסנשאַפט, ווייל ווען זי שטודירט ליטעראַטור, וואָלטן מיר זיך דאָרטן געטראָפן, זיך באַקענט און איצט וואָלט מען שוין נישט געקענט מאַכן קיין שום אָנשטעל.

מיין מיטשמועסערין אָבער, ווי־באַלד זי האָט שוין איינמאָל אָנגעהויבן רעדן וועגן קראָקע, לאָזט זי שוין נישט אָפּ. זי הויבט אָן צו דערציילן וועגן די אָוונטן פון „ליטארט" און וועגן דעם „קרייז ליבהאָבער פון דראַמע 1). דערנאָך וועגן די קראַקעווער ליטעראַטן און וועגן די קראָקעווער ליטעראַרישע צייטשריפטן. זי רעכנט אויס נעמען פון מיינע נאָענטסטע פריינד אין יענע יאָרן און צווישן די נעמען דערמאָנט זי אויך... מיך. נאָכמער: דווקא ביי מיין נאָמען פאַרהאַלט זי זיך לענגער, כאָטש צוליב גאַנץ אומליטעראַרישע סיבות. זי האָט זיך נעמלעך דער־מאָנט, אַז „ער איז געווען אַ ייִד".

— אָבער — זאָגט זי — ער וועט זיכער איבערלעבן. ער איז, זאָגט מען, אַרויסגעפאָרן אין דער שווייץ צוויי וואָכן פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה.. אָט אַ כיטרער.

דעם לעצטן עפּיטעט זאָגט זי אַפילו אָן שום בייזוויליקן אַקצענט. דערנאָך גיט זי צו:

— סוף כל סוף האָט ער גוט געטון. זאָל ער איבערלעבן.

זי האָט דאָס געזאָגט זייער געוויינלעך און פּשוט. נאָר מיר, כ'בין זיך מודה, האָט די דאָזיקע באַמערקונג געקלונגען זייער סימפּאַטיש. עס רירט דאָך יעדן מענטש, ווען ער זעט, ווי אַ פרעמדע ווינטשט אים נישט קיין תיכפדיקן טויט, נאָר פאַרקערט. ס'איז מיר אין אַ מינוט איינגעפאַלן אַ נאַרישער געדאַנק איר צו זאָגן:

---

1) ליטעראַרישע קרייזן אויפן קראָקעווער אוניווערזיטעט ווו איך בין אין משך פון עטלעכע יאָר געווען דער וויצע־פאָרזיצער און כסדר אַרויסגעטראָטן אויף אויטאָרן־אָוונטן און דיסקוסיע־אָוונטן.

— יאָ, ער איז פּאַקטיש אַרויסגעפּאָרן צוויי וואָכן פאַר דער מלחמה אין דער שווייץ. דאָס האָט מען איך ריכטיק דערציילט, מען האָט אייך אָבער דערביי נישט אַלצדינג דערציילט. למשל: אַז ער איז באַלד אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה צוריקגעקומען קיין פּוילן. און אַזוי ווי דורך דייטשלאַנד האָט ער שוין נישט געקענט פאָרן, איז ער געפאָרן מיטן אַן אומוועג — דורך איטאַליע, יוגאָסלאַוויע און אונגאַרן. „אַ קריגסהעצער" איז ער פאַר דער מלחמה געווען, דעריבער האָט ער געמיינט, דער איד־יאָט, אַז מען וועט זיך אָן אים נישט באַגיין. איצט פירט ער דאָ מיט אייך דעם דאָזיקן נאַרישן געשפּרעך. כאָטש אין לעצטן סך־הכל פון זיינע דערפאַרונגען, באַדויערט ער אפשר גאָרנישט דעם דאָזיקן צוריקקער.

כ'האָב אָבער מיט אַלע כוחות זיך איינגעהאַלטן נישט אַרויסצושיסן מיט דער דאָזיקער נאַרישקייט. כ'האָב געשוויגן און נאָר צייטנווייז צוגע־באָמקעט, אַז איך ווייס נישט, אַז איך האָב אַזאַ נאָמען נישט געהערט, אָדער יאָ געהערט און פאַרגעסן. וועגן די ביכער (צווישן זיי אויך וועגן מיין אייגענעם ראָמאַן) האָב איך געזאָגט, אַז כ'האָב זיי נישט געלייענט. וועגן די צייטשריפטן (וועלכע איך האָב אַליין מיטרעדאַגירט) — אַז זיי זענען מיך נישט געקומען אין דער האַנט.

נאָר דאָס איז נאָך נישט דער סוף. דער טשוואַק איז וואָס זי רעכנט אויס אַ ריי נעמען (צווישן אַנדערע אויך מיין נאָמען) פון מענטשן, וועל־כע זי האָט פּערזענלעך געקענט. איינמאָל נאָך עפּעס אָן „אוונט" האָט לעשעק פּיוואָוואַר 1) זי מיט די אַלע מענטשן באַקענט און זיי זענען דע־מאָלט אַלע צוזאַמען אַוועק אין עפּעס אַ קאַפע.

הערנדיק דאָס, האָב איך שטאַרק חשק געהאַט אַ קוק צו טון אין שפּיגל אויף מיין אייגענער צורה, קאָנטראָלירן צי כ'האָב זיך טאַקע אַזוי פיל געעלטערט און פאַרענדערט די וואַרשעווערין מיט דער קראָקעווער פאַר־גאַנגענהייט האָט אָבער קיין שום באַזונדערס אין דעם מיעכאָווער מיט־שמועסער נישט באַמערקט. זי באַקלאָגט זיך נאָר אויף דער קנאַפּער באַ־לייענטקייט פון אַ דורכשניטלעכן אינטעליגענט. אַז אַזאַ איינער ווייס נאָר דאָס פון וואָס עס האָט געשריבן די הויפּט־שטאָט פּרעסע און דערביי האָט

1) אַ פּאָעט, אויטאָר פון עטלעכע ביכער פּאָעזיע.

ער נישט קיין אַנונג, אַז אין אַזאַ קראָקע איז געווען אַזאַ גרויס ליטע־ראַריש לעבן, מיט אַזעלכע שטרעמונגען, ריכטונגען א. אַ. וו.

מען קען נישט זאָגן, אַז איך האָב געהערט דעם הימן לכבוד דער אַמאָליקער ליטעראַרישער באַוועגונג אין קראָקע אָן גערירטקייט. ער האָט געקלונגען, וואָס אַן אמת, זייער יוגנטלעך. דערביי איז אויך אמת, אַז עס איז מיר זייער שווער געווען גראָד פאַר דער דאָזיקער סימפּאַטי־שער פּערזאָן זיך צו פּרעזענטירן ווי אַ נישט געלערנטער אידיאָט. וואָרום די אַלע ריידעלעך וועגן „דעם דורכשניטלעכן אינטעליגענט" זענען דאָך געגאַנגען אויף מיין חשבון.

שפּעטער האָט זיך דער געשפּרעך אין גאַנצן שוין נישט געקלעפּט. היות איך האָב שוין געהאַט אַ פּאַטענט אַלס האַלב־אַנאַלפאַבעט אין די קראָקעווער ליטעראַרישע ענינים, האָב איך שוין ביי אַלע אַנדערע פראַגן אויך נישט געטאָרט אַרויסווייזן קיין גרויסע קענטשאַפט. כדי אונטער־צוהאַלטן אַ וועלכן עס איז גלייכגעוויכט. די זכרונות וועגן קראָקע האָבן מיך אויך אַריינגעבראַכט אין אַ באַזונדער שטימונג, וועלכע כ'האָב בשום אופן נישט געטאָרט אַרויסווייזן.

זייער ליבע פּרוי קאַזשע! אפשר וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל ערגעץ טרעפן. וואָרום כאָטש אין יענע יאָרן האָט זיך דער מענטש אויסגעהיילט, נישט פון איין שוואַכקייט און אַמביציע, איז מיר דאָך — כ'וויס אַליין נישט פאַרוואָס — געווען זייער שווער אין דער דעמאָלטדיקער נאַרישער לאַגע. כ'וואָלט זיך וועלן רעהאַביליטירן: כאָטש אַ ביסל. זייט יענער צייט האָב איך שוין זיך אַ ביסל צוגעלערנט. איך וויס שוין מער־ווייניקער, ווער עס איז געווען פאַר דער מלחמה לעשעק פּיוואָוואַר, קאַזשימיערזש וויקאַ, יוזעף יאַרעמאַ, טאַדעוש פּייפּער, אַדער ציראַנקעוויטש; און וועגן לעאָן קרוטשקאָווסקי וויס איך שוין נישט בלויז דאָס, אַז ער האָט אָנגע־שריבן „עפּעס" אַ „קאַרדיאַן און כאַם" (וואָס איך האָב אייך אַ זאָג געטון אויף אָפּטשעפּעניש). אַפילו, ווייסט אירע ליבע פּרוי, אַפילו מיין ראָמאַן האָב איך אויך שוין איבערגעלייענט. און גאַנץ לאַנג צוריק. נישט איינס איז שוין אַרויס פון זכרון און נישט איינס (אַפילו אין די דאָזיקע „עסטע־טישע געשמאַקן") האָט זיך אין מיר געביטן. דאָך איז עפּעס זיכער דער־פון געבליבן.

**
*

כ׳בין געווען, וואָס אַן אמת, אין אַ ביסל אַן אַנדער לאַגע, ווי די, אין וועלכע ייִדן אויף „אַרישע פּאַפּירן" האָבן זיך געווײַנלעך געפונען. די סיבה אויסצובאַהאַלטן מײַן נאָמען האָט די סביבה געקענט זוכן אין מײַנע קאָנספּיראַטיווע פונקציעס און נישט בלויז אין אָפּשטאַם. דאָס האָט נאַטירלעך נישט קיין שייכות צו דעם, אַז דאָס האַזאַרד־שפּיל איז געבליבן. און אפשר טאַקע דערפאַר האָט עס זיך אײַנגעגעבן. אפשר האָט דער געדאַנק, אַז אַ ייִד וואָלט אויף אַזוינס נישט ריזיקירט, אָוועקגעפירט די נײַגעריקייט אין די השערות אין אַן אַנדערער ריכטונג. אפשר? האַלטן זיך דערבײַ דאַרף מען נישט. נאָר זייער נאַיִווע בויען „אײַזערנע טעזן" אויף דעם אויסשליסלעכן יסוד, וואָס אַקוראַט אין איין געגעבענעם פאַל האָט זיך אײַנגעגעבן. פּונקט אַזוי האָט מען בײַ הונדערט אַנדערע פאַלן געקענט זיך אויסגליטשן. עס האָט זיך געקענט נישט אײַנגעבן און דעמאָלט וואָלט געווען אַ באַווײַז פאַר אַ פאַרקערטער טעזע.

די וואָס זײַנען נישט אַרײַנגעצויגן אין סוד פּײַניקט דער סוד. חוץ דער נײַגעריקייט ווירקן נאָך אַנדערע מאָטיוון. בײַם צוזאַמענלעבן באַקענט איין צד אַ גאַנצע ריי פּרטים און פּרטימלעך בײַם צווייטן צד. דאָס גלײַכגעוויכט שטיצט זיך אויף דער אָנוואָקסנדיקער קעגנזײַטיקייט פון פאַרשיידענע סודות. אין דעם פאַל איז אָבער די דערקענונג געווען אַן אײנזײַטיקע און אַזאַ האָט זי געמוזט זײַן. בלויז איך האָב, וועלנדיק, אָדער נישט וועלנדיק, דערקענט די סביבה און איר געהיימנישן. אַליין האָב איך זיך אָבער נישט געלאָזט דעשיפרירן. אויף אַ געוויסער אויפנאַמע אין איינעם אַ פּריצישן הויף, וווּ די געזעלשאַפט האָט זיך נאָכן אָונטברויט צעטיילט אויף קליינע גרופּעס האָט מיך דער באַלעבאָס (מיט וועלכן איך בין שוין לאַנג געווען אויף „דו") אָוועקגעפירט אין אַ זײַט און געזאָגט צו מיר האַלב־ערנסט, האַלב־שפּאַסיק, אָבער מיט פרײַנטלעכער אויפריכטיקייט:

— אייגנטלעך מיכאַל, טראַכט איך, אַז פּאָליטיק איז פּאָליטיק און דאָס איז נישט אין אָרדענונג. דו וועגן אונדז ווייסט אַלץ, נישט אויסשליסלעך אונדזערע אינערלעכע משפּחה־קאָנפליקטן און זאָרגן און מיר וועגן דיר, אין תוך גענומען, גאָרנישט.

כ'האָב אים געענטפערט:

— האָסט רעכט. נאָר זעסטו, דאָס לאָזט זיך נישט מאַכן אַנדערש... ווייל... נײן...

סוף כל סוף איז ער גערעכט געווען. ס'איז שווער געווען צו פאַר־לאַנגען, אַז ער זאָל מיטן געפיל אפּראבירן אַ גאַנצע ריי זאַכן, וועלכע ער האָט נישט געוווסט און נישט געקענט אַפילו קיינמאָל זיך צו זיי דערטראַכטן.

איינע אַ דאַמע, וועלכע האָט (אָן דער מינדסטער בייזוויליקייט, בלויז צוליב נייגעריקייט און צוליב דעם חשק מיט עפּעס זיך צו פאַרנעמען אין דעם קליינעם פּראָווינציעלן וועלטל) שטאַרק זיך פאַרנומען מיט לייזן די „רעטעניש" פון מיין פּערזאָן, כ'האָב איר אויסגעטייטשט, אַז זי דאַרף דאָס נישט טון.

— שליסלעך האָט דאָך יעדער זיינע סיבות אויפצודעקן, אָדער צו־באַהאַלטן געוויסע פּרטים פון זיין פּערזענלעכן לעבן. דערצו נאָך אין אַזעלכע צייטן. דעריבער, צו וואָס זיך אין דעם אַריינמישן?

דערויף האָט זי מיר געענטפערט זייער אויפריכטיק און זייער גערעכט:

— איר זענט זיך דאָס אַליין שולדיק. דאָס איז אייער זאַך צובאַ־האַלטן, אָדער אויפצודעקן. אָבער אין דעם פאַל האָט איר געדאַרפט עפּעס אויסקלערן. כ'הייס אַזוי און אַזוי. איך בין פון די געביטן, וואָס זענען אַנגעשלאָסן געוואָרן אין „רייך"; ווייניק זענען דען פאַראַן אַזעלכע?

נישט ווויסנדיק און נישט פאַרפילנדיק די סיבות פון דער „רעטע־ניש", פאַרקערט — געצייגט זי צו זוכן אומעטום, נישט נאָר אין „ראַסן"־מאָטיוו, האָט זי דאָך אַרויסגעזאָגט דעם טאַקטישן יסוד, וועלכער איז אַנגעווענדט געוואָרן ביי די „אַרישע פּאַפּירן" כמעט אומעטום. די דאָ־זיקע טאַקטיק איז דיקטירט געוואָרן דורך דעם פאַרשטאַנד. כ'האָב זי געקענט אין אַלע וואַריאַנטן און דאָך...

ווען איך וואָלט אַנגענומען די דאָזיקע, דוכט זיך, שכלדיקע, פאַר־שטענדלעכע, נאַטירלעכע טאַקטיק וואָלט איך (ביי מיינע קאָנטאַקטן) אַלץ געקענט אינספּירירן אין בעסטן אָרדענונג. כ'וואָלט זיך געקענט „פאַרשאַפן" אַ פאַמיליע מיט אַלע נויטווענדיקייטן, מיט „וויזיטן", מיט

„געסט״. צי טוט מען דען דאָך אָבער תּמיד דאָס וואָס עס דיקטירט דער פּשוט־טער „פאַרשטאַנד״?

צום אויסטראַכטן זיך אַן „אויטאָביאָגראַפיע״ האָב איך געהאַט אַ בפירושן ווידערווילן. אַלע אויסטראַכטענישן אויף דעם געביט, אַפילו קלענסטע, ברענגען צו ווייטערדיקע אויסטראַכטענישן. מען דאַרף אַריינגיין אין אַ ראָל. די מיטאָלאָגיע צעוואַקסט זיך. דער מענטש הערט אויף צו זיין דאָס וואָס ער איז, ער דאַרף אַמאָל בענקען נאָך דער אויסגעטראַכטער משפּחה. ער דאַרף וועגן איר אַמאָל זאָרגן. באַקומען אַמאָל פון איר בריוו, ידיעות און מיט די לעצטע — פריען זיך, אָדער האָבן עגמת נפש. אַזעלכן דריקט מען אויס מיטגעפיל ווען ער באַקומט שלעכטע ידיעות און מען טיילט זיך מיט זיין פרייד, ווען ער באַקומט גוטע. דערויף מוז מען געהעריק רעאַגירן. מען דאַרף אַמאָל אויפנעמען „אַ קרוב״, אָפּשפּילן אַ פאַמיליע־באַגעגעניש.

ניין. כ׳האָב נישט געהאַט קיין חשק צו שפּילן דעם רעפּערטואַר פון די אַלע קאָנסעקווענצן. כ׳האָב באַשלאָסן, ווי אַ יונגטלעכער אין באַרוישונג פון די איבערגעלייענטע ביכער באַשליסט אַמאָל — צו זיין דאָס וואָס איך בין: אַליין. דווקא להכעיס דער לאָגע.

דאָס זעלביקע איז נוגע דאָס אַרויסזאָגן מיינע מיינונגען. ס׳איז באַוווּסט וויפל מען האָט אין די אָקופּאַציע יאָרן געדאַרפט זיך היטן מיט אמתדיקע מיינונגען „צוליב שלום וועגן״. וואָס נוגע מיר, האָב איך קיינמאָל נישט געענדערט מיינע איינשטעלונגען צוליב דעם דאָזיקן „שלום״. נישט תּמיד האָב איך געקענט הויך אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס איך האַלט פאַר ריכטיק. כ׳האָב אָבער קיינמאָל נישט געזאָגט דאָס, וואָס איך האָב אין גרונט געהאַלטן פאַר נישט ריכטיק.

כ׳בין געווען אַ סאָציאַליסט אין די אַלע סביבות, אין וועלכע איך האָב זיך געפונען (נישט איינמאָל זענען דאָס געווען סביבות זייער ווייט פון סאָציאַליזם), כ׳האָב זיך באַמיט דעם דאָזיקן פאַקט, ווי ווייט מעגלעך, נישט צו באַהאַלטן. צו זיכער איז דאָס נישט געווען אָבער (נאָכדעם ווי איך בין אַריבער די ערשטע שטערונגען) האָט דאָס מיר געגעבן געוויסע פּריווילעגיעס, וועלכע כ׳האָב הויך געשעצט. כ׳האָב נישט געמוזט אקאָמפּאַנירן די אַלע נאַרישקייטן וועגן דער אַזוי גערופענער „ידי־

שער פּראַגע״. אויך נישט דעם געזלשאַפטלעכן סנאָביזם און די פּאָליטי־
שע אַבסורדן. ווי דאָס איז מעגלעך געווען האָב איך, הערנדיק די אַלע
נאַרישקייטן, אַרויסגעזאָגט מיין קעגנערישע מיינונג. אָן פּראַזן, רויִק, באַ־
מיענדיק זיך צו רעדן צו דעם דענקונגס־אַרט פון מיין מיטשמועסער,
ווייל נאָר אַזאַ דיסקוסיע קען צו עפּעס דערפירן. די דאָזיקע טאַקטיק
האָט מיך איבערצייגט אין דריי זאַכן: אַז דאָס אַרויסזאָגן אומפּאָפּולערע
מיינונגען, ווען דאָס איז געטון געוואָרן מיט שכל אין געווען ווייניקער
געפערלעך, ווי עס האָט געהאַלטן די מערהייט, וואָס איז טעראָריזירט
געוואָרן דורך דעם קלימאַט. צווייטנס: אַז טאַקע דאָס צובאַמקען צו נאַ־
רישקייטן האָט די נאַראָנים איבערגעגעבן דעם מאַנאָפּאָל פון חכמה און
האָט געברענגט דערצו, אַז פיל אומזיניקייטן זאָלן זיך שטאַרק פאַרפעס־
טיקן. לסוף — דריטנס: אַז אַ רויִק, שכלדיק, וואָרט האָט געמאַכט טראַכטן
אַזעלכע מענטשן, וואָס זענען, דוכט זיך, דורך די אַלע אומזיניקייטן גע־
ווען פאַרהיפּנאָטיזירט. ביי נישט איינעם פון די דאָזיקע מענטשן איז די
נאַרישקייט געווען אַן אָנוווקס, וואָס האָט כסדר אָנגעקוואָלן. אַזאַ איינעם
האָט אַ רויִקער שמועס צוריקגעפירט אויף דעם ריכטיקן שכלדיקן וועג.
די גאַנצע ליניע וואָלט איך אָנגערופן: „דאָס אָפּהיטן די מאָראַלישע הי־
גיענע״. דאָס איז געווען מיין לוקסוס אין דעמאָלטיקן לעבן.

די רעזולטאַטן זענען געקומען גאַנץ גיך. מען האָט זיך ווי עס איז
צוגעוויינט צום „רעטעניש״ און צו מיינע אַנשויאונגען. עס איז נאָר גע־
בליבן דאָס האַזאַרד־שפּיל, אָבער אין אַ פאַרעלטערטער, אָפּגעטעמפּטער
פאָרם. דערפאַר איז אויך געבליבן און ס׳האָט זיך פאַרפעסטיקט די פריי־
ווילעגיע פון פרייהייט און נאַטירלעכקייט.

די פריינט פון יענער צייט, וועלכע האָבן טיף אין האַרץ געהאַט
אויף מיר אַ פאַרדרוס צוליב דעם וואָס איך באַהאַלט פון זיי געוויסע
פערסאָנעלע פּרטים, וואָלט איך אויפן אויער געזאָגט: דווקא דורך דעם,
וואָס איך האָב אָפן קאָנספּירירט געוויסע פערזענלעכע ענינים, האָבן זיי
מיך געקענט נענטער, ערלעכער און נאַטירלעכער באַקענען. ווען איך
וואָלט זיך אונטערגעגעבן זייער סוגעסטיע וואָלט איך געמוזט שפּילן אַ
ראָל און זיין נישט דאָס וואָס איך בין אין דער אמתן.

באַלד נאָך דער מלחמה האָב איך מגלה געווען מיין נאָמען און מיין „ראַסע“ און דאָך האָב איך נישט געהאַט וואָס אויסצובעסערן. אַלדאָס איבעריקע איז געווען אמתדיק. די פּריינטשאַפטן, וואָס איך האָב דעמאָלט אָנגעקניפּט זענען געבליבן פריינטשאַפטן אָן קאָניונקטורעלער סטיליזאַציע. אפשר טאַקע דערפאַר האָבן זיי דורכגעדויערט. דאָס זענען געווייני־לעכע, פּריוואַטע און מענטשלעכע טראָפּעען, וועלכע איך שעץ זייער. די טראָפּעען פון אַ ריזיקאַלישן עקספּערימענט — אַ לוקסוס.

VIII

היטלעריסטן אין פוילישן אונטערערד. — וואָס וויניקער ייִדן אַלץ גרעסער די „ייִדישע פראַגע". — „נו, און קיין ייִדן זענען שוין נישטאָ". — אַ גלח — אַ מאַגיסטער. — דער יוגנטלעכער ייִדנקענער". — דער „פאַן לייטער". — אַן אַלטער יאַט פון פ. פ. ס. — אַ משפּחה וואָס האָט „געוווּסט דאָס אייריקע".

יעדן ייִד האָט אין די אָקופּאַציע־יאָרן געמוזט פאַרינטערעסירן דאָס פּראָבלעם, וואָס פאַר אַ באַציִונג און אויף וואָס פאַר אַן אופן עס רעאַגירן די נישט ייִדישע מיטבירגער אויף דער ייִדישער קאַטאַסטראָפע. די „אַרישע פאַפּירן" האָבן בנוגע דעם דאָזיקן פּראָבלעם געגעבן אַן אָבסערוואַציע־פּאָזיציע — כאָטש קעגן ווילן — דאָך צוגלייך (אויב עס גייט וועגן דער שפע פון דערקענונגס־מאַטעריאַל און זיינע קוואַלן) אַ זייער באַקוועמע. מען קען אַפילו זאָגן: אַ פּאָזיציע — אַ שאַרפזעערישע. די קאַטעגאָריעס פון דענקען בנוגע דעם „ייִדישן פּראָבלעם" פון די נישט־ייִדן, ווי אויך די איינשטעלונגען, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך די זעלביקע נישט־ייִדן בנוגע דער „ייִדישער פראַגע" זענען פאַר נישט אייך ייִד, (אויב ער האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט ערשט בעת זיין לעבן אויף „אַרישע פאַפּירן") געווען אַ רעוואָלוציע.

וועגן זיך קען איך דאָס נישט זאָגן. אפשר אַ ביסל דערפאַר, וואָס מיט די רודימענטן פון די דאָזיקע איינשטעלונגען און פאַרורטיילן האָב איך זיך שוין געשלאָגן פון מיין פריסטער יוגנט. עס איז אמת, אַז די „עוואָלוציע", וועלכע זיי האָבן דורכגעמאַכט (און אַקוראַט אין די אָקו־

פּאַציע־באַדינגונגען) האָט מיך איבעררעשט. אָבער פּונקט אַזוי האָט זי איבערראַשט (און געמוזט איבעררעשן) יעדן הומאַניסט — נישט קיין ייִד. געמאָסטן מיט די געזעצן פון בירגערלעכער לאָגיק, זענען די דאָזיקע אומוואַנדלונגען געווען פּאַראַדאָקסאַל. דאָך האָב איך די ריכטונג פון דער „עוואָלוציע" אויך באַוויזן צו דערקענען (און איינצושליסן אין די ראַמען פון דער אָקופּאַציע־„ערודיציע") נאָך אַ סך פריִער איידער איך בין גע־גאַנגען לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן". קיין קראָקע בין איך געקומען צו־פאָרן שוין אַ פולשטענדיק „באַוווּסטזיניקער" אין דעם געביט, מיט אַ בפירוש דורכגעטראַכטער איינשטעלונג. טראָץ דעם, אָבער, האָב איך אין קראָקע, אין די שמועסן מיט טעאָדאָרן דערגאַנצט מיין וויסן מיט זייער אַ וויכטיקן פּרט. טעאָדאָר האָט פאַרבייגייענדיק, צווישן אַנדערן אויך באַרירט אַזאַ זאַך:

— מען דאַרף זיך פאַרטראַכטן ווי אַזוי צו ענטפערן אין אונדזער געהיימער פּרעסע אויף די אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען אין דער אונטער־ערדישער פּרעסע.

אין אַן אַנדערן קאָנטעקסט (ביי דער געלעגנהייט פון אַרומרעדן דאָס מאַטעריאַל פאַר דער אַזוי גערופענער „געזונגענער פּראָפּאַגאַנדע") האָט ער געזאָגט:

— מיר מוזן לכל הפחות כאָטש טיילוויז נייטראַליזירן די אַנטיסע־מיטישע טעקסטן, וועלכע ווערן צוגעשטעלט (די קינדער, וואָס זינגען אין באַן) דורך די אונטערערדישע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס.

— ??? הייסט עס, אַז אַזעלכע עקזיסטירן? עס עקזיסטירן אָרגאַני־זאַציעס מיט אַזאַ פּראָגראַם?

כ'האָב זיך געהייסן איבערזאָגן די דאָזיקע לידלעך. זיי זענען געווען מוראדיק אין קעגנזאַץ צו מיין באַגריף וועגן פאַרשטאַנד. זיי האָבן עדות געזאָגט וועגן עפּעס אַ פולשטענדיקער אבעראַציע. מען קען נאָך, ווי עס איז (כאָטש מיט שוועריקייטן) פאַרשטיין דאָס טשאַד און די באַגריפן־פאַרטומלעניש ביי די מאַסן, וואָס אונטערליגט די באַצילן־פאַרסמונג פון גאַנצן קלימאַט. אָבער, אַז אין די דאָזיקע באַדינגונגען זאָלן אַזאַ אַרט טעטיקייט אַזש פירן אָרגאַניזאַציעס? און דערצו אונטערערדישע? זענען הייסט עס פאַראַן (קאָנספּיראַטיווע) טוער, וואָס שטעלן אויס קינדער אויף

דער געפאַר כדי די דאָזיקע קינדער זאָלן אין זייער קינדערישער גרייט־קייט איבערחזרן די אומגעלומפּערטקייטן, וואָס עס חזרט טאָג־טעגלעך איבער אָפּיציעל די דייטשע ראַדיאָ און די דייטשע פונקציאָנאַרן? הייסט עס, אַז כדי אַרויסצוגעבן די נאַרישקייטן, וואָס ווערן געדרוקט דורכן אָקופּאַנט און צעטיילט אומזיסט אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן, אין בראָ־שורן, ביכער און פלוג־בלעטלעך, שטעלט מען איין לעבנס און מען מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען? און דערצו קאָנספּיראַטיוו? און אונטערער־דיש? כדי צו דערמאָרדן און אויסצוראָטן עפּעס אַ יידיש קינד, אָדער אַ יידישע פרוי, וואָס באַהאַלט זיך ערגעץ אין אַ דאָרף (אין דער צייט ווען די דייטשן טוען עס מאַסנווייז און אָפן מיט דער הילף פון אַ פּיל טויזנט־קעפּיקער ס. ס.־אַרמיי, מוסרים, מנוולים און גאַז־קאַמערן) דאַרף מען שאַפן אונטערערדישע אָפּטיילונגען? ווערן פון זיך אַליין (נישט געצוווּנ־גענערהייט) די אָרעמע קרובים פון אַ מיליאָנער און מאָרדן? ס'האָט גע־שטעקט אין דעם אַלעם נישט בלויז קיין מאָראַלישע העסלעכקייט, נאָר אויך אַ פאַרניכטענדיקע נאַרישקייט.

— זעט אויס — האָב איך געזאָגט — אַז זיי טראַקטירן דאָס, ווי זייער „גראָשיקן צושטייער״.

איך האָב געהאַלטן, אַז אין דער דאָזיקער באַצייכענונג איז פאַראַן אַ סאַרקאַזם, אַפילו — אַ לעסטערונג. דאָך ווייזט זיך אַרויס, אַז טראָץ מיין קאָנספּיראַטיווער דערפאַרונג בין איך דעמאָלט, אויף דעם פּונקט, געווען זייער נאַיִוו. דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער איינזייטיקייט פון מיי־נע קאָנספּיראַטיווע קאָנטאַקטן, וואָרום סיי פריִער, סיי שוין זייענדיק אין לאַגער האָב איך אַזעלכע דאָך געהאַט, נאָר מיט אָרגאַניזאַציעס פון „פאַר־קערטער אידעאָלאָגיע״. דאָס איז געווען אַ בלויז, אָבער אין רעזולטאַט — זייער אַ ווערטפולער. אַ דאַנק אָט דער כסדרדיקייט ביים פּראַקטישן דערקענען דעם אונטערערדישן פּאָליטישן פּעכער, האָב איך באַקומען אויף אים אַ גלייכגעוויכטיקן קוק. די דאָזיקע כסדרדיקייט האָט מיך אָפּ־געגרענעצט פון טיף־פּעסימיסטישע פאַראַלגעמיינערונגען, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש געווען פאַר יענע, וואָס האָבן זיך ביי זייערע ערשטע באַגעגענישן מיט דער פּוילישער אונטערערד אָנגעטראָפן אויף... היימי־שע היטלעריסטן.

כ׳האָב דורכגעלייענט אַ מאַסע פון די געהיימע פּאַשיסטישע „ציַיטונ־גען” און זייט דאַן זיך באַמיט נאָך צו פאָרשן זייער ריכטונג סיסטעמאַ־טיש. מײַן פרי׳ערדיקע באַצייכענונג וועגן „גראַשיקן צושטייער” איז לגמרי נישט געווען קיין סאַרקאַסטישער. די דאָזיקע מענטשן האָבן פּאַקטיש דאָס געוואָלט. אַזאַ צייטונג ווי „דער קאַמף” („וואַלקאַ”) האָט שוין אַ סך פרי׳ער געלערנט אירע לייענער, אַז „אַלץ זאָגט אָן דערויף, אַז דאָס יי׳די־שע פּראָבלעם וועט ווערן געלייזט”. אין דער צייט אָבער ווען געוויסע פון זיי האָבן זיך נאָך געפרייט דערמיט, וואָס דאָס וועט געטון ווערן „נישט מיט אונדזערע הענט”, האָט די פרי׳ער דערמאָנטע צייטונג געשריבן מיט גרויס באַדויער: „דאָס טוט די השגחה, אָבער (דאָ האָט דער פּובליציסט פאַרבראָכן די הענט) וואָס טוען מיר, „מיר” פאַר דער דאָזיקער זאַך?”. נאָר דאָס האָט אים אין יענע צייטן ווײַ געטון. קיין גרעסערע זאָרגן האָט ער נישט געהאַט.

אין דעם געדאַנק פון מאַסן־מענטש איז אין די יאָרן פאַרגעקומען איינע פון די אַמווייניקסטנס וואַרשיינלעכע אומוואַנדלונגען. ער האָט זיך געשפּייזט מיט דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע, צו וועלכער ער האָט אַלס דורכשניטלעכער בירגער געהאַט די גרעסטע פאַראַכטונג, דער זעלבי־קער פּראָפּאַגאַנדע וועלכער ער האָט כלומרשט נישט געגלויבט. איך שרייב „כלומרשט” ווייל אין תוך גענומען האָט ער די ליגנס טיף באַ־האַלטן אין דער נשמה און אינעם געדאַנק. מען דאַרף דערביי געדענקען, וואָס די היטלעריסטישע פּראָפּאַגאַנדע אויף דעם געביט איז געווען אין יענע טעג 1).

* * *

צו אַ גאַנץ אַנדער קאַטעגאָריע פון „סטודיעס” אויף דעם געביט גע־הערן די געלעגנהייטלעכע געשפּרעכן. כ׳האָב פרי׳ער דערמאָנט, אַז אַזעל־כע איינשטעלונגען, ווען זיי זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך מענטשן אין געשפּרעך, זענען פאַר מיר נישט געווען קיין רעוועלאַציע. דאָך האָב

1) דער דאָזיקער טעמע האָב איך געווידמעט אַ ספּעציעלער פּובליקאַציע א. נ. „דאָס אָרגאַניזירן דעם האַס” אַרויסגעגעבן דורך דער פּוילישער ליגע פון קאַמף קעגן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם”, וואַרשע 1947.

איך גאַנץ גיך זיך גענומען „וויילן“ ביים פונאַנדערנעמען אויך די מיי־נונגען. עס איז מיר דערביי שוין נישט געגאַנגען אין די מיינונגען גופא, נאָר אין דעם ווי אַזוי זיי אויסצוטייטשן?

פלאבער האָט אין זיין צייט געזאַמלט אַ לעקסיקאָן פון פראַגן און ווענדונגען, וואָס עס באַנוצט דער גייסטיק־דורכשניטלעכער פיליסטער. ווערטער און זאַצן, וועלכע באַדייטן גאַרנישט, און וועלכע פאַרדעקן נאָר די אָפּוועזנהייט פון אייגענע מיינונגען. מען קען דאָס באַצייכענען ווי אַ מין וואַטע, מיט וועלכע מען שטופּט אויס די ליידיקייט פון טויטע אָד־לערס און סאָוועס. זייער אינהאַלט איז געווען די אויבערפלעכלעכקייט. טיילמאָל באַפליגלט, טיילמאָל — בייסיק און טיילמאָל — ליריש. הינטער דער אויבערפלאַך, הינטער דער באַפעדערטקייט פון וואָרט איז גאָר־נישטאָ, איז פּוסט. בלויז וואַטע, אָדער ים־גראָז. וויפל אַזאַ וואַטע, וויפל אַזעלכע ווענדונגען און פראַגן האָט פּראָדוצירט אין יענע יאָרן די „ייִדי־שע פּראַגע“, וויפל אַזעלכע „ווערטלעך“, פאַרגלייכונגען, שיינע רייד האָבן געדינט דעם, אָדער יענעם הער, דער אָדער יענער דאַמע זיך אָפּצו־שמינקען אַלס אַן אינטעליגענט, אָדער אינטעליגענטקע. עס דערציילט מיר למשל אַזאַ דאַמעלע אין קראָקע, וואָס לאַכט דערביי מיט חן, פאַר־ריכטנדיק זיך אַמאָל אַ לעקל, אַמאָל דעם חן־פלאַסטערל, אַמאָל די בראָשקע:

— איר מיינט, אַז ס׳זענען שוין נישטאָ קיין ייִדן? זיי זענען פאַראַן. כ׳האָב איינמאָל געזען אַזאַ חוצפּהדיקע ייִדישקע אין אַ רעסטאָראַן. זי האָט פאַרקויפט אַ פינגערל. אַלס קאַטוילין האָט זי זיך פאַרשטעלט.

איך זאָג איר דערויף:

— אפשר האָט איר זיך טועה געווען? אפשר איז דאָס נישט געווען קיין ייִדישע? אַ ייִדישע וואָלט דאָך מורא געהאַט.

— אָך! איר זיינט זייער נאַיוו. איר קענט נישט קיין ייִדן. אַזאַ חוצ־פּהדיקע ייִדישקע. אַ פינגערל האָט זי פאַרקויפט. זי האַנדלט נאָך.

איך פּרוּוו זייער איידל:

— חוצפּהדיק, צי נישט חוצפּהדיק. אַנגענעם מוז דאָס אַזאַ ייִדישקע נישט זיין. פאַר פאַרגעניגן טוט זי דאָס אפשר נישט. אפשר וואָלט איר

בעסער געווען ווען זי זאָל נישט מוזן... און וועגן דעם פינגערל... אפשר פאַרקויפט זי דאָס לעצטע כדי אָפּצועסן?

— עה — זאָגט מיין מיטשמועסערין מיט אַ זעלבסטצופרידענעם שמייכל דערפון וואָס זי איז בעסער אָריענטירט — איר זיינט אַ באַזוועד. איך וואָלט אייך געקענט פיל דערציילן.

עס גייט אָבער נישט אין דעם דיאַלאָג. כ׳ציטיר ספּעציעל דעם אַממייסטן באַנאַלן און אומשולדיקן. מיין מיטשמועסערין איז דאָך נישט געגאַנגען וועגן דער יידישער פרוי, נישט וועגן דעם דייטשן מלוכה־אוצר, נישט וועגן דעם פינגערל, וואָס פאַרקויפנדיק אים האָט די יידישע פרוי באַעוולט דעם דייטשן מלוכה־אוצר. ס׳איז איר געגאַנגען דעריין, זי זאָל אויף דער טעמע עפּעס אַרויסזאָגן, מאַכן רעוועלאַציעס, זי זאָל מיט גראַ־ציע און חן איבערחזרן די ווערטער „חוצפּהדיקע“ און „איר זענט באַזוו“, כדי צו ווייזן זיך פאַר אַ באַוווסטזיניקע און בכלל — האָבן אַ טעמע צו רעדן.

אָבער מיט אַזעלכע פראַזן איז פול געווען די לופט. אַזעלכע פראַזן האָבן געשאַפן די אַטמאָספערישע באַדינגונגען, אין וועלכע אַנדערע זע־נען שוין געפלויגן.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו דער מיעכאָוועד געגנט.

***

דער יידישער „מאָטיוו“ איז אין יענער צייט נישט געווען עפּעס אַזעלכער, וואָס האָט געהאַט אַ באַשטימטן שטח. וואָס ווייניקער עס זענען געווען יידן, אַלץ מער איז געווען די „יידישע פראַגע“. אין דער לופט, אין די מוחות, אין די איינשטעלונגען, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג באַפרייט פון יעדן קריטיציזם. אין דעם באַשטייט אייגנטלעך דער מעכאַניזם פון פּאַראַדאָקס, וואָס איז אַזוי שווער צו פאַרשטיין פאַר זייטיקע מענטשן.

אַ ייד, וואָס האָט געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן“ איז אויף אַזעלכע אָפּקלאַנגען געווען מער עמפּינדלעך ווי יעדער איינער. ווי אַ ראַדיאָ־אָפּנעמער, וואָס נעמט אויף געוויסע „כוואַליעס“, וואָס פאַר אַנדערע זענען זיי נישט מער ווי לופט־טרייסלונגען, אָן דער מינדסטער באַדייטונג. די רעלאַציעס וועגן לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן“ (אַפילו ווען צוליב מעטאָ־

דישע הנחות באַגרענעצן זיי זיך בלויז צו דירעקטע אָבסערוואַציעס פון איין מענטש) דאַרף אין אַכט נעמען אויך די איינשטעלונג און זייערע מינימאַלסטע אָפּשפּליטערונגען. יעדער פון די דאָזיקע ייִדן האָט זיך וועגן דעם אָנגעהערט אַזויפיל, אַז ס׳וואָלט געקאָנט גענוג גענוג געווען אויף אַ באַזונ־דער, זייער גרויסער אַרבעט. נאָך מער: די גאַנצע — אַזוי צו זאָגן — פיזאָלאָגיע פון די דערמאָנטע געשפּרעכן ווערט פאַרשטענדלעך ערשט דעמאָלט, ווען מען דערקענט איר הינטערגרונט. איך וואָלט דעריבער געדאַרפט אָנצייכענען דעם קלימאַט פאַר דער פּראָווינץ און גלייכצייטיק דעם מישמאַש און די צעפּיצלטקייט פון איר גייסטיקן אינהאַלט. מען וואָלט געדאַרפט פאַרנאָטירן יענע געוואַלטיקע פאַרענדערונגען, יענע אויפקלערונג און פאַרוויסטונג וואָס עס האָט אָנגעמאַכט אין די מוחות די עוואָלוציע פון דער „ייִדישער פראַגע״ אין יענע יאָרן און דאָס אומ־אָפּהענגיק פון דעם פאַקט צי די געגעבענע מענטשן האָבן זיך אָפּגעגעבן דערפון אַ חשבון, צי נישט. מען וואָלט געדאַרפט פאַרפיקסירן ווי אַזוי יעדער איינציקער האָט אויף אַ וואָסער ס׳איז אופן זיך אָנגעשטויסן אין דער „ייִדישער פראַגע״, ווי אַזוי מיט אָט די „ייִדישע געשעענישן״ האָבן זיך אַריינגעריסן כמעט אין יעדער פאַמיליע, אין יעדער שטוב. דאָס אַלץ קען נאַטירלעך נישט אַריינגיין אין די דאָזיקע זכרונות און אין בעסטן פאַל קען מען וועגן דעם רעדן נאָר דורך אַ ביישפּיל 1).

כ׳געדענק כ׳קום איינמאָל אָן אין אַ פריצישן הויף. די באַלעבאָסטע הויבט אָן דאָס געשפּרעך ווי געוויינלעך מיט דער פראַגע:

— ווי געפינט איר אונדזער געגנט?

כ׳ענטפער עפּעס, וואָס מען ענטפערט געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן. אַז כ׳בין ערשט נישט לאַנג אין דער געגנט. אַז כ׳קען זי נאָך נישט אַזוי גוט.

די פרוי וואָס זעט מיין פאַרלעגנהייט, וויל אַראָפּפירן דאָס געשפּרעך אויף אָן אַנדער טעמע און זי ווענדט זיך צו דעם נישט פאַרפירלעכן אוצר:

— נו — זאָגט זי — אָבער קיין ייִדן זענען ביי אונדז שוין נישטאָ!

איך האָב שפּעטער בעסער באַקענט די דאָזיקע מענטשן. די פרוי

1) וועגן די דאָזיקע ענינים וועט איבעריקנס אַ סך גערעדט אין אַנדערע מאַטעריאַלן פון דעם בוך.

איז געווען זייער אַ ליבע און אינטעליגענטע. עס איז נישט געווען אין איר קיין שפּור פון מענטשנפּרעסערישקייט. פּראָסט פּשוט: ייִדן — דאָס איז געווען אַ טעמע. ס׳איז געווען אַ געלעגנהייט צו אַ קאָנפראָנטאַציע. אָט זענען זיי געווען און אָט — נישטאָ.

אין אַ פּיל שפּעטערדיקער צייט איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען אין אַן אַנדער הויז ביי אַ נאָמענסטאָג־פייערונג. אַרום שפּעדיקן טיש האָבן זיך אויסגעזעצט געסט: עטלעכע שכנים, באַלעבאַטישע מענטשן, צוויי צי דריי גלחים, באַקענטע מאַנסלייט און פרויען פון דער געגנט. עס איז אויך געווען טאָמאַש 1) און באַשקע 2), וועלכע זענען אַקוראַט געהאַט געקומען פון קראָקע (זיי זענען אויך געווען פריינט פון די באַלעבאַטים). אין סך הכל האָבן זיך דאָ געפונען מענטשן פון פאַרשידענע איבערצייגונגען, אָבער יעדער איינער איז וועגן דער איינשטעלונג פון צווייטן מער־ווייניקער געווען אָריענטירט. מיט איין וואָרט: זיכערע מענטשן לכל הפחות אין דער הינזיכט פון סאָלידאַרישקייט בנוגע דעם אָקופּאַנט). דעריבער האָט מען צווישן איין טאָאַסט און צווייטן גערעדט וועגן די היינטיקע באַדינגונגען, וועגן פּאָליטיק און אויסזיכטן. דער אָרטיקער גלח — אַ מאַגיסטער, אַן אינטעליגענטער מענטש האָט אין אַ געוויסן מאָמענט באַמערקט, אַגב זייער דרך־אַגבדיק, ווי וועגן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, ווי וועגן אַ לאַנג שוין דערליידיקטן ענין:

— פון איינס בין איך צופרידן, וואָס די ייִדן לכל הפחות האָבן גוט באַקומען איבערן קאָפּ. דעם דאָזיקן נוצן...

צוליב דעם, וואָס ער האָט די דאָזיקע צופרידנקייט אויסגעדריקט זייער רויִק און פאַרבייגייענדיק האָב איך זיך אַ רגע פאַרטראַכט, ווי אַזוי אים אָפּצוענטפערן אויף דעם דאָזיקן אופן. איידער כ׳בין אָבער געקומען צום וואָרט, האָט טאָמאַש — אַ מענטש — אַ הייסבלוטיקער, וואָס איז נישט געוווינט זיך צו שפּילן אין ניואַנסן — זיך אָנגעכמורעט, זיך איבערגעבויגן איבערן טיש אין דער ריכטונג צום גלח און געזאָגט:

— הייסט עס, אַז דער גלח לויבט מאָרד.

אַן אַלגעמיינע קאָנסטערנאַציע. די געסט שווייגן, כדי נישט צו פאַר־

1) סטאַניסלאַוו קאָוואַלטשיק.
2) אַננאַ קוטשעל — איצט קאָוואַלטשיק.

טיפערן דעם אינצידענט. דער גלח טייטשט אויס, אַז ער האָט נישט אַזוי געמיינט, אַז ער האָט אַנדערש געמיינט. טאָמאַש חזרט איבער דאָס זייניקע און דער גלח דאָס זייניקע.

— איר רייסט זיך אין אַן אָפענער טיר, פּאַניע טאָמאַש. כ׳האָב נישט גערעדט וועגן מאָרדן; אָבער יידן זענען תמיד געווען אַ פּראָבלעם און פון פּוילישן שטאַנדפּונקט איז גוט געשען, וואָס דאָס פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן.

— ווי אַזוי געלייזט? דורך אויסמאָרדן! מיר לעבן דאָך נישט אויף דער לבנה.

— אָבער...

— נוֹ, ווי אַזוי? זאָל דער גלח זאָגן ווי אַזוי?

צום סוף איז איניקע געלונגען איבערצורייסן דעם דראַסטישן וויכוח. מען האָט זיך צוריקגעקערט צו אַן אומשולדיקן געשפּרעך, צו קאָמפּלימענטן פאַר די דאַמען, צו טאָאַסטן. די שווערע שטימונג איז שוין אָבער פאַרבליבן ביזן סוף. עס איז נישט געגאַנגען אין דעם אינהאַלט פון די אַרויסגעזאָגטע דעקלאַראַציעס. דאָס האָט קיין באַדייטונג נישט געהאַט. מען האָט זיך געטראַכט: „זאָל דער דאָזיקער טאָמאַש זיך האָבן אַן אַנדערע מיינונג ווי דער גלח. דאָס איז זיין זאַך“. די געזעלשאַפט איז באַשטאַנען פון אינטעליגענטע מענטשן... נאָך דעם האָבן אַ סך אין פּריוואַטן געשפּרעך געטיילט זיין מיינונג. „אָבער קאַליע מאַכן די שטימונג אויף אַ נאָמענסטאָג־פייערונג? דאָס איז אויסטערליש“.

ניין. דאָ איז נישט געגאַנגען אין מאַנגל פון היעראַרכיע ביים אָפּפילן די וויכטיקייט פון ענין. די זאַך איז באַשטאַנען דערין, וואָס דאָס גאַנצע יידישע פּראָבלעם האָט אויסגעזען צו געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט און דער וויכוח האָט זיך אויסגעזען צו זיין אַן אויסשליסלעך אַקאַדעמישער. אַ השערה אין דעם ענין איז נישט מער ווי אַ השערה, אינגאַנצן אָן באַדייטונג. מען קען זיך דערהיצן, מען קען זיך אַפילו קריגן וועגן איינשטעלונגען, וואָס האָבן אַ ווירקונג אויפן לעבן. אַ השערה אָן פּראַקטישער באַדייטונג קען מען בלויז אַרויסזאָגן. אַזוי ווי אַ השערה וועגן קלימאַט. אַ שטורעם מיט בליצן און דונערן קען אַמאָל ברענגען אַ גרויס אומגליק — דאָס איז אמת. פונדעסטוועגן צי האָט שוין עמעצער געזען, אַז אַ טאַקטפולער

מענטש זאָל זיך שלאָגן אויף מעסער וועגן... וועטער? צי קען דען אַ מיינונג דאָ עפּעס ענדערן?

פון צווישן פיל אַנדערע האָב איך דאָ געברענגט דעם ביישפּיל, וואָס אין אַן „אידילישער" און נישט בלויז צוליב זיין לייכטקייט. כ'האָב אים געברענגט דערפאַר, וואָס דער נאָמען פון דעם דאָזיקן גלח האָט זיך שפּע־טער, נאָך דער מלחמה געפונען אין די פּראָטאָקאָלן פון דער היסטאָרי־שער קאָמיסיע אין פּוילן. אַ ייִדישע פרוי פון יענער געגנט האָט נעמלעך עדות געזאָגט צווישן אַנדערן, אַז אין אַ גרויסן געפּאַרפּולן מאָמענט אין איר אָקופּאַציע־לעבן האָט איר אַרויסגעהאָלפן דער און דער גלח. זעט אויס, אַז אין דער פּראַקטיק איז דער גלח־מאַגיסטער געווען וויניקער פּרינציפּיעל, ווי אין זיינע מיינונגען. אין דעם דירעקטן צוזאַמענטרעף מיט דער „ייִדן פּראַגע" האָט ער אַרויסגעוויזן „אַ שוואַכקייט" און געהאָלפן. דאָס רעדט זייער גוט פאַר אים. אָבער אין זיינע מיינונגען האָט ער זיך „געפרייט אַז די ייִדן האָבן באַקומען איבערן קאָפּ". מיינונגען הרגענען דאָך קיינעם נישט. נישט אַלעמאָל אָבער. דעמאָלט (כאָטש די דאָזיקע מינים „טעאָרעטיקער" האָבן זיך אפשר דערפון קיין דין וחשבון נישט אָפּגעגעבן) האָבן די דאָזיקע מיינונגען געהאַט אַ שוין צופיל פּראַקטישן רעזולטאַט. דעם פּאָזיטיוון טאַט האָט דער גלח געטון בסוד. דאַקעגן זיי־נע מיינונגען האָט ער אַרויסגעזאָגט אָפן און פריי. געזאָגט ווי אַ פּאַסטעך צו זיינע שאָף. און צווישן די שאָף האָבן זיך געפונען נישט בלויז קיין טעאָרעטיקער. ס'האָבן צווישן זיי אויך געטראָפן לייט פון „טאַט". און ווען מען זאָל אַפילו פאַרבייגיין די דאָזיקע „טאַטן", איז שווער נישט צו באַמערקן, אַז אַזעלכע מיינונגען האָבן אָנגעפילט דעם קלימאַט מיט אַזעל־כע אויסדאַמפונגען, וועלכע האָבן פאַרסמט דאָס לעבן.

**
*

דער ניינצן־יעריקער אַנטאַני ס. האָט זיך צוגעגרייט צו אַ געהיימען עקזאַמען אַלס „עקסטערן". ער האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן די דורכ־געלייענטע ביכער. עס האָט זיך אין זיינע אַרויסזאָגונגען געפילט אַ היפּ־שער פּראָווינציאַליזם צוגלייך מיט דעם שטאָלץ פון אַזאַ אויטאָדידאַקט. איינמאָל האָט ער אויסגענוצט אַ צופעליקע באַמערקונג וועגן ייִדן און איז

באַלד אַריבערגעשפּרונגען צו רעדן וועגן די יידישע מקווהס. ער האָט, אײדער איך האָב זיך אַרומגעקוקט, געהאַלטן אַ גאַנצן רעפעראַט וועגן די מקווהס, וועגן זייער אויסזען, וויפל מאָל אַ פרומער ייד האָט זיך אין זיי געמוזט טובל זיין, ווען פרויען האָבן געמוזט אַדורכמאַכן די פּראָצעדור — פאַר דער חופּה און נאָך דער חופּה. הכלל אַפילו אַן איגנאָראַנט וואָלט גלייך דערקענט, אַז דער גאַנצער קענטעניש מאַטעריאַל שטאַמט פון די טונקעלע בראָשורן פון דר. געבעלס, אָדער דעם גלח טזשעטשאַק 1). דער בחור האָט אָבער מיט זיין ביסל „וויסן" זיך שטאַרק איבערגענומען און גערעדט מיט גרויסער איבערצייגונג און התלהבות. ווען ער האָט געענ־דיקט וועגן די מקווהס איז ער תיכף אַריבער צו די חדרים און דערנאָך צו דער יידישער שחיטה, צו דעם „הומאַניטאַרן" רחמנות־געפיל פאַר די אָקסן פון דער מאַדאַם פּריסטאָר 2).

נאָך אַ היפּשער צייט פון זיין דרשנען איז מיר געלונגען קומען צום וואָרט:

— דאָס אַלץ וואָס איר דערציילט, איז זייער אינטערעסאַנט. כ'האָב זיך אָבער הערנדיק אייך פאַרטראַכט וועגן צוויי זאַכן: אַז די בראָשורן (וואָרום אייער וויסן שטאַמט דאָך נאָר פון די בראָשורן) האָט איר געלערנט פיל גרינטלעכער ווי מיצקעוויטשן, אָדער סלאָוואַצקין. צווייטנס: איך קען זיך נישט אַזוי גוט אויף די ענינים פון ריטועלער שחיטה, אָבער הערנדיק אייך רעדן וועגן די ליידן פון די אָקסן און קעל־בער, האָב איך כסדר געמוזט טראַכטן וועגן די מיליאָנען מענטשן... כ'האָב אין זין די מיליאָנען דערמאָרדעטע יידן און דאָס רירט מיך מער ווי די ליידן פון די קי און שעפּסן.

מיין בחור האָט זיך פון מיין באַמערקונג גאָרנישט געמאַכט. ער האָט עפּעס אַ ברום געטון: „מיט יענע ענינים פאַרנעם איך זיך נישט", און איז ווידער אַוועק צו זיין פריערדיקער טעמע.

1) אַ טרויעריק באַרימטע פּערזענלעכקייט פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע אַנטיסעמיטישע בראָשורן, אָנגעגאַנגען אַלס „תלמוד־קענער". פאַר זיינע „פאַרדינסטן" איינגעלאַדן געוואָרן דורך היטלערן צום נירענבערגער קאָנגרעס.

2) אַ פרוי פון אַ פּוילישן פאַרמלחמהדיקן מיניסטער, וואָס האָט זיך טרויעריק באַרימט געמאַכט אַלס סיים־דעפּוטאַט, מיט אירע אַרויסטרעטונגען קעגן דער יידישער ריטועלער שחיטה.

דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען: מיצקעוויטש אָדער סלאָוואַצקי — דאָס האָט יעדער איינער געוווּסט און געקענט. דאַקעגן די בראָשורן זע־נען געווען „רעוועלאַציעס". וועגן אויסמאָרדן מיליאָנען ייִדן איז נישט כדאַי געווען צו רעדן. דאָס איז געווען „באַנאַל". רעדנדיק וועגן דעם, וואָלט ער געווען נאָר איינער פון אַ סך, וואָס אַפּראָבירן אָדער שטעלן זיך קעגן ווי „אַ ייִדישער פּעטער". להיפּוך: מיט די „ענינים" האָט ער געקענט אַ גלאַנץ טון מיט נייקייט, מיט באַזונדערן וויסן, מיט נישט דורכשניט־לעכקייט.

**
*

דער ה. ק. איז געווען אַ לערער, אייגנטלעך דער דירעקטאָר, פון אַ קליינער שולע אין אַ קליין דערפל. דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון הער ק. איז געווען זיין גוט לעבן מיט אַלעמען. מיט דער דייטשער מאַכט אין דער ערשטער ריי, אָבער אַפילו אויך מיט די וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער אונטערערדישער באַוועגונג. אַזוי גוט־לעבנדיק מיט אַלע־מען, האָט ער זיך נישט שלעכט אַרויפגעאַרבעט, צוביסלעך צוגעהאַנדלט, געשפּאָרט אַ גראָשן און זיך שוין עפּעס דאָרט געקויפט אַ הייזל מיט עט־לעכע מאָרג פעלד. מיט איין וואָרט: אַ מענטש, וואָס קען אויסקומען מיט מענטשן און לייגט צו זיי קיינמאָל נישט צו.

מיט מיר האָט ער אַפילו גערעדט וועגן סאָציאַליזם. נישט דאָס, וואָס ער אַליין זאָל חלילה זיין אַ סאָציאַליסט. אָבער עפּעס אַ משפחה־מיטגליד ביי אים איז געווען אַ סאָציאַליסט און דאָס האָט מיך שוין געדאַרפט צו־בינדן אויך צו אים. אין זכות פון זיין סאָציאַליסטישן קרוב האָבן מיר שוין אויך געדאַרפט ווערן שטיקלעך אייגענע מענטשן.

אויף איין געביט נאָר האָט הער ק. אַרויסגעזאָגט זיך אָפן און דע־צידירט: אין דער ייִדן־פראַגע. אין זיין אַנטיסעמיטיזם איז געלעגן אַ גרויסע אויפריכטיקייט, אָבער מער ווי אַלץ — די איבערצייגונג, אַז דאָס וועט אים קיינער נישט האַלטן פאַר אַן עוולה.

עפּעס האָט ער יאָ אַמאָל געהאַט צו טון מיט אַ ייִד. נאָר יענער איז געווען אַן אָרנטלעכער. בכלל אָבער ייִדן... יענער, דער אָרנטלעכער, „איז זיך שוין זיכער ערגעץ אומגעקומען".

איינמאָל האָט מיר הער ק. דערציילט וועגן דעם דאָזיקן אומקומען. די דייטשן — זאָגט ער — פאַרלאָדענען ייִדן אין וואַגאָנען. ווי נאָר מען פאָרט אַרויס אויפן פרייען פעלד, טרייבט מען די ייִדן אַרויס פון די וואַגאָנען און מען הייבט אָן זיי שלאָגן מיט פאַלקעס איבער די קעפּ, אַז זיי ווערן באַלד משוגע.

כ'האָב זיך דערביי דערמאָנט מיין גימנאַזיסט מיט זיינע אַרגומענטן קעגן דער אומהומאַניטאַרער ייִדישער שחיטה.

נישט כדי אַנטקעגן צו רעדן דעם הער ק. האָב איך געזאָגט:

— מען קען ליב האָבן ייִדן, אָדער נישט. דאָך דוכט זיך מיר, אַז דאָס דאָזיקע דייטשע פאַרברעכן דאַרף דורכנעמען מיט עקל יעדן ערלעכן מענטש.

דעמאָלט האָט הער ק. צעשפּרייט זיינע הענט מיט אַ מינע פון אַ מענטש, וואָס טראָגט די אַחריות פאַר דער געשיכטע און דעריבער „קען ער נישט אַנדערש".

— איך קען איך מאַטעמאַטיש דערוויזן — האָט ער געזאָגט — אַז אַנדערש איז דאָס נישט מעגלעך.

„מאַטעמאַטיש". מיר איז דורך אַ גרויל איבערן לייב. מיט דער הילף פון דעם איינעם וואָרט האָט זיך דער דאָזיקער וויסטער בעל-פּחדן „דערהויבן" אין זיין מיינונג צו דער ראָל פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דער געשיכטע און געפונען אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין חיהשן האַס און העסלעכקייט.

***

סטאַניסלאַוו מ. איז שוין געווען אַריבער די זעכציק. אַן אַלטער פויער. אַ גוטער באַלעבאָס. סאָליד און מיושבדיק. גערעדט געלאַסן און באַזאַכט. דערביי זיך געגלעט די וואָנצעס מיט ישוב-הדעת און פאַטריאַרכאַלישקייט.

דער אַלטער האָט געהערט צו די ציווילע קעמערלעך פון פּ. פּ. ס. אין זיין שייער האָט זיך געפונען דער געווער-מאַגאַזין. דער אַלטער האָט כלומרשט נישט געוווסט וועגן דעם. אָבער איינמאָל האָט ער זיך פאַר מיר באַקלאָגט:

— די יינגלעך קומען אַהיים פון רעגן און רייניקן נישט אָפּ ס׳געװער. ס׳װעט פאַרזשאַװערט װערן. אַזאַ טייערער מאַשין־געװער װעט װערן אַ תל.

זיין זון האָט געהערט צו אַ מיליטערישער קאַמפּס־אָפּטיילונג. אויך דערפון האָט דער אַלטער פאָרמעל נישט געװוּסט. אָבער איינמאָל, װען עס איז באַשטימט געװען אַ צונויפזאַמלונג פון זעלנער און דער זון האָט זיך פאַרהאַלטן אַ װיילע לענגער אין שטוב האָט ער אָנגעהויבן װאָרטשען:

— אַ שיינער זעלנער װאָס װייסט נישט פון קיין פּינקטלעכקייט.

אין אָװנט האָט דער אַלטער אַ טבע געהאַט צו פאַרציִען די פאָר־הענגלעך ביים פענצטער. אָנטון די ברילן און זיך אַװעקזעצן לייענען אונדזער אויסגאַבע. איינמאָל האָט ער באַקומען אַן עקזעמפּלאַר פון בראַשור „אַ יאָר אין טרעמבלינקע״ (אָנגעשריבן דורך אַן אָנטיילנעמער אין דאָרטיקן בונט און אַרויסגעגעבן דורך יידישע אונטערערדישע אָרגאַני־זאַציעס 1). איבערגעלייענט זילבנװייז דאָס גאַנצע בראָשור האָט ער גע־נומען טראַכטן הויך, אויפן קול:

— דאָס מוז זיין נישט אמת, װאָס די יידן שרייבן. דאָס איז, כדי אָנצושרעקן מענטשן.

— ס׳איז אָבער שװער צו גלויבן, אַז ס׳זאָל זיין נישט אמת — ענט־פער איך. — אַז די דייטשן מאָרדן מענטשן איז באַװוּסט. און אויב זיי מאָרדן — מוז עס אויסזען אַזוי.

ער טראַכט נאָך און לסוף זאָגט ער דעצידירט:

— ס׳איז זיכער אמת.

און גיט דערנאָך צו:

— ס׳איז אמת, װייל אַזעלכע זאַכן װאָלט קיין מענטש נישט אויס־געטראַכט. דאָס איז נישט פאַרן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. און אויב עס איז אמת טאָ פאַרװאָס עפּעס בלויז יידן. אַז אַזעלכע מערדער זענען דאָ און אַזאַ גאַז האָבן זיי, קענען זיי יעדן אַזוי. אַזוי װי מיט דעם הונט. ער האָט געבילט, געבילט, אָבער קיינעם נישט געביסן. איינמאָל האָבן אים די פאַראָבקעס אָנגערייצט אויף איינעם און ער האָט יענעם אַ ביס געטון.

1) דורך דער אַ. ג. קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע (װאַרשע 1944) פאַרגלייך דאָס געהעריקע קאַפּיטל אין דעם בוך.

די פּאַראַבקעס האָבן געלאַכט. אָבער דערנאָך איז שוין דער הונט אויף יעדן איינעם געשפּרונגען און געביסן און קיין שום עצה איז צו אים נישט געווען.

*****

גייענדיק איינמאָל מיט עטלעכע פון מיינע זעלנער אין אַ דערפל אַריין, האָט אָנגעהויבן שטאַרק רעגענען. איינער פון די זעלנער האָט זיך אָנגערופן:

קומט, דאָרט אין לײדיקן פעלד געפינט זיך די כאַטע פון דער „סאָלטיסקע". לאָמיר אַריינגיין צו איר.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיינע זעלנער קענען די „סאָלטיסקע" דערפון, וואָס גייענדיק איינמאָל אַהיים האָט זי זיי געוואָרנט, אַז אין דאָרף זענען דאָ דייטשן און ס'איז בעסער זיי זאָלן איבערוואַרטן ביי איר.

מיר זענען טאַקע אַהין אַוועק. באַלד האָט מען אונדז מכבד געווען מיט ברויט און קעז. די שטובלייט, די „סאָלטיסקע" (איר מאַן דער גער. סאָלטיס איז שוין טויט שיינע יאָרן און דאָך רופט מען זי נאָך אַלץ מיט דעם נאָמען), איר טאָכטער און דער איידעם האָבן אונדז זייער גוט אויפ־גענומען. זיך אויסגעפרעגט וועגן די נייעסן אויף דער וועלט און עס האָט זיך פאַרפירט אַ פריינטלעכער שמועס.

אינמיטן שמועס האָט די אַלטע פּלוצעם אַ פרעג געטון:

— אפשר וואָלט איר געקענט צווישן אייערע באַקומען אַזאַ מין שוואַביש פּאַפּיר, אַזאַ מין „קענקאַרטע"?

— פאַר וועמען? — האָב איך געפרעגט.

— איך דאַרף פאַר עמעצן דאָרט — האָט זי געענטפערט — אויב עס גייט וועגן געלט וועל איך באַצאָלן.

— ניין. עס גייט נישט וועגן געלט. אָבער מען דאַרף וויסן פאַר וועמען.

— פאַר אַזעלכע וואָס דאַרפן. וואָלטן זיי נישט געדאַרפט, וואָלט מען דאָך נישט געבעטן.

— אָבער עס זענען פאַראַן „פאָלקסדויטשן" וואָס ווילן זיך פאַר־

זאָרגן מיט אַ פּוילישער „קענקאַרטע" טאָמער וועט דאָס זיי שפּעטער צו־נוץ קומען.

— עה — האָט די אַלטע אָפּגעהאַקט — כ'וואָלט מיר דאָס מויל פאַר אַזעלכע נישט קאַליע געמאַכט.

זי האָט זיך צעלאַכט. זעט אויס בלויז פון געדאַנק, וואָס מיר קענען אָננעמען די, פאַר וועלכע זי דאַרף די „קענקאַרטע" פאַר דייטשן. מיט פויערישער כיטרעקייט איז זי אָבער אַוועק אין שמועס אויף זייטיקע זאַכן און ערשט צום סוף פּלוצעם אַ פרעג געטון:

— זענט איר אפשר אויך פון די זעלנער, וואָס קעמפן פאַר פּוילן און זוכן אויס אַ באַהאַלטענעם ייִד כדי אים צו דערהרגענען.

איך האָב נישט געענטפערט. איך האָב אָבער תיכף פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט.

איינער פון מיינע בחורים האָט געזאָגט:

— דאָס איז נישט אונדזער זאַך.

די „סאָלטיסקע" האָט זיך אָבער דאָס מאָל נישט געלאָזט אַראָפּפירן פון וועג און ווייטער געזאָגט:

— איך קען נישט פאַרשטיין וואָס מיט מענטשן איז געוואָרן. יע־זוסן אָפּילו וואָלטן זיי פון קרייץ אַראָפּגענבעט און צום שוואַב אַלס ייִד אויסגעגעבן, אָדער גאָר אַליין דערהרגעט. אַ מגיפה איז געקומען אויף די מענטשן. אַ נייעם קאַטעכיזם האָבן זיי זיך אויסגעלערנט ביי די דייטשן. קיין פּאָליטיק פאַרשטיי איך נישט און וויל נישט פאַרשטיין. אָבער קאַ־טעכיזם האָב איך זיך פון קינדווייז אָן געלערנט און ביי מיר אין קאָפּ האָט זיך גאָרנישט איבערגעדרייט.

דער איידעם האָט מורא געהאַט, אַז די שוויגער האָט זיך פאַררעדט און זיך אָפּגערופן:

— וואָס גייט עס אייך אָן, מוטער? זאָל זיך יעדערער טראַכטן ווי ער וויל... — דאָך האָט ער זיך אויך פאַרפּלאָנטערט.

— איך ווייס נישט וואָס עס שטופּט מענטשן זיי זאָלן אַנדערע הרגע־נען. איך ווייס נאָר, אַז ביים העכסטן געריכט וועט משפּטן נישט היטלער, נאָר גאָט דער פאָטער. און גאָט דער פאָטער האָט אַנדערע געזעצן.

די טאָכטער האָט אַליין נישט וויסנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו

די רייד פון איר מאַן. ס׳איז אויסגעקומען, אַז די גאַנצע משפּחה „ווייס איינס״.

בעת מיר זענען אַוועק, בין איך אַרויס דער לעצטער. כ׳האָב זיך פאַרהאַלטן אויף דער שוועל און שטיל געזאָגט דער אַלטער, אַז איך וועל צושיקן איינעם, וועלכן זי דאַרף געבן אַ פאָטאָגראַפיע און דעם נאָמען, אויף וועלכן די „קענקאַרטע״ דאַרף זיין אויסגעשטעלט. ווי אויך די יאָרן. מער גאָרנישט.

די „סאָלטיסקע״ האָט מיר נאָך באַוויזן צו זאָגן:

— איך וויל דאָס האָבן טאָמער וועט זי שוין נישט קענען אַנדערש; און אויב מען וועט דאָס „פּאַפּיר״ נישט דאַרפן איז בעסער.

זי האָט באַקומען די „פּאַפּירן״ אין משך פון עטלעכע טעג. צי דער באַהאַלטענער ייִדישער פּרווּ איז אויסגעקומען זיך צו באַנוצן מיט דער „קענקאַרטע״ ווייס איך נישט. איבעריקנס גייט דאָ נישט דערין.

IX

ציווילע פאַרברעכער און מערדער פון דער אונטערערד. — „אַנפליער" פון דער נ. ס. ז. אינטערווענצן און קאָמפּליקאַציעס. — אַ פאַרברעכער צווישן מיינע זעלנער. — ווער האָט פון דעם פויער געמאַכט אַ מערדער? — אַ געשפּרעך מיט אַ מיט־גליד פון נ. ס. ז. — „צו וואָס זיך תיכף צו דענערווירן?"

דאָס וואָס מען האָט אין קאָנספּיראַטיוון לשון אָנגערופן „דאָס גע־ביט" איז נישט געווען בלויז קיין באַשטימטער שטח, ווו עס האָבן זיך געפונען די וואַלד־אָפּטיילונגען. דאָס איז אויך געווען אַ שטח, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען צענדליקער דערפער מיט אָרטיקע אָפּטיילונגען און אָרטיקע פויערישע קעמערלעך. נעבן דער מיליטערישער טעטיקייט, נעבן די אַרויספאַלן אויפן שונא און די מיליטערישע איבונגען זענען אויך געווען צווישן־פאַרטייאישע קאָנפליקטן און צווישן־מענטשלעכע סיכסו־כים. זיי אַלע זענען, ווי באַוווסט, געלייזט געוואָרן אין די ראַמען פון דער קאָנספּיראַטיווער יוריסדיקציע. עס זענען דעריבער פאָרגעקומען זיצונ־גען פון דער לאָנדאָנער פּוילישער רעגירונגס־דעלעגאַטור און זיצונגען פון די אונטערערדישע געריכטן, צווישן־פאַרטייאישע און אַלמיליטערישע צוזאַמענטרעפן.

דאָס „יידישע פּראָבלעם" איז אין יענע יאָרן שוין געווען „רעגו־לירט" גרינטלעך דורך די דייטשן. די יידן פון דער גאַנצער געגנט זע־נען שוין געהאַט אַרויסגעטריבן („אויסגעזידלט" — לויט יענע טערמי־נען) געוואָרן. אין די שטעטלעך זענען נאָר געבליבן, ווי אַ זכר נאָך זיי די הייזער, די געוועלבער און דאָס פאַרמעגן. און טראָץ דעם האָט דאָס

„יידישע פּראָבלעם", בעסער געזאָגט: איר קברדיקער ווידערקול האָט זיך נאָך אַלץ געלאָזט הערן.

אין די דערפער האָט זיך נאָך, דאָ און דאָרט, אויסבאַהאַלטן עפּעס אַ ייד. געוויינלעך האָט וועגן אים געוווּסט נאָר דער באַלעבאָס, וואָס האָט אים באַהאַלטן. דער סוד איז דאָך געווען דער ערשטער באַדינג פאַר אָט דער וועגעטאַציע. אין דער דאָזיקער גאַנצער גרויסער אומגעגנט זענען פאַרהעלטניסמעסיק געווען זייער ווייניק אַזעלכע אויסבאַהאַלטענע יידן. נאָך דער מלחמה, ווען זיי זענען אַרויס פון דער באַהעלטעניש האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען קען פון זיי קוים מאַכן אַ קליינע גרופּקע.

עס קען זיך אויסדאַכטן, אַז די דאָזיקע מענטשן, וואָס זענען אויס־געשלאָסן געווען אויפן קאַטעגאָרישסטן אופן פון לעבן און דערווייטערט פון יעדן צופעליקן אויג האָבן נישט מער געדאַרפט ווי פּאַסיון אויס־וואַרטן אויף דעם סוף פון דער מלחמה. דער טויט האָט אָבער זיי אַטאַ־קירט אויך אין באַהעלטעניש. ער איז געקראָכן צו זיי פאַרעקשנט, מיט הונדערטער וועגן און אופנים. אין די דאָזיקע פאַרגעסענע באַהעלטענישן האָבן זיך אָפּגעשפּילט זייער קאָמפּליצירטע טראַגעדיעס. אָפטמאָל האָט דער טויט צוזאַמען מיטן קרבן אָוועקגענומען אויך דעם זכר פון זיין באַ־העלטעניש און אַפילו דער טויטער גוף האָט זיך נישט אָפּגעזוכט ווי אַן עדות פון אַמאָליקן לעבן. עס איז אָבער אויך געשען פאַרקערט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אויף דעם „שטיץ־פּונקט" פון דער דייטשער פּאָליציי אין פּראָשאָוויץ געבראַכט מיט אַ פּראָצעסיע־באַגליי־טונג צוויי יידישע פרויען. עס האָט זיי אָנגעטראָפן אויף די פעלדער אַ קליינשטעטלדיקער האַלב־אינטעליגענט. די פרויען האָט מען אויפן אָרט דערשאָסן. דער מסור, מיט אַן אויסגעלייגטן קראַגן פון העמד, אַלאַ סלאָוואַצקי, מיט אַ פּרעטענציאָנעל־פאַרקעמטער טשופּרינקע האָט הויך אויפן קול — פול מיט באַגייסטערונג פאַר זיין העלדישקייט דערציילט אַלעמען ווי אַזוי ער האָט די צוויי פרויען באַמערקט. ווי אַזוי ער האָט בליץ שנעל און געניאַל באַטראַכט די סטראַטעגיע פון כאַפּן זיי. דער דאָ־זיקער אינצידענט (איבעריקנס נישט דער איינציקער חלילה) איז פאַר־געקומען עטלעכע חדשים נאָך אַלע „אויסזידלונגען" אין יענער געגנט. די פרויען האָבן, זעט אויס, זיך באַהאַלטן אין עפּעס אַ כאַטע. אפשר איז

דעם באַלעבאָס נימאס געוואָרן זיי צובאַהאַלטן? אפשר האָבן זיינע נערוון נישט אויסגעהאַלטן, ווייל עמיצער, אַ נישט־געוווּנטשענער האָט זיך דער־ווּוסט פון דעם סוד? גענוג איז — די פרויען האָבן פאַרלוירן זייער באַ־העלטעניש, האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט אין פעלד, אויסבאַהאַלטן אין דער תבואה. צום סוף האָט זיי באַמערקט דער דערמאָנטער „דזשענטלמען" און כאַפּנדיק זיי — „געזיגט".

יאָ, דאָס זענען געווען פאַלן, וועלכע מען קען פאַרצייכענען ווי אַ פּאָסט סקריפּטום. אַ צוגאָב־אינצידענט צו יענער צייט, וואָס איז מיט אַזעלכע פאַלן אויסגעפילט געווען ביז איבער די ברעגן, טאָגטעגלעך און מאָסנהאַפטיק.

פון צייט צו צייט האָט געטראָפן, אַז אַ קאָרדאָן פון „קאָנספּיראַטיוון" נ. ס. ז. (און נישט בלויז נ. ס. ז.) האָט אַרומגערינגלט ביינאַכט עפּעס אַ דאָרפישע כאַטע. דאָס האָבן די היימישע ענטוזיאַסטן פון הימלערן אויס־געזוכט מיט מיליטערישע מיטלען עפּעס אַ באַהאַלטענעם ייִד, צו וועלכן די געסטאַפּאָ האָט נאָך נישט דערגרייכט. אין דעם נישט גרויסן דאָרף שטשיטניקי זענען זיי איינמאָל געקומען אַזש 60 מאַן. אין פולער באַוואָ־פענונג, מיט מאַשין־געווער און גראַנאַטן. אין רעזולטאַט פון אָט דער „העלדישער שלאַכט" האָבן זיי דערמאָרדעט צוויי ייִדישע פרויען די טויטע גופים האָבן זיי געוואָרפן אויף אַ שייד־וועג. צומאָרגנס איז גע־קומען דייטשע פּאָליציי, באַקוקט די טויטע גופים מיט אַ שמייכל, גע־הייסן זיי באַגראָבן און געלויבט די מערדער.

שענדלעכע „שלאַכטן" פון ענלעכן מין זענען פאָרגעקומען אַ סך. די דאָזיקע מאָרדן זענען געווען די אָביעקטן פון אונדזערע אינטערווענצן און כסדרדיקע מחלוקת, סיי אויף די מיליטערישע צוזאַמענטרעפן, סיי אויף די זיצונגען פון דער דעלעגאַטור.

די קעגנווירקונג איז אָבער געווען קאָמפּליצירט און שווער. אַ סך סיבות זענען דערצו געווען, סיבות פאַרשידנאַרטיקע און שטאַרק פאַרבונ־דענע מיט דעם מענטשן־מאַטעריאַל פון אונטערערד און מיט דער צייט, אַזוי אַז ס'איז זיי אוממעגלעך צו דערקלערן פאַרבייגייענדיק.

נישט אין איין פאַל איז אַפילו שווער געווען פעסטצושטעלן די אַזוי גערופענע פאַקטישע לאַגע. ווידעראַמאָל: די פראַגע פון באַדינגונגען, די

פראַגע פון קלימאַט. וואָרעם אויב מען האָט באַהאַלטן אַ ייִד און קיינער האָט דערפון נישט געוווסט, האָט מען אים שפּעטער געקענט דערמאָרדן און קיינער זאָל דערפון אויך נישט וויסן. אין רעזולטאַט האָט גוטס און שלעכטס זיך אויסגעמישט אינעם אַלגעמיינעם חושך.

עס איז לייכטער צו משפּטן אַנדערע, ווי זיך אַליין. כדי אויסצומיידן דעם דאָזיקן טעות קלויב איך בכיוון אויס דעם פאַקט, אין וועלכן איך אַליין האָב זיך אַ ביסל פאַרזינדיקט.

בעתן פעסטשטעלן די נעמען פון פאַרשידענע פאַרברעכער, האָט דער אינספּעקטאָר פון אַ. ק. געפאָדערט צו „ליקווידירן" אַ געוויסן זעל־נער פון די פּ. פּ. ס.־אָפּטיילונגען, וואָס איז געווען דער אָנפירער פון אַ קליינער אָפּטיילונג. ער האָט אים פאָרגעוואָרפן באַנדיטישע אָנפאַלן, אומ־לאָיאַלע האַנדלונג בנוגע זעלנער פון אַנדערע גרופּירונגען, ווי אויך דאָס דערמאָרדן ייִדן, וועלכע ער אַליין האָט צום ערשט באַהאַלטן. ווי פאַר איין פאַרשוין — איבערגענוג פאַרברעכנס.

כ׳האָב צוגעזאָגט די אַלע פאַרברעכנס תיכף אויסצופאָרשן און אין פאַל ווען עס וועט זיך אַרויסווייזן פאַר אמת — אַליין צו ציִען קאָנסעק־ווענצן. באַלד נאָך דעם געשפּרעך מיט דעם אַ. ק. אינספּעקטאָר האָב איך אונטערגענומען אַן אויספאָרשונג. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַנשטאָט אויפצוקלערן, זענען פון שעה צו שעה אָנגעוואַקסן נייע פאַר־וויקלונגען.

עס האָט זיך נעמלעך אַרויסגעוויזן, אַז געוויסע פּונקטן פון דער באַ־שולדיקונג שטימען זייער גענוי גראָד מיט דער באַשולדיקונג, וואָס מיר האָבן אַריינגעטראָגן קעגן דער אַ. ק. 1). מיר האָבן פאָרגעוואָרפן דעם לערער ז. פון דער אַ. ק., אַז ער האָט געמאָרדעט ייִדן און מיר האָבן גע־האַט דערויף באַווייזן. מיר האָבן באַשולדיקט איינעם אַ סערזשאַנט פון אַ. ק. אין באַנדיטישע אָנפאַלן און אויך דערויף געהאַט פעסטע באַווייזן. די פראַגע פון אומלאָיאַלקייט מצד די אַ. ק.־זעלנער צו אונדזערע אָפּטיי־לונגען איז געווען די טעמע פון כסדרדיקע קריגערייען. איצט, ביים באַ־

1) אונדזערע אָפּטיילונגען האָבן — ווי שוין געזאָגט — פאָרמעל נישט געהערט צו דער אַ. ק. מיר האָבן זיך נאָר מיט זיי פאַרשטענדיקט אין געוויסע פראַגן.

טראַכטן דעם ענין האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די הויפּט־אינפאָרמאַטאָרן קעגן אונדזערע זעלנער זענען נישט געווען קיין אַנדערע, ווי טאַקע דער זעלנער ז. און דער סערזשאַנט. אומאָפּהענגיק דערפון האָט דער אַרויס־גערופענער זעלנער אָנגעגעבן אַ ריי פאַקטן מיט גאָר אַן אַנדערער אויס־שפּראַך ווי די באַשולדיקונג. אַלץ האָט געוויזן דערויף, אַז דער לערער און דער סערזשאַנט האָבן פּראָדוצירט די דאָזיקע באַשולדיקונגען בכדי זיך ריינצווואַשן פון די פאָרווורפן קעגן זיי. די ראַפּאָרטן וועגן אַ פאַרעל־טערטן ענין האָבן זיי אַריינגעטראָגן ערשט איצט, ווען מיר האָבן זיי באַשולדיקט.

די לאַגע איז נאָך קאָמפּליצירטער געוואָרן דערמיט, וואָס דער אינס־פּעקטאָר פון אַ. ק. האָט זיך אָפּגעזאָגט אונדז מיטצוטיילן גענויערע פּרטים פון זיינע באַווייזן, פאַרופנדיק זיך אויף אַ מיליטערישן סוד. איך האָב אָבער געהאַלטן, אַז כדי צו באַשולדיקן אַ מענטש דאַרף מען זיין זיכער, אַז ער איז די פאַרברעכנס טאַקע באַגאַנגען. וואָס האָט באַנדיטיזם צו טון מיט מיליטערישע סודות? פאַרוואָס זאָל מען נישט קענען מיטטיילן די פּרטים וואָס וואָלטן געקענט צוגעבן זיכערקייט דער באַשולדיקונג? אין דעם פאַל איז קיין שום זיכערקייט נישט געווען. להיפוך: אַלץ האָט אָנ־געוויזן דערויף, אַז מיר האָבן צו טון מיט אַ בילבול. וואָרעם שטעלט זיך פאָר אַן אָנקלאָגער קעגן מאָרד איבער יידן, וואָס האָט אויף זיין גע־וויסן עטלעכע יידן־מאָרדן און פּראָפּאַגירט אַפילו עפנטלעך די דייטשע פאַרניכטונגס־מעשים.

כ'האָב דעם דאָזיקן זעלנער נישט באַשטראָפט און אים אַפילו פאַר־טיידיקט קעגן די אָנגעזאָגטע מיטלען פון אַ. ק. דאָס הייסט: קעגן אַ קויל אין קאָפּ.

כ'האָב געלאָזט דעם ענין אַ ביסל שטיל ווערן און דערביי פאַר־שטאַרקט דעם אינערלעכן אויסשפּיר־דינסט. גאָר גיך האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די אַלע פאָרווורפן זענען געווען ריכטיקע. ער האָט טאַקע אויסגעפירט באַנדיטישע אָנפאַלן, געווען אומלאָיאַל צו זעלנער און דער־ביי נישט בלויז פון אַנדערע ריכטונגען, נאָר אויך צו אונדזערע אייגענע זעלנער. געשען איז דאָס אָבער נישט צוליב פּאָליטישע טעמים, נאָר צו־ליב אייגננוציקע אינטערעסן. וואָס נוגע די יידן, האָט ער מיר געברענגט

אַ גאַנץ פּעקל מיט דאָקומענטן, אין וועלכע די כלומרשטע ייִדן לויבן אים אַלס זייער בעל טובה. די דאַטעס פון די דאָקומענטן זענען געווען פאַר־עלטערטע, אָבער דערביי זענען די אונטערשריפטן געווען אויטענטישע. ער האָט מיר אויך געוויזן פאַרשידענע אָפּמאַכן מיט ייִדן, וועלכע האָבן אים צוגעזאָגט אַ העלפט פון פאַרמעגן אויב זיי וועלן איבערלעבן די מלחמה. מערקווירדיק איז אָבער געווען, וואָס אין יעדן אָפּמאַך האָט פיגורירט אַ פּונקט, אַז „אין פאַל פון אַן אומגליק" בלייבט דער אָפּמאַך אין קראַפט. צו וואָס דער פאַרשוין האָט געזאַמלט די פּאַפּירלעך ווייס איך נישט גענוי. מעגלעך, אַז ער האָט געקלערט נאָך דער מלחמה זיי צוגעברויכן ווייסנדיק אַז דער צווייטער צד וועט אויף דעם געריכטס־פּראָצעס נישט קענען זיין אַנוועזנד.

כ'האָב זיך פאַרשטענדיקט מיט פלאָריאַנען (וועלכער האָט אַנגעפירט מיט דעם ציווילן רעסאָרט) און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז פלאָריאַן וועט זיך צו אים ווענדן מיט דער פּראָפּאָזיציע צו געבן הילף די באַהאַלטענע ייִדן, מיט דעם תּנאַי ער זאָל זיך מיט זיי פריִער קענען קאָנטאַקטירן. ווען מיר האָבן אים דאָס פאָרגעלייגט, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז מען קען זיך מיט קיין איינעם פון די באַהאַלטענע ייִדן נישט קאָנטאַקטירן.

דעמאָלט האָבן מיר זיך ערשט דערוווּסט, אַז דער דאָזיקער פאַרשוין איז מיט דעם לערער ז. אַמאָל געווען אין גרויס־גוטפריינטשאַפט.ביידע האָבן זיי דורכגעפירט זייערע פאַרברעכנס. ערשט שפּעטער האָבן זיי זיך צעקריגט און גענומען זיך קעגנזייטיק מסרן, ווענלדיק, אַז דער צווייטער זאָל נישט דערלעבן ביז נאָך דער מלחמה. דערביי האָט איינער געמסרט צו אונדז און דער צווייטער אין אַ. ק.

איך און פלאָריאַן האָבן מיר תּיכף אַרויסגעטראָגן דעם פּסק דין. דער פאַרשוין האָט אָבער דערווייל באַוויזן צו אַנטלויפן. ער האָט געשאַפן אַן אייגענע וואַלד־באַנדע א. נ. „ראַדיקאַל־לינקע", זיך נישט געניי אָריענ־טירנדיק אין דעם פּאָליטישן אינהאַלט פון דעם דאָזיקן.

זיין באַנדע האָט גראַסירט אַ שטיק צייט נאָך דער מלחמה, און ער אַלס אַ פאַרדינסטפולער קאָמוניסט. האָט זיך באַזונדערס נוקם געווען אין אונדזערע געוועזענע זעלנער. נאָר דאָס געהער שוין צום אַנדערן ענין.

כ׳האָב בכיוון דערציילט דעם פאַקט כדי צו אילוסטרירן די שווע־ריקייטן ביי דער אַנטקעגנווירקונג צו די יידן־מאָרדן. אין דעם פאַל האָט רעכט געהאַט דער אינספעקטאָר פון דער אַ. ק. און איך בין געווען אומ־גערעכט.

די צעמישעניש אין יענע יאָרן האָט אויך געהאַט אירע אַנדערע פינצטערע זייטן. עטלעכע צופעליקע זאַצן אין אַ צופעליקן געשפּרעך האָבן אויפגעדעקט אַ גרויל, אויף וועלכן מען האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט ריכטן. איך טראַכט אָפטמאָל וועגן פאַלגנדיקן פאַרפאַל:

אין אָוונט האָבן מיר געהאַט אַ לויפנדיקע אַקציע. דערנאָך ביינאַכט — אַ מאַרש, צוזאַמען מיט טאָמאַשן און דעם פאַרבינדלער, אין דאָרף ק. דער רעגן האָט געגאָסן מיט צעבערס. די מיעכאָווער ערד, ווי תמיד אין אַזאַ וועטער, האָט זיך גיך פאַרוואַנדלט אין אַ טיפער זומפּיקער בלאָ־טע. אין דאָרף ק. האָבן מיר אויפגענומען דער ניי־געשאַפענער אָפּטיילונג דערנאָך געמאַכט אַן אַרויסמאַרש אין רעגן און שפּעטער דורכגעפירט די געהעריקע קאָנטראָלן. צום סוף איז נאָך פאָרגעקומען עפּעס אַ פאַר־זאַמלונג אין אַ שייער, וואָס איז דורכגענומען געווען פון ווינט און קעלט. אַרום דריי פאַרטאָג האָבן עטלעכע אָרטיקע זעלנער מיך און טאָמאַשן אָפּגעפירט אויף נאַכטלעגער.

נאָך אַן עטלעכע שעהדיקן דורכווייקן זיך אין רעגן, קעלט און ווינט, האָט די וואַרעמקייט פון שטוב אונדז אַרומגענומען מיט רירנדיקער היי־מישקייט. אויפן טיש — אַ פלעשל, גלעזלעך און פאַרבייס. מיט אַ שעה פריִער האָבן זיי, די זעלנער, אויסגעהערט רעפעראַטן מיט פיל אַרגו־מענטן קעגן שיכרות, אָבער דאָך... „אַ ביסל, אַזוי אויף צו דערוואַרעמען זיך קען קיינמאָל נישט פאַרשאַטן".

דער שמועס פירט זיך פריי און שטיל, ווייל אין דער דערנעבנדיקער שטוב שלאָפן שוין אַלע. די געדעמפּקייט אין רעדן פאַרטאָפּלט די פאַר־טרוילעכקייט און די האַרציקייט פון שמועס. די אָרטיקע אסאצירן די פאַרטיי־ענינים מיט היימישע זאָרגן. דער דערמאָנט עפּעס פון די אַלטע צייטן, אַ צווייטער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן. דערנאָך גייען אַלע אַוועק. מיר בלייבן אַליין מיטן באַלעבאָס. ער איז בגילופין פון דער גאַנצער ביי־נאַכטיקער שטימונג. ער פאַרזיכערט אונדז אין זיין גרייטקייט אין יעדער

רגע און אין יעדער נויטווענדיקייט און גיט צו: — „מיר, חברים, האָבן נישט ערשט איצט אָנגעהויבן. מיר האָבן שוין פריִער אויך געקעמפט״.

— דאָס איז זייער גוט — זאָג איך — אָבער וואָס האָט איר געטון?

— פאַרשידנס. צום ביישפּיל אַזעלכעס: עס איז זיך דאָ געווען אַ ייִדל, אַ שניידער. נישט קיין שלעכטער מענטש אַפילו. און ווען די דייטשן האָבן אַלע ייִדן צוגענומען, האָט ער זיך דאָ ביי איינעם באַהאַלטן. מיר זענען צו אים, אין איינעם אַן אָוונט, אין דער כאַטע געקומען און זאָגן צו אים, אַז דאָס איז נישט קיין גוטע באַהעלטעניש פאַר אים, אַז מיר האָבן פאַר אים אַ בעסערע. ס׳איז מיר וואָס אַן אמת אַ שאָד געווען דעם מענטש. מיר האָבן זיך דאָך געקענט מיט אים און אַזוי צו אים האָב איך דאָך גאָרנישט געהאַט. ער איז געווען אַ שניידער, געניית. דעריבער איז אַ רחמנות געווען.

און ווי ער וואָלט זיך צוליב אָט דער שוואַכקייט פאַרענטפערט:

— נו, וואָס? מען איז אַ מענטש, האָט מען רחמנות. אָבער פאַרפאַלן: אַז מען מוז, מוז מען. דערפאַר ווייל די אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער איך האָב מיטגעאַרבעט, האָט נישט קיין שום שייכות צו די ייִדן־מאָרדן. מיר זענען אַקטיוו געווען אין אַן אוממענטשלעכער צייט און אין אונדזער טעטיקייט איז אונדז נישט איינמאָל אויסגעקומען זיך צוזאַמענטרעפן מיט די פינצטערע פּראָדוקטן פון דעם קלימאַט. עס בלייבט אונדז אַ מאָראַ־לישע זעלבסטבאַפרידיקונג, וואָס אין די דאָזיקע צייטן פון אַ פאַרגיפ־טעטער אַטמאָספער האָבן מיר איינגעשפּאַרט אָפּגעהיטן די פּרינציפּן פון הומאַניזם. אין די דאָזיקע צייטן פון צעמישונג האָב איך קיינמאָל נישט אַרויסגעגעבן, און אויך נישט באַקומען, קיין איין באַפעל, מיט וועלכן מען זאָל זיך דאַרפן שפּעטער שעמען, אָדער אָפּלייקענען.

**
*

נאָך איינעם אַ פאַל, ווען נ. ס. ז. האָט דערמאָרדעט באַהאַלטענע ייִדן, האָבן מיר אונטערגענומען אַ ריי שאַרפע שריט. אין די זעלביקע טעג בין איך אַריינגעקומען צו אַ באַקאַנט פאַרפאַלק. ביי זיי האָב איך געטראָפן צו גאַסט, אַן עטלעכע דרייסיק־יעריקן מאַן.

בעתן געשפּרעך האָט דער מאַן בכיוון געפירט דאָס געשפּרעך אויף

פּאָליטישע טעמעס. געניער: אויף די באַציִונגען אין דעם פּוילישן אונ־טערערד. נאָך אַ פּערטל־שעהדיק געשפּרעך — פּול מיט אַלוזיעס מצד אים (וואָס זענען אָבער געמאַכט געוואָרן זייער פּאָרזיכטיק און מיט דער מעגלעכקייט תמיד זיך צוריקצוצִיען) האָב איך זיך קלאָר געמאַכט צווי זאַכן: איינס — אַז מיין מיטשמועסער וויס ווער איך בין (וויניקסטנס אין דעם זין, וואָס ער וויס מיין פּאַרטייאישע אָנגעהעריקייט) וויס וועגן מיינע פונקציעס און וועגן די שריט, וואָס מיר האָבן אונטערגענומען בנוגע די מאָרדן. צוויי: אַז ער אַליין געהערט צו דער נ. ס. ז. דאָס לעצטע האָט ער, נישט נאָר באַהאַלטן, נאָר אַפילו אונטערגעשטראָכן דערמיט, וואָס ער האָט דערציילט וועגן זיין אָנטייל אין דער אַזוי גערופענער „שוויענטאָ־קזשיסקער בריגאַדע". ער האָט באַוווסטזיניק געצילט מיט דעם געשפּרעך צו דערגרייכן צו דעם מצב ווען מירביידע זאָלן אָנהויבן פאַרהאַנדלונגען וועגן קאָנקרעטע און לויפנדיקע פראַגן.

אין זיין רעדן האָב איך נישט געפילט קיין שינאה צום סאָציאַליזם „אַלס אַזעלכן". פאַרקערט, ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז זיי, די נ. ס. ז. זענען אַפּאָליטיש, אַז אין זייערע רייען זענען פאַראַן זעלנער פון פאַר־שידענע איבערצייגונגען. דערנאָך, אַז עס איז נישט אמת דאָס זיי האָבן אַ פּיעטיזם פאַר פריצים און ערד־מאַגנאַטן. פאַרקערט, ער האַלט דעם דאָזיקן שיכט פאַר אַ פולשטענדיק דעגענערירטן און רייפן צו „ליקווי־דאַציע". נאָך מער: ער אַליין האָט מיר דערציילט וועגן זיינע דערפאַרונ־גען אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזן, צו וועלכע ער האָט אַ גרויסן פאַר־דרוס צוליב דעם, וואָס זיי האָבן אים איינמאָל, בעת ער האָט זיך געפונען אין אַ פריצישן הויף, ווען עס זענען געווען פאַרבעטן פריצישע געסט, נישט פאַרבעטן צום טיש, נאָר געשיקט דאָס אָוונט־ברויט אין שטוב אַריין.

— אַ פאַרשטענדיקער מענטש — האָט ער געזאָגט — קען נישט פאַרנעמען זייער אופן פון טראַכטן.

די ווערטער „מאַניערירטקייט", „סנאָביזם", „פאַראורטייל" און „דע־גענעראַציע" האָבן זיך איבערגעחזרט אין זיין רעדן שיער נישט ווי אַ שלוקערץ. דער פריצישער פרוי האָט ער פיל זאַכן נישט געקענט שענ־קען און פאַרגעסן.

הערנדיק דעם דאָזיקן דערוואַקסענעם, געזונטן און שרייענדיק־שיינעם מאַנספּאַרשוין, האָב איך זיך שטאַרק געמוזט צוימען, כדי נישט אַרויסצופּלאַצן אין געלעכטער. אָנשטאָט דעם האָב איך אָבער געזאָגט:

— דאָס וועגן וואָס איר דערציילט האָט זיכער געמוזט זיין זייער פּאַרדריסלעך. אָבער סוף כל סוף — אויב די וועלט וועט זיך איבערקערן, איז זיכער נישט צוליב דעם. איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך בין מיט אייערע איינגעשפּאַרטע פּאַראַלגעמיינערנדיקע אידיאָסינקראַזיעס לגמרי נישט מסכים. איך בין נישט קיין ראַסיסט און אויב איינער איז געבוירן געוואָרן אַ פּריץ, דיסקרעדיטירט דאָס אים נאָך נישט אין מיינע אויגן. די דאָזיקע פּריצים זענען גאָרנישט דאָ אַזויפיל און דאָך זענען זיי אויך פאַר־שידענע. דער גראַף מאַרסטין פון נישט ווייטן פּלאַוואַוויץ איז אַ פּאַר־דינסטפּולער שרייבער. אויף וויפל מיר איז באַוווּסט, געניסט נישט אין שרייבער, אין דער צייט פון דער מלחמה, פון זיין גאַסטפריינדלעכקייט (נאָ־טירלעך, אַז איך מייד אויס פּלאַוואַוויץ כדי צופעליק זיך דאָרט נישט צו באַגעגענען מיט אַ באַקאַנטן שרייבער — דאָס האָב איך שוין נישט דערזאָגט). חוץ דעם זענען נישט אַלע וואָס באַזיצן גרויסע ערד־שטחים — פּריצים. פאַראַן צווישן זיי אַן אָנזעעוודיקער אונטערשיד. נישט איי־נעם פון זיי האַלט איך פאַר אַ ווערטפולן מענטש. איבעריקנס זענען דאָס זאַכן פון אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. עס גייט נישט פּערזענלעך וועגן די מענטשן, נאָר וועגן זייער לאַגע אין דער געזעלשאַפט, און דעריבער באַשעפטיקט זיך דער סאָציאַליזם גיכער מיט דער פראַגע פון אַגראַר־רעפאָרם ווי מיט זיי גופא.

מיין מיטשמועסער (וועלכער האָט געהאַלטן, אַז מיט זיין נעגאַטי־ווער מיינונג וועגן די פּריצים האָט ער מיך אינגאַנצן געוווּנען אויף זיין זייט) איז געווען פון מיינע אויספירן איבערראַשט. ער איז איבערגעגאַנגען צו רעדן וועגן די סיבות, וואָס דעמאָראַליזירן די אונטערערדישע באַוועגונג. ער האָט דערציילט (פון אייגענער דערפאַרונג) וועגן דעם, ווי אַזוי די „וואַלד־יינגלעך" גייען איבער צו גנבות און באַנדיטיזם און אויך וועגן דעם, אַז מען האָט אומזיסט געהאַלטן אין וואַלד גרויסע אָפּטיילונ־גען, וואָס האָבן נישט קיין שום מעגלעכקייט געהאַט צו קעמפן. פאַרלאָזנ־דיק זיין וויין־אָרט און „קאָמפּראָמיטירנדיק" זיך דערמיט פאַר דער אָקו־

פּאַציע־מאַכט, האָט דער און יענער געמוזט שוין פאַרזעצן זיין עקזיס־טענץ אין וואַלד, וואָס איז קיינעם נישט געווען נויטיק. די פּראָוויאַנטי־רונג האָט פאַרלאַנגט רעקוויזיציעס און עס איז דאָך באַוווּסט, אַז ווער עס איז נאָר איינמאָל געגאַנגען אויף דעם וועג גייט אויף אים שוין ווײַ־טער. די דאָזיקע מענטשן זענען נישט קיין ציל פאַר זיך און זיי טראַכטן וואָס אַמאָל ווייניקער וועגן דער אידעע. זיי טראַכטן נאָר, ווי אַזוי צו לעבן, און דערביי נאָך ערגער, ווי אַזוי צו לעבן לייכט און גוט. דאָס ברענגט אַ שרעקלעכע דעמאָראַליזאַציע.

דאָ זענען געקומען אַ ריי ביישפּילן פון זיין אייגענער אָבסערוואַ־ציע. די ביישפּילן זענען געווען זייער אמתדיקע. דאָס פּראָבלעם — ריכ־טיק און אין באַצוג צו דער ג. ס. ז. — קלאַסיש. דעריבער האָב איך אונ־טערגעהאַלטן דאָס געשפּרעך מיט מער פאַראינטערעסירונג. כ׳האָב נישט געקאַרגט קיין זייער שאַרפע מיינונגען. געטון האָב איך דאָס אָבער אין דער מאָס. כ׳האָב דאָך געוואָלט מיין מיטשמועסער אַרויספירן אויף דער אייגנטלעכער כוונה און ציל פון זיין געשפּרעך. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אויב ער האָט זיך אַזוי אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט, מוז ער דערביי האָבן אַ בפירושן ציל.

פאַמעלעך איז טאַקע דער אידעאָלאָג פון ג. ס. ז. צוגעקומען צו זיינס. זיינע אויספירן זענען געווען פאָלגנדיקע: יעדער מין קאַמף איז אומנוצלעך און ער רויִנירט נאָר דאָס פאָלק. אין פאַרהעלטניש צו דער גרויס פון דער מלחמה, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך אַזעלכע גרויסע כוחות, האָבן די פּאַרטיזאַנישע קאַמפן קיין שום באַדייטונג נישט. איבע־ריקנס, ווען אַפילו — יאָ — וועלן מיר „נישט איינזאַמלען די פּרוכטן“. אָנשטאָט אויסצובלוטיקן זיך אין זינלאָזע קאַמפן, וואָלט מען געדאַרפט אָנווענדן אַלע באַמיִונגען כדי אויפצוהייבן דאָס פאָלק, ד. ה., מאַכן פון אים דאָס, וואָס מען קען (אין אַזעלכע באַדינגונגען) פון אים מאַכן. מען דאַרף טון פּאָזיטיווע, קאָנקרעטע מעשים.

דער פּאָזיטיווער פּונקט פון זיין פּראָגראַם האָט מיך זייער פאַרוווּנ־דערט, איבערהויפּט דערפאַר, וואָס ער איז געקומען פון מויל פון אַ ג. ס. ז.־רעפּרעזענטאַנט. כדי אים צו פאַרלייכטערן, האָב איך אים שוין אַליין געבעטן וועגן אַ קאָנקרעטיזאַציע פון די פאָרשלאָגן. ווייזט זיך

אַרויס, אַז די איינציקע זאַך וואָס מען קען, לויט אים, אין די באַדינגונגען, טון איז דערקוילן דאָס לעצטע ביסל נישט דערמאָרדעטע און באַהאַל־טענע ייִדן.

הערנדיק אין וואָס עס גייט, האָב איך זיך דעמאָנסטראַטיוו אויפ־געשטעלט און געוואָרפן אַ זידל־וואָרט אים אין פּנים אַריין. דער נ. ס. ז.־קעמפער האָט דאָס זידל־וואָרט אַראָפּגעשלונגען אָן אַ גרימאַס. ער האָט געמאַכט אַ פילאָזאָפישע מינע און (זעענדיק, אַז דאָס געשפּרעך האַלט זיך ביים איבעררייסן) אויסגענוצט דעם לעצטן מאָמענט, וואַרשיינלעך, כדי צו האָבן אַ ריין „געוויסן״. רעזיגנירנדיק דערביי פון אַרומרעדן אַלע אַנדערע פּרטים, האָט ער מיר געמאַכט פאָלגנדיקן קורצן פאָרשלאָג:

— איך פאַרשטיי, אַז אַלס סאָציאַליסט מוזט איר פאַרטיידיקן די ייִדן. צי ווייסט איר אָבער נישט וואָס מיר דאַרפן טון? אַלע ווייסן שוין, נאָר איר ווייסט נישט? מאַכט זיך פראָסט פּשוט, אַז איר זעט נישט, ווי מען „ליקווידירט״ זיי.

איך ציטיר נישט מיין ענטפער, ווייל ער באַשטייט פון זייער נישט קיין פיינע אויסדרוקן, גענומען פון סאַמע טיפישסטן לאַגער־לעקסיקאָן.

**
*

אין דער זעלביקער צייט האָב איך בעת אַ געלעגנהייט באַזוכט איי־נעם פון מיינע אַרטיקע פריינד. האָבנדיק כסדר מחלוקת מיט דער נ. ס. ז. און געדענקענדיק מיין געשפּרעך מיט דעם נ. ס. ז.־פאַרשטייער, האָב איך וועגן דעם ענין ייִדן־מאָרד מיין מיינונג זייער שאַרף אויסגעדריקט. כ׳האָב נישט באַהאַלטן אַז מיר האָבן בדעה גאַנץ שאַרף אין דעם ענין אַנטקעגן צו ווירקן.

דער באַלעבאָס, אַן אַלטער, ערנסטער און אינטעליגענטער מענטש האָט מיר אויסגערעדט:

— וואָס דאַרף מען זיך באַלד דענערווירן? איך זאָג נישט, אַז מען דאַרף מאָרדן. פאַרקערט, איך פאַראורטייל די מאָרדן. אָבער דערביי פאַניע מיכאַל פאַרגעסט נישט, אַז דאָס איז אַ ראַסע. כ׳זאָג נישט, אַז עס זענען נישטאָ קיין אָרנטלעכע ייִדן. כ׳האָב אַליין געהאַט אַ באַקאַנטן, וועלכן כ׳האָב זייער ליב געהאַט. דערנאָך האָט ער זיך געשמדט, געוואָרן אַן ענ־

דעק, (אַ מיטגליד פון אַ רעכטער פּוילישער פּאָליטישער פּאַרטיי) אַפילו, — אַן אַנטיסעמיט. אַן אָרנטלעכער ייִד געווען. ווען מען האָט אָבער גע־רעדט מיט אים, האָט מען געשפּירט, אַז ער דענקט מיט אַנדערע קאַ־טעגאָריעס, ׳מיט פרעמדע קאַטעגאָריעס. מען קען גאָרנישט אויפטון — אַן אַנדער ראַסע. און איר, פּאַניע מיכאַל, איר מעגט זיך זיין אַ סאָציאַ־ליסט, איר קענט זיך זיין וואָס איר ווילט, אָבער וועלנדיק, נישט וועלנ־דיקט מוזט איר דענקען מיט פּוילישע קאַטעגאָריעס. מען קען נישט אַנ־דערש. ס׳איז אַ פראַגע פון ראַסע.

כ׳געדענק נישט גענוי מיין ענטפער, נאָר מער־ווייניקער האָט ער אַזוי אויסגעזען:

— אינגאַנצן צופעליק איז געשען אַזוי, אַז איך בין נישט קיין ייִד. דעריבער האָט איר אַזוי פאָרמולירט. ווען כ׳וואָלט אָבער יאָ געווען אַ ייִד, וואָלט די פאָרמולירונג געווען אַן אַנדערע: אַ סאָציאַליסט — נו יאָ — אַ ייִד. ווייל איר זענט נישט קיין ייִד הייסט אייער געדאַנקענגאַנג: אַ געדאַנקענגאַנג וואָס קומט פון פּוילישן נאַציאָנאַלן געפיל. ווען איר וואָלט אָבער יאָ, געווען אַ ייִד, וואָלט דאָס געווען אַ ייִדישער געדאַנקענגאַנג, אַ ייִדישע סאָפיסטיק.

איך ברענג דעם געשפּרעך (פּונקט ווי איך האָב שוין געברענגט אַנדערע אַזעלכע געשפּרעכן, מיט אַנדערע אַזעלכע „אָרנטלעכע״ מענטשן) כדי צו באַווייזן די פילפּנימדיקייט פון די סטימולירער פון פאַרברעכן.

דער אויפרוף 1), וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ קאָנספּי־ראַטיווע קאַטוילישע גרופּע, זאָגט צווישן אַנדערן: „ביי אַן אַלגעמיין בייז־ווילִיק שוויגן קומט פאַר אַ שחיטה פון מיליאָנען הילפלאָזע מענטשן. אַזאַ שוויגן קען מען נישט טאָלערירן. אומאָפּהענגיק פון די גורמים — איז דאָס נידערטרעכטיק. קעגן אַ פאַרברעכן טאָר מען נישט בלייבן פּאַסיוו. ווער עס שווייגט אין אָנבליק פון מאָרד — ווערט אַ שותף צום מאָרד. ווער עס פאַראורטיילט נישט — דער העלפט מיט״. און אָט: די וואָס האָבן נישט פאַראורטיילט (אָדער האָבן פאַראורטיילט מיט אַזאַ „מילד־קייט״, מיט אַזאַ „פאַרשטענדעניש און מיט אַזעלכע באַוואָרענישן, אַז די דירעקטע מערדער האָבן דאָס געקענט אויפנעמען, ווי אַ הסכמה) זענען

1) זיין טעקסט איז ציטירט אין 2טן טייל פונעם בוך.

געווען אַ סך. נאָך מער: נישט בלויז פּריוואַטע מענטשן, ענלעכע מאָראַל־אויסקרימונגען האָבן כאַראַקטעריזירט די אַרטיקלען אין דער פּוילישער אונטערערדישער פּרעסע און די שטעלונג פון פאַרשידענע פּאַרטייען. (וועגן וואָס עס איז שוין אין דעם בוך אויסגעקומען צו רעדן באַזונדער און בפרטיות). די דאָזיקע מענטשן (אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס זיי אַליין האָבן געטראַכט וועגן דער דאָזיקער שטעלונג) זענען געווען — רעדנדיק מי'ט דער שפּראַך פון ציטירטן אויפרוף „שותפים צום פאַרברעכן".

X

נאָך די אויפברויזן אין די געטאָס און לאַגערן. — קאָנטאַקט מיט דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. — קאַזשיק״ (שמחה ראָטהייזער) אַלס פאַרבינדלער. — די פראַגן פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין אַ מצודה. — פאַרבינדלערינס. — דער קליינער יורעק. — די אויפגאַבע פון דער מאַריאַנסקאַ. — „וואָס קענען מיר וועגן דעם וויסן?״.

אין משך פון יאָר 1943 זענען אויסגעבראָכן די קאַמפן פון ייִדישע גרופן אין פאַרשידענע ערטער פון פוילן. דאָס זענען געוועזן די אויפשטאַנדן אין די געטאָס פון וואַרשע און ביאַליסטאָק, די אויפברויזן אין לאַכוויע און טוטשין, מינסק־מאַזאָוויעצקי און ניעסוויעזש, די בונטן אין די טויטן־לאַגער פון טרעבלינקע, פון סאָביבור און פון דעם יאַנאָווער לאַגער אין לעמבערג, די קאַמפן אין קראָקע און אין בענדין, די פאַרטיזאַנער גרופן אין די וועלדער א. אַ. וו. ווי עס איז זיי געוועזן באַשערט, זענען זיי געפאַלן אין זייער איינזאַמער העלדישקייט און עס האָט זיי פאַרטויבט די דויערנדיקע אָקופּאַציע.

אויף די לעבנגעבליבענע, וועלכע האָבן ווייטער געפירט די געהיימע אַרבעט, איז געפאַלן — אומאָפּהענגיק פון די אַקטועלע אויפגאַבעס — די פליכט צו פאַרפיקסירן די געשיכטע פון יענע קאַמפן און צו אינפאַרמירן וועגן זיי דעם נישט ייִדישן טייל פון דער באַפעלקערונג. באַזונדער וויכטיק איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס די היטלערישע פּראָפּאַגאַנדע האָט געהאַט אַ סך אַ גרעסערע השפעה אויף דער עפנטלעכער מיינונג, ווי די אמתע פאַקטן.

נעמענדיק אין אַכט דעם — דורך אונדז אָבסערווירטן מעכאַניזם פון דער עפנטלעכער מיינונג, האָבן מיר געזאַמלט אַרכיוון, פאַר וועלכע יע־דער פון אונדז האָט געשריבן באַריכטן וועגן דעם אָפּשניט אויף וועלכן ער איז נישט לאַנג צוריק געווען טעטיק. פאַר באַלדיקער אינפאָרמאַציע האָט דער „יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט" אַרויסגעגעבן אין דער ערש־טער העלפט 1944 „ביולעטינען". די קאָאָרדיניר־קאָמיסיע (פון ייד. נאַצ. קאָמיטעט און פון „בונד") די בראָשור פון י. וויערניק א. נ. „אַ יאָר אין טרעבלינקע", שוין אָפּגערעדט, פאַרשטענדלעך, פון די איינמאָליקע פאַר־טייאישע אויסגאַבן. דאָס אַלץ (כאָטש אין די געגעבענע באַדינגונגען איז עס געווען אַ סימן פון גרויסער אָנשטרענגונג) איז אין פאַרגלייך צום רי־זיקן מאַטעריאַל און צו די באַדערפענישן פון דער צייט — געווען ווי אַ טראָפּן אין ים.

די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע (זש. אָ. ב.) האָט באַשלאָסן אין שיי־כות דערמיט אַרויסצוגעבן אַ ספּעציעלע צייטשריפט, געווידמעט אינגאַנצן די פאַרגעקומענע קאַמפן. צווישן אַנדערע האָט יצחק צוקערמאַן („אַנטעק") אָנגעשריבן אַ ריי סילועטן פון קעמפער, געפאַלענע בשעת דעם אויפ־שטאַנד פון געטאָ אין וואַרשע. איך האָב געזאַלט זיי איבערזעצן פון יידיש אויף פויליש. אַ חוץ דעם האָב איך צוגעגרייט אַן עסיי וועגן דער פּסיכאָ־לאָגיע פון די דערמאָנטע קאַמפן און — אומאָפּהענגיק פון דעם — באַ־ריכטן וועגן דער קאָנספּיראַציע אין לאַגער.

דאָס איינהאַלטן די פאַרבינדונגען איז — פאַרשטענדלעך — געווען אין גלייכער מאָס שווער ווי געפערלעך. בריוו און סקריפּטן זענען געגאַנ־גען דורך דער פּאָסט פון ר. פּ. זש.1).

מיט דער הילף פון קאָרעספּאָנדענץ — וועלכע האָט צוליב מערי־טאָרישע און טעכנישע סיבות געמוזט זיין אַ ביז גאָר צוריקגעהאַלטענע — איז אָבער שווער געווען צו דערליידיקן גרונט־פראַגן. דאָ זענען גע־ווען טעטיק די מוטיקע פאַרבינדלער. אין דעם פאַל איז דער פאַרבינד־

1) פוילישער קאָנספּיראַטיווער „ראַט פון הילף פאַר יידן" („ראַדאַ פּאָ־מאָצי זשידאָם").

לער געווען „קאַזשיק" (שמחה ראַטהויזער). דער זעלבער „גוטער אויס־זען", צוליב וועלכן ער איז פּריִער באַשטימט געוואָרן (אין שייכות מיט דער צוגרייטונג פון קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ) צום שאַפן געווער אויף דער „אַרישער זייט" און שפּעטער, בשעת דעם קאַמף גופא — אַדורכ־צושלאָגן זיך דורך די קאַנאַלן אויסער די מויערן און אַרויספירן די לעבנ־געבליבענע — דער זעלבער „גוטער אויסזען" האָט אים איצט באַשטימט פאַר די „שפּאַצירן" איבערן אָקופּירטן פּוילן. ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען צו מיר אין דער מיעכאָווער געגנט, האָבן מיר געשמועסט אַ גאַנצן טאָג אויף די דאָרפישע פעלדער און אַ גאַנצע נאַכט, ביזן פרי־מאָרגן, אין אַ דאָרפישער כאַטע.

בנוגע דער דערמאָנטער צייטשריפט האָבן מיר אַרומגערעדט אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזט פאָרויסזען. אָנהייבנדיק פון דעם אינהאַלט פון די נומערן, ביז יעדער קלייניקייט פון אויסטויש פון סקריפּטן, צייכענען די קאָנווערטן, שיפר. די אָרגאַניזירונג פון קאָלפּאָרטאַזש און זיינע וועגן.

דאָס לעצטע פּראָבלעם איז געווען נישט ווייניקער קאָמפּליצירט ווי דאָס אַרויסגעבן די צייטשריפט גופא. עס איז דאָך געגאַנגען דערין, אַז זי זאָל צוקומען צו נישט־ייִדן. אַגב, איז אויך צו ייִדן נישט געווען לייכט צו טרעפן. צוליב דעם האָב איך זיך באַמיט, אַז זי זאָל אַרויסגע־שיקט ווערן צוזאַמען מיט געוויסע פּוילישע קאָנספּיראַטיווע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. וועגן דעם זעלבן האָבן אויך געזאָלט זאָרגן די חברים אין וואַרשע.

אַ וואָך נאָך קאַזשיקס אָפּפאָר, האָב איך איבערגעשיקט אויף דעם איבערוויַיז־פּונקט אין קראָקע די ערשטע טייל מאַטעריאַלן. איך האָב אומגעדולדיק געוואַרט אויף דער נאָענטסטער פּאָסט. דער נומער האָט געזאָלט אַרויס אין די ערשטע טעג פון אויגוסט.

דעם 1טן אויגוסט איז אויסגעבראָכן אין וואַרשע דער פּוילישער אויפשטאַנד. מיין קאָנטאַקט מיט דער ייִדישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז איבערגעריסן געוואָרן.

אין שייכות מיטן אויסברוך פון אויפשטאַנד, האָב איך אַגב באַקו־מען פון דער וואָיעוואָדישער קאָמענדאַטור פון פּ. פּ. ס. לויפיקע באַפעלן פאַר די מיעכאָווער אָפּטיילונגען. אין „געביט" זענען פאָרגעקומען איבער־

גרופּירונגען און „שפּרונגען" 1). אַלע אַנדערע ענינים זענען נאַטירלעך אַראָפּ אויף אַ וווייטערדיקן פּלאַן. ווי אַ פּועל־יוצא פון די אויבנדערמאָנטע געשעענישן איז אַנטשטאַנען די צוויי־וואָכעדיקע „פּראַשאָוויצער רעפּובליק" — אויף דער איניציאַטיוו פון דער אַ. ק. שפּעטער זענען אָבער די אַרויסגעטריבענע דייטשן צוריקגעקומען. אין משך פון די ווייטערדיקע חדשים זענען געווען אָפּטערע און צאָלרייכערע אָנפאַלן. די אָפּטיילונגען פון דער מיעכאָווער קאָמענדאַטור פון פּ. פּ. ס. זענען אויסער די אַקציעס אויף זייער אייגענעם געביט, געווען טעטיק אויך אויף אַנדערע געביטן, ווי צום ביישפּיל, אין די מערב־בעסקידן, ווו זיי האָבן (צוזאַמען מיט די גרופּן פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע פון קראָקעווער פּ. פּ. ס.) אַנטוואָפּנט אַ ריי דייטשע שטיצפּונקטן" און אויסגעפירט אַ געוויסע צאָל דיווערסיע־אַקציעס; אַ שלאַכט (אַדורכגעפירט צוזאַמען מיט די אָרטיקע אָפּטיילונגען פון אַ. ק.) קעגן אַ גרויסער קאָנצענטראַציע פון דייטש מיליטער וואָס איז געשיקט געוואָרן אויף אַ „פּאַציפיקאַציע".

די אַלע געשעענישן האָבן, פאַרשטענדלעך, נישט קיין דירעקטן שייכות מיט דער טעמע פון די דאָזיקע זכרונות; זיי געהערן צו אַן אַנדערן קאָנטעקסט און דערפאַר מוז איך זיך דאָ באַגנוגענען נאָר מיט דערמאָנען זיי בקיצור. ביי דער געלעגנהייט קענען זיי אָבער באַלויכטן אויך די פאַרשידענע סטעזשקעס פון די ייִדישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, — דאָס רייסן זיך ווי אויך דאָס „רעמאָנטירן" די וועגן פאַר פאַרבינדונג...

אין „געביט" זענען, ווי געזאָגט, פאָרגעקומען איבערטוישונגען און „שפּרונג־אַקציעס". עס זענען אויך געווען — ווי געוויינלעך — אייניקע קאָנפליקטן צווישן אָפּטיילונגען פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס — און פאַרשטענדלעך די אומאויפהערלעכע דערוואַרטונג, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און קלאַפּנדיקן פּולס, אויף ידיעות פון דער הויפּט־שטאָט. די נייעסן זענען אָבער, וואָס אַ מאָל, געוואָרן אַלץ וווייניקער פרײדיקע. דער אויפשטאַנד איז נאָך אַ ריי וואָכן פון טראַגישע קאַמפן — געפאַלן. פון וואַרשע האָבן זיך אויך באַוויזן די ערשטע פּליטים.

אַ געוויסן טאָג קומט צו מיר אונטער קאַרווין (ווו איך בין געווען אויף אַן אינספּעקציע פון דער אָרטיקער אָפּטיילונג), דער באַזונדערס זיי־

1) לאָקאַלע אָנפאַלן אויף די דייטשן.

כּערער „ליס" (יאַן טשעפּלי פון אָפּאַטקאָוויץ) מיט אַ מעלדונג וועגן דעם אָנקום פון צוויי פאַרבינדלער פון וואַרשע. זיי וואַרטן אויף מיר אין אָפּאַטקאָוויץ, ווייל ער האָט — אין הסכם מיט מיינע אינסטרוקציעס — נישט געוואָלט זיי אָנגעבן קיין וויטערדיקע אַדרעסן, איידער ער פאַר־שטענדיקט זיך מיט מיר. אַ רגע האָב איך מיך געחידושט, פון וועמען קענען זיי קומען און פאַרוואָס פונקט קיין אָפּאַטקאָוויץ?

איבערגענומען אינגאַנצן מיט די אַקטועלע געשעענישן, האָב איך געטראַכט לויט די קאַטעגאָריעס פון דער, אין געגעבענעם מאָמענט, אַק־טועלער פאַרבינדונג. לויטן פּלאַן, זענען די קאָנטאַקטן געגאַנגען פון וואַרשע דורך קראָקע און דאָרט האָט מען שוין געוווּסט, אַז דער פונקט אין אָפּאַטקאָוויץ איז פאַרעלטערט, מען האָט דאָרט אויך געקענט מיינע נייע קוואַרטירן.

נישט אַריינטראַכטנדיק אָבער מער אין די פּראָצעדור־פּערטורבאַ־ציעס, גיי איך קיין אָפּאַטקאָוויץ. אין אָפּאַטקאָוויץ טרעף איך די פאַר־בינדלערינס אין דער כאַטע פון „ליסן". עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס מאָל זענען די פאַרבינדלערינס געווען פון — „זש. אָ. ב." דער ענין האָט אויסגעזען אַזוי:

די מיטגלידער פון „זש. אָ. ב." וואָס זענען בשעתן אויפשטאַנד געווען אין וואַרשע, אָנטיילגענומען אין די אויסגעבראָכענע קאַמפן. ביי דער עוואַ־קואַציע פון דער, דורך די דייטשן, גערודפטער הויפּט־שטאָט, האָט זיך איינער פון די גרופּן איינגעגעבן — אויסמיידנדיק דעם לאַגער אין פּרוש־קאָוו — „לאנדן", נאָך אַ סך מניעות, אין סוכעדניאָוו, — אַן אָרט צווישן קעלץ און סקאַרזשיסקאָ. אָנגעקומען אַהין זענען זיי אָפּגעריסענע; „קאַ־זשיק" (שמחה ראָטהויזער), ש. גראַיעק און יוסף סאַק. די גאַנצע פאַר־בינדונג — איבערגעריסן, אַרום זיי — דייטשן וואָס לויערן אויף פאַר־דעכטיקע. די גרופּע האָט דעריבער געזוכט אין זכרון אַדרעסן. קאַזשיק האָט געדענקט דאָס לעצטע טרעף־אָרט מיט מיר. אויף דעם אַדרעס האָבן זיי אַרויסגעשיקט צוויי פאַרבינדלערינס. דאָס זענען געווען: „אירענאַ" (געלבלום) און מאַריסיאַ (סאַוויצקאַ) אַ חברטע פון פּ. פּ. ס., נישט קיין יידישע.

מען האָט געמוזט העלפן תיכף ומיד. אַזוי ווי ביי מיר אין „געביט"

האָט זיך געפונען „עוואַ״ (סטאַניסלאַוואַ צעבולאַק) פון קראָקע, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג פאַר אויסבילדונג פון קראַנקן־שוועס־טערביים מיליטער־רעסאָרט פון פּ. פּ. ס. — זענען זיי מיט איר אַוועק קיין קראָקע. מיט וואָס האָב איך באַשטימט די „רעדלעך״ וועלכע מען האָט געדאַרפט לאָזן אין גאַנג. גלייכצייטיק האָב איך זי געבעטן, צו קאָנ־טאַקטירן די פאַרבינדלערינס מיט דער מאַריאַנסקאַ (מאַריאַ האָכבערג 1).

עוואַ איז געווען אַ זיכערער מענטש. זי האָט דערליידיקט אויך דעם דאָזיקן ענין, וועלכער האָט פּאַקטיש צו איר נישט געהערט. דערפאַר האָט מאַריאַנסקאַ, נאָך דעם אָנבינדן אַלע פעדים, אָנגעטראָפן אויף אַ נישט פאָרויסגעזעענער שוועריקייט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן „קענ־קאַרטעס״ פאַר די דערמאָנטע חברים. דאָס מאַכן די „קענקאַרטעס״ איז געווען אַ שפּילעכל. דערצו איז געווען אונדזער נישט קאָנצעסיאָנירטע פאַבריק, אונדזער אומלעגאַלע „לעגאַליזאַציע ביוראָ״. צו דער „קענקאַר־טע״ זענען אָבער נויטיק געווען פאָטאָגראַפיעס פון די פּעטענטן. דאָס מאָל האָבן די פּעטענטן ליידער קיין פאָטאָגראַפיעס נישט געשיקט, צוליב דעם, וואָס קיין סוכעדניאָוו זענען זיי אָנגעקומען, ווי פּליטים און ביז דעם אַרויסשיקן די פאַרבינדלערינס האָבן זיי נישט באַוויזן צו פאַרשאַפן זיך נייע „פאָרטרעטן״. ווי אַזוי זשע זאָל מען אָפּשטעמפּלען די דאָקו־מענטן?

צום גליק האָט דאָס געטראָפן אויף די מאַריאַנסקאַ. זי האָט גענו־מען בלאַנקעטן, טוש, און די שטעמפּלען און איז אַהין געפאָרן מיט דער גאַנצער פאַבריק. די „קענקאַרטעס״ האָט זי אויסגעפערטיקט שוין אויפן אָרט, — „לאָקאָ סוכעדניאָוו״. געווען איז דאָס אין די טעג, ווען אויף די וואָקזאַלן און אין די באַנען האָבן געווילדעוועט רעוויזיעס און אַרעסטן. אויך זי האָט מען, אויף צוריקוועג, פאַרהאַלטן. נאָך דעם אויסלעגיטימירן, נאָך פאַרשידענע גלגולים און אַ ביסל „איבערוווערטלען זיך״ האָט מען זי אָפּגעלאָזט די שטעמפּלען מיט דער „דייטשער סאָווע 2) זענען גע־לעגן אין דער דאָמען טאַש. און צוריקגעקומען גאַנץ און געזונט.

1) אַ שרייבערין, אַ קעמפערין פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, יידי־שע פאַרשטייערין ביי דעם קאָנספּיראַטיוון „ראַט פון הילף פאַר יידן״ אין קראָקע.
2) אַזוי פלעגט מען רופן דעם דייטשן אָפיציעלן אָדלער.

גלייכצייטיק האָבן מיר אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט דער קראָקע־ווער „דעלעגאַטור״, פון דער פּוילישער רעגירונג, וועלכע האָט געגעבן די פאַרבינדונג מיט דער צענטראַלער דעלעגאַטור, וואָס איז געווען טע־טיק — ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן — אין גראָדזיסק. אין רעזולטאַט האָבן די חברים פון סוכעדניאָוו זיך פאַרבונדן מיט גראָדזיסק. פון דאָרט האָבן זיי באַקומען אַ ידיעה, אַז „אַנטעק״ (צוקערמאַן), „צעלינא״ (צביה לובעטקין), מאַרעק עדעלמאַן, טוביה באָזשיקאָווסקי און אַנדערע זענען פאַרבליבן אין וואַרשע, אויף זשאָליבאָזש און, אַז מען דאַרף — פאַר יעדן פּרייז — אַרויסשיקן נאָך זיי גוט אויסגעשולטע שליחים. איידער די „עקספּעדיציע״ איז אָבער צושטאַנדגעקומען זענען יענע אויף אַן אַנדערן אופן אָנגעקומען קיין גראָדזיסק.

**
*

אַ פּאָר טעג נאָכן אָפּשיקן די אויבנדערמאָנטע פאַרבינדלעריגס קיין קראָקע, האָט זיך „ליס״ ווידער באַוויזן, שוין אין אַן אַנדער דאָרף, ווו איך האָב זיך געפונען אין הסכם מיט די באַוועגונגען פון מיינע קאַמפּס־אָפּטיילונגען. מיטגעברענגט האָט ער מיט זיך אַ צוועלף־יעריק יינגל.

דאָס יינגעלע האָט געטראָגן אַ בלויען שילער־שינעל און שטיוול. טראָץ די שטיוול האָט מען באַלד דערקענט: אַ שטאָטישער. אַ קיילעכדיק פּנים, מיט אַראָפּפאַלנדיקע האָר אויפן שטערן. ער איז נאָכלעסיק אַריין אין שטוב, געזאָגט „גוט מאָרגן״ און זיך לאַנגזאַם אַרומגעקוקט. די באַ־וועגונג אין מיין „פּונקט״ איז דאַן געווען אַ גרויסע. „פלאָריאַן״ 1) האָט געטיילט פּרעסע־אויסגאַבן פאַר די „געביט״־פאַרבינדלער. פון מאָל צו מאָל זענען צו מיר געקומען קעמפער מיט מעלדונגען. דאָס יינגעלע האָט זיך אַפילו נישט פאַרוואונדערט און נישט צעטומלט. ער האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און באַלד אָנגעהויבן מיט די באַלעבאַטים אַ געשפּרעך וועגן וועטער, בלאָטעס, וועגן א. אַ. וו. ווען איך האָב אים פאַרבעטן אין צווייטן שטיבל, האָט ער זייער לאַנגזאַם אַוועקגעלייגט דאָס היטל אויף דער באַנק, גאָר לאַנגזאַם אויפגעקנעפּלט דעם מאַנטל, אויסגעטון אים אַן איילעניש און אַוועקגעלייגט אויפן ראַנד פון בעט. שפּעטער האָט ער

---

1) אַראַטשעווסקי, אַן אַלטער פּ. פּ. ס.־טוער, וואָס איז דעמאָלט געווען מיין גאַענטסטער מיטאַרבעטער.

אויפגעהויבן דעם סוועטער, אַריינגעשטעקט די האַנט אין אַ קליינער קעשענע אונטערן רימען, אַ רגע מאַניפּולירט אין איר און מיט די פינגער אַרויסגענומען אַ צעטעלע און עס מיר דערלאַנגט.

דאָס קאַרטל איז געווען פון גראַיעקן און קאַזשיקן. זיי האָבן מיר אין קורצן מודיע געווען, אַז דעם אָפּגעבער מעג מען אַלץ אָנפאַרטרויען און, אַז וועגן וואָס ער גייט, וועט ער אַליין דערקלערן. „אויסער דעם" ווייסט ער גאָרנישט — האָבן זיי צוגעגעבן. דער לעצטער זאַץ איז פאַרשטענדלעך געווען אָן אָנווייזונג וועגן דעם באַגרענעצטן סכום אינפאָרמאַציעס, וואָס דער שליח האָט וועגן זייערע פּערזאָנען. דאָס ייִנגל איז געווען — ווי עס האָט זיך אין געשפּרעך אַרויסגעוויזן — דער זון פון די מענטשן, ביי וועלכע די זש. אָ. ב.־מיטגלידער האָבן צייטווייליק געוווינט.

געהאַנדלט האָט זיך אָט אין וואָס: אַרויסשיקנדיק די שוין דערמאָנטע פאַרבינדלערינס, האָבן — סטעפאַן, קאַזשיק און סאַק אָפּגערעדט מיט זיי, אַז זיי זאָלן צוריקקומען אין פאַרלויף פון דריי טעג. אַזוי ווי די דריי טעג — מיט אַ צוגאָב — זענען אַדורך, זענען זיי געווען באַאומרויִקט איבערן גורל פון די פרויען. די גאַנצע שרעק איז אַנטשטאַנען, צוליב די פאַרשידענע אופנים פון אויסרעכענען די צייט. אַנדערש רעכנט מען די צייט און דעם וועג ביים דערליידיקן אַזעלכע ענינים אין דער טעאָרעטישער קאַלקולאַציע. און אַנדערש האָט עס אויסגעזען אין דער פּראַקטיק. בפרט ווען די וועגן פירן צו אַ געביט, וואָס מען קען נישט דערגרייכן מיט דער באַן, נאָר מיט געלעגנהייטן אָדער צו פוס, און ווען בלויז דאָס שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט פאַרשידענע „שרייפּלעך" מוז זיך פאַרציִען, צוליב קאָנספּיראַטיווער איזאָלאַציע פון יעדן „שרייפּל" באַזונדער. דאָס שליחות פון דעם קליינעם פאַרבינדלער איז שוין, בכן, געווען פאַרעלטערט. אין מאָמענט ווען ער איז צו מיר אָנגעקומען, זענען דיביידע פרויען, מיט דער מאַריאַנסקאַ, אַרויסגעפאָרן פון קראָקע צו זיי.

וועגן דאָזיקן ייִנגעלע דערמאָן איך צוליב אַנדערע טעמים (ער הייסט יוזעק שיקאָרסקי). ער איז געקומען — ווי געזאָגט — אין אַ מאָמענט ווען אויפן „פּונקט" האָט געהערשט אַן אויפלעבונג. די באַגלייטונג־וואַך האָט געוואַרט. אַ רגע שפּעטער, האָב איך געמוזט מיט „פּלאַריאַנען" אַוועק

אין „געביט״. דאָס ייִנגל האָב איך געמוזט איבערלאָזן מיט די שטובֿ־מענטשן. עס איז געווען צו ווייניק צייט אים צו געבן אָנווייזונגען. דעם ייִנגעלע, זענען אָבער — ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן — קיין אינסט־רוקציעס נישט געווען נויטיק. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַן אופן, וואָס האָט געקענט דינען, ווי אַ ביישפּיל פאַר אַ סך אַלטע קאָנספּיראַטאָרן. פריי, און פול מיט לעבן, אַזוי ווי ער וואָלט געקומען אויף אַ זומער־ווויי־נונג. וועגן דעם ענין, צוליב וועלכן ער איז געקומען האָט ער נישט בלויז קיין הויך פון מויל נישט אַרויסגעלאָזט, נאָר האָט אַלע פאַררעדט מיט אַזוי פיל טעמעס און אַזאַ לעבעדיקייט, אַז קיינעם וואָלט אַפילו נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. אויסער דעם האָט ער נאָך אַרויסגענומען אַ מויל־האַרמאָניקע און געשפּילט פאַרשידענע ניגונים, ווי אויך געזונגען פאָלקס־לידער. אין משך פון עטלעכע שעה איז ער געוואָרן באַליבט ביי אַלע שטוביקע.

איך בין צוריקגעקומען שפּעט ביינאַכט. יוזעק איז שוין געשלאָפן אין דער סטאָדאָלע, ווו איך האָב געהאַט באַפוילן אים צוצוגרייטן אַ געלעגער נעבן מיינעם. ער האָט זיך אויפגעוועקט, הערנדיק דעם גערויש אין שטרוי. נאָך דעם ווי איך האָב אים געשטעלט אַ פּאָר פראַגן, האָט ער זיך צערעדט. מיר זענען געלעגן הויך האַרט אונטערן דאַך פון דער סטאָדאָלע. דער מורמל איז איינגעזונקען אין די סטערטעס היי און אין דער פינצטערניש. איך האָב געהערט זיינע ווערטער:

דער פּאַן קאַזשיק? איך קען אים שוין לאַנג. איר ווייסט? ער פלעגט קומען צו אונדז, וויל... — דאָס ווייסט איר? ער איז געווען פון דער קאָנס־פּיראַציע, פון דער וואָס האָט געהאָלפן ייִדן. מיר וווינען אין סקארזשיס־קאָ, (וויל אין סוכעדניאָוו וווינען מיר נאָר איצט, אויף זומער). מיין טאַ־טעשי האָט געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן, ווו עס האָבן אויך געאַרבעט די ייִדן 1) פון דעם לאַגער וואָס איז דאָרט געווען. דער פּאַן קאַזשיק פלעגט

1) אין סקארזשיסקאָ האָט זיך געפונען אַ שרעקלעכער לאַגער פון צוואַנג־אַרבעט. פאַרגל. מיט די זכרונות פון רוזשאַ באומינגער א. ד. ט. „ביי פּיקרין און טראָטיל״ (אויסגאַבע „ביכער פון דער יידישער וואָיעוואָדישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין קראָקע״). די יידישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע האָט אָרגאַ־ניזירט הילף אויף פאַר די אַרעסטאַנטן פון דעם לאַגער. (וועגן דעם לאַגער אין סקאַרזשיסקאָ דערציילט אויך מ. שטריגלער אין זיין וויכטיקן בוך „ווערק צ״).

קומען צו אונדז און דורך מיין טאַטעשי איז געגאַנגען געלט און זאַכן צו די דאָזיקע ייִדן.

איך זאָג אים:

— וויסטו נישט, אַז וועגן אַזעלכע זאַכן טאָר מען קיינעם נישט דערציילן?

עס האָט אים ווי איבערראַשט, וואָס איך דערלויב מיר אים חושד זיין אין ווייניק דיסקרעציע.

— איך ווייס עס גוט!

— אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס־זשע דערציילסטו מיט וועגן דעם?

יורעק האָט געגעבן אַ שמייכל ווי אַ מענטש, וועמענס דורכגעטרייבנקייט מען האָט נישט דערשאַצט.

— איך, ווייס איך, מען מעג.

מיך איז באַפאַלן אַ חשד, אַז (טראָץ דעם וואָס סטעפאַן און קאַזשיק האָבן מיר מודיע געווען אין בריוו) ווייסט דער קליינער עפּעס מער וועגן זיי און אַפילו אויך וועגן מיר. זאָלן זיי האָבן געווען אַזוי נישט פאַרזיכטיק?

— פאַרוואָס גלויבסטו, אַז מען מעג?

יורעק שמייכלט:

— בין איך דען בלינד? איך זע, אַז דאָ זענען פאַרטיזאַנער, און אַז זיי שטעלן זיך פאַר אייך אויף „אַכטונג״, טאָ ווייס איך דאָך מיט וועמען איך רעד, און איך ווייס, אַז מען מעג.

איך האָב אים נישט באַלד געענטפערט. טעאָרעטיש האָט דאָך דאָס ייִנגל געהאַט רעכט. די וואָס שלאָגן זיך מיט די דייטשן, קענען דאָך נישט מסכים זיין מיט זייערע טיוולאַנישע טעאָריעס. אין קינדערישן מוח האָבן זיך די אַלע פראַגן אויסגעלייגט אויף אַ נישט קאָמפּליצירטן און גאָר ריינעם אופן. איך האָב מיך נישט ווילנדיק פאַרטראַכט וועגן דעם, ווי די אמתע ווירקלעכקייט איז אָפּט מער קאָמפּליצירט, ווי די געוויינלעכע לאָגיק. אים האָב איך געזאָגט:

— ביסט גערעכט, דו קענסט טראַכטן. אָבער טראָץ דעם זאָלסטו וויסן: אַ געהיימעניש איז אַ געהיימעניש און דערציילן וועגן אים דאַרף מען קיינעם נישט. פאַרשטייסט? קיינעם נישט!

אויף צו מאָרגנס האָב איך אים צוריקגעשיקט. געפרעגט וואָס ער

וויל פאַר אַ מתנה. ער האָט געענטפערט, אַז גאָרנישט, נאָר אפשר וואָלט איך אים געקענט געבן איינס פון די עלעקטרישע לעמפּלעך, וועלכע עס באַנוצן די „באַיאָוצעס"...

ער האָט, פאַרשטענדלעך, באַקומען. די באַלעבאָסטע האָט אים אַריינ־געלייגט אַ ביסל עסנוואַרג אין ברויט־זעקל, איך האָב אים געגעבן טויזנט זלאָטעס אויף פורלעך און באַן־בילעטן; עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן איי־לעניש. ער האָט אָפּגעשאַצט, אַז עס איז צו פיל, אַז ער דאַרף נישט אַזוי פיל.

פאַר דעם רעשט — זאָג איך אים — קויף דיר זיסוואַרג.

מען האָט אים געוויזן ווו צו גיין. אַפילו אויף דעם נאָענטסטן וועג־אָפּשניט האָב איך אים נישט מיטגעשיקט קיין באַגלייטער. איך האָב גע־גלויבט אַז ער וועט נישט ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, אויב ער וועט גיין אַליין.

איך האָב אָבער אויף יעדן פאַל אַרויסגעשיקט אַן אָרטיקן זעלנער, ער זאָל אים דיסקרעט אָבסערווירן פון דער ווייט, ביז ער וועט קומען צום גרויסן טראַקט. דער זעלנער האָט געדאַרפט אינטערווענירן נאָר אין דעם פאַל, אויב דער קליינער וועט באמת פאַרבייטן דעם וועג אָדער האָבן אַנדערע ערנסטע שוועריקייטן.

דער זעלנער איז אָבער צוריקגעקומען און מיט געלעכטער דערציילט, אַז דער קליינער האָט מאַרשירט מיט אַזאַ זיכערקייט ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געגאַנגען דורך אַן אַנדער וועג. אויף דעם שאָסיי האָט ער פאַרהאַלטן אַ דורכפאָרנדיק פורל און אַזוי „פאַרטשאַקעט" דעם בעל־עגלה, אַז ער האָט אים באַלד מיטגענומען. אַזוי ווי ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף דעם וואָגן האָט ער תיכף אָנגעהויבן שפּילן אויף דער האַרמאָניקע.

אַ סך שפּעטער, רעדנדיק מיט קאָזשיקן און סטעפּאַנען האָב איך מיך דערוווּסט, אַז אויף דער קאָמוניקאַציע האָט ער אויסגעגעבן גראָשנס און אָנקומענדיק אויפן אָרט האָט ער זיי, דורכאויס געוואָלט אָפּגעבן דאָס גאַנצע איבערגעבליבענע געלט.

איך האָב מיך ווידער פאַרהאַלטן אויף אַ קליינעם אינצידענט און נישט אָן אַ בפירושער כוונה. ווייל ווער דען דאַרף געדענקען וועגן די מו־

טיקע פאַרבינדלער, וועגן די אָרגאַניזירטע און נישט אָרגאַניזירטע, וועגן אַזעלכע צופעליקע?

**
*

וועגן דער יידישער ווידערשטאַנד באַוועגונג אויסער אַלע מניעות, אויף וועלכע עס פלעגן אָנטרעפן די פּרווון צו אינפאָרמירן צו נישט-יידן איז געווען איין גרונטלעכע סיבה. צום דורכשניטלעכן בירגער האָבן די ידיעות פון „דאָרט" דערגרייכט — ווי מען האָט שוין אונטערגעשטראָכן — זייער אומדירעקט און גרונטלעך געפעלשט. די איינציקע יידן וועלכע האָבן זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן נאָך צוזאַמענגעטראָפן מיט נישט-יידן זענען געווען די יחידים וואָס האָבן געלעבט אויף „אַרישע פאַפּירן". די האָבן אָפט געקענט פאַרשידענע זאַכן אויפקלערן, אָבער זיי האָבן דאָס נישט געטאָרט טון צוליב עלעמענטאַרע זיכערהייטס טעמים.

ווי אַן אילוסטראַציע:

נאָכן איינאָרדענען אויף „אַרישע פאַפּירן" די דערמאָנטע גרופּע פּלי-טים, האָט זיך קאַזשיק איבערגעצויגן קיין קראָקע. פון דאָרט פלעגט ער קומען צו מיר אין דער מיעכאָווער געגנט און נישט איין מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז ער האָט — אַ צונויפגעמישטער מיט די זעלנער פון אַ מי-ליטערישער אָפּטיילונג פון פּ. פּ. ס. — אָנטיילגענומען אין די „נאַכט-שפּאַצירן" איבער דער געגנט. דאָס זענען געווען די לעצטע חדשים פון דער אָקופּאַציע. די לאַגע איז געוואָרן אַלץ מער אָנגעשטרענגט און די אונטערערדישע מיליטערישע אָפּטיילונגען האָבן מיט אַן אַלץ גרעסערער פרייהייט געוועדערט אין דער געגנט.

אַזוי ווי די דייטשן האָבן אין דער נאַכט — שוין נישט אָפט זיך דערוואַגט צו פאַרטיפן אין „געביט", פלעגן די פאַרטיזאַנער אַרומרינגלען די אָדער יענע דאָרף-שול און אימפּראָוויזירן אַ קולטורעלע אימפּרעזע, צו וועלכער עס פלעגט קומען אַ גרויסער עולם. איינמאָל איז קאַזשיק אָנ-געקומען פּונקט פאַר דער „טיי", איינגעאָרדנט פאַר די זעלנער פון פּ. פּ. ס. עס זענען אויך אַנוועזנד געווען פאַרבעטענע געסט פון די פריערישע באַ-טאַליאָנען און פון דער פּאָוויאַט-אָנפירערשאַפט פון „אַ. ק." עס איז אַזוי געשען, אַז קאַזשיק האָט זיך צופעליק געפונען ביים טיש אין שכנות פון

די דאָזיקע געסט. איך, ווי דער באַלעבאָס, האָב נאַטירלעך געמוזט גיין פון איין גרופּע צו דער אַנדערער און גלייכצייטיק אויפנעמען ראַפּאָרטן פון די וואַך־אָנפירער. אין די, ביים טיש, געפירטע שמועסן, האָב איך געקענט זיך באַטייליקן נאָר פון צייט צו צייט.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך דערהערט, דערנענטערנדיק זיך צו דער גרופּע פון „אַ. ק.״־אָפיצירן, ווי זיי רעדן וועגן די געוועזענע קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ. איך ווייס נישט, ווי אַזוי איז עס צווישן זיי געקומען צו דער דאָזיקער טעמע. גענוג — איך זע, ווי איינער פון די געסט קלאַפּט דעם אַנדערן האַרציק איבער דער פּלייצע און זאָגט: „וואָס קענען מיר אַלע וויסן, ווי דאָס איז דאָרט באמת געווען״. פון וואַנען האָט ער געקענט פילן, אַז דער נעבן אים זיצנדיקער קאָזשיק איז ראשית — אַ ייִד, און שנית — אַן אָנטיילנעמער פון יענעם אויפשטאַנד. און אַז — אין רעזולטאַט — קען ער טאַקע צום בעסטן גרינטלעכער וויסן און אינפאָרמירן.

די מענטשן, וועגן וועלכע עס גייט, זענען געווען זעלנער — און אומאָפּהענגיק פון פאַרשידענע שטעלונגען צו דער „ייִדן פראַגע״, וואָלטן זיי אפשר אין דעם פאַל געפונען אַ געמיינזאַם לשון. אפשר וואָלט — טראָץ אַלע באַוואָרענישן — געקומען צו אַ האַרציקן געשפּרעך, וועלכער וואָלט נישט איין ענין געקענט אויפקלערן אַ סך בעסער, ווי פיל בלעטלעך אָדער אַרטיקלען.

עס זענען פאַראַן מאָמענטן, אין וועלכע די קאַנאַלן פון פאַרשטענדי־קונג, אַרומגערינגלטע מיט דער איזאָלאַציע פון אומווילן און איגנאָראַנץ, פאַרלוירענע אין ווימל פון פאַרזשאַווערטן אָפּפאַלעכץ, געפינען מיט איין מאָל אַ וועג צו זיך. יעדער וואָס האָט דאָס דורכגעמאַכט, ווייסט, אַז לייכ־טער ווי אין אַנדערע באַדינגונגען, זענען אַזעלכע צופאַלן אין זעלנערישע געלעגנהייטן, אָבער... ריכטיק איז געווען אויך דאָס, אַז די דעקאָנספּיראַציע איז געווען — בשום אופן און ביי וועלכע עס זאָל נישט זיין באַדינגונגען — דערלאָזבאַר. אַזוי האָט געוואָלט דער, דורך דערפאַרונג, דיקטירטער רעגולאַמין פון אונדזער אַרבעט — דער נישט־געשריבענער אָבער דייט־לעכער געזעץ.

XI

לימוד פון יידיש.

ווען איך האָב געזאָגט נאָך דער מלחמה איינעם פון מיינע גוטע פריינט, דעם גלח מ., וועלכן איך האָב באַקענט אין דער מיעכאָווער געגנט, אַז איך בין אַ ייִד, האָט ער מיר קודם כל נישט געוואָלט גלויבן. שפּעטער ווען ער האָט שוין געגלויבט, האָט ער אַ צעהיצטער געמומען דערמאַנען פאַרשידענע מאָמענטן, וועלכע האָבן זיך אים (איצט ווען ער האָט שוין גע־ווּסט וועגן מיין אָפּשטאַם) אויסגעוויזן „אומפאַרשטענדלעך". דאָס ערשטע אָרט פון די, פאַר אים, משונהדיקע פּרטים האָט פאַרנומען מיין קענטעניש פון קאַטוילישע מנהגים, פאַרשריפטן, טעקסטן און לידער.

— דו האָסט דאָך אַפילו געלערנט קאַטוילישע רעליגיע — האָט ער אויסגעשריגן — און מיט אונדז גלחים האָסטו דיסקוטירט אויף טיפע טעאָ־לאָגישע טעמעס. דאָס איז אויסערגעוויינלעך!

דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער באַגריף פון „אויסערגעוויינ־לעכקייט" איז אַ זייער רעלאַטיווער. ווייל די דאָזיקע „נישט געוויינלעכע קענטעניש" מיינע זענען געקומען צו מיר אויף אַ זייער פשוטן אופן, מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, דעמאָלט ווען איך האָב נאָך אַפילו נישט געקענט פאַרויסזען, אַז זיי וועלן מיר אַמאָל נוצן, נישט מער און נישט ווייניקער ווי אויסצובאַהאַלטן מיין „ראַסע". ווי אַ פּועל־יוצא דערפון האָב איך אין דאָזיקן פּרט מיך אויפגעפירט נאַטירלעך און פריי; אַזוי ווי מען פילט זיך, ווען מען שטויסט זיך אָן אויף ענינים וואָס פאַרלאַנגען נישט קיין אָנשטרענ־גונג. דאָס, וואָס איך האָב (אין דער געזעלשאַפט פון מיינע נאָענטע באַקאַנ־טע) נישט באַהאַלטן מיין אָנגעהעריקייט צו די סאָציאַליסטן און מיין רעלי־

גיִעזע גלייכגילטיקייט — האָט נאָך פאַרשטאַרקט מיין אומגעצווונגענקייט און נאַטירלעכקייט.

איצט האָב איך מיין פריינט דאָס אַלץ אויפגעקלערט און צוגעגעבן, אַז דער מאַסשטאַב פון די „אויסערגעוויינלעכקייטן" איז אַ גאַנץ אַנדערער. אַזוי שמועסנדיק האָט ער מיר אין אַ געוויסן מאָמענט געבעטן איך זאָל אים אילוסטרירן אַן אויפרודערונג, וואָס איז פאַר מיר געווען „אויסערגעוויינלעך".

איך האָב מיך געמוזט פאַרטראַכטן, ווייל אַזעלכע מאָמענטן האָב איך איבערגעלעבט אַ סך. לסוף האָב איך געזאָגט:

— „דער לימוד פון ייִדיש".

— ? ? ?

— יאָ, איך האָב אָבער מורא, אַז דעם דאָזיקן משל וועלן נישט פאַרשטיין די לייענער פונעם דאָזיקן בוך. אַ חוץ דעם מוז ער באַגלייט ווערן מיט אַ גאַנצער ריי אויפקלערונגען. איך וועל אָבער טראַץ דעם פּרווון:

עס איז מיר אַמאָל אויסגעקומען צו שיקן עטלעכע זעלנער דערלייִדיקן אַן ענין פון אַדמיניסטראַטיוון כאַראַקטער. געהאַנדלט האָט זיך אין דעם, וואָס אַ ייִד (וועלכער האָט זיך דעמאָלט אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּויער) האָט זיינער צייט געהאַט באַגראָבן געלט און צירונג. אַזוי ווי דאָס אָרט איז שוין געווען פאַרנומען דורך נייע איינוווינער, האָט מען, בכדי אַרויסצונעמען דעם „אוצר" געמוזט אַרומצוימען דאָס אָרט מיט אַ וואַך.

די זעלנער זענען ביינאַכט אַוועק, אויסגעגראָבן דאָס קעסטעלע און געבראַכט עס צו מיר. אין קעסטל זענען געווען עטלעכע דאָלער, צוויי פינגערלעך, אַ צעבראָכן גאָלדן זייגערל און דריי ביכער, אָנגעזאַפּטע מיט דער פייכטקייט פון דער ערד.

איינס איז געווען אַ מחזור, דאָס צווייטע אַ חומש „ויקרא" און דאָס דריטע... אַ באַשעדיקטער עקזעמפּלאַר פון אָפּאַטאָשוס „פּוילישע וועלדער" 1).

1) איך וויל דערביי וואָרענען דעם לייענער, ער זאָל אויפן סמך פון דער פאַרשידנאַרטיקייט פון די געפונענע ביכער נישט פּרווון צו כאַראַקטעריזירן דעם גייסטיקן מהות פון דעם געגעבענעם ייִד. כ'האָב אים שפּעטער באַקענט און בין געקומען צום אויספיר, אַז די ערשטע צוויי ספרים האָבן טאַקע געהערט צו אים. אָפּאַטאָשוס בוך ווידער איז געווען דאָס אייגנטום פון זיין זון.

די דאַלאַרן, די פינגערלעך און דאָס צעבראָכענע זייגערל האָב איך געהייסן אָפּגעבן דעם באַהאַלטענעם ייִד. וואָס שייך די ביכער, האָב איך זיי אַדורכגעקוקט מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט, האַלטנדיק זיי בכיוון אי־בערגעדרייט און מישנדיק די בלעטער פון לינקס אויף רעכטס. שפּעטער האָב איך, אַזוי ווי איך וואָלט אַפילו נישט אונטערשיידט דעם מין פון די ביכער, אָוועקגערוקט דעם מחזור און דעם חומש און פאַרהאַלטן דעם באַנד פון אָפּאַטאָשו.

— איין בוך — האָב איך פלעגמאַטיש געזאָגט — דאַרף מען אויסבאַ־האַלטן. בכדי עס זאָל נאָך דער מלחמה דינען, ווי אַ באַווייז פון אונדזער...

איך האָב דעם זאַץ נישט פאַרענדיקט, ווייל איך האָב אַפילו נישט געוווּסט ווי אַזוי דאָס צו טון...

**
*

דאָ מוז איך מאַכן אַ קליינע דיגרעסיע. נאָך דער מלחמה איז מיר אויסגעקומען (מערערע מאָל) צו לייענען אין דער ייִדישער פּרעסע, אַז פאַר דער מלחמה בין איך געווען ווייט פון ייִדישקייט און, אַז איך האָב מיך „מגייר" געווען ערשט אונטערן איינפלוס פון דער אָקופּאַציע. די דאָ־זיקע פּרעכטיקע קאָנצעפּציע איז אַן אויסטראַכטעניש. אין דער ווירקלעכ־קייט בין איך נאָך אַלס ייִנגל געגאַנגען אין אַ העברעיִשער גימנאַזיע, אַלט זייענדיק פערצן יאָר האָב איך שוין געהערט צו אַ ייִדישער יוגנט־אָרגאַני־זאַציע, שפּעטער בין איך געווען אַן אַקטיווער טוער פון פּועלי ציון צ. ס. אַ מיטגליד פון פאַרשידענע פּאַרטיי־אינסטאַנצן און אַ דעלעגאַט אויפן ציו־ניסטישן קאָנגרעס. אמת איז, אַז איך האָב געשריבן אין דער פּוילישער שפּראַך, אַז איך בין גלייכצייטיק געווען וויצע־פּאַרזיצער פון אַ פּוילישער ליטעראַרישער אָרגאַניזאַציע, אַ מיטאַרבעטער און מיטרעדאַקטאָר פון פּוי־לישע ליטעראַרישע צייטשריפטן, אַז איך האָב געלעבט אין אַ פּוילישער סביבה, געהאַלטן רעפעראַטן אויף פּויליש און אָפט פאַר נישט־ייִדישע אוידיטאָריעס. איך האָב אָבער אויך פּערמאַנענט מיטגעאַרבעט אין ייִדישע צייטונגען (וואָס זענען דערשינען אין דער פּוילישער שפּראַך), רעדאַגירט פּובליקאַציעס אַרויסגעגעבענע דורך ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, אָנגעשריבן צענדליקער אַרטיקלען און אַ ראָמאַן אויף „ייִדישע" טעמעס.

די נאָך־מלחמהדיקע ווערסיע וועגן מיין גויִישער פאַרגאַנגענהייט איז געשאַפן געוואָרן ערשט אין אויסלאַנד. איך גלויב, אַז זי שטאַמט פון אַ „פרייער" אינטערפּרעטאַציע פון צוויי פּרטים, ערשטנס: פון מיין אָנטייל אין דער טעטיקייט פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג; צווייטנס: צוליב מיין גויִישן אַקצענט אין דער פריש־אויסגעלערנטער ייִדישער שפּראַך.

ביז דער מלחמה האָב איך ייִדיש בלויז פאַרשטאַנען. צו דער גרויסער פאַרוואונדערונג פון מיין גאַנצער סביבה האָב איך מיך סיסטעמאַטיש און מיט אימפּעט, גענומען לערנען ייִדיש ערשט בעת דער מלחמה אין סאָוויעטישן לעמבערג. (איך פלעג אויסנוצן דאָס, וואָס איך האָב אָפט פאַרברענגט מיט ייִדישע שרייבער, וועלכע זענען אַגב בכלל נישט געווען אַנטציקט מיט מיינע כסדרדיקע קשיות. זיי פלעגן זיך וויצלען: — „אַז דו קענסט אַפילו קיין ייִדיש נישט, טאָ־וואָסזשע קענסטו יאָ?" בשעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע האָב איך פאַרטיפט מיינע פרישע קענטעניש פון ייִדיש... אין יאַנאָווער לאַגער. נאָכן אַנטלויפן פון דאָזיקן לאַגער האָב איך — אין דעם פּרט אַ נישט דערלערנטער — געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן". אין די דעמאָלטדיקע באַדינגונגען האָט מען — ווי עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן — קיין ייִדיש נישט געמוזט קענען...

**
*

אַ צווייטע דיגרעסיע: וועגן דעם גורל פון ייִדישן בוך (און אין אַלגע־מיין פון פּובליקאַציעס געדרוקטע מיט העברעיִשע אותיות) בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע וואָלט מען אַמאָל געדאַרפט אָנשרייבן אַ באַזונדערע אַרבעט.

אין אָנהויב האָבן זיי זיך אומעטום אַרומגעוואַלגערט. די ביבליאָטעקן (טיילמאָל איבערגעלאָזטע דורך לאָקאַטאָרן, וועלכע מען האָט געצוווּנגען תיכף צו פאַרלאָזן זייערע דירות אָפט אַרויסגעוואָרפענע און פאַרניכטעטע דורך די דייטשן) האָבן געשאַפן עפּעס אַ מין הפקרדיקן איבערפלוס. מען האָט זיי געמאָרדעט אַזוי ווי מענטשן. פּונקט אַזוי ווי די מענטשן פלעגן זיי פאַרן טויט דורכמאַכן טראַגישע דעקלאַסאַציעס, חרוב מאַכנדיקע און דער־

נידערנדיקע וואַנדערונגען. און אַזוי ווי די גופים פון די געמאָרדעטע מענטשן, פלעגן זיי אויך אַפילו נאָכן טויט אויסגענוצט ווערן פאַר פּראַק־טישע צוועקן ד. ה. צום פאַרשטופן די לעכער פון דער מלחמה־עקאָנאָמיע. ווי „רוישטאָף" פאַר דייטשע פאַבריקן, ווי פּאַק־פּאַפּיר, אָדער פּשוט ווי ברען־מאַטעריאַל. גענוג, אַז אין זייער דערנידערונג און אויף זייער וועג צום אונטערגאַנג זענען זיי כסדר געווען אויסגעשטעלט אויף מענטשלעכע בליקן.

שפּעטער זענען זיי מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן. דער רוב איז פאַרניכטעט געוואָרן. וואָס שייך די איבערגעבליבענע... פּונקט אַזוי ווי זיי זענען אין אַנהויב געווען אַ געוויינלעכער עלעמענט פונעם אָקופּאַציע־„פּייזאַזש", אַזוי פלעגן זיי שפּעטער אַרויסרופן ביי נישט־יידן, אַן אינסטינקטיוון ציטער; זיי האָבן געשראָקן. אפשר צוליב אסאָסיאַציעס מיטן גורל פון די מענטשן, אפשר גאָר בלויז צוליבן קאָנטאַקט מיטן גאַנצן אַרומיקן קלימאַט. נישט יידן (ווייל נאָר וועגן זיי קען מען רעדן, דערמאָנענדיק וועגן דער געגע־בענער צייט) וואָס פלעגן געפינען אַ פאַרוואַלגערט יידיש ביכל אָדער אַ בלעטל מיט העברעיִשע צייכנס, פלעגן עס שנעל באַזייטיקן פון דער איבערפלאַך פילנדיק, אַז דאָס זאָגט נישט אָן קיין גוטס.

ביכער מיט יידישע אותיות זענען דעריבער פולשטענדיק פאַר־שוווּנדן. אַפילו אין די שטעט, אָפּגערעדט שוין פון די שטעטלעך און דער־פער, וווּ מען האָט זיי תמיד געפונען בלויז אין אַ קליינער צאָל. זיי זענען געוואָרן אַן עקזאָטישער זכר. און דערצו אַ משונהדיקער, אַזעלכער וואָס האָט איבערגעשריטן די גרענעץ פון נאַטירלעכע דערשיינונגען. אין אַ נאָך גרעסערן מאַסשטאַב ווי די לעבעדיקע יידן. אמת, אַז די לעצטע פלעגן אַרויסרופן אַן אויפטרייסלונג; אויב נישט קיין פּיינטלעכע איז אין יעדן פאַל אַ געפיל פון שרעק. זיי זענען געווען אַ סענסאַציע, אָבער פון אַזאַ מין, וואָס מען האָט געקענט פאַרשטיין. די סיבה פון דעם אויפּציטער איז נישט געווען זייער „אויסזען" (וועלכער איז סוף כל סוף געווען בלויז דער אויס־זען פון... אַ מענטש) נאָר דאָס באַוווּסטזיין פון אַ גאַנץ פּראָזאַיִשער, פּראַק־טישער און געוויינלעכער שרעק. די העברעיִשע אותיות אָדער העברעיִשער דרוק?... אין דעם האָט געשטעקט דער סימבאָל פון דער גאַנצער, ריזיקער טראַדיציע. אַן אומהיימלעכער שוין צוליב זיין אומפאַרשטענדלעכקייט, זיין

פרעמדקייט. אַ סימבאָל וואָס האָט שוין ביים ערשטן אויגנבליק זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אַנדערשקייט, נישט צווידייטיקייט. מען האָט געקענט זאָגן: אַן עקסטראַקט פון דעם אַלעם, קעגן וואָס דער אָקופּאַנט האָט געפירט דעם שוידערלעכן „קאַמף"; דער קערן פון אַ תוכן וואָס האָט איבערגעשטיגן אַפילו די מיליאָנען אויסגעמאָרדעטע, פון אַ תוכן פון יאָרהונדערטער.

דאָס ביכל וואָס איך האָב פאַרהאַלטן און וואָס האָט איצט פאַרנומען אַן אָרט אין דעם קעסטל פון דער קאָמענדשאַפט האָט פאַר מיר געהאַט עפּעס אַ באַזונדערן פלואיד.

דאָס קעסטל האָט, וואָס אַן אמת, אַנטהאַלטן אַ סך מער „ייִדישע" פּאָזיציעס. עס זענען דאָרט געלעגן רשימות פון אויסבאַהאַלטענע ייִדן, די קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם ייִדישן אונטערערד און מאַנוסקריפּטן. יעדע איינע פון די אויסגערעכנטע פּאָזיציעס האָט אָבער פאַרמאָגט אַ באַשטימטן ציל; איינע האָט מען אַרויסגעשיקט, אַנדערע צוגעשיקט. זיי האָבן זיך — אַנדערש געזאָגט — געפונען אין אומגאַנג (אין דעם אונטערערדישן פאַרשטייט זיך). בלויז דאָס בוך, האָט זיך דאָ געפונען צוליב סיבות, וועלכע איך וואָלט אַליין נישט געקענט אויפקלערן.

אין קורצן איז מיר איינגעפאַלן אַ נייער געדאַנק. אויפריכטיק געזאָגט, איז דאָס געווען אַ ריין פערזענלעכער רעפלעקס. אפשר גאָר אַן אויסדרוק פון געוויינלעכער פוסטקייט. איך האָב באַשלאָסן צו דערגענצן די אָנגעהויבענע און פלוצים איבערגעריסענע „סטודיעס". איך האָב דעריבער גענומען, וואָס אַמאָל אָפטער אַרויסציִען דאָס בוך, נישט כדי עס צו לייענען (דאָס וואָלט געווען צו פּשוט, אַגב האָב איך דאָס בוך גופא שוין געקענט פון פאַר דער מלחמה) נאָר מיטן ציל צו אַנאַליזירן דעם בוי פון אַ ייִדישן זאַץ, דעם אופן פון באַנוצן די קליינע בינד־ווערטער א. אַ. וו. מיט איין וואָרט דאָס, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די גרעסטע שוועריקייט ביים דערלערנען אַ שפּראַך. שפּעטער האָט זיך מיר נאָך פאַרגלוסט נישט נאָר קוקן אויף די אַלע עלעמענטן, נאָר אויך אַרויסזאָגן זיי. עס איז קלאָר, אַז איך האָב דאָס נישט געקענט טון אין דער אָנוועזנהייט פון אַנדערע מענטשן. איך פלעג דעריבער אַרויסגיין מיטן בוך אין פעלד אַריין...

מיכאַל באָרוויטש

עס איז שווער צו זאָגן, אַז די דאָזיקע לערע זאָל האָבן לאַנג געדויערט, אָדער, אַז איך האָב מיך דווקא דעמאָלט אויסגעלערנט.

אין שייכות מיט מיינע דינסט־פּליכטן האָב איך געפירט אַ וואַנדערלעבן, אַ חוץ דעם... דערמאנענדיק אָבער די דאָזיקע קורצע שעהן פיל איך, דאָס זעלבע וואָס דעמאָלט, אַ געמיש פון „שפּאַנונגען" — וואָלט איך געזאָגט. העברעיִשע אותיות און דער ייִדישער טעקסט, געמורמלטע פּאַר זיך, אין אַ לופט, וואָס איז געווען נישט נאָר „פריי פון ייִדן" נאָר אויך אויסגעפילט מיט אַלע „נאָך־ייִדישע" אָפּקלאַנגען...

דאָס זענען זאַכן, געפילן, וועלכע ס'איז שווער צו דעפינירן.

XII

עטלעכע ווערטער וועגן „פּאַפּירן". — וועגן גראַטעוועטע.

בלעטערנדיק די פאַרשריבענע זייטלעך, זע איך נישט אין זיי קיין צו גרויס אָרט, וואָס זאָל געווידמעט זיין די „פּאַפּירן" דירעקט. (ד. ה. פאַלשע אינדענטישקייט־דאָקומענטן).

עס איז אמת, איך האָב די דאָזיקע „פּאַפּירן" געהאַט איבערגענוג: „קענקאַרטעס", „אויסווייזן", געבורט־שיינען און איינמעלדונגען, „אורלויב־שיינען" און אַפילו שול־צייגענישן. טראָץ דעם אַלעם האָבן זיי אין מיין פּראַקטיק פאַרנומען זייער אַ קליין אָרט. כמעט אינגאַנצן קיין אָרט נישט. כ'האָב וועגן זיי קיינמאָל נישט געטראַכט. אפשר דערפאַר, וואָס דאָס קריגן זיי האָט מיר קיינמאָל נישט פאַרשאַפט קיין שוועריקייטן. כ'בין דאָך עפּעס געווען ביים סאַמע קוואַל פון די פאַלסיפיקאַטן. אין אונדזער פּאַרטייאישע פאַבריקל (וואָס האָט אין קאָנספּיראַטיוון לשון געטראָגן דעם שיינעם נאָמען „לעגאַליזאַציע־ביוראָ") האָט מען געקענט פּראָדוצירן דאָקומענטן וויפל מ'האָט נאָר געוואָלט. פון יעדן מין און פון יעדן סאָרט. דערמיט איז פון זיי אָפּגעפאַלן דער רייץ, וואָס איז ביי אַנדערע געקומען מחמת די גרויסע שוועריקייטן, וועלכע האָבן תמיד באַגלייט דאָס באַקומען אַזעלכע פּאַפּירלעך. עס איז אויך אָפּגעפאַלן דאָס אויסטראַכטן אַלערליי המצאות קונציקע גענג ביים איינמעלדן זיך. אין פאַרשידענע מעלדונגס־אַמטן פון פאַרשידענע שטעט זענען געווען מענטשן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. די לעצטע האָבן אויף אונדזער אָנווייזונג געמאַכט אין די מעלדונגס־ביכער די נויטיקע „אויסבעסערונגען", אָדער באַזייטיקונגען פון נישט געוואונטשענע נאָטיצן. מיין

מעלדן זיך, וואָס איז נויטיק געווען פאַר מיין לעגאַליזאַציע איז געווען אַ גאַנץ נישטיקער ענין, פון שטאַנדפּונקט פון דער פאַרפליכטנדיקער פּראָ־צעדור — אינגאַנצן כשורה. דער מעלדונגס־אַמט האָט פון מיר באַקומען אַ הונדערט פּראָצענטיקן יסוד אין דער פאָרם פון די פאַרגעשריבענע בוי־טיקע דאָקומענטן און צוגאָבן. שליסלעך האָט ער געקענט באַקומען פון מיר — אויב דאָס וואָלט נויטיק געווען — נאָך אַ באַרג פּאַפּירלעך אַלס הוספה. אויף מיר איז נישט חל געווען דער טראַדיציאָנעלער מוז פון ארומשלעפּן זיך איבער די אַמטן, דאָס אָפּגעשיקט ווערן פון איין פענצטערל צום צווייטן און דאָס כסדרדיקע אויסוואַרטן. כ׳בין פשוט געווען פון די לייט, וואָס האָבן שאַרפזעעריש געפּאָרשט די צוגאבן און פון די אַלע פּלאגן, וואָס האָבן — פון זיך אַליין — נאָר פּראָדוצירט שוועריקייטן, אויף וועלכע אַלע אַנ־דערע ייִדן האָבן זיך, ממש געזעצמעסיק, אָנגעטראָפן.

מיין לעבן איז, וואָס אַן אמת פול געווען מיט ריזיקאַלישקייט. דאָך אָבער — וועגן וואָס ס׳איז שוין געווען אַ רייד — איז די ריזיקאַלישקייט נישט באַשטאַנען דערין, וואָס איך האָב געהאַט מורא צו האָבן פאַר מיין ייִדישקייט. דאָס הייסט נישט, אַז דער דאָזיקער ענין האָט פאַר מיר לחלוטין קיין באַדייטונג נישט געהאַט. ער האָט געהאַט, גאַנץ געוויס! און נאָך אַ וואָסערע! וואָרום דער גאַנצער קווי־פּראָ־קוואָ, וואָס איז אין דער דערמאָ־נונג אַן אַנעקדאָטישער מאַטעריאַל איז דאָך אין דער לעבעדיקער ווירק־לעכקייט געווען — אין תוך גענומען — אַן עקוויליבריסטיק, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אויף אַ זייער און וואַקלדיק בריקל.

„פּאַפּירן״? זיי האָבן געקענט האָבן אַ באַדייטונג נאָר אין „ציווילן״ לעבן. בעת די אַלע וואַנדערונגען און דעם נע־ונד זיין, איבערהויפּט אין די קליינע שטעטלעך. אויפן קאַמפּס־פּלאַץ האָבן שוין געהערשט אַנדערע גע־זעצן. די געפאַר האָט גיכער געלויערט צוליב דער טעטיקייט, ווי צוליב דער ראַסע. די דאָזיקע ענינים גייען אָבער נישט אַריין אין די ראַמען פון די געגעבענע באַמערקונגען. אין דער קאָלעקטיווער קאַמפּס־טעטיקייט האָט די ריזיקאַלישקייט נישט געקענט זיין גרעסער און נישט קלענער, ווי זי איז געווען. צייטנווייז איז אַפילו דאָס באַוווסטזיין פון געפאַר נישט געקו־מען צום אויסדרוק אויך דעמאָלט ווען דערצו זענען געווען געלעגנהייטן

מער... אינדיווידועלע. למשל: בעת די נאַטאַרישע מאַרשן אַליין, אָדער אין צווייען. חוץ דעם אויך אין פיל אַנדערע סיטואַציעס.

עס האָט למשל, געטראָפן, אַז אין דאָרף אפּאַטקאָוויצע, נישט ווייט פון דער כאַטע, ווו איך האָב געוווינט, האָט אַ קאַמפּס־גרופּע (נישט אונדזערע) אונטערגעשאָסן איינעם פון די דאָרט סטאַנציאָנירנדיקע דייטשן. צוליב דעם פּאָרפאַל איז אַלאַרמירט געוואָרן דער גאַנצער דייטשישער גאַרניזאָן. אין מיין וווינונג האָט זיך דעמאָלט געפונען צוזאַמען מיט מיר נאָר איין קעמפער — דער יונגער באַלעבאָס פון דער כאַטע. אָריענטירנדיק זיך אין דער סיטואַציע כאַפּן מיר אין דער לעצטער רגע דאָס געווער און דעם אַרכיוו וואָס געפינט זיך אין דער כאַטע. דערנאָך לאָזן מיר זיך אַוועק אין דער פינצטערניש, דורך דער געדיכטער ביקסן־שיסעריי און אַלגעמיינער בהלה, צו די נאָענטסטע דערפער. פון דאָרט רייסן מיר זיך דורך אין אַן אַנדערן עק פון פּאָוויאַט — נעמלעך צו דעם פונקט ווו עס האָט אין יענער צייט געוווינט דער שוין דערמאָנטער פּלאָריאַן. די כאַטע ווו איך האָב געהאַט געוווינט, האָבן די דייטשן אין יענער נאַכט, זעלבסטפאַרשטענדלעך אונטערגעצונדן.

אַקוראַט צומאָרגנס פאַרמיטאָג (ווען די קאָנסעקווענצן פון די דערמאָנטע געשעענישן זענען נאָך געווען אין פולן גאַנג) זענען אָנגעפאָרן פון קראָקע טאָמאַש, באַשקע און עוואַ. וועגן די געשעענישן אין אפּאַטקאָוויצע (ווו זיי זענען געפאָרן) האָבן זיי זיך דערוווסט פון די געשפּרעכן, וועלכע עס האָבן געפירט צווישן זיך די מיטפאָרער פון דער קליינבאַן. צווישן פיל אַנדערע זאַכן האָבן די דאָזיקע פּאַסאַזשירן דערציילט, אַז — אין רעזולטאַט פון די אַרעסטן — האָבן די דייטשן דערשאָסן אַ פרעמדן מאַנסביל. דער גאַנצער דערמאָנטער דריילינג (דאָס זענען געווען מיינע נאָענטע מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן געוווסט פון מיין ייִדישן יחוס) האָט הערנדיק דעם דאָזיקן פּרט באַשלאָסן ביי זיך, אַז דער דאָזיקער דערשאָסענער מאַנסביל איז נישט קיין אַנדערער ווי איך. וואָרום דערמיט האָט זיך דערקלערט די עקזעקוציע אויפן אָרט. (להיפּוך צום גורל פון די אַנדערע פאַרהאַלטענע, וועלכע זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין תפיסה אויף אַן אויספאָרשונג 1).

1) די דאָזיקע פאַרהאַלטענע (10 אָרטיקע פויערים) זענען נאָך אַ שווערער אויספאָרשונג באַפרייט געוואָרן.

שיסן אויף אַן אָרט האָבן די דייטשן אין אַזאַ פאַל געפלעגט נאָר דעמאָלט ווען זיי האָבן געכאַפּט אַ באַהאַלטענעם פאַרמאַסקירטן ייִדן. זיי האָבן דערי־בער געביטן זייער וועג. אַנשטאָט קיין אָפּאַטקאָוויץ זענען זיי געפאָרן קיין קאַרוויץ, אין דער מלינה פון פלאַריאַנען. דאָ האָבן זיי, צו זייער גרויסער פאַרווונדערונג, אָנגעטראָפן דעם כלומרשטן מת. ערשט אין פאַרלויף פון געשפּרעך, ווען זיי האָבן דערמאָנט וועגן זייער השערה, וואָס איז אין דער אומגעגנט געווען גאַנץ נאַטירלעך, האָב איך זיך פלוצים געכאַפּט, אַז בעת דעם דויער פון דער גאַנצער נעכטיקער געשעעניש איז מיר דער דאָזיקער „ייִדישער" מאָטיוו (און אַלע מעגלעכע געפאַרן, וואָס אין אים איז פאַראַן) אַפילו אין קאָפּ נישט געקומען.

***

בעת מען פלעגט „אַריינפאַלן" ביי אַרבעט, ד. ה. בעת מען פלעגט געכאַפּט ווערן „אויף דער הייסער מינוט" האָבן די „פּאַפּירן", אַפילו די בעסטע נישט געקענט קיין סך העלפן אויך דעם אויטענטישסטן „אַריער". להיפּוך: זיי האָבן געקענט פאַרשאַפן צרות אויך אַנדערע. דעריבער האָבן די מיטגלידער פון די אָפּטיילונגען, בעת זיי פלעגן זיין אויף „אַרבעט", קיין שום אידענטיפיצירנדיקע פּאַפּירלעך מיט זיך נישט מיטנעמען. די „פּאַ־פּירן" האָבן געקענט העלפן נאָר דעמאָלט ווען מען איז אינדיווידועל אויס־לעגיטימירט געוואָרן, און דאָס, פאַרשטייט זיך, נישט „אויף דער הייסער מינוט". דערפון האָט זיך ביי אונדז געשאַפן אַ מין גרינגשעצונג צו די „צווייבערנדיקע" פּאַפּירן. עס דערמאָנט זיך מיר צום ביישפּיל אַזאַ מין געשיכטע:

די פונקציעס אַלס סעקרעטאַר פון דער באַקאַנטער דאָרפס־גמינע קאַניושאַ האָט אויסגעפירט דער בירגער ראַמאַן נאָוואַק (נינאַ) וואָס איז גלייכצייטיק געווען אַ מיטגליד פון דער פּוילישער אונטערערד און מיט־גליד פון באַשטימטע אינסטאַנצן אין דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ". זיין פּריוואַ־טע וווינונג, ווי אויך זיין אַמט איז נאַטירלעך אָפט באַזוכט געוואָרן דורך מונדירטע און ציווילע דייטשן. נינאַ האָט דאָס שפּיל געפירט מיט אַ גרוי־סער בראַוווּר און גלייכצייטיק מיט פיל באַהערשטקייט. עס האָט זיך אַזוי

געמאַכט, אַז אַ דאַנק אים האָב איך גערן דערליידיקט פאַרשידענע ענינים צווישן די געהיימע מיליטערישע אינסטאַנצן. אין די דאָזיקע פאַרשלעפּטע שטרייטן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך גוטן ווילן, זאַכלעכקייט און עס איז געווען כמעט זיין פאַרדינסט, וואָס די דאָזיקע רייבונגען (וועלכע האָבן דורך לאַנגע חדשים אויפגעגעסן פיל ענערגיע) זענען פאַרענדיקט געוואָרן לטובת דער גאַנצער אַרבעט.

אין אַ געוויסן טאָג, נאָכמיטאָג, קערן מיר זיך אום אין צווייען (איך און מיין פאַרבינדלער) פון אַזאַ צוזאַמענטרעף. דער וועג פון קאַניושאַ פירט דורך פעלדער. אַן אַזוי גערופענער „פּוילישער וועג״, וואָס איז דורכגעלייגט געוואָרן נידעריקער פון די פעלדער און איז דעריבער איינגעראַמט פון ביידע זייטן מיט הויכע וואַלן. די לעצטע רעדוצירן ביז אַ מינימום דעם זע־שטח. איך גיי מיר אַזוי, טראַכטנדיק וועגן אַלץ אין דער וועלט און נישט וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ וועלכער עס איז געפאַר. מיין פאַרבינדלער גייט אַ צוואַנציק טריט הינטער מיר און דאָס מער צוליב געוווינהייט, ווי צוליב וואַכזאַמקייט. אין אַ געוויסן מאָמענט (אויך נישט צוליב עפּעס אַ „פאַרגעפיל״, נאָר צוליב זאָרגלאָזער באַקוועמלעכקייט) רוק איך איבער דעם רעוואָלווער, וואָס געפינט זיך הינטער מיין מאַרינאַרקע אויף אַ פאַסיק, אין אַ מער באַקוועמע פּאָזיציע אויף הינטן. אַזוי דערגיי איך ביז צו קאַצמיזשאָווער וועג, וועלכער איז פאַרשטעלט, צום ערשט, מיט די הויכע וואַלן, און שפּעטער, מיט אַ שורה ביימער. און אָט — אַריבערטרעטנדיק אויף דעם דאָזיקן וועג געפין איך זיך פלוצלינג אין סאַמע מיטן פון אַ גרויסער כאַפּעריי.

— הענדע האָך!

דער וועג איז באַשטעלט מיט דייטשע פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרמעריע. אין אַ ווינקל שטייט שוין אַ גרופּע פאַרהאַלטענע. אויף אַנטלויפן איז שוין צו שפּעט. איינער פון די זשאַנדאַרמען טאַפּט מיט די הענט לענגאויס מיינע זייטן, נאָר ער געפינט גאָרנישט, וואָרום דער רעוואָלווער שטעקט עטלעכע צענטימעטער מער אויף הינטן.

— קענקאַרטע!

איך ציַ אַרויס די „קענקאַרטע״ פון טאַש און דערלאַנג זי. דער זשאַנדאַרעם גיט אַ קוק אויף דער פאָטאָגראַפיע און אויף מיר.

אַרבייטסאויסווייז!

איך גיב אים אויך דאָס און אויך מיין „אורלויב־שיין". ער קוקט ווי־דער אויף דער פאָטאָגראַפיע און אויף מיר. עס שטימט.

— גוט — זאָגט ער.

איך נעם אָפּ די דאָקומענטן און בין פריי. כ'גיי צום ערשט פּאַמעלעך כדי נישט אַרויסצווייזן קיין דענערווירונג. עס פּייניקט נאָר מיך איין גע־דאַנק, ווי אַזוי וועט זיך פון דעם אַרויסקריגן מיין אַדיוטאַנט. אין זיין פאַל גייט עס נישט וועגן „פּאַפּירן". ער האָט זיי אין אַן אידעאַלער אָרדענונג: ער ווינט פּאַקטיש אין דער געגנט און אַרבעט פּאַקטיש (כאָטש זייער אויס־טערליש) אויף עפּעס אַ פּאָסטן אין אַן אינסטיטוציע. דאָך — ווען ער זאָל ביי אים געפינען דעם רעוואָלווער, וועלן די אַלע „פּאַפּירן" נישט העלפן. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אים האָט מען לגמרי נישט באַטאַפּט. זיי האָבן זיך באַגנוגנט מיטן אויסלעגיטימירן אים. זעט אויס די אָבלאַווע איז געמאַכט געוואָרן אויף פויערן און פרויען, וואָס שמוגלען שפּייז־פּראָ־דוקטן. די זשאַנדאַרמען האָבן אָנגעווענדעט מעטאָדן פון זוכן חזיר־פעטס און נישט קיין רעוואָלווערן.

אַהיימקומענדיק, צי איך אַרויס פון טאַש מיינע מאַגישע „דאָקו־מענטן". דעמאָלט דערזע איך, אַז די „קענקאַרטע", וועלכע כ'האָב געוויזן די דייטשן איז אויף אַן אַנדער נאָמען און דער „אַרבייטסאויסווייז" — אויף אַן אַנדער נאָמען. אַרויסגייענדיק פון שטוב האָב איך אַרויסגענומען די פּאַ־פּירן פון מיין „קאָלעקציע" מיט אַ שטראָפלעכער לייכטזיניקייט. כ'האָב אַפילו נישט קאָנטראָלירט די איינהייטלעכקייט פון „קאָמפּלעט". צום גליק האָבן די זשאַנדאַרמען נישט פאַרגלייכט די נעמען. עס איז פאַר זיי גענוג געווען די פאָטאָגראַפישע ענלעכקייט. ווען זיי וואָלטן אָבער געווען קאָנט־ראָלירט?

***

ברענגענדיק די פראַגמענטן פון מיינע זכרונות האָב איך צילבאַ־ווּסט דורכגעלאָזט אַ גאַנצע ריי סענסאַציעס.

כ'האָב אויך נישט געשריבן די פּרטים פון יידישן אונטערגרונד, ווייל דאָס איז געווען די טעמע פון באַזונדערע קאַפּיטלען.

דאָך בלויז עטלעכע ווערטער.

אומאָפּהענגיק פון דער אונטערערדישער אַקציע פון פּובליצירן האָבן מיר אויך געזאַמלט — ווי שוין דערמאָנט — אַרכיוון. אין מיינע קעסטלעך האָבן זיך נעבן די מיליטערישע און פּאַרטייאישע מאַטעריאַלן געפונען באַ־טיצן, עדות־דערקלערונגען און אנגאבן, וועלכע זענען נוגע געווען „ייִדי־שע" ענינים. אַזאַ אַרכיוו האָט זיך אויך געפונען אין קראָקע. טיילמאָל — וועגן וואָס איז שוין אויסגעקומען צו דערציילן אין אַנדערע קאַפּיטלען — האָט מען זיי געדאַרפט אַרויסרייסן — בוכשטעבלעך — פון די הענט פון דער געסטאַפּאָ. אַ טייל מאַטעריאַלן, איבערהויפּט אָפּשריפטן — זענען גע־שיקט געוואָרן קיין וואַרשע. וואָס נוגע דער רעטונגס־אַקציע: עס האָט גע־לעבט אַ הייפל ייִדן, באַהאַלטענע אויף מיין „געביט". עס האָבן איבערגע־לעבט צענדליקער מענטשן, וועלכע האָבן דירעקט און אומדירעקט באַקו־מען הילף פון ר. פּ. ז. דערין איז געווען אַ סך מיטהילף פון אונדזערע חברים פּ. פּ. ס.

נישט איינער פון די אַפּגעראַטעוועטע האָט שטאַרק געשטוינט, ווען ער האָט זיך נאָך דער מלחמה דערוווּסט, אַז איך בין אויך אַ ייִד. זיי האָבן אויך געשטוינט ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז זייער פּאַרזאָרגערין „מאַר־יאַנסקאַ" (מאַריאַ האָכבערג, וואָס איז שוין אין דעם בוך דערמאנט גע־וואָרן), איז אויך אַ ייִדישע.

עס האָבן אויך איבערגעלעבט אַ ריי מענטשן, וואָס זענען דורך מיר — מיט דער הילף פון פּ. פּ. ס.־חברים — אַרויסגעריסן געוואָרן פון גהיי־נומדיקן יאַנאָווער לאַגער. אַ טייל פון זיי האָבן מיר „איבערטראַנספּאָר־טירט" אין דער קראָקעווער אומגעגנט. אַנדערע האָבן מיר געהאָלפן זיך „איינאָרדענען" אין לעמבערג און אין לעמבערגער פּראָווינץ. צו די לעצטע האָבן מיינע פאַרבינדלער געגרייכט אין פאַרשידענע צייטן, ברענגענדיק זיי הילף אין פאַרשידענע „ברענענדיקע" מאָמענטן. דאָס זענען געווען די פאַרבינדלער פון דער אונטערערדישער פּ. פּ. ס. די הילף איז געגאַנגען מיט זייער שמאָלע שטראָמעלעך (וואָרום נאָר אַזוי האָט זי געקענט גיין) אָבער דערפאַר כסדרדיק, איינגעעקשנט. וועגן דער דאָזיקער עקשנות קען עדות זאָגן דער פאַקט, וואָס זי האָט נישט אויפגעהערט אַפילו אין מאָמענט ווען ס'האָט זיך דערנענטערט דער פראָנט. אויך דעמאָלט האָבן די פאַרבינדלער

זיך דורכגעריסן אין די ערטער פון קריגס־אָפּעראַציעס כדי צו דערגרייכן צו איינצלנע מענטשן, וועלכע מיר האָבן געהאַט אונטער אונדזער שוץ. און זיי האָבן דערגרייכט.

נישט איינער פון די, וועלכע מיר האָבן געגעבן הילף, האָט מיר נאָך דער מלחמה געוויזן דאָקומענטן, וואָס האָבן געשטאַמט פון אונדזער פּאַב־ריקל ווי אויך בריוו און „גריפסן".

פאַר די דאָזיקע מענטשן וועלן די דאָזיקע ערטער פון בוך קלאָר מאַכן געוויסע סודות פון מעכאַניזם. דער מעכאַניזם איז געווען האַרט און פּראַ־זאַיִש. זאָלן וועגן אים עדות זאָגן, צווישן אַנדערן, די דורך אים אָפּגעראַ־טעוועטע לעבנס.

XIII

פּאָסט־סקריפּטום: „אויב אַזאַ ייִד ווייסט נישט...״ — מיין גע־
וועזענער זעלנער ווייזט זיך אַרויס אַלס... ייִד. — מיינע געוועזע־
נע זעלנער דערוויסן זיך, אַז זייער געוועזענער קאָמענדאַנט
איז אַ ייִד.

אויפן געביט פון מיין ראַסע האָב איך זיך דעקאָנספּירירט תיכף נאָך דעם ווי די דייטשע אָקופּאַציע האָט זיך איינגעבראָכן. די דאָזיקע דע־קאָנספּיראַציע האָט אין מיינע פּריוואַטע פּריינטלעכע פאַרהעלטענישן גאָר־נישט געענדערט. די ידיעה איז אָבער, ווי יעדע ידיעה, צו איינעם געקומען פריִער און צו אַן אַנדערן שפּעטער.

כ׳האָב שוין געוווינט אין קראָקע. איינמאָל, אַהיימגייענדיק, האָב איך געטראָפן אַ באַקאַנטן פון דער מיעכאָווער געגנט. מיר האָבן זיך האַרציק באַגריסט און איידער מיר האָבן נאָך צייט געהאַט אַריבערצוגיין אויף אַ פּריוואַטן געשפּרעך האָט מיין באַקאַנטער אָנגעהויבן שעלטן די לאַגע, די שווערקייטן, דעם באַלאַגאַן און אממיינסטן — די ייִדן.

מיר קומען אָן צו אַ טראַמוויי־אָפּשטעל. דער טראַמוויי קומט אָן גע־פּאַקט איבער די ברעגן. מענטשן הענגען אויף די טרעפּלעך. אַ קליין שטיקל פריי אָרט קען מען נאָר געפינען אויף דעם פאָדערשטן בריקל ביים מאָ־טאָר־פירער. מיין באַקאַנטער וויל זיך דאָרט אַריינקריגן. נאָר ביים איינ־גאַנג שטייט אַ פאַרשוין אין אַ מיליטערישן מונדיר, פאַרשטעלט דעם וועג און שרייט:

— צי ווייסט איר דען נישט, אַז דאָס פאָדערשטע בריקל איז רעזער־ווירט בלויז פאַר מיליטער־לייט?

מיין באַקאַנטער דרייט זיך אויס צו מיר און שטיל, אַז מען זאָל נישט הערן, באַמערקט ער:

— זעסטו שוין, פּאַניע מיכאַל: ווען אַ ייִד איז שוין אַ זעלנער, מוז ער דיר תּיכּף ווייזן וואָס ער איז נישט.

— וועלכער ייִד? — ענטפער איך — ער איז דאָך גאָר נישט קיין ייִד.

— איי — מאַכט מיין באַקאַנטער אַ גרימאַס, וואָס דריקט אויס גרינגשעצונג צו מיין דורכדרינגלעכקייט און מענטשן־קענטשאַפט.

דאָך — אין טראַמוויי ווילן מיר אַריין. איך ווענד זיך דריבער העפלעך צום זעלנער און זאָג:

— איר האָט רעכט. אָבער איר זעט דאָך, דער טראַמוויי איז פול און מיר איילן זיך מוראַדיק. דערלויבט אונדז דעריבער אַריינגיין.

דערויף ענטפערט דער העלדישער זעלנער:

— ביטע זייער, גייט אַריין. וואָס־זשע איר וועט מיר פון דעם בריקל עפּעס אָפּבייסן? נאָר אַז אַזאַ ייִד — דאָ ווייזט ער אויף מיין באַקאַנטן — ווייסט נישט ווי אַזוי מען רעדט צו אַ מענטש, מוז דאָך אַ מענטש ווערן אין כּעס.

***

די ביוראָ פון דער ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע, מיט וועלכער איך האָב אָנגעפירט נאָך דער מלחמה האָט זיך געפונען אין קראָקע, אין בנין פון וואָיעוואָדישן ייִדישן קאָמיטעט. אין די ערשטע וואָכן זענען אין דעם בנין תּמיד געווען חמרים פעטענטן. מענטשן זענען געקומען פון באַהעלטענישן, פון לאַגער. זיי זענען געקומען נאָך הילף, נאָך אַדרעסן, נאָך ידיעות און אויך כּדי... זיך צו קענען אַראָפּריידן פון האַרץ. אויפן קאָרידאָר האָט זיך תּמיד געפונען אַ געדיכטע מענטשן־מאַסע, וועלכע האָבן צווישן זיך גערעדט.

אין אַ געוויסן טאָג, גייענדיק אין דער ביוראָ פון דער קאָמיסיע, שטופּ איך זיך אַדורך דער ענגשאַפט. פּלוצים טרעט פון אַ גרופּע אַרויס אַ יונגער מענטש. אין צעטומלעניש נעמט ער אָן „אַ מיליטערישע גרונט־פּאָזיציע" און וואַרפט אַרויס פון זיך:

— פרייהייט!

דאָס וואָרט „פרייהייט" איז געווען אַ באַגריסונג ביי די אונטערערדי־שע פּ. פּ. ס.־אַפּטיילונגען.

— פרייהייט — ענטפער איך אויטאָמאַטיש.

— איר דערקענט מיך נישט, חבר? — פרעגט דער יונגער מענטש

— כ'בין געווען אין פּלוטאָן פון „סלאַוויקן".

— אהא — קאָנסטאַנטיר איך אַ ביסל פאַרוואונדערט — און וואָס טוט איר דאָ?

— איך בין — זאָגט מיין זעלנער אַ ביסל פאַרשעמט — איך בין אַ ייִד.

דאָס האָב איך זיך נישט געקענט ריכטן. איך באַמי זיך אָבער מיין פאַרוואונדערונג נישט אַרויסצוברענגען, פאַרקערט כ'מאַך דעם אָנשטעל, ווי די ידיעה איז פאַר מיר זייער נאַטירלעך.

— איר דערליידיקט דאָ עפּעס? — פרעג איך כדי סתם עפּעס צו־זאָגן — אפשר האָט איר שוועריקייטן? כ'וועל גערן פאַר אייך אינטערווע־נירן.

— ניין, ניין — ווערט זיך דער יונגערמאַן — כ'האָב שוין אַלץ דער־ליידיקט.

— אין דעם פאַל — דריק איך אים פעסט די האַנט — ווינטש איך אייך אַלדאָס גוטס.

איך נעם זיך ווידער דורכשטופּן אין דער ריכטונג פון מיין בּיוראָ. אָבער ער האָט, זעט אויס זיך עפּעס דערמאָנט און לויפט מיר נאָך.

— נאָך איין מינוט חבר — זאָגט ער — צי דאַרפט איר אפשר פאַר עמיצן עפּעס דערליידיקן? אפשר וואָלט איך אייך צוגעהאָלפן. איך אָריענ־טיר זיך שוין דאָ אַ ביסל. דאָרט אין דער ביוראָ האָב איך אַ באַקאַנטן.

— ניין — ענטפער איך — ס'איז פשוט, ווי איר זאָגט: איך בין אויך אַ ייִד.

כ'האָב געמיינט, אַז דער בחור וועט חלשן פון דערשטוינונג. דאָס איז אים בשום אופן נישט איינגעפאַלן און האָט אים נישט געקענט איינפאַלן.

מיכאל באַראָוויטש

**
*

ווינענדיק אין קראָקע, האָב איך מיט פֿאַרשידענע מיטאַרבעטער פֿון דער אומלעגאַלער טעטיקייט אָנגעהאַלטן אַ נאָענטן קאָנטאַקט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַמאָליקער „אַרבעט" איז אויסגעקומען דאָס און יענץ איבערצוטראַכטן, טיילמאָל באַקומען אַן אָנווייזונג, אַן עצה. די מענטשן, מיט וועלכע איך פֿלעג זיך טרעפֿן האָב איך געגעבן מיין אַדרעס און זיי געבעטן איבערצוגעבן מיינע געוועזענע זעלנער כדי זיי זאָלן קענען, אויב זיי וועלן חשק האָבן מיך זען.

די מענטשן, וועלכע זענען געקומען צו מיר האָבן זיך תיכף דערוווּסט וועגן מיין „ראַסע". עס איז נישט געווען קיין גרונט פֿאַר סודות און אין הסכם מיט מיין איינשטעלונג האָבן זיי אויך — צוריקפֿאַרנדיק אויף די ערטער — דערפֿון קיין סוד נישט געמאַכט. זיי האָבן אָבער נישט געהאַלטן פֿאַר נויטיק דורכצוּוואַנדערן דעם גאַנצן געוועזענעם „אינספּעקטאָראַט" און לויט אַ פּראָגראַם אויסדערציילן יעדן פֿון מיינע געוועזענע זעלנער באַזונדער מיין ייִדישן יחוס. אין רעזולטאַט דערפֿון איז די דאָזיקע „רעוואָלאַציע" אָנגעקומען צו פֿאַרשידענע גרופּן אין אַ פֿאַרשידענער צייט, אָפֿט דורך אומוועגן.

אין אַ געוויסן טאָג, באַלד אין דער פֿרי באַווייזן זיך ביי מיר אַכט געוועזענע זעלנער מיט איין מאָל. זיי פֿאָרן אויף נידערשלעזיע. זיי פֿאָרן דורך קראָקע און באַקומענדיק מיין אַדרעס זענען זיי געקומען זיך מיט מיר זען.

מיר באַגריסן זיך האַרציק. כ'באַזעץ זיי ווו עס לאָזט זיך. כ'שלעפּ אַרויס אַ פֿלעשל און אַ מאָגערן צובייס. ס'הייבט זיך אָן אַ שמועס וועגן פֿאַרשידענע זאַכן, וועגן זייערע פּלענער, וועגן זייערע צילן, וועגן פֿאַרשידענע קלאַנגען, וואָס גייען אַרום אין דער געגנט ווו איך בין געווען טעטיק. כאַאָטיש — איבערגעפֿלאָכטן מיט אַ ביסל הומאָר, מיט אַ ביסל סענטימענטאַלקייט — ריידן מיר און שמועסן גאַנץ פֿריי. פּלוצעם — איך געדענק שוין נישט אין וואָסער צוזאַמענהאַנג, דערמאָנט זיך איינער פֿון די חברים:

— איר ווייסט — זאָגט ער: — איינעם אַ זעלכן אין פּראשאָוויץ האָבן מיר געגעבן איבער דער מאָרדע, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז אַ קאָמענדאַנט האָבן מיר געהאַט אַ ייִד.

כ'האָב זיך אַ רגע פאַרטראַכט.

— וויבאַלד ער האָט שוין באַקומען — ענטפער איך פּאַמעלעך — וועט דאָס ביי אים קיינער שוין נישט צונעמען. אָבער — גיב איך צו פאַר־שענדיק בעת מעשה די רעאַקציע — צווישן אונדז רעדנדיק, האָט ער גע־האַט רעכט. איך בין ווירקלעך אַ ייִד.

די יונגען שווייגן אַ רגע פאַרדאגהט. אָבער אין אַ מינוט אַרום נעמט איינער פון זיי אַרויסזאָגן זיין מיינונג ערנסט און באַטראַכט:

— איך מיין, קאָמענדאַנט, אַז מיר האָבן גוט געטון, וואָס מיר האָבן אים געגעבן איבער דער מאָרדע. ווייל ער האָט דאָך נישט צוליב עפּעס אַנ־דערש געזאָגט, ווי נאָר כדי אייך צו באַליידיקן.

זעקסטער טייל:

גבית-עדות פון נישט יידן

די מעטאָדישע גרונדלאגן פונעם דאָזיקן בוך זענען שוין דערקלערט געוואָרן אין דער הקדמה. עס האַנדלט זיך ,פון איין זייט, וועגן אָנצייכענען אַ מעגלעך פול בילד, און פון דער צווייטער — וועגן אַ סיסטעמאַטישן פּירוש און אַנאַליזע פון די געביטן, פּראָבלעמען און אַספּעקטן פון דער טעמע. שטעלנדיק די פראַגע אויף אַזא אופן וואַרפט מען אָפּ דאָס באַגנוגענען זיך בלויז מיטן אויסוואַל פון „מאַטעריאַלן״. ד. ה. פון רויע רעלאַציעס, מער אָדער ווייניקער מעכאַניש צוזאַמענגעשטעלטע.

גלייכצייטיק זענען אָבער (אין דער זעלבער הקדמה) אַקצענטירט געוואָרן אַנדערע געבאָטן: א) נישט אויסבאַהאַלטן זיך אונטער אַבסטראַקטע פאָרמולירונגען, נאָר תמיד און אומעטום אויסווייזן די אַנטשפּרעכנדיקע פאַקטן; ב) איינהאַלטן — און דאָס ווי ווייט נאָר מעגלעך — נישט נאָר זייער אייגנאַרטיקן „קאָלאָריט״, אָבער אויך די גאַנצע „מעלה״ פונעם אינוועטנאַר״ ד. ה. די פאַרבינדונגען פון סיבות און קאָנסעקווענצן, די פאַרוויקלונגען, פאַרצווייגונגען.

דאָס אַדורכפירן אַזאַ פּראָגראַם איז פאַרבונדן נישט בלויז מיט שוועריקייטן. אָפט קען זיך אויסדאַכטן, אַז דאָ איז פאַראַנען דאָס וואָס מען רופט אָן אין שפּרוך־וואָרט: „אַ קעגנזאַץ אין דער גרונדלאַגע״. אָט פאַרוואָס: יעדע לעבן־געשיכטע פון אַ „פּאַפּירענעם־אַריער״ שטעלט מיט זיך פאָר אַ געווימל פון עלעמענטן (פאַרוויקלטע איינס אין אַנדערן). געבנדיק אַ סיסטעמאַטישן אויסלייג פון פּראָבלעמען, דאַרף מען — נאַטירלעך — צוטיילן די באַזונדערע עלעמענטן צו אַנטשפּרעכנדיקע (פאַרשידענע!) קאַפּיטלען. אַזוי אַרום מוז מען זיי אויסרייסן, איזאָלירן פון דער גאַנצער לעבן־געשיכטע, און דערמיט פאַראַטן אַן אַנדערע פון די דערמאָנטע מעטאָדישע גרונדלאגן. (אויבנאויפיקער) קעגנזאַץ איז — ווי דער לייענער האָט באַמערקט

— געלייזט געוואָרן אויפן פאָלגנדיקן אופן: ציטירנדיק דעם געגעבענעם אָפּשניט אין אַנטשפּרעכנדיקן קאַפּיטל, האָט מען זיך נישט באַגנוגנט מיט ברענגען דעם פאַקט אַליין; מען פלעגט אים תמיד באַגלייטן מיט אַלע ידיעות וואָס זענען נויטיק געווען מען זאָל קענען זיך מאַכן אַ קלאָר בילד פונעם מענטש אָדער פון דער סיטואַציע (און אַגב אָפט מיט אַזעלכע פּרטים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין דירעקטן שייכות מיט דעם, אויפן געגעבענעם אָרט, אַנאַליזירטן פּראָבלעם). דער מין און די צאָל פון די צוגאָבן זענען אין ערגעץ נישט געווען צופעליק. אין יעדן באַזונדערן פאַל האָט מען גענומען אין אַכט: פון איין זייט — די צאָל אינפאָרמאַטיווע ידיעות וואָס דער לייע־נער האָט שוין געקענט באַזיצן אויפן דאָזיקן עטאַפּ פונעם בוך, פון דער צווייטער — דאָס צושטעלן מקורותדיקע מאַטעריאַלן. אַזוי־אַרום באַקומט דער לייענער גלייכצייטיק מיט דער אָפּהאַנדלונג, אַ פולע און סיסטעמאַטי־שע דאָקומענטאַציע, צום זעלבסטשטענדיקן דורכטראַכטן.

די ציטירטע רעלאַציעס זענען אין זייער גרויסער מערהייט, דער־ציילונגען פון ייִדן, וואָס האָבן פּערזענלעך דורכגעלעבט די געגעבענע דער־שיינונגען. גלייכצייטיק האָט מען — אומעטום ווו די אָביעקטיוויטעט אָדער די פולקייט פון בילד האָבן דאָס געפאָדערט — באַגלייט זיי מיט גבית־עדות פון נישט־ייִדן. די גבית־עדות פון ייִדן האָט מען הויפּטזעכלעך געברענגט אין עקסטענסאָ, פון די אַנדערע בלויז באַשטימטע פראַגראַמען. דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער פּשוטער לאָגיק און פון פּשוטע מעטאָדישע פאָדערונגען.

ובכן, אַזוי ווי דאָס בוך דאַרף — ווי שוין דערמאָנט — (אויסער דער אָפּהאַנדלונג) ברענגען די ערשטע מקורים און אַרומנעמען די מעגלעך גרעסערע צאָל אַספּעקטן, איז נויטווענדיק צו ברענגען גרעסערע אויסצוגן פון אַ געוויסער צאָל נישט־ייִדישע גבית־עדות.

די פאַקטאָגראַפיע פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן איז — פאַרשטייט זיך — אַן אידענטישע מיט דער שוין באַהאַנדלטער. בלויז דער אָבסערוואַציע־פּונקט איז אַן אַנדערער. דערפאַר טאַקע גיבן מיר דאָ — להיפּוך צו די אופנים וואָס זענען אויסגענוצט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען —

די גביעת־עדות אַליין, נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין זייער אַנאַליזע און אָן שום קאָמענטאַרן 1).

עס זענען אָבער איבערגעלאָזט געוואָרן אייניקע כאַראַקטעריסטישע באַמערקונגען פון די מחברים אַליין; אין אייניקע ערטער זענען אויך פאַר־בליבן זייערע באַמערקונגען וואָס זענען נוגע דעם נאָך־מלחמהדיקן גורל פון מענטשן, וואָס האָבן זיך פריער אויסבאַהאַלטן.

לייענענדיק, אַפילו בלויז אויבערפלעכלעך, די דאָזיקע טעקסטן וועט מען זיך קענען איבערצייגן, אַז די אַנדערשקייט פונעם „אָבסערוואַציע־פונקט" האָט מעגלעך געמאַכט פאַר די געגעבענע עדות צו פאַרפיקסירן אַ גאַנצע ריי אינטערעסאַנטע און ביז איצט נישט אין אַכט גענומענע מאָמענטן:

***

פון דער רעלאַציע פון ד"ר וולאַדיסלאַוו יאַן גראַבסקי (וווינט אין גראַב־קאָווע, פּאַרק־גאַס נר. 1, פּאָוויאַט וולאָכי, ביי וואַרשע):

אין יוני 1943 איז צו מיר קיין גראַבקאָוו ביי וואַרשע געקומען אַ פרוי מיט געפאַרבטע בלאָנדע האָר, מיט פּאַפּירן אויפן נאָמען „מאַריאַ וואַנסאָוו־סקאַ" און מיט אַ פאַלשער מעטריקע. זי האָט געבעטן אַרבעט ביי מיינע קינדער. זי האָט זיך פאַרנומען מיט מיינע צוויי קלענסטע קינדער. אַזוי ווי זי איז געווען אַ סובטעלע און אינטעליגענטע פריילין, מיט מאַטורע, זענען

1) זאַמלענדיק מאַטעריאַלן צו דער דאָזיקער אַרבעט (אַ חוץ אַלע אַנדערע אָנגעווענדעטע מיטלען, וועגן וועלכע ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן אין דער הקדמה) האָב איך אין נאָמען פון דער וו. יי. ה. ק. און אין מיין אייגענעם נאָמען, אַריינגעגעבן אַנאָנסן אין דער פּרעסע. גלייכצייטיק האָב איך מיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט אַ גרויסער צאָל מענטשן, וועגן וועלכע איך האָב געוווסט, אַז זיי האָבן בעת דער אָקופּאַציע געהאָלפן יידן. אַ חוץ צאָלרייכע רעלאַציעס, האָב איך דעמאָלט דערהאַלטן אַ סך בריוו. די דאָזיקע מאַטעריאַלן האָבן מיר, פון איין זייט דערלויבט צו קאָנטראָלירן (דורך קאָנפראָנטאַציעס) די אויפגעגעבענע פאַקטן; פון דער צווייטער זייט — האָבן זיי מיר געגעבן נעמען און דערמיט אויך די מעגלעכקייט אָנצוקניפּן קאָנטאַקטן מיט ווייטערדיקע מענטשן. (מען מוז דאָ געדענקען, אַז די מחברים פון די גבית־עדות, וואָס געפינען זיך אין דאָזיקן קאַפּיטל זענען בלויז אַזעלכע, וואָס האָבן געהאָלפן יידן. וועגן די אַנדערע, אָפט קאַפּויערדיקע, קאַטעגאָריעס דערמאָנען אַנדערע קאַפּיטלען).

אַלע גבית־עדות פונעם דאָזיקן קאַפּיטל זענען געמאַכט געוואָרן סוף 1946 און אָנהייב 1947. אַזויאַרום זענען אַלע באַצייכענונגען — אין וועלכע די מחברים רעדן וועגן דער לויפנדיקער צייט — שייך דעם דערמאָנטן צייט־אָפּשניט.

אונדזערע קעגנזייטיקע באַציִונגען געוואָרן האַרציקע און די קינדער האָבן זי שטאַרק ליב באַקומען. זי האָט אונדז דערציילט וועגן איר גורל. פאַר־טרויט זיך, אַז זי הייסט רוזשע טוגענדהאַפט פון דראָהאָביטש, אַז איר פאָ־טער געפינט זיך אין געטאָ פון באָריסלאַוו, די מוטער און אַ ברודער זענען אומגעקומען. זי איז אַ יתומה, אָן שום ידיעות וועגן איר משפחה. צוליב זיכערהייט־טעמים האָבן מיר איר געראָטן זי זאָל אויפהערן פאַרבן די האָר. דאָס איז געווען אַ שווערער עקספּערימענט אָבער ער איז גליקלעך געלונ־גען. אין יוני 1944 איז די געסטאַפּאָ געקומען צו מיר אין שטוב אַריין, ביי נאַכט. זיי האָבן אַרעסטירט איינעם פון מיינע הויז־וועכטער אונטערן חשד, אַז ער איז אַ ייִד, בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט געקרייזלטע האָר. (אַלפאָנס שטשעפּאַנסקי, דעמאָלט האָט ער געהאַט פאַלשע פּאַפּירן, אויפן נאָמען פון יעזשי נאָוואַק, ווייל ער איז געווען אַ דעזערטיר פון פּאָמערן). אין עטלעכע טעג אַרום איז מיר געלונגען, מיט דער הילף פון כאַבאַר, אים צו באַפרייען. בשעת דער אָבלאַווע איז מאַריעלע־רוזשע נישט דערקענט געוואָרן און זי האָט זיך אָפּגעראַטעוועט. זייענדיק אָבער פאַרדעכטיק אין אויסבאַהאַלטן ייִדן, האָב איך זי, אויף צוויי וואָכן, אָפּגעשיקט קיין וואַרשע און זי אויסבאַהאַלטן אין דער דירה פון מיין פרויס עלטערן (געוו. פּרעזי־דענט פון דער פּוילישער מדינה סטאַניסלאַוו וואָיציעכאָווסקי — לאַנגע־וויטשאַ גאַס 15). שפּעטער איז זי צוריקגעקומען צו אונדז קיין גראַבקאָוו. זי האָט ביי אונדז גליקלעך איבערגעלעבט די אָקופּאַציע. מיר זענען געקו־מען צום אויספיר, אַז זי דאַרף זיך ווייטער בילדן און אַרויסגעשיקט זי קיין לאָדזש, זי זאָל זיך דאָרט אויסקלויבן אַ הויך־שול. דאָרט האָט מאַרילע־רוזשע געטראָפן אירס אַן אַלטן באַקאַנטן, אַ ייִד, אַן אָפיציר, קאַוואַליר פון אַ הויכער אויסצייכענונג, וועלכער האָט זיך איר דערקלערט און גע־וואָלט באַלד חתונה האָבן. מיר האָבן געפּאָדערט זי זאָל אים אונדז פאָר־שטעלן, כדי מיר זאָלן וויסן אין וואָס פאַראַ הענט אַריין מיר גיבן אַוועק דאָס מיידל צו וועלכער מיר האָבן זיך באַצויגן ווי צו אַן אייגענער טאָכ־טער. ער איז אונדז נישט געפעלן געוואָרן, מיר האָבן זיך אָבער נישט אַקעגנגעשטעלט איר ווילן ווען זי האָט באַשלאָסן מיט אים חתונה האָבן. זי איז אַוועק קיין לאָדזש און דאָרט גענומען אַ ציווילע חתונה. מיט 3 וואָכן שפּעטער איז זי אָבער צוריקגעקומען אַ פאַרביטערטע און אַנגעווייטיקטע

מיט געפיל, אַז זי איז שטאַרק באַעוולט געוואָרן דורך אַ מענטש אָן מאָראַל און פּרינציפּן. זי האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַ קרוב, וואָס האָט געוווינט אין גלייוויץ און שפּעטער מיט אַ פעטער אין קראָקע. זי איז צו אים געפאָרן כדי אונטער זיין אויפזיכט זיך צו לערנען אין יאַגעלאָנישן אוניווערזיטעט (כעמישער פאַקולטעט). מיר האָבן פון איר אָפט דערהאַלטן בריוו. דעם לעצטן בריוו אירן האָבן מיר דערהאַלטן אין יאַנואַר 1947 פון... לאָנדאָן. אין דעם האַרציקן און בענקענדיקן בריוו האָט זי אונדז מיטגע־טיילט, אַז זי האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין סיריע, ווו אַהין וויטע קרובים פאַרבעטן זי און ווילן זי אַדאָפּטירן. אויב איך דערמאָן מיך גוט, איז מאַ־ריאַ־וואַנסאָווסקאַ — רוזשאַ טוגענדהאפט געבוירן אין יאָר 1921.

***

ב). מיינע זכרונות וועגן מעצענאַט און באַוווסטן וואַרשעווער ליטע־ראַטור קריטיקער עמיל ברייטער (געשטאַמט פון קראָקע) וועלכער האָט זיך דריי יאָר אויסבאַהאַלטן אין גראַבקאָוו, האָב איך אָפּגעדרוקט אין „טיגאָד־ניק וואַרשאַווסקי״, דעצעמבער 1945.

זיין פרוי, מאַריאַ ברייטער האָט זיך אין יאָר 1942 באַזונדער אויס־באַהאַלטן אין זאַלעסיע ביי וואַרשע אונטערן נאָמען פון מאַריאַ זיק. (דעם נאָמען טראָגט זי ווייטער). (פרוי ברייטער־זיק אַרבעט אין האַנדלס־מיניס־טעריום. איר פּריוואַטער אַדרעס איז: וואַרשע, לוואָווסקיע גאַס 5־2). פרוי ברייטער־זיק איז געשטאַנען אין בריוולעכער פאַרבינדונג מיט איר מאַן דורך אונדזער הויז ווי אויך דורך אונדזער פּערזענלעכער פאַרמיטלונג.

***

ג). אין יאָר 1943 איז ביי מיר אין גראַבקאָוו געווען עטלעכע מאָל דער אַדוואָקאַט ד״ר סטאַניסלאַוו טילבאַט, וועלכער האָט דעמאָלט געלעבט אויף פּאַלשע פּאַפּירן. אויסנוצנדיק זיין אַרישן אויסזען (בלאָנד האָר) האָט ער געוואָלט זיך מעלדן אין דער „אָרגאַניזאַציע פון טאָדט״ 1) און אַזוי אַרום

1) וועגן דער דאָזיקער דייטשער אָרגאַניזאַציע — פאַרגלייך דעם קאַפּיטל: „אויף אַרבעט אין רייך, אין אוקראַינע, אין די באַלקאַן־לענדער״..

אַדורכשמוגלען זיך אויפן באַלקאָן, כדי פון דאָרט ווייטער אַנטלויפן. ער האָט אָבער נישט געהאַט דאָס נויטיקע געלט וואָס וואָלט געקענט דערלויבן זיין פרוי און טאָכטער זיך ראַטעווען אויף „אַרישע פּאַפּירן". כדי אים דאָס צו דערמעגלעכן האָב איך פאַרקויפט אַ פּלאַץ און געגעבן אים דאָס געלט. פון דער צייט אָן, האָב איך וועגן אים גאָרנישט געהערט, און איך וואָלט געוווּסט זיינע גליקלעך ווען איך דערוויס מיך אַז ער האָט איבערגעלעבט די קאַטאַסטראָפע.

**
*

ד). פון אָנהויב אָקופּאַציע האָט זיך אין אורסוס און גראַבקווו ביי וואַרשע אויסבאַהאַלטן די משפחה פונעם אָרעמען גלעזער סאָמבערג. ער אַליין האָט געהאַט אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, אַז מען האָט אַפילו נישט געקענט קלערן וועגן „אַרישע פּאַפּירן". די דייטשן האָבן געוווּסט, אַז די משפחה באַהאַלט זיך אויס אין גראַבקווו־גאַלאָמבקי און זיי האָבן נאָך איר זיך געיאָגט. ווי לאַנג עס איז מעגלעך געווען האָבן די סאָמבערגס גע־וווינט ביי פאַרשידענע מענטשן, שפּעטער האָבן זיי געמוזט זיך אויסבאַ־האַלטן אין פעלד און ווינטער אין קעלערן. אַלע פּאַליאַקן האָבן זיי געקענט. טראָץ דעם וואָס אַ סך האָבן מורא געהאַט אַפילו זיי אָנצוקוקן, האָט זיי קיי־נער נישט פאַראַטן. אַ לענגערע צייט האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין מיינע געביידעס און אין מיין גאָרטן. דעמאָלט ווען די אַרבעטער האָבן מורא גע־האַט זיי צו האַלטן אין די ווירטשאַפט־געביידעס איז די פרוי מיטן קינד געשלאָפן אין אַ גרויסער הינט־בודע. איך האָב געהאַט אומאַנגענעמלעכ־קייטן מצד מענטשן, הלמאַי איך שטעל זיי און זיך אויס אויף אַ סכנה, אויף אומגליקן. אַן אומגליק איז טאַקע געקומען, אָבער גאָר פּלוצלינג. גייענדיק אויפן שליאַך האָט די פרוי מיט די קינדער געטראָפן דייטשן. זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן. די מוטער איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. די קינדער האָבן זיי אָפּגעפירט אין דער „גמינע" פון אורסוס כדי צו דערוויסן זיך פון זיי ווער עס האָט זיי אַזוי לאַנג אויסבאַהאַלטן. דאָס איז געווען אָנ־הויב 1944. אויפן שטעטל איז אָנגעפאַלן אַ פּחד. פון דער אורסוסער גמינע איז צו מיר געקומען צו לויפן אַ באַאַמטער מיט דער וואָרענונג, אַז די קינ־דער האָבן, נאָך אַ מוראדיקער אויספאָרשונג, מודה געווען, אַז איך האָב

זיי געגעבן שיכלעך. מיין נאָמען איז געווען דער איינציקער וואָס זיי האָבן אַנטדעקט. איך האָב נישט רעאַגירט, פּילנדיק אָבער, אַז איך מוז זיין פאַר־זיכטיק. נאָך דער אויספאָרשונג האָט דער דייטשער אָפיציר אַריינגעזעצט די קינדער אין אַן אויטאָ, אַרויסגעפירט זיי אויפן וועג, גלעטנדיק איבער די קעפּלעך — דערשאָסן און איבערגעלאָזט אויפן וועג. דער פאָטער איז לעבן געבליבן. מיר האָבן אים אָנגערופן היאָב. ווען די דייטשן זענען אַנט־לאָפן און עס איז אָנגעקומען דאָס רוסישע מיליטער, איז סאָמבערג געקו־מען צו לויפן צו אונדז, וועלנדיק אַריינשטעלן אַלע שויבן, וואָס זענען אַרויסגעפאַלן בעת די לעצטע שלאַכטן. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב נישט קיין געלט אויפן גלאָז, האָט ער זיך צעבייזערט, זאָגנדיק, אַז מיט מיר רעכנט ער זיך נישט. סאָמבערג לעבט. ער האָט זיך איבערגע־טראָגן קיין אָטוואָצק, קומט אָפט צו אונדז...

**
*

ה). דער געשמדטער ייד נעסעל, אייגנטימער פון אַ הויז אין גראַב־קווו האָט איבערגעלעבט די אָקופּאַציע אויפן אָרט מיט זיין גאַנצער משפּחה, טראָץ דעם, וואָס אַנטקעגן אים האָט געוווינט אַ „פאָלקסדייטש". ער וווינט ווייטער אין גראַבקווו.

**
*

ו). בשעת אַ רעוויזיע אין הויז פון די קראַקאָווסקיס (זי איז געווען אַן אייניקל פון טאָמאַש יעזש 1) אין גראַבקווו, האָבן די דייטשן געפונען יידן — אַ זינגערין מיט איר טאָכטער. זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן און עס איז נאָך זיי פאַרשוווּנדן יעדער שפּור. מיט אַ וואָך שפּעטער האָבן זיי אויך דערהרגעט דעם אינזשיניער קראַקאָווסקי — אַן אַריער. דער מאַן פון דער זינגערין איז פון ה׳ קראַקאָווסקיס הויז אַנטלאָפן צו דער פרוי זוכאַ־וויטש. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט אים אַ פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע אָפּגעפירט אין אַ זיכער אָרט.

1) אַ באַוווּסטער פּוילישער שרייבער פון איבערברוך פון 19טן און 20טן יאָרהונדערט.

**
*

ז). לזכרון וויל איך דערציילן די פאָלגנדיקע געשיכטע:

אין פעברואַר 1943, אין אַ קאַלטן און פאַרשנייטן טאָג, זענען צו מיר געקומען צוויי יונגע ייִדן, אַ מאַן און אַ פרוי, מיט בלויזע קעפּ, אין סוועטערלעך, צעשלאָגענע און פאַרסאַפּעטע. מיר האָבן זיך מיט זיי תיכף פאַרנומען. מיר האָבן זיי אַזוי אויסבאַהאַלטן, אַז די קינדער זאָלן גאָרנישט וויסן, ווייל שפּילנדיק מיט אַנדערע קינדער, האָבן זיי נאָך געקענט אויס־געבן דעם סוד. ווען זיי זענען שוין געלעגן אין דער וואַרעמקייט, אָפּגע־וואַשענע און פאַרבאַנדאַזשירטע, איז די פרוי תיכף איינגעשלאָפן און דער מאַן האָט מיר דערציילט, אַז זיי זענען געפאָרן מיט אַ טראַנספּאָרט פון גע־טאָ אין קאַמין קיין טרעבלינקע. זיי האָבן זיך איינער מיטן צווייטן נישט אָנגעהערט. געפאָרן זענען זיי מיט די עלטערן. דעם מיידלס פאָטער האָט געחלשט פון היץ. זי האָט זיך באַמיט אים אונטערצוהאַלטן, ווייל ווער עס איז אַנידערגעפאַלן איז צעטרעטן געוואָרן אין געדראַנג. זי האָט אַנידער־געקניט און געגומען בעטן גאָט אויפן קערפּער פון איר פאָטער. די ייִדן האָבן געשאָלטן. מיטאַמאָל האָט דער יונגער, דאַרער, זעכצניעריקער בחור אַרויסגעריסן די אויבערשטע קראַטע פון וואַגאָן און מיט כוח אַריינגע־שטופּט אין דער עפענונג דאָס מיידל, מאַרי. זי האָט נישט געוואָלט שפּרינ־גען. ער האָט איר געביסן די הענט ביז זי איז אַראָפּגעפאַלן אין דער פינצ־טערניש. ער האָט אויפגעריסן די דראָטן פון צוויי וואַגאָנען, אויפגעעפנט די טירן רופנדיק זיינע עלטערן זיי זאָלן שפּרינגען און — נישט וואַרטנדיק מער — אַליין אַרויסגעשפּרונגען אויף די רעלצן. ער האָט זי אָפּגעפונען אויף די פאַרשנייטע שינעס. זי האָט נישט געוואָלט אויפשטיין, געבעטן אויף זיך דעם טויט. דראָענדיק מיט קלעפּ, האָט ער זי געצוווּנגען אויפ־שטיין. זיי זענען צוגעגאַנגען ביז אַ באַלויכטענעם ביידל ווו זיי האָבן גע־טראָפן באַאַמטע אין אוניפאָרמען. צעטומלטע האָבן זיי געשטאַמלט, אַז זיי זוכן עמעצן, אַז זיי האָבן פאַרלוירן זייערע עלטערן אויף דער באַן־סטאַנציע. איינער פון די באַאַמטע האָט זיי אַרויסגעשטופּט פון ביידל און געהייסן גיין גלייך דורך די רעלצן מיט אַן אויסגעטרעטענער סטעזשקע אין שניי, און ווען זיי וועלן צוקומען צו אַ צעמענטענעם פּלויט, זאָלן זיי דרייסט אַריינ־

גיין, ווייל דאָרט וועלן זיי געפינען דעם מענטש, וועלכן זיי זוכן. אַזוי האָבן זיי געטראָפן צו מיר. איך האָב נישט אַרויסגעוויזן מיינע שלעכטע פּאָרגע־פילן. אַליין בין איך אָבער געווען זיכער, אַז דאָס האָט איינער פון די פּאַר־ביסענע דייטשן, וועלכע האָבן געהיטן די סטאַנציע — וואָלף אָדער ראָזע — זיי צו מיר געשיקט, כדי מיך ענדלעך צו דעמאַסקירן. נאָך אַ באַראַ־טונג מיט מיין פרוי (וועלכע האָט דערקלערט, אַז גאָט וועט נישט ברענגען קיין אומגליק אויף אַ בעל־טובה) האָבן מיר זיי גאָרנישט געזאָגט.

מיר האָבן מיט פחד דערוואַרט דעם צווייטן טאָג. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין די שכנותדיקע הייזער זוכט מען יידן, וואָס זענען אַנט־לאָפן פון טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע. צו אונדז איז קיינער נישט געקו־מען. מיט צוויי טעג שפּעטער, ווען עס איז שטילער געוואָרן, האָבן מיר זיי אָנגעטאָן, געגעבן אַ ביסל געלט, געקויפט באַן־בילעטן און אַריינגעזעצט אין צוג אַריין. זיי האָבן געוואָלט פאָרן אין דער געגנט פון קאָנסקיע ווו זיי האָבן געהאַט זיכערע פריינט און בעל־חובות. אין צוויי חדשים אַרום איז דער יונגערמאַן צו אונדז געקומען, דערציילט אַז זיי געפינען זיך אין אַ זיכער אָרט. אַליין האָט ער זיך געקליבן צו גיין צו די פּאַרטיזאַנער. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז פון די אָפּענע וואַגאָנעס זענען אויך אַרויסגע־שפּרונגען דעם יינגלס עלטערן. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי מיין שכן ציווינסקי. וואָס עס איז שפּעטער געשען מיט די יונגע מענטשן ווייס איך נישט.

פון באַריכט פון אירענאַ סטאַניקאָוואַ 1) (זאַקאָפּאַנע):

... „ווען דער שוין היינט נישט־לעבעדיקער יוליאַן גראַבעלני (טראַ־יאַן), דער גרויסער הומאַניסט, האָט מיר פאָרגעלייגט מיטאַרבעט מיטן ראַט פון הילף פאַר יידן (אייגנטלעך האָט ער נישט פאָרגעלייגט, נאָר גע־געבן אַן אויפגאַבע אויסצופירן), האָב איך זיך נישט פאַרגעשטעלט ווי אַזוי אַ מענטש קען דאָס נישט אויספירן נישט וועלנדיק באַליידיקן זיין וויר־דע. און עס האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס שטענדיקע אַרומלויפן נאָך אַ ווױ־נונג. דאָס אויסאַרבעטן דאָקומענטן. דאָס פונאַנדערפירן געלט. מיין שטוב

1) אַ טוערין פון דער אונטערערדישער „ראַט פון הילף פאַר יידן".

איז געווען אַ קוואַראַנטאַנע. שטענדיק האָב איך געהאַט עטלעכע מענטשן, דער געזעץ וואָס מיר האָבן באַשטימט מיט איינעם פון די חברים: פאַר איין ייִד — אַ קאָפּ, פאַר עטלעכע ייִדן אויף דער זעלבער קאָפּ; לויענט דע־ריבער אויסצובאַהאַלטן עטלעכע.

אויף דער „אַרישער זייט" האָבן מיר אַרויסגעפירט פון די „פּלאַ־צוווקעס" (דאָס אָרט פון ייִדישע אַרבעט אויסערן געטאָ). זעלטענער פלעגן מיר איבערשיקן דאָקומענטן אין געטאָ און דער פּעטענט פלעגט אַליין קו־מען אויף דעם אָפּגערעדטן אָרט. שטאַרק איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון דער געשפּרעך מיטן באַקאַנטן דאָקטער, ווען איך האָב צו־גערעדט צו פאַרלאָזן דעם קבר (אַזוי האָב איך אָנגערופן דאָס געטאָ). ער האָט נישט געוואָלט. דאַן האָב איך אויסגעפילט, אַז די אַרגומענטן וועגן סאָלידאַריטעט, וועגן דינען מיטן אייגענעם באַרוף די אומגליקלעכסטע, זענען נישט קיין ריכטיקע; אויסער דעם האָט זיך באַהאַלטן אַ שרעק פון נייע באַדינגונגען פון פאַרקערן מיטן טויט.

איך געדענק ווי איך האָב אַרויסגעפירט אַ יונג מיידל פון דער „פּלאַ־צוווקע". מיר זענען אַרויס צוזאַמען מיט אַ גרופּע פּוילישע אַרבעטער. אָבער עס האָט אונדז גלייך דערשמעקט דאָס אויסגעאיבטע אויג פון די „שמאַל־צאָווניקעס". — „איר האָט פאַרגעסן אָנצוטון די אַפּאַסקע" — האָט מיט שפּאָט באַמערקט איינער פון די יונגע, אַזש דאָס האַרץ האָט וויי געטון. איך האָב זיי אָפּגעפּטרט מיט אייגענע אָרדינערע עפּיטעטן. זיי זענען גע־ווען צעטומלט. די סיטואַציע האָט זיך אויף אַזויפיל איבערגעדרייט, אַז איך האָב זיי אויך און מיט אַן אוואַנטורע געפירט איבער דער גאַנצער גאַס — צו אַ זשאַנדאַרם. פאַרשטענדלעך, זענען מיר נישט דערגאַנגען. זיי זענען אַנטלאָפן. מיין שוץ־אונטערליגנדיקע האָט זיך געהאַלטן בראַוו. ווייטאָג־דיק איז געווען דער טויף פון פרייהייט. אָבער דאָס האָט איר געגעבן דער־פאַרונג. פאַרהעלטנישמעסיק שנעל איז זי „אַריין אין לעבן" און האָט גע־אַרבעט במשך פון דער גאַנצער אָקופּאַציע.

איך האָב דערמאָנט, אַז מיין הויז איז געווען אַ קוואַראַנטאַנע. אין אַ קוואַראַנטאַן זענען מענטשן געווען אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו זיך אַליין. עס איז געווען צום באַוווּנדערן ווי אַזאַ הער מיט אַ פאַמיליען־

באַמען פון „סקי‟ האָט זיך איינגעלעבט אין דער נייער ראָל; ער איז געוואָרן אַ נייע מענטש מיט אַ נייער לעבנסגעשיכטע, און ווי, אויב ער האָט נישט געקענט קאָנסעקווענט שפּילן, נישט שטאַמלענדיק. צי ער האָט געשפּילט? איך האָב דעם איינדרוק, אַז עס האָט זיך אַזוי טיף איינגעגעסן אין זיין באַוווסטזיין, אין די טיפסטע סודות פון זיין לעבן, אַז דאָס איז שוין נישט געווען קיין שפּיל.

פון פאַרשידענע מינים זענען געווען די פּאַציענטן, מיט אַ גוטן און שלעכטן אויסזען און אַזעלכע: „זעסט אויס ווי אַ פּוילישע, ענלעך צו אַ ייִדישע‟. די גרעסטע צרות פלעגן זיין מיט די לעצטע. אָפּט פלעגן זיי ווערן פאַרהאַלטן. זיי פלעגן מוזן געבן אויסקויף געלט. כסדר פלעגט מען זיי דאַרפן טוישן די וווינונגען, ווייל זיי „האָבן זיך פאַרברענט‟. די טראַגישסטע זענען געווען די מיטן שלעכטן אויסזען. די, וועלכע האָבן מאַנאַטן און אַפילו יאָרן נישט אַרויס פון זייער וווינונג, סיידן אין באַהעלטעניש האָט זיך „פאַרברענט‟ און מען האָט אין אָוונט באַהאַלטנערהייט געדאַרפט זיך איבערקלייבן אין אַ צווייטער. איך האָב געקענט אַזעלכע, וואָס זענען אַרייבגעפאַלן אין אַזאַ אַפּאַטיע, אַז זיי פלעגן אַפילו פון בעט נישט אויפשטיין. פאַר די אַלע האָבן די נייעסן פון פראָנט (די גוטע) געווען אַ דערפרייאונג: ניין, זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז עס וועט זיך אַ מאָל ענדיקן זייער פאַרשקלאַפונג. אָבער עס זענען אויך געווען אַנדערע. איך געדענק איינעם וואָס איז אַזוי ווי אַ פויגל אַרומגעפלויגן איבערן צימער, זיך געקלאַפּט אין די ווענט. וויפל מאָל איך פלעג קומען, האָט ער זיך איינגעגעסן אין מיר מיט זיינע הייטערנדיקע אויגן און מיט היץ פלעגט ער פרעגן: „איר האָט אַ צייטונג? נו, און ווו זענען זיי?‟ פאַר אים האָט זיך די מלחמה געענדיקט אין דריי טעג. איך דערמאָן זיך, עס איז געווען ביי אונדז אַן אלטע ייִדישע פרוי מיט אַ גוטן אויסזען, אָבער זי האָט זייער שלעכט גערעדט פּויליש; זי האָט זיך אָנגעגעבן אַלס טויב־שטומע. זי איז געווען אין מאַנאַט, קען זיין — צוויי. זי האָט נישט אויסגעהאַלטן. נערוועז. זי האָט זיך אומגעקערט אין געטאָ.

געפינען אַ וווינונג! בלויז די קענען דאָס באַגרייפן, וועלכע האָבן אַליין געזוכט. געוויסע פלעגט מען אַריינפירן ערלעך זאָגנדיק, אַז דאָס איז אַ ייִד;

מ׳האָט געצאָלט מער אָדער נישט. אַנדערע פלעגט מען שיקן אַלס קרובים, אָדער ווי גוטע באַקאַנטע. דאָס איז געווען ווינציקער באַקוועם. איך דער־מאַן זיך די טענות פון אַזאַ אָפּגענאַרטן: — „צו די קעפּ פון מיינע קינדער און מיין אייגענע, זענען ווינציקער ווערט ווי דער קאָפּ פון איין ייִדן? ער האָט געהאַט זיין קאַלטע רעכט. אָבער מיר האָבן געוווּסט, אַז אַזעלכער דאַרף זיין דער פּראָטעסט קעגן דאָס פאַרשעמען די גוזעלשאַפט. אויב מיר ווילן ראַטעווען דאָס, וואָס עס איז דאָ אין אונדז מענטשלעכעס, מוזן מיר טאַקע אַזוי האַנדלען. עס איז נישטאָ קיין קאַמף אָן קרבנות.

אין דער צייט פון דער „קוואַראַנטאַנע״ פלעגט דער פּאַציענט אַליין נישט אַרויסגיין, מ׳פלעגט פאָרן מיט אים. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז נישט נאַטירלעכע, פריילעכע, הויכע געשפּרעכן, דאָס איז דער עכסטער אופן פון פאַרהאַלטן זיך. אָבער די אינסטרוקציעס זענען געווען פּינקטלעכע, זיי האָבן אַפילו אַרומגענומען דעם אופן פון אָנטון זיך. און נעמלעך: זיין וואָס באַ־שיידענער לויטן אויסזען און לויט דער האַלטונג. מיט קיין זאַך נישט צו־ציִען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט. מענטשן אויף די „אַרישע פּאַפּירן״, וואָס האָבן געאַרבעט, האָבן געהאַט פאַרזאָגט, אַז זיי זאָלן נישט פאַרנעמען קיין הויכשטעלנדיקע אָדער צו „פּאָפּולערע״ אַמטן. איינע פון די מיידלעך האָט איבערגענומען דעם אַמט אַלס טראַמוויי־אָנגעשטעלטע אין וואַרשע. פאַרשטייט זיך, אַז זי איז אַריינגעפאַלן. זי האָט נישט געקענט די אינסט־רוקציעס.

דערינערונגען! וויפל מענטשן שטייען מיר פאַר די אויגן. וועגן אַ סך פון די וואָלט געלוינט באַזונדער אָנצושרייבן, עס וואָלט געווען אַ צושטייער צו דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם געיאָגטן און גערודפטן. (... ...)

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט לעבן פאַר יעדער פּרייז. אַפילו פאַר דעם פּרייז פון מיטאַרבעט מיט געסטאַפּאָ. זיי פלעגן ווערן אַרויסגע־לאָזט „אויף לאַקונגען״: מען האָט זיי געקענט באַגעגענען אויף די באַן־הויפן, אין די צוקערניעס און אויף דער גאַס. איינע פון מיינע שול־און־טערליגנדיקע האָט געאַרבעט אין אַ שניידער מאַגאַזין. נישט אינגאַנצן האָבן זיי זיך דאָרט געקענט דעצידירן צי זי איז אַ ייִדישע אָדער נישט. זיי האָבן צוגעשיקט אַלס עקספּערט אַ ייִדישע פרוי, וואָס האָט געדינט די

דייטשן. שטענדיק וועט אַן אייגענער אַן אייגענעם בעסער דערקענען. און דעריבער האָט דער אינסטרוקטאָראַט געלויטעט: מייד אויס מענטשן מיט אַ סעמיטישן אויסזען.

אַ באַזונדער קאַפּיטל זענען קינדער. אַממערסטן געפּערלעך זענען געווען די אין עלטער צווישן 3־4 יאָר. ביי זיי האָט די געדאַנקען צענזור נישט פונקציאָנירט. אין וואַגאָן, אין טראַמוויי, צווישן פרעמדע, פלעגן אַזעלכע קליינוואַרג איבערחזרן הויך עפּעס אַ בילדל וואָס זיי האָבן ערגעץ געזען. זיי פלעגן איבערחזרן מיט עקשנות עפּעס אַ יידישן נאָמען. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס איינשטילן (מען האָט עס נישט געקענט טון דעמאָנסט־ראַטיוו). דאָס קינד פלעגט זיך פרייען מיט די געפונענע ווערטער און אויף קיין שום אופן האָט עס נישט געקענט באַנעמען פאַרוואָס מען האָט אים פאַרווערט.

אַנדערש איז אויך געווען מיט קינדער פון 6 יאָר. מיט אַן איבער־ראַשנדיקער שנעלקייט פלעגן זיי זיך צופּאַסן צו די באַדינגונגען. עס האָט זיי אין דעם געהאָלפן די קינדערישע פאַנטאַזיע, אָבער מיר פלעגן שוין אויף יעדן פאַל נישט דערלויבן די קינדער אַן דער געזעלשאַפט פון עלטע־רע צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון נישט פאַרטרויטע מענטשן.

**
*

נישט לאַנג האָב איך באַקומען אַ בריוו פון לאָנדאָן פון אַ צוויי־און־צוואַנציק־יעריק מיידל, וועמען איך פלעג שיקן פּעקלעך אין לאַגער. וואָס פאַר אַ ביטערע זענען געווען די ווערטער: איך קען נישט באַגרייפן פאַר־וואָס מיר האָבן אַזוי פאַרביסן געקעמפט פאַרן לעבן. פאַר וואָס מיר האָבן עס אַזוי מיט כוח אַרויסגעריסן.

וואָס גיט אונדז דאָס לעבן? אַ מענטש, וועלכער האָט געלאָזט אונ־טער זיך אַזויפיל טויטע, וועט זיך שוין מיטן לעבן קיינמאָל נישט קענען פרייען. די ווערטער האָבן מיר דערמאַנט אין אַנדערע: „מיר זענען ערשט (אַקופּאַציע) ווי די פאַרסמטע בעת דעם לויף, מיר פילן אָפּ אַלץ ביזן דער־גיין צו דער מעטע״. אַזוי איז. מען קען פרייער אָפּאָטעמען, מען לויערט שוין נישט. מען יאָגט שוין נישט. מען קען זיך אַרומזען איבער די אייגענע

איבערלעבונגען, די אַמאָליקע — כמעט אומבאַוווסטזיניקע אַזוי היציק און שנעל דורכגעלעבטע.

דאָס איז אָבער נישט אַריבער אומבאַשטראָפט. די מענטשן זענען קאַליקעס. דאָס זענען פּסיכישע אינוואַלידן״ 1).

**
*

דער גלח סטאַניסלאַוו ציכאַצקי (ווירזביצא פּאָלסקאַ, וולאָשינער פּאָוויאַט, אויבערשלעזיע) דערציילט:

„...אויף וויפל איך דערמאָן זיך איז דאָס געווען אָנפאַנגס זומער 1942. פון דער פּאַראַפיע אין זשימנאַ וואָדאַ (לעמבערגער קרייז) איז געקומען אַן אינטעליגענטע יידישע פרוי, וואָס האָט געהאַט 33 יאָר און געבעטן אַן „אַרישע״ מעטריקע, בכדי זיך צו ראַטעווען. זי האָט מאָטיווירט איר בקשה מיט דעם, וואָס זי האָט אַן „אַריש״ אויסזען און אַז אַ באַקאַנטער סאָלטיס פון אַ דאָרף האָט איר צוגעזאָגט איינצומעלדן זי ביי זיך. זי מוז זיך אָבער קודם כל איינמעלדן און אויסמעלדן אין זשימנאַ וואָדאַ — וואָס וועט איר מסתם געלינגען אָבער צו דעם בויטיקט זי זיך אין דער „אַרישער״ מעטריקע.

כ׳האָב זי נישט געקענט, כ׳האָב נישט געפרעגט איר נאָמען און כ׳וויים נישט פון וואַנען זי איז געווען (דעמאָלט פלעגן יידן ענדערן זייער וווין־אָרט). זי האָט גוט גערעדט פּויליש און באמת נישט געהאַט קיין סעמיטיש אויסזען. איך האָב איר טאַקע געגעבן אַזעלכע „פּאַפּירן״. זי האָט דאָס זעלבע אויך געבעטן פאַר איר מוטער. איך האָב איר נישט געקענט אָפּזאָגן. כ׳האָב געגעבן. זי האָט געוואָלט באַצאָלן. איך האָב נישט אָנגענומען. זי האָט מיר געגעבן 200 זלאָטעס פאַר אָרעמע, וועלכע כ׳האָב טאַקע צעטיילט.

אין זעלבן יאָר אַ ביסל שפּעטער, איז צו מיר געקומען אַ שכן — אַ געוויסער גאָלדמאַן. ער איז אַלט געווען 27 יאָר און פלעגט פון צייט צו צייט אויספירן בלעכער־אַרבעטן אויף דער פּלעבאַניע.

ער האָט מיר דערציילט ווי די דייטשן האָבן אים געכאַפּט אין זשימנאַ וואָדאַ און אַוועקגעפירט אין יאַנאָווער לאַגער. און ווי אַזוי מען האָט

1) יי. ה. ק. קראָקע (ל. נ. 1312).

אים (ווי אַן האַנטווערקער) געפירט מיטן אויטאָ צו דער אַרבעט קיין לעמ־בערג און ווי ער איז פון דאָרט אַנטלאָפן. ער האָט מיך געבעטן איך זאָל אים ראַטעווען, איך זאָל אים געבן אַן „אַרישע" מעטריקע און ער וועט האַלטן דעם סוד אַפילו פאַר דער אייגענער מוטער. כ'האָב דאָס געמאַכט. נאָכדעם האָט ער געבעטן ענלעכע פּאַפּירן פאַר זיין פרוי. כ'האָב געגעבן. ער האָט צוגעזאָגט, אַז תיכף נאָכדעם ווי ער וועט זיך איינמעלדן און אויס־מעלדן אין זשימנאָ וואָדאָ, פאָרט ער קיין לאַנצוט ווו עס לעבט זיין מוטער. ער וועט דאָרט וווינען.

ער האָט אָבער געמאַכט אַנדערש. די מוטער (אַזוי דאַכט זיך מיר) האָט ער באַצויגן נאָך זשימנאָ וואָדאָ און ער האָט נאָר געטוישט די דירה. ביי אַ געוויסן ה. האָט ער זיך באַזאָרגט פאַלשע פּאַפּירן און זיך אָנגעהויבן פרייער באַוועגן, בפרט אַז ער האָט נישט געהאַט קיין שטאַרק סעמיטישן אויסזען. ביז איינמאָל האָט אים די פּאָליציי געכאַפּט און ער האָט זיך גע־מוזט אין אַלעם מודה זיין. מחמת איך האָב דערהאַלטן אַ מעלדונג צו קו־מען דעם 8טן מערץ 1943 אין דער קרימינאַל־פּאָליציי אין לעמבערג, פּלאַץ האַליצקי נר. 5111, שטוב 54.

כ'האָב געהערט ווי דער פּאָליציי־פונקציאָנאַר וואָס האָט מיך אויפ־גענומען האָט געזאָגט אויף אוקראַיניש צו זיין קאָלעגע, אַז דעם הער ה. האָט זיך נישט געלוינט צו נעמען די פּאַר הונדערט זלאָטעס ביי גאָלדמאַן און אַ צווייטן פאַר די פאַלשע „אַרבעטער קאַרטן". ער האָט באַקומען (אויף וויפל איך דערמאָן זיך) צו דריי חדשים תפיסה פאַר יעדע קאַרטע. מען האָט מיר געוויזןביידע קאַרטן מיט פאָטאָגראַפיעס און געפרעגט צי איך קען די ייִדן. כ'האָב דערקלערט אַז איך קען גאָלדמאַנען, ווייל נאָר אים האָב איך געקענט. מען האָט געוויזן די מעטריקע. איך האָב געלייקנט יעדע שייכות מיט איר. ווייל פאַר מיין שוואָך האַרץ האָט אַ לאַגער באַטייט טויט.

נאָכן אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל האָב איך געפרעגט וואָס עס איז געוואָרן מיט גאָלדמאַנען. כ'האָב באַקומען אַ תשובה, אַז ער איז גע־וואָרן „אויסגעזידלט" צווישן פרייטיק און שבת. הייסט עס מען האָט אים ליקווידירט.

פאַרן אַוועקגיין האָט מיר דער פּאָליציי־פונקציאָנאַר דערקלערט, אַז

גאָלדמאַנס עדות־זאָגן האָט פאַרלייכטערט דעם גאַנצן ענין. גאָלדמאַן האָט דהיינו דערקלערט, אַז „דער גלח האָט פאַר דעם נישט גענומען קיין געלט". און אַזוי ווי עס איז אוממעגלעך מען זאָל דאָס מאַכן בחנם, במילא האָב איך עס נישט געטון" 1).

**
*

פון באַריכט פון גלח יאַן רענביט (דאָרף דאָלנאַ ביי מעזריטש פאָדליאַסקי, נעבן דוקאָוו):

„... דאָס איז געווען מיט עטלעכע יאָרן צוריק. איך האָב אויסגעפילט די פונקציע פון אַ וויקאַרי 2) אין סאָקאָלאָוו־פאָדליאַסקי. איך האָב זיך פאַרנומען מיט כל־המינים מענטשלעכן דלות; איך האָב פאַרטיילט תבואה און קערנער וואָס די באַאמטע פלעגן מיר צוטיילן, זייענדיק איבערציי גט אין דעם, אַז איך וועל גערעכטיק פאַרטיילן. אין איינעם אַ נאָכמיטאָג איז אַריינגעקומען צו מיר אין וווינונג אַ זעכצן־יעריק מיידל, אַ בלאָנדע, נישט קיין איבעריק שיינע, אָנגעטון אין אַ בלויען זשאַקעט פון „סאָמאָדזיאַל" און פון זעלבן אויך אַ רעקל. אויף די דינע און דאַרע פיס, אָן זאָקן, האָט זי געטראָגן נישט קיין שלעכטע שיך. דאָס מיידל איז געווען זשענירט. ווען זי איז אַריין, האָט זי געזאָגט: — „זאָל זיין געבענטשט יעזוס קריסטוס" און „גוט מאָרגן". אויף דער פראַגע אין וואָס פאַר אַן ענין זי איז געקומען, האָט זי געענטפערט, אַז זי האָט געהערט, אַז איך בין אַ פאַרמיטלער ביים פאַר־ טיילן אַרבעט. — „איך נעם זיך אונטער יעדע אַרבעט, נאָר נישט אַזאַ שווע־ רע ווי ביז איצט". — „ביטע, עס איז דאָ אַרבעט" — האָב איך איר גע־ מאָלדן — „און (...) איר וועט אין דער געזעלשאַפט פון חברטעס זיך פילן ווי אין אַ משפחה". איך האָב געזען אַ פרייד אויף איר פנים. אָבער אין אַ פאָר מינוט אַרום האָט זי גענומען הויך וויינען. — „אַליע פראַשען קסענ־ דזשאַ, אָבער, אָבער — ... האָט זי איבערגעריסן שלוכצנדיק — איך בין אַ ייִדישע". מיר איז עס אַפילו נישט איינגעפאַלן, ווייל די שטריכן פון פנים האָבן עס נישט באַשטעטיקט. איך בין צוגעגאַנגען נענטער, איך האָב אַ

1) נומ' 1327.
2) אַ יונגער גלח, איידער ער ווערט אַ „פראָבאָשטש".

גלעט געטון די צעוואָרפּענע האָר, כדי זי זאָל באַקומען דעם פולן צוטרוי. איך האָב געוווּסט וואָס אונדז ביידע דראָעט, אָבער דער קריסטלעכער גע־דאַנק פון העלפן דעם נאָענטן האָט פאַרטושט אַלץ.

ווען זי האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, האָט זי אָנגעהויבן דערציילן פון וואַנען זי שטאַמט, און וועגן די לעצטע טראַגישע מאָמענטן פון איר פאָטער און אירע ברידער. אַליין איז זי אַנטלאָפן; זי האָט זיך אַרומגעוואַלגערט צווישן מענטשן ווי אַ שטומע, זי האָט זיך געלערנט קאַטוילישע מנהגים און ריכטיקער אויסשפּראַך. איך האָב באַוווּנדערט איר טיפן עספּרי און אינטעליגענץ. זי איז אָנגעקומען אויף אַרבעט צו אַ געוויסן באַלעבאָס און ווי זיינס אַ שוועסטערן־טאָכטער (איבערנעמענדיק דעם נאָמען „מאַריאַ" און זיין פאַמיליע־נאָמען) איז זי דאָרט געווען אַ יאָר צייט. די הענט האָט זי געהאַט האַרטע ווי שטאָל — פון דער אַרבעט; זי האָט לענגער דאָרט נישט געקענט זיין און איז געקומען צו מיר נאָך גרינגערער אַרבעט אין שטאָט.

איך האָב צוגעזאָגט, מוז איך האַלטן וואָרט, מיר וועלן גיין צו דער אינסטיטוציע, ווייל אויף קיין דראָזשקע האָבן מיר ביידע נישט פאַר־מאַגט. אויפן וועג האָבן מיר זיך געוויצלט, אַז דאָס איז אַ בורזשואַזע אויסטראַכטעניש. זי האָט נישט געקענט גיין אין די שיך, ווייל אין דעם טאָג איז זי אָפּגעגאַנגען 28 קילאָמעטער. איז זי געגאַנגען ווייטער איבער די שטיינער באָרוועס. דער קינפּטיקער ברויט־געבער — מיין פריינד, האָט דערליידיקט אונדזער עניין פּאָזיטיוו, אָבער די אָפּטרעטנדיקע וועט ערשט אין צוויי טעג אַרום ווערן פריי. — „מאַרישאַ, וועט וואַרטן צוויי טעגביים וויקאַריער" — האָט געזאָגט דער ברויט־געבער. מיר האָבן זיך אומגעקערט צו מיר, אָבער אין דעם איינעם צימער מיינעם איז נישט מעגלעך אין צווייען. איך האָב געפונען אין הויף אַ ווינקל ווו מיין שוועסטער האָט געקאָכט; האָבן זיי ביידע מיט דער שוועסטער געמוזט שלאָפן אויף איין בעט. פּראָדוקטן האָב איך געהאַט גענוג, אָבער דער פונקט ווו איך האָב געוווינט איז געווען אַ סך באַזוכט דורך פאַרשידע־נע אינטערעסאַנטן. איך בין געווען אַ צענטער פון צען טויזנט דאָרפס־איינוווינער. די שרעק ביי אונדזביידן האָט זיך פאַרשטאַרקט און זי

האָט נישט געוואָלט דאָ בלייבן לאַנג. איך האָב איר געשיקט אונטערן שטאָט צו העלען מיין קינפּטיקער דינסט. דאָרט האָט זי זיך געפילט אויסגעצייכנט. פון דאַנען אויך האָט זי אָנגעהויבן גיין זיך לערנען קאַטעכיזם, ווייל זי האָט געוואָלט בלייבן אַ קאַטוילישע. זי האָט זיך געלערנט אויסגעצייכנט, זי האָט פאַרשטאַנען יעדער פּירוש און געטראַכט קאַטויליש. תפילות און רעליגיעזע פּראַקטיק האָט זי אויסגעפירט ווי עס דאַרף צו זיין. איך בין געווען פון איר צופרידן; איך האָב איר געגעבן עטלעכע הונדערט זלאָטעס אויף קליינע אויסגאַבן. ווען העלע האָט דערזען ביי מאַריען דעם קאַטעכיזם, האָט זי זיך זייער פאַרוואונדערט, אויף וואָס מאַריע האָט פריילעך אָפּגעענטפערט, אַז זי טראַכט צו גיין זיך מתודה זיין, אַזוי אַז דער עקזאַמען פון קאַטעכיזם איז נישט קיין וויץ. זי האָט זיך געוואָלט שמדן, איך האָב זיך געזאָלט אונטערנעמען אויסאַרבעטן פאַר איר אַ מעטריקע און אַן איינמעלדונג. עס זענען אַריבער עטלעכע טעג ביז זי האָט איבערגענומען אַן אַמט נישט קיין שלעכט געצאָלט (1.000 זלאָטעס און פולע אויסהאַלטונג). אָפּזייענדיק אַ מאָנאַט, הער איך, אַז מיין מאַרישע פאַרברענגט מיט יינגלעך. און די חברטעס, מיט וועלכע זי האָט געאַרבעט, מעלדן מיר אויף אַזאַ אופן: — „דעם קשאָנדזס פּופּילקע „הוליעט". מען זאָגט אַפילו אַז זי איז שוואַנגער. איך האָב געקענט אַזוי מיינען, ווייל זי האָט אויסגעזען זייער גוט, געזונט, פריילעך, שטענדיק פול מיט לעבן און ווילן צו געפעלן ווערן. איך האָב איר געזאָגט דאַן, אַז מיט אַלע מעגלעכקייטן האָב איך געוואָלט זי דערהאַלטן ביים לעבן, איז איצט אויב זי וועט זיך נישט פאַרבעסערן, לאָז איך זי אַרויס פון מיין אויפזיכט, זי וועט פאַרלירן דעם פּאָסטן, און וועט ווייטער זיך מוזן אַרומוואַלגערן. אירע האַנדלונגען האָבן מיר אַלס פּראָטעקטאָר קאָמפּראָמיטירט אין די אויגן פון איר ברויט־געבער און די חברטעס. מיינע וואָרענונגען האָט זי געהערט און האָט געביטן דעם שטייגער לעבן. אין דער צווישנצייט איז זי געווען ביים גלח רושקעוויטש, וועלכער האָט זי געקענט און זי האָט געבעטן אַ פּאָסטן. דער גלח האָט מיר אָנגעשריבן אַז קיין פּאָסטן פאַר איר האָט ער נישט, ווייל אין דאָרף איז שווער, און ער בעט מיר ווייטער איר צו האַלטן אין שטאָט. ער שרייבט מיר אויך, אַז ער קען זי, ער קען אירע געוווינהייטן, אַז דאָס

איז אַ מיידל פון אַ גוטער שטוב, און אַז קיין שום שלעכטע האַנדלונגען ־װעט זי נישט טון.

זי האָט געבראַכט דעם בריוו, און ווען איך האָב אים איבערגע־לייענט פאַר איר האָט זי זיך צעוויינט און האָט צוגעזאָגט אַז מער וועט זי זיך נישט אַריינלאָזן אין קיין ראָמאַנען מיט קיין צופעליקע. איר באַ־שלוס האָט זי אויסגעהאַלטן. די חברטעס פון דער אַרבעט האָבן מיר סיגנאַליזירט, אַז דעם „קשאַנדזס מאַרישע" האָט זיך געביטן צום בעסערן. זי פלעגט קומען צו מיר אָפט אַ דאַנקבאַרע. און ווען איך האָב באַקומען אַ נאָמינאַציע אויף אַן אַנדער אַמט, האָט זי מיר געשענקט עפּעס אַ קליי־ניקייט און מיט טרערן האָט זי מיר געקושט אין די הענט.

איך האָב נישט געהאַט קיין זעליקייט איר אָפּצושמדן; אויך נישט — ווי מיר האָבן געפּלאַנט — צו געבן איר חופּה. איך ווייס נישט אין דעם מאָמענט וואָס מיט איר קומט פאָר. איך ווייס אויך נישט צי זי האָט זיך אומגעקערט צו די אייגענע, צי זי איז געוואָרן אָפּגעשמדט.

פאַר מיין געוויסן בין איך צופרידן, דאָס איך האָב אַרויסגעראַטע־וועט אַ לעבן, אַזוי ווי עס האָט מיר פאַרזאָגט מיין „מייסטער" 1).

***

פון באַריכט פון ד״ר פראַנציסעק קאָוואַלסקי (אַדוואָקאַט אין זאַקאָפּאַנע):

„... ווען איך בין געווען אַלס אויסגעזידלטער פון זאַקאָפּאַנע אין קראָקע, אין יאָר 1942 אין האַרבסט (סעפּטעמבער) מיט מיין פרוי, האָט זיך געמאָלדן צו אונדז — דורך באַקאַנטע יידן — אַ געוויסער אַניספעלד (אַ ייד) — אַ פעדערן־סוחר פון קראָקע (יוזעפא גאַס) — מיט פאָלגנדער פּראָפּאָזיציע: — ער האָט אַ באַקאַנטן דייטש, אַ פריינט אָטאָן גושזכא, וועלכער איז אַ דירעקטאָר פון אַ זייער גרויסער געגנדזעריי (אַ דייטשער) אין ניעפּאָלאָמיץ. מיט דעם גושזכא איז ער באַפריינדעט און האָט אַפילו קרובהשאַפט. ער קען מיר מיט אים באַקענען. גושזכא זוכט אַן אַדוואָ־קאַט — אַ בוכהאַלטער און אַ קאַסיר, וועלכער באַזיצט דייטש. וועט ער מיר פּראָטעזשירן ביי גושזכען צו דעם פּאָסטן; פאַר דעם זאָל איך אים אויסבאַהאַלטן זיין צוועלף־יעריק טעכטערל.

---

1) ל. ב. 1317.

די ריזיקע איז געווען זייער גרויס. איך בין געווען אין די דייטשע תפיסות! חוץ דעם האָב איך נישט געוואָלט דינען ביי קיין דייטש. אָבער ווען אניספעלד האָט מיר באַקענט מיט גושזכען — דעם דייטש פון דער אַלטער דאַטע, פון דער עפּאָכע פון ווילהעלם דעם צווייטן, נאָך נישט קיין היטלעראַוויעץ, ווען איך האָב זיך אויסגעגעבן און ער אַליין האָט מיר געבעטן, אַז איך זאָל זיך דעצידירן אויף דעם פּאָסטן און זאָל נעמען אניספעלדס טעכטערל אויף באַהעלטעניש און אַרויסראַטעווען איר פון געסטאַפּאָ, און חוץ דעם האָב איך זיך איבערצייגט, אַז אויסער גורשזכען, אַ פּרוסאַק, אַרבעטן נאָך אין דער געגנדזעריי אַרום 250 — בלויז פּאָליאַקן, האָב איך זיך דעצידירט.

איך בין אַ פאַרמלחמהדיקער אַנטיסעמיט, אָבער די נשמה האָט זיך מיר איבערגעקערט ווען איך האָב געזען די חיהשקייט פון די דייטשן אין באַצוג צו די ייִדן, ווייל דאָס איז געווען נידעריקער פאַר דער ווירדע פון פאָלק. — אַזוינס וואָס מען האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס איז מעגלעך.

מיר האָבן זיך באַראַטן, אַז אניספעלד וועט זיך באַמיען פאַר זיין טעכטערל וועגן „אַרישע פּאַפּירן“ אויף דעם נאָמען „דאָמבסקא אננא“ (ווייל אַזוי האָט געהייסן די פאַרהייראַטע שוועסטער פון מיין פרוי) און ווי אַ שוועסטערן טאָכטער פון מיין פרוי האָבן מיר מיטגענומען דאָס קינד מיט זיך אויף דעם פּאָסטן אין ניעפּאָלאָמיץ. דאָרט — אַ דאַנק גורשזכעס הילף — האָט דאָס קינד געלעבט גליקלעך נעבן אונדז ביז דעם 1-11-1943.

דאָס קינד איז געווען אַ ליבס, אַן אָנגענעמס, אַ פּעזיקס, האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער פון ניעפּאָלאָמיץ, האָט איינגעאָרדנט קינדערפאַרשטעלונגען — אַלץ כדי מען זאָל נישט דערקענען ווער זי איז. אָבער עס האָבן זיך געפונען נידערטרעכטיקע מענטשן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שרייבן צו מיר אַנאָנימע בריוו, אַז די קליינע איז אַ ייִדישע, און אַפילו אַז מיר, איך און מיין פרוי, זענען ייִדן. דאָך האָבן מיר דאָס אויסגעהאַלטן, כאָטש זייער שווער, אָבער דאָך עס האָט זיך איינגעגעבן. — אין שטוב פלעגן מיר זי רופן „האַנקע“. איר מומען (אַ שוועסטער פון איר מוטער) וועמענס נאָמען איך געדענק נישט, האָב איך מיט דער הילף

פון ראַזאַליע סאַבעלמאַנאָווע (אַן אַריערין וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ געשמדטן ייד — זיי ווינען אין ניעפּאָלאָמיץ) — איינגעאָרדנט אין אַ מאָנאַסטיר ביי הייליקע שוועסטער אין סטאַניאָנטקאָ, נעבן ניעפּאָלאָמיץ, אַלס מיין קרובה אונטערן נאָמען „קאָוואַלסקאַ" (אַזעלכע פּאַפּירן האָט זי געהאַט). זי האָט אָבער דאָרט נישט לאַנג אויסגעהאַלטן, ווייל איינמאָל ווען עס איז געקומען געסטאַפּאָ אין מאָנאַסטיר אויף אַ רעוויזיע, איז זי אַנטלאָפן צו מיר אין ניעפּאָלאָמיץ, און איך האָב אויף איר פאַרלאַנג זי אָפּגעפירט אין קראָקע צו אירע באַקאַנטע אויף זוויעשזיניעצקע גאַס. די אַלטע אַניספּעלדס מיט זייער זון האָבן דערווייל געבליבן, ווען האַנקע איז געווען ביי אונדז, — אין געטאָ. ווען די דייטשן האָבן ליקווידירט דאָס געטאָ, זענען די אַניספּעלדס מיט זייער זון אַנטלאָפן דורך קאַנאַלן אין קראָקע און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי מיינעם אַ פריינד — לודוויק קאַטשמאַרטשיק אויף קראַקאָווסקע גאַס. מען האָט אָנגעטעלעפאָנירט צו מיר, אין ניעפּאָלאָמיץ. איך בין גלייך געקומען צו פאָרן און אין מיטן העלן טאָג האָב איך זיי אַלע דריי אַרויסגעפירט, דעם פאָטער, דער מו־טער, און דעם זון — קיין מאַקאָוו, ווו איך האָב זיי איינגעאָרדנט ביי אַ באַקאַנטן פויער. אַזוי האָבן זיך די דריי אַניספּעלדס אויסבאַהאַלטן, און די פערטע — האַנעטשקע, ביי אונדז. וואָס עס איז ווייטער געוואָרן מיט דער מומע, ווייס איך נישט; איך האָב אָבער געהערט, אַז זי האָט זיך ווייטער אויסבאַהאַלטן אין אונגאַרן.

אין נאָוועמבער 1943טן יאָר, האָבן מיר געמאָלדן די אַניספּעלדס פון מאַקאָוו, אַז איך זאָל אַרויספירן האַנעטשקען קיין קראָקע, און דאָרט וועט איר נעמען פון דער וווינונג צו דער באַן אַ באַקאַנטער באַן־אַרבעטער. זיי וועלן זיך מיט איר באַגעגענען אין מאַקאָוו און וועלן צו־זאַמען פאָרן קיין אונגאַרן. אַזוי איז געשען. זיי זענען אַוועקגעפאָרן קיין אונגאַרן. איך האָב נאָר באַקומען אַרום אָנהויב 1944 פון האַנעטשקען אַ קאַרטל פון אַ יתומים־אַנשטאַלט פון קאַשיץ, אַז עס איז איר שלעכט, נישט אַזוי ווי עס איז איר געווען ביי „די פעטערס" (אַזוי האָט זי אונדז גערופן). אָבער איך ווייס פון מענטשן, אַז שפּעטער האָט זי זיך צונויפ־געקומען מיט די עלטערן. זיי האָבן געוווינט שפּעטער אין בודאַפּעשט; זיי האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט, לעבן און וואַרשיינלעך, אַוועקגעפאָרן אין

פּאַלעסטינע. נאָך זייער זון, וועלכער איז אין יאָר 1945 געפאָרן פון אונגאַרן דורך רומעניע, און שפּעטער האָט ער זיך אויפגעזעצט אויף אַ שיף קיין פּאַלעסטינע, איז צוזאַמען מיט דער גאַנצער שיף דערטרונקען געוואָרן אין ים.

צום באַדויערן האָב איך נישט פון זיי קיין ווייטערדיקע ידיעות — און עס איז מיר אַ שאָדן — ווייל איך וואָלט זייער געוואָלט פון זיי עפּעס וויסן, באַזונדערס פון האַנעטשקען, וועלכע מיר האָבן זייער ליב גע־קראָגן, סיי איך, סיי מיין פרוי.

ווען מיר וואָלטן געקענט העלפן דעם פּרוסאַק — דעם זייער אָנ־שטענדיקן אַטטאָן גורשזכע, וועלכער האָט נישט געקענט קיין אונטער־שידן, נישט קיין נאַציאָנאַלע און נישט קיין רעליגיעזע — וואָלט געווען זייער געווונטשן — ווייל די באַנדיטן זאָלן גיין צו דער תליה — אָבער אַזאַ אויסנאַם ווי דער פּרוסאַק — דאַרף ווערן פאַר דעם באַלוינט. ווען אַזעלכע וואָלטן געווען די דייטשן ווי דער אַטטאָ גורשזכע, וואָלט נישט געווען קיין מלחמה און עס וואָלט נישט געווען קיין מיאוסער מענטשן־מאָרד.

**
*

פון אַדאַם מיקש רעלאַציעס (געוווינט אין זשיוועץ):

פריילנג 1943 איז צו אונדז געקומען עלזשביעטאַ מאַלינאָווסקאַ, אַ לערערין פון קראָקע. זי האָט אונדז געבערענגט אַ בריוו פון אונדזער פריינ־דין עמאַ פראַנטשיק (פּאַדערעווסקי גאַס נומ. 4 וו. 7), אין וועלכער זי בעט אונדז מיר זאָלן פאַר דער מאַלינאָווסקאַ, איר טעכטערל און שוועס־טערל, געפינען אַ וווינונג. די סיבה פון איר אַרויספאָר פון קראָקע האָט געדאַרפט זיין דער ווילן לייכטער זיך אויסצולעבן אין רו צוליב דעם, וואָס זי האָט זיך שלעכט געפילט.

ביים ערשטן צוזאַמענטרעף האָט די געשיקטע פון אונדזער ליבער פריינדין אונדז געזאָגט, אַז זי ׳איז אונדז מקנא 1) מיט דער רוּיִקייט״ א. אַ. וו. מיר האָבן איר צוגעזאָגט זיך צו פאַרנעמען מיט איר ענין. ווען זי איז געגאַנגען נאָך איר באַגאַזש, האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ קורצע באַ־

1) אויף פּויליש: Zazdraszczam (וואָס איז אַ שפּראַך־פעלער, וועלכן מען האָט אָפט געטראָפן ביי יידן).

ראַטונג. מיר האָבן באַשלאָסן צו געפינען פאַר איר אַן אָרט, ווו זי זאָל זיין אויסגעהיט פאַר דער גרויסער מענטשלעכער נייגעריקייט. איבער פאַרק־באַרג האָבן מיר געקענט אַן אַרבעטער־משפחה, וואָס האָט געהאַט אַ פריי צימער, וואָס איז פאַר דער מלחמה פאַרדונגען געוואָרן צו מענטשן, וואָס זענען געקומען אויף זומער־וווינונג. די לאַגע, אין וועלכער דאָס הייזל האָט זיך געפונען איז זייער גוט געווען פאַר „לינקע" איינוווינער.

אין שכנות האָבן מיר געהאַט געדונגען אַ צימער פאַר זיך ווו מיר האָבן געוועכטיקט אין דער צייט פון כאַפּערייען א. אַ. וו. מיר האָבן דער מאַלינאָווסקאַ געבאָרגט אַ טייל פון אונדזער בעטגעוואַנט און זי האָט זיך אַריינגעצויגן. זי איז געווען אַ בלאָנדע, אָן סעמיטישע שטריכן. זי האָט געקענט ווײַנען אָן מורא, ווען איר קינד וואָלט נישט אויסגעזען אַזוי טיפיש ייִדיש און וואָלט נישט געווען אַזוי באַרעדעוודיק. דאָס מיידעלע האָט איינמאָל אין דעם יום טוב פון קריסטוס־געבורט, ווען מען האָט אויף איר נישט אַכטונג געטון, זיך צערעדט פאַר די באַלעבאַטים און זיי דערציילט, אַז „ביי אונדז איז דער קריסטוס־בוים נעבן דער סוכה און דער טאַטע ווײַנט אין לעמבערג אונטער דער פאָדלאָגע, אויף וועלכער עס ליגט אַ דיוואַן און אויפן דיוואַן זיצט הער זשולאַווסקי און לייענט אַ צייטונג, ווען עס קומט אַ פרעמדער מענטש". דערציילנדיק, אַז „דעם טאַטן איז אָנגעוואַקסן אַ גרויסע שוואַרצע באָרד" האָט זי געלאַכט אַזוי אומשולדיק, ווי נאָר אַ קינד קען לאַכן, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטון. די אַרבעטער־משפחה האָט זיך דערשראָקן און אונדז געמאַכט אויסריידן. דעם ענין האָבן מיר לאָקאַליזירט צווישן די פיר ווענט. וועגן דעם קינד האָבן מיר געזאָגט די איינגייער און איינגייערינס, אַז עס האָט נישט קיין ייִדישע, נאָר רומענישע שטריכן. דערנאָך איז געקומען אַ קורצע לעקציע וועגן קאַטאָליציזם און דער מאַרטיראָלאָגיע פון די אַרמענער. מען האָט מיטגעפילט און דאָס ריידן האָט זיך איינגעשטילט.

פאַרן שוועסטערל פון דער פרוי מאַלינאָווסקאַ האָבן מיר געפונען אַ באַשעפטיקונג ביים טעכנישן אינזשיניער בר. אין גארליץ. אין קעגנזאַץ צו דער פרוי מאַלינאָווסקי און איר טעכטערל, וואָס האָבן גערעדט אַ גוטן פּליסיקן פּויליש, האָט דאָס שוועסטערל צעקאַלעטשעט דאָס פּוילישע לשון. בר. האָט זיך דערשראָקן. אויך דאָס מיידל האָט זיך דאָרט נישט גוט

געפּילט אין דער ראָל פון אַ ניאַנקע צו אַ קינד. דאַן איז פרוי מאַלינאָווס־קאַ צו מיר געקומען און מיך געבעטן איך זאָל דאָס מיידעלע איינאָרדע־נען אין אַ פאַך־שול, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך פּאָליאַקן. אין דער דאָזיקער שול האָבן זיך געפונען עטלעכע ניי־געבאַקענע אוקראַינער. אָפּ־צוגעבן דאָרט דאָס מיידעלע האָט געהייסן גרינגשעצן די לאַגע, אָדער די טעותדיקע איינרעדעניש, אַז דאָס ערגסטע איז שוין פאַרביי. איך האָב זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן געדאַנק און געראַטן זי זאָל ווייטער בלייבן דינען ביי די בר. טראָץ דער זאָרג וועגן זיך און דעם קינד, איז פרוי מאַלינאָווסקאַ אַוועקגעגאַנגען פון מיר מיט אַ געוויסן פאַרדרוס. בעת די כאַפּעררייען און רעוויזיעס פלעגט זי מיר תמיד געבן צו באַהאַלטן אַ קליין וואַליזקעלע, וואָס זי האָט צוריק גענומען בעת די „אַקציע" האָט זיך געענדיקט. וואָס זי האָט דאָרט באַהאַלטן ווייס איך נישט. זי האָט דעריבער שטאַרק געציטערט און יעדעס מאָל אָפּנעמענדיק — געדאַנקט.

די לעצטע צייט איז איר צוזאַמענלעבן מיט די באַלעבאַטים נישט געווען שטאַרק אידיליש, מחמת זי איז אַרויסגעפאָרן פון גאַרליץ, נאָך דעם ווי די סאָוויעטישע אַרמיי האָט פאַרנומען דאָס געביט, האָט זי זיך מיט זיי נישט געזעגנט. האַרט פאַרן אָפּטרעטן פון דער דייטשער אַרמיי האָבן זיך אין געגנט באַוויזן אוקראַינער און וולאַסאָווצעס, וועלכע האָבן זיך שטאַרק גענומען אינטערעסירן מיט די אַרומיקע איינוווינער. דערצו איז אין דער געגנט ווו פרוי מאַלינאָווסקאַ האָט געוווינט אַ צייט לאַנג איינגעשטעלט געוואָרן אַ באַטאַריי קעגן לופט־אָנגריף און די מאַנשאַפט האָט זיך צעלאָזט אין דער געגנט, מויזנדיק אין אַלע לעכער. דער וועג, אויף וועלכן מיר פלעגן גיין מיט דער מאַלינאָווסקאַ אין וואַלד קלויבן שוואָמען איז געוואָרן „פאַרבאָטענע ערד" און מיר האָבן אונדזערע שפּאַ־צירן געמוזט אויפגעבן. זי האָט געמוזט זיצן אין דער שטוב און קוקן צי עס קומען נישט קיין „געסט". זי איז געווען יונג און האָט געקענט געפעלן ווערן און צוליב דעם האָט זי געמוזט זיך באַהאַלטן אין אַ באַ־העלטעניש אונטער דעם דיל פון קאָרידאָר פון אַ שכן, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט זייער שטוב. איך וווּנדער זיך נישט, וואָס איר איז נמאס געוואָרן די גאַנצע אומנאַטירלעכקייט פון דער פּאָזיציע און וואָס זי האָט

צוליב דעם אויסגעברייטערט איר פּאַרדרוס און ווידערווילן צו מענטשן, וועלכע האָבן איר געטון גוטס. מענטשן זענען בלויז מענטשן.

אַליין בין איך פון זשיוועץ — אַ געבוירענער. קיין גאַרליץ בין איך אַנטלאָפן פון דער דייטשער גערעכטיקייט צוליב דעם, וואָס דאָרט האָב איך פאַר דער מלחמה אַ ביסל צו הויך זיך ארויסגעזאָגט קריטיש וועגן אַדאָלפן.

**
*

ביים שכן איז געווען אַ שיינע יידישקע — יוזשאַ קאָגוט, פון דראַ־האָביטש. איך האָב זיך מיט איר באַפריינדעט און איר געראָטן ווי זי דאַרף האַנדלען לגבי אירע באַשיצער, וועלכע האָבן זי צוליב דער „היי־ליקער פאַמיליען־רו״ געוואָלט אַרויספּטרן. אַ געוויסער שכן — אַ לאַנד־ווירטשאַפטלעכער אינזשיניער, וואָס האָט געאַרבעט אַלס „לאַנדווירט״ האָט חשק געהאַט אַליין זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ האָן און פון יוזשען צו מאַכן אַ פאָלגעוודיקע הון. די סיטואַציע איז אָבער געווען צו ערנסט. די „האַוזגעסטאַפּאָ״ (די פרוי, שוויגער א. אַ.) זענען געווען צו איינזייטיק זיי זאָלן איינגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס. איך האָב געראָטן יוזשען זי זאָל האַנדלען חוצפּהדיק, וואָרום איך האָב געוווּסט, אַז מען האָט זי דאָרט אַריינגענומען לויט דער רעקאָמענדאַציע פון גלח קאָבילאַנסקי (וואָס האָט זי שוין לענגער נישט געקענט באַהאַלטן) און אַריינגענומען האָט מען זי אין פאַל פון דער דייטשער מפּלה צו האָבן עפּעס אַ פאַרענטפערונג. דער שאַנטאַזש איז צוריקגעשטויסן געוואָרן דערמיט, וואָס מען האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז אין פאַל פון אַן אומגליק וועט זי אַלץ דערציילן די דייטשן. מיך האָט דאָס משפּחהלע פון „לאַנדווירט״ געפרעגט צי „יוזשע איז אַ יידישע?״ זיי האָבן געטראָפן דאָס אָרט צו פרעגן. די זשיוועצער האָבן אַן אייביקע געשיכטע פון קאַמף מיט יידן און דער קאַמף האָט נישט אייביק געהאַט דאָס קריסטלעכע פּנים פון אַ ווירטשאַפטלעכן קאַמף. אָבער קיין מאָמענטן פון פאַרראַט קען דער קאַמף נישט. די מלחמה האָט גע־באַטן מען זאָל ליב האָבן מענטשן. אַזאַ איז געווען די צייט פון מלחמה. זאָל דער שלום אונדז אויסלערנען שעצן דעם מענטש״ 1).

1) ל. ב. 1319, קראָקע.

מיכאל בארוויטש

*****

פון זדזשיסלאַוו בוכאַלצס רעלאַציעס (וווינט אין קאַזשוכאַוו, נידער־שלעזיע, זשימיערסקי גאַס 71):

„... אין יאָר 1942 האָב איך געאַרבעט אין אַרבעטס־אַמט אין ווענג־ראָוו־פּאָדלאַסקי. כ'האָב געפירט די אָפּטיילונג פון מענערישער אַרבעטס־פאַרמיטלונג. אין זומער פון דעם זעלביקן יאָר, ווען אין וואַרשע האָט זיך שוין אָנגעהויבן די אַקציע צו „ליקווידירן" די מענטשן פון יידישער אָפּ־שטאַמונג, איז אין ווענגראָוו נאָך געווען „שטיל". יידן זענען נאָך נישט פאַרמאַכט געווען אין קיין געטאָ. זיי האָבן געוווינט אין אַזוי גערופענער „יודענפירטל", וואָס איז נישט געווען אָפּגעצוימט פון דער אַרישן שטאָט־טייל.

עטלעכע יידישע משפחות האָבן אַפילו געוווינט אין דעם „אַרישן שטאָט־טייל".

אין איינעם פון די זומער־חדשים 1942 האָבן זיך צו מיר געווענדט דריי יידן מיטן נאָמען פרידמאַן, ווענגראָווער מילנערס. זיי האָבן מיר דערקלערט, אַז אין גיכן וועלן זיי באַקומען פּוילישע קענקאַרטעס און זיי ווילן בלויז באַקומען פון „אַרבעטס־אַמט" מעלדונגס־קאַרטן און אויך, אויב ס'איז מעגלעך, אָנווייזונגען אויף אַרבעט מחוץ ווענגראָוו. כ'האָב זיי גע־זאָגט, אַז מעלדונגס־קאַרטן פון אַרבעטס־אַמט קענען זיי באַקומען און וואָס נוגע אָנווייזונגען אויף אַרבעט, האָב איך גראָד אַ נאָכפראַגע אויף עלעקטראָמאָנטערן און מעטאַליסטן ביי די באַן־וואַרשטאַטן אין מאַלקין און אין לעמבערג. די פרידמאַנס האָבן געוואָלט די אַרבעט אין מאַלקין. איך האָב זיי אָבער אַנטשלאָסן אָפּגעעצהט צוליב דער נאָענטקייט פון ווענגראָוו און אויך צוליב דעם, וואָס דאָרט אַרבעטן שוין איניקע אַרבעטער פון אונדזער שטאָט, וואָס וואָלטן זיי לייכט געקענט דערקענען און מסרן. לסוף האָבן זיי צוגעגעבן, אַז איך בין גערעכט און האָבן מסכים געווען אויף מיין פּראָפּאָזיציע. צוליב דעם, וואָס זיי האָבן נאָך נישט געוווּסט גענוי זייערע צוקונפטיקע נעמען, האָבן מיר זיך אָפּגערעדט, אַז איך וועל דערליידיקן זייערע אַלע פאָרמאַליטעטן, שוין נאָך דעם ווי זיי וועלן באַ־קומען די קענקאַרטן.

האַרבסט 1942 זענען קיין ווענגראָוו אָנגעפֿאָרן אָפּטיילונגען פֿון ס. ס.־דייטשן און אוקראַינער און אָנגעהויבן מאָרדן די ייִדישע באַפֿעלקע־רונג. וועגן די פֿרידמאַנס האָב איך זיך נאָר דערוווּסט, אַז עס איז זיי געלונגען מיט דער גאַנצער משפּחה צו אַנטלויפֿן פֿון ווענגראָוו. אין עט־לעכע טעג אַרום איז געקומען צו מיר אַ פֿויערטע פֿון דאָרף מיעדזנא, הינטער ווענגראָוו מיט אַ בריוו פֿון די פֿרידמאַנס, אין וועלכן זיי האָבן געבעטן מען זאָל זיי צושיקן די „מעלדקאַרטן" און די אָנווייזונגען אויף אַרבעט. אין בריוו זענען אָנגעגעבן געוואָרן די נעמען און אַלע פּערסאָ־נאַליען וואָס זענען נויטיק ביים אויסשטעלן אַזעלכע דאָקומענטן. צוליב דעם, וואָס עס איז שוין געווען אין אָוונט און דאָס גייִן דעמאָלט אין ביוראָ פֿון אַרבעטס־אַמט, ווו עס האָט געוויינט דער לייטער — אַ דייטש, וואָלט געווען אַרויסגערופֿן פֿאַרדאַכט, האָב איך געבעטן די פֿויערטע זי זאָל צו מיר קומען מאָרגן. צו מאָרגנס בעת די אַרבעטס־שעהן האָב איך רעגיסטרירט אַלע דריי נעמען: איינעם ווי אַן עלעקטראָמאָנטער, אַ צווייטן ווי אַ טאָקער און דעם דריטן ווי אַ שלאָסער. איך האָב אויסגע־שריבן די קאַרטאָטעקן, אויסגעשטעלט „מעלדקאַרטן", וועלכע האָבן גע־האַט אַן אַמטלעכן קיילעכדיקן שטעמפּל אַרויפֿגעקלאַפּט אין בלאַנקאָ דורך דעם לייטער פֿון ארבעטס־אַמט — אַ „רייכסדויטש". שפּעטער האָב איך אויסגעשריבן אָנווייזונגען אויף אַרבעט אין די „אייזן־באַן־ווערקשטעלע דער אסטבאַן אין לעמבערג", וועלכע איך האָב אונטערגעשריבן מיט מיין נאָמען. כ׳האָב אַלץ געוואָלט דערלייִדיקן, וואָס בעסער און וואָס פֿאַר־מעלער, רעכענענדיק זיך דערמיט, וואָס עס קען טרעפֿן אין אַרבעטס־אַמט אין מיין אָפּוועזנהייט. אין די אַרבעטס־אַמטן האָט זיך נעמלעך גע־פּירט, אַז נאָך אַ געוויסער צייט האָט דער אַרבעטס־אַמט, ווו עס האָט זיך געפֿונען דער איבערגעוויזענער אויף אַרבעט אַרויסגעפּאָדערט זיין קאַרטאָטעקע פֿון דעם איבערווייזנדיקן אַרבעטס־אַמט. אין פֿאַל ווען אַזאַ זאַך וואָלט געשען אין מיין אָפּוועזנהייט, וואָלט דער באַאַמטער, נישט געפֿינענדיק קיין קאַרטאָטעקן, וועגן דעם מודיע געווען דעם פֿאָדערנדיקן אַרבעטס־אַמט און דאָס וואָלט אַרויסגערופֿן אַ חשד ביי די באַאַמטע פֿון יענעם אַרבעטס־אַמט.

דעם זעלביקן טאָג אין אָוונט איז די פֿויערטע געקומען צו מיר אַהיים

און גענומען אַלע דאָקומענטן. אין אַ צייט אַרום איז זי נאָך אַמאָל גע־קומען און מיר דערציילט, אַז די גאַנצע משפּחה פרידמאַן, וואָס איז באַ־שטאַנען פון דריי מענער און צוויי פרויען, איז אַרויסגעפאָרן פון דאָרף תיכף ווי זיי האָבן דערהאַלטן די דאָקומענטן.

אין אַ צייט אַרום האָט דער אַרבעטס־אַמט אין לעמבערג מודיע גע־ווען אונדזער אַמט, אַז עס זענען באַשעפטיקט געוואָרן די צוויי דערמאָנ־טע מענטשן. אין דעצעמבער 1942 האָט איינער פון די פרידמאַנס מיט זיין שוועסטער מיך באַזוכט און דערציילט, אַז ער אַרבעט אין לעמבערג. צום סוף פון יאָר האָט דער אַרבעטס־אַמט אין שעדלעץ אַרויסגעפאָדערט די קאַרטאָטעקע פון איינעם פון די פרידמאַנס, וועלכער האָט, דוכט זיך, איצט געהייסן קאַפּקאַ. די געפאָדערטע קאַרטאָטעקע האָב איך תיכף אַרויסגעשיקט. פון דער צייט האָב איך פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט מיינע באַקאַנטע. נאָך דעם, ווי אַ טייל פּוילן איז באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי, האָב איך זיך איבערגעצייגן קיין שעדלעץ. עס איז מיר נאַטירלעך טשיקאַווע געווען דער ווייטערדיקער גורל פון די פריד־מאַנס. בעת מיין צווייטמאָליקן זיין אין ווענגראָוו האָב איך זיך פון ייִדן דערוווּסט, אַז די פרידמאַנס האָבן צום גליק איבערגעלעבט, לעבן, נאָר זענען נאָך קיין ווענגראָוו צוריק נישט געקומען.

לעצטנס, ווען איך האָב מיט זיי זיך פאַרשטענדיקן אין אַ זייער וויכטיקן ענין, האָב איך זיך שטאַרקער נאָכגעפרעגט אויף זיי און זיך דערוווּסט, אַז זייער מוטער איז אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע און זיי אַליין געפינען זיך אויף די צוריקגעוווּנענע געביטן״ 1).

***

זכרונות פון קאַזשימיערא קרוליקאָווסקאַ (וווינט אין וואַרשע; שוסט־רא 18, וווינונג 12):

„... אין מאָמענט ווען די דייטשן האָבן זיך אַריינגעריסן אין לאַנד האָט די פריילין העלענאַ ווינאָוור 2) פאַרנומען אַ פּירצימערדיקע ווױ־

1) ל. ב. 1322.

2) פון דער היים באָרענשטיין. דר. פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן. ראַטגע־בער פון האַנדלס־ און אינדוסטריע־מיניסטעריום. איבערזעצערין פון פיל רוסי־שע ווערק.

בונג אויף זלאָטע גאַס נומער 52. איר דעמאָלטיקע דינסט, פון פּאָמערן, אַ חתונה געהאַטע, איז תיכף נאָכן אַריינטרעטן פון די דייטשן, געוואָרן אַ פאָלקסדויטשקע און האָט זיך באַרימט מיט איר אָפּשטאַם בזה הלשון: „איך בין סקיבא געבארן‟. דאָס מעבל, די מלבושים און די ווינונג גופא איז ביסלעכוויז געוואָרן דאָס אייגנטום פון דער כיטרער דינסט. אין מאָמענט ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן דאָס געטאָ, איז העלענאַ ווינאָווער, האָבנדיק אַ געבורט־שיין אַלס באַרבאַראַ גראָכאָווסקאַ, מיט אַ רוק־זאַק אויף דער פּלייצע און אַ וואַליזע אין האַנט געקומען צו אונדז אויף דער ווישניאָווע גאַס. דאָס לעבן איז געגאַנגען רויק, כאָטש די פאַרזיכערטע ציאַנקאַלי איז תמיד געווען אָנגעגרייט. איך, האָבנדיק אַ מאַן און אַ זון, דערצו אַ גרויסע ווינונג, האָב געהאַט אַ סך שטוביקע אַרבעטן. פרוי ווינאָווער האָט מיר גערן און מיט ברען צוגעהאָלפן. אָפּט האָט זי די קיך־אַרבעט דורכגעפלאָכטן מיט לייענען פּאָעזיע, וואָס זי האָט רעציטירט מיט אַ יוגנטלעך און מעלאָדיש קול. אַ זכרון האָט זי געהאַט אַ פענאָמענאַלן. איר באַליבטסטער פּאָעט איז געווען אסניק. דער ערנסטער מאָמענט איז פאַר איר געווען ווען דאָס גלעקל ביים טיר האָט זיך צעקלונגען. זי פלעגט ווערן, ווי עלעקטריזירט און זיך באַהאַלטן אין איר קליין צימערל.

נויטיקע איינפאַלן האָט זי תמיד געהאַט. איינמאָל איז צו אונדז באַלד אין דער פרי געקומען אַ ווינונגס־קאָמיסיע כדי פעסטצושטעלן די גרויס פון די שאָדנס אין 1939. די פרוי ווינאָווער האָט זיך שנעל אָנגעטון דעם מאַנטל און דעם הוט און זיך אַוועקגעשטעלט אין קיך, כלומרשט ווי אַן אַגענטקע פון געוויסע שפּייז־אַרטיקלען.

די פרוי ווינאָווער האָט זיך נישט איינגעבראָכן, האָט נישט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז די גערעכטיקייט וועט קומען, אַפילו אין די מאָמענטן פון די גרעסטע דייטשע נצחונות. אָבער די לאַגע פון אומטעטיקייט האָט זי זייער געפּייניקט. זי האָט באַשלאָסן צו אַרבעטן אין זשאליבאָזש ביי די י—ס. דאָרט האָט זי זיך געפונען אין אַ פרעמדער סביבה. די באַלעבאַ־טים האָבן געאַרבעט אין אַ ביוראָ און זייערע צוויי יינגלעך זענען געגאַנ־גען אין אַ פאָלקס־שולע. אין דער קליינער ברודיקער ווינונג האָט זי אַלץ געטון. געהאָלפן די יינגלעך מאַכן די לעקציעס. די באַלעבאָסטע האָט זיך לגבי איר אין אָנהויב געהאַלטן זייער שטאָלץ און שפּעטער האָט זיך

איר באַציִונג צו דער פרוי ווינאָוער פאַרוואַנדלט אין אַנטציקונג. די ייִנגלעך מאַכן פאָרשריטן אין שול, די מעגלעכקייט זיך צו באַרימען „מיין דינסט רעדט פראַנצויזיש" פילט אָן מיט שטאָלץ דאָס קליינע קעפּל פון דער באַלעבאָסטע. דאָס מאַטערנדיקע לעבן דויערט אַ יאָר צייט.

סוף 1943 גייט זי צוויי מאָל דורך אַן אויגן־אָפּעראַציע אין שפּיטאָל פון הייליקן יוזעף. זי האָט אַלע באַקוועמלעכקייטן. מאַטעריעלע מיטלען ווערן איר צוגעשטעלט דורך אירע פריינד. זי מוז אַכטונג־טון אויף איר געזונט־צושטאַנד און באַקומען אַ חודשלעכע אונטערשטיצונג פון פּוילישן אונטערערד. זי דינגט אַ צימערל אויף וויספּיאַנסקי גאַס. דאָרט טרעפט זי דער וואַרשעווער אויפשטאַנד.

ווי ס׳איז צו משפּטן דערפון וואָס די שכנים דערציילן, איז זי אומ־געקומען פון אַ באָמבע אין זשאָליבאָזש" 1).

**
*

אין דעם אויסלייג איז דערמאָנט געוואָרן, אַז די גרויסע צאָל מאַ־טעריאַלן, מיט וועלכע איך האָב דיספּאָנירט האָבן מיר דערלויבט צו קאָנ־טראָלירן די אָנגעגעבענע פאַקטן דורך קאָנפראָנטאַציעס פון פאַרשידענע מקורים, וואָס האָבן באַהאַנדלט די זעלבע פאַקטן. כדי דער לייענער זאָל זיך קענען אָריענטירן אין דער דאָזיקער אַרבעט, ברענג איך דאָ אַ קליי־נעם משל. איך ציטיר דריי גבית־עדות וואָס באַציִען זיך צו איין און אין דעם זעלבן פאַל:

1) אַ באַריכט פון אַ נישט־ייִד, וועלכער האָט אויסבאַהאַלטן; 2) אַ באַריכט פון דער אויסבאַהאַלטענער; 3) אַ בריוו פון דער לעצטער, גע־שריבן שוין פון אויסלאַנד צו דער משפּחה פון איר געוועזענעם בעל־טובה. מען דאַרף צוגעבן, אַז יעדער איינער פון די דריי דאָקומענטן איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אומאָפּהענגיק פון די צוויי אַנדערע און אין אַן אַנדער צייט. זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין אונדזערע טעקעס.

קודם כל דאָס גבית־עדות פון יאַן שעניך (אַ נישט־ייִד פון אסטאַיא־פּענציצקא, פּאָוויאַט פּרושקאָוו): ... „אויגוסט 1942. ליקווידאַציע פונעם

1) ר. ב. 1328 (184־47) קראָקע.

געטאָ אין לעגיאָנאָוו, ביי וואַרשע. די ייִדן האָבן זיך דערוווּסט פון דער פאַרשטייענדיקער ליקווידאַציע־אַקציע און נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער שמירה פון דייטשער זשאַנדאַרמעריע און גראַנאַטענע פּאָליציי, רייסן זיי איבער די שטעכעדיקע דראָטן און אַנטלויפן אין די שכנותדיקע וועלדער. עס הויבט זיך אָן אַ ווילד געיעג נאָך די אומגליקלעכע. מען מאָרדעט און מען שיסט זיי מאַסנווייז. דאָס לעבנגעבליבענע הייפל ייִדן, אָן שום מיטלען צום לעבן, באַהאַלט זיך בייטאָג אין די וועלדער און ביינאַכט קומען זיי צו אייניקע איינוווינער פון לעגיאָנאָוו, וועלכע גיבן זיי אַ ביסל געקעכץ און אַ געלעגער, אויסשטעלנדיק זיך אַזוי אַרום אויף רעפּרעסיעס מצד די דייטשן. אַזוי גייען דורך די חדשים סעפּטעמבער און אָקטאָבער, עס איז געקומען נאָוועמבער און מיט אים פרעסטלעך, וואָס זענען ביינאַכט דערגאַנגען ביז 7־10 גראַד. די לאַגע פון די לעבנגעבליבענע, און בפרט פון די מוטערס מיט זויג־קינדער ווערט וואָס אַ מאָל טראַגישער. מיט איין ייִדישער פרוי 1) וואָס האָט געהאַט אַ קינד פון אַ יאָר 2) האָבן זיך פאַרנומען מיין שוועסטער און ברודער; זיי האָבן געהאַט זייערע קליינע הייזער אין לעגיאָנאָוו. אַמאָל פלעגט זי נעכטיקן ביי מיין ברודער און אַן אַנדערש מאָל ביי דער שוועסטער. זיי האָבן זי פולשטענדיק אויסגעהאַלטן. די דייטשן ווי אויך די באַזונדערע פלייסיקע פּאָליציי האָבן געוווּסט, אַז די ייִדן באַהאַלטן זיך אויס ביי די איינוווינער און זיי האָבן גענומען דורכפירן רעוויזיעס. מיין שוועסטער האָט זיך מיט מיר פאַרשטענדיקט און מיר האָבן באַשלאָסן די ייִדישע פרוי ברענגען צו מיר. איך האָב געוווינט אַזוי ווי איצט אין אסטאיא פענציצקא ביי פּרושקאָוו. דאָס איבערפירן אַ ייִדישע פרוי מיט אַ קינד פון לעגיאָנאָוו קיין פרושקאָוו מיטן געפּאַקטן צוג איז געווען אַ שטאַרק ריזיקאַלישע אונטערנעמונג. מיין שוועסטער פיל מיט מסירת נפש, גיט דער פרוי איר אייגענעם מאַנטל; דאָס דורכגעפרוירענע קינד, וואָס האָט אָן אויפהער געוויינט, וויקלט מען איין אין אַ גרויסן שאַל און זיי זעצן זיך ביידע אַריין אין אַ צוג קיין וואַרשע. אין וואַגאָן האָבן די פרוי דערקענט צוויי פּוילישע פרויען און זיי האָבן אויפן הויכן קול גענומען שמועסן וועגן דעם,

1) מיסיא סאקול (געבוירן דאָן).
2) סאַבינאַ.

אַז צווישן די פּאַסאַזשירן געפינט זיך אַ ייִדישקע. די לאַגע ווערט שטאַרק געשפּאַנט. מײַן שוועסטער ווענדט זיך צו זיי זאָגנדיק, אַז זיי זאָלן זיך אויפהערן נאַריש צו מאַכן. דאָס צעבייזערט זיי נאָך מער און זיי הויבן אָן אויפסניי שטאַרקער זייער קאָנצערט. די דייטשן קענען יעדע מינוט אַרייקומען; ערשט די אינטערווענץ פון אַ פּוילישן באַן־אַרבעטער, וועל־כער האָט זיי אויסגעזידלט, האָט אָפּגעקילט די „נאָבעלע כוונה" פון די צוויי ווייבער אויסצוגעבן די ייִדישע פרוי. מײַן שוועסטער האָט זיך אָריענ־טירט אין דער לאַגע און איז אויסגעשטיגן מיט אַ סטאַנציע פריִער — אין פעלצאָוויזנע. אין דעם המון זענען זיי אויסגעקומען פון די ווייבערס אויגן. זיי זענען אַריין אין טראַמוויי, צוגעפאָרן ביז צו דער עלעקטרישער באַן און גליקלעך אָנגעקומען צו מיר, האַרט פאַר דער פּאָליציי שעה.

ווען איך בין שפּעט בײַנאַכט אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָב איך דערזען אַ בילד, וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אַ פרוי ... אין שמאַטעס, מיט אַן אוממענטשלעכן פּחד אין די אויגן, וואָס איז אויפגעשפּרונגען ביי יעדן שאָרך; אַ קליין קינד מיט אויסגעדרייטע קליי־נע פיסלעך און שרעקלעך אָפּגעפרוירענע הענטלעך. קודם כל האָט מען זיי געגעבן אָפּצועסן, שפּעטער אָפּגעבאָדן, דאָס לייב און די האָר אָנגע־שמירט מיט סאַבאַדיל. און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער לאַנגער פּע־ריאָד פון דורכהאַלטן (זינט דעם 7טן דעצעמבער 1942). כדי אָפּצוווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די שכנים, האָט זי אָנגעהויבן אַרבעטן ווי אַ דינסט. איך און מײַן פרוי האָבן געאַרבעט אין וואַרשע, אַזוי אַז זי אַליין האָט זיך אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען מיט דער שטוב.

זי איז געווען די פולשטענדיקע באַלעבאָסטע פון אונדזער ווירט־שאַפט. אונדזער זונעלע איז געווען אין זעלבן עלטער, וואָס איר טעכטערל סאַבינאַ. מיר האָבן פאַר די קינדער געקויפט אַ ציג און די קליינע איז ביסלעכווייז צוריקגעקומען צו די כוחות. קיין דאָקטער האָט מען צו איר נישט געקענט רופן פאַר מורא, מען זאָל זיך נישט דערוויסן, אַז זי איז אַ ייִדישע. מען האָט זי געהיילט מיט רעצעפּטן באַקומענע פון דאָק־טוירים. נישט געקוקט אויף דער מיינונג פון מײַן גאַנצער משפּחה, אַז דאָס מיידעלע וועט בלייבן אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן — איז זי גע־זונט געוואָרן און צו צוויי יאָר אָנגעהויבן גיין.

מיר זענען געווען אויסגעשטעלט אויף אַ מסירה, ווייל אַלע באַקאַנ־טע און שכנים האָבן זיך שטאַרק אינטערעסירט מיטן סעמיטישן אויסזען פון דער פרוי און אויסגעפרעגט פון וואַנען זי שטאַמט, וואָס זי טוט און צי איז זי אַמאָל נישט קיין ייִדישע. איך פלעג מיט אַ געמאַכטן געלעכטער ראַטן זיי זאָלן זיך אַליין איבערצייגן. סוף כל סוף זענען זיי אָפּגעשטאַנען.

אגב האָב איך אין הסכם מיטן שפּרוך־וואָרט: „וואָס דאַרף הענגען וועט נישט דערטרונקען ווערן" געהאַט ביי זיך אַ מיליטערישן ראַדיאָ־אַפּאַראַט און אָפּט אויסבאַהאַלטן געווער פון אַ פּרושקאָווער געהיימער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אַזוי איז געפלאָסן אַ טאָג נאָך אַ טאָג און עס האָט געלעבט די האָפענונג, אַז מיר וועלן אַלע ניצול ווערן.

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער וואַרשעווער אויפשטאַנד בין איך געווען אין דער היים. דעם זעלבן טאָג איז אָבער אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין אונדזער שטעטל. 7 אזייגער פאַרנאַכט האָבן אונדזערע אויפשטענדלער אָנגעהויבן דעם שטורעם אויף די דייטשן פון אונדזער שטעטל, פון קאָמאַראָוו און פּרושקאָוו. דער אויפשטאַנד איז נישט גע־לונגען. פאַרטאָג האָבן זיך די אויפשטענדלער צעזייט ווו זיי האָבן נאָר געקענט. מיר, די איינוווינער, האָבן ווי שעפּסן געוואַרט, אַז די דייטשן זאָלן קומען אונדז אַרויסשלעפּן פון די שטובן, ווי פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די געשעענישן. מיין לאַגע איז געווען אַ באַזונדער קריטישע. אַ ייִדישע פרוי און אויפשטענדלער אין הויז — ס'איז מיר נישט געווען מיט וואָס מקנא צו זיין. אין אַזאַ געפערלעכער אָנשטרענגונג האָבן מיר דורכ־געלעבט 3־2 וואָכן. כסדרדיקע רעוויזיעס, דורכגעפירט דורך די ס. ס., דאָס לעגיטימירן מענער א. אַ. וו. אַלץ איז אָבער אַדורך בשלום. איך האָב מיר דערווייל געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט מיינס אַ באַקאַנטן, וועל־כער האָט מיר פאַרשאַפט אַ „לינקע" קענקאַרטע פאַר מיין ייִדישע. איצט בין איך שוין געווען זיכערער. די פרוי, פאַרשטייט זיך, אויך. זי האָט אָנגעהויבן גיין קיין פּרושקאָוו אויפן מאַרק. ביז אַ געוויסן טאָג האָט אַ קריסטין פון לעגיאָנווו זי דערקענט. עס איז אָפּגעגאַנגען בלויז מיט מורא. קיין פּרושקאָוו איז זי שוין מער נישט געגאַנגען. ענדלעך האָבן מיר דער־לעבט דעם פריידיקן טאָג פון 18טן יאַנואַר 1945. קיין פּרושקאָוו זענען אַריין שטורעם־אָפּטיילונגען פון דער פּוילישער אַרמיי. די פרייד פון דער

ייִדישער פרוי איז געווען נישט צו באַשרייבן. זי האָט געקניט אויפן שניי און שפּעטער זיך מיר געוואָרפן אויפן האַלדז. ווי אַ משוגענע האָט זי מיך געקושט, אין דער אַנוועזנהייט פון די שכנים, פאַרן אָפּראַטעווען איר און דעם קינדס לעבן. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זי זיך געווענדט צום ייִדישן קאָמיטעט אין פּרושקאָוו, מען האָט זי אָפּגעשיקט צום צענטראַל־קאָמיטעט. זינט דעמאָלט האָבן מיר זיך צעשיידט. איצט געפינט זי זיך ביי רייכע קרובים אין אַמעריקע״.

און איצט דאָס גבית־עדות פון דער אויסבאַהאַלטענער ייִדישער פרוי (מיסיא סאקול):

„... נאָך דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ אין לעגיאָנווו, אין סעפּ־טעמבער 1942, האָב איך מיט מיין טעכטערל פון 1 יאָר סאבע, צוויי חדשים (אָקטאָבער, נאָוועמבער) מיך אויסבאַהאַלטן אין די אַרומיקע וועל־דער. איך בין אויסגעשטעלט אויף כסדרדיקע אָנפאַלן פון אָרטיקע באַנ־דיטן. זיי האָבן מיר צוגענומען אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ ווערט און איבערגעלאָזט מיר אָן שום מיטלען צום לעבן. פון הונגער־טויט האָבן מיר געראַטעוועט איניקע איינוווינער פון לעגיאָנווו, משפּחה שענייך. זיי האָבן אונדז יעדן טאָג געגעבן געקעכץ און נישט קוקנדיק אויף דער סכנה פון טויט־שטראָף, וואָס האָט געדראָט פאַר אויסבאַהאַלטן ייִדן, פלעגן זיי מיר און מיין טעכטערל אויך געבן אַ געלעגער.

בעת די צוויי חדשים אין וואַלד האָב איך מיך שרעקלעך געמאַטערט מיטן קינד. די פרעסט (ביינאַכט ביז 10 גראַד) האָבן מיך אויסגעשעפּט, אַז איך בין געווען כמעט אַ שטאַרבנדיקע. זעענדיק מיין טראַגישן צו־שטאַנד האָט די פרוי יאנינא שענייך מיך אָפּגעפירט מיט מיין טעכטערל צו איר ברודער יאַן, וועלכער האָט געוווינט אין אסטאיא פענציצקא און געהאַט דאָרט אַן אייגן הייזל. זי האָט ריזיקירט איר לעבן און געטון האָט זי דאָס אַלץ צוליב רחמנות צו די פאַרפאָלגטע ייִדן. דער ברודער האָט מיך מיטן קינד אויפגענומען דעם 7טן דעצעמבער 1942. איך ווין ביי אים ביז היינט צו טאָג.

צוויי יאָר האָט מיך שענייך אויסבאַהאַלטן. מיין קינד סאבע, וואָס האָט געהאַט אַ פּאַראַליזש פון די פיסלעך, האָבן זיי אויסגעהיילט און היינט איז זי געזונט. נישט געקוקט אויף די כסדרדיקע

סכנות, וואָס האָט זיי געדראָט פאַר אויסבאַהאַלטן אַ ייִדישע פרוי, האָבן מיך די שעניך, תמיד געשיצט קעגן יעדער געפאַר. זיי האָבן אַליין אַלץ דערליידיקט אין שטאָט און מיך נישט געלאָזט אַרויסגיין ווייטער ווי זייער גאָרטן. איך בין ביי זיי געווען אַ זעלבסטשטענדיקע באַלעבאָסטע, ווייל זיי האָבן ביידע געאַרבעט אין וואַרשע און מיר אָנפאַרטרויט די גאַנצע ווירטשאַפט און די קינדער.

מיין מאַן העניע סאקול האָט מען פאַר דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ אין לעגיאָנאָווו צוגענומען אין די קאַשאַרן ווי אַ סטאָלער. אין 1943 האָט מען אַלע ייִדן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, אויסגעשאָסן. איך מיין, אַז מיין מאַן איז אויך אומגעקומען, ווייל ביז היינט האָב איך פון אים נישט געהאַט קיין שום ידיעה.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד פונעם וואַרשעווער געטאָ, האָבן מיר זיך געריכט אויפן ערגסטן. איך האָב דעריבער געבעטן דעם ה׳ שעניך, ער זאָל — אין פאַל פון מיין אומקום — זיך פאַרשטענדיקן מיט אונדזערע קרובים, זיי זאָלן זיך פאַראינטערעסירן מיט מיין טעכטערל און אָפּגעבן דער משפחה שעניך אַלץ, וואָס מיר האָבן זיי געקאָסט במשך פון צוויי יאָר, וואָס מיר זענען ביי זיי געווען און אָפּדאַנקען פאַר זייער איידלקייט און גוט האַרץ...״

און לסוף דער טעקסט פון אַ בריוו וואָס מיסיע סאקול האָט אַרויסגעשיקט צו דער משפחה שעניך פון דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד:

„דעם 20טן אויגוסט 1946

ליבע הערשאַפט שעניך!

איר וועט אייך זיכער וווּנדערן, וואָס איך האָב אַזאַ לאַנגע צייט נישט געשריבן. דאָס איז אָבער נישט מיין שולד. עס זענען געווען פאַרשידענע סיבות, וועגן וועלכע איך וועל אייך שרייבן אַ צווייטן מאָל. איך געפין מיך איצט אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד. עס גייט מיר זייער גוט. מיין סאַבינקע אויך. זי גייט אין פרעבל־שול און קען שיין זינגען און טאַנצן. זי דערמאָנט אָפט וואיטושן. ער האָט שוין זיכער פאַרגעסן. וואיטוש! מיך נישט, אַז מיר האָבן אין דיר פאַרגעסן. איצט וועט

זיך אָנהויבן אַ צייט ווען איך וועל אָפּט שרייבן און נישט נאָר שרייבן אָבער אויך שיקן שיינע מתנות. עס וואַרט נאָך אויף אונדז אַ לאַנגע רייזע. מיר פאָרן צו אונדזער משפּחה. איך וועל אייך אין אַ צווייטן בריוו שיקן אונדזער בילד. איך ענדיק מיין בריוו און גריס האַרציק פרוי יאנינא און פרוי מאניא מיט איר מאַן. האַרציקע גרוסן פאַר פרוי סאבינקע און דער עלטערער פרוי.

האַרציקע גרוסן פון מיין טעכטערל פאַר אייך, אייער פרוי און וואיטושן. מיר קושן אייך אַלע ווי אויך די באַקאַנטע.

(—) מ. סאקול,

סאַבינקעלע

איך גיב נישט אָן מיין אַדרעס, ווייל איך פאַר ווייטער און אייער בריוו וועט מיר שוין נישט טרעפן אויפן זעלבן אָרט".

זיבעטער טייל:

פוילישע יידן אויף ארישע פאפירן אין אויסלאנד

I

„מאַראַנען"

ייִדן אַליין פֿאַרגלייכן זייער אָפֿט זייער לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן" מיט דער דערשיינונג פֿון די אַ. ג. „מאַראַנען". דער דאָזיקער פֿאַרגלייך שטיצט זיך בלויז אויף אויבערפֿלעכע אַנזיכטן און נעמט נישט אין אַכט די עצם־פֿראַגע. דערפֿאַר טאַקע דערקלערט ער גאָרנישט: פֿאַרקערט, ער פֿירט נאָך אַריין אין טעות.

לאָמיר דערמאָנען: „מאַראַנען" זענען געווען ייִדן, וועלכע מען האָט געצוווּנגען איבערצוגיין אויפֿן קאַטוילישן גלויבן 1) און אין אייניקע פֿאַלן אויפֿן מאַכאַמעדאַנישן 2). פֿון דאַנען קומט זייער העברעיִשער נאָמען אנוסים (ווערטלעך: „די געצוווּנגענע").

די דאָזיקע מענטשן פֿלעגן אָפֿט — ווען זיי האָבן נאָר געקענט — זיך אומקערן צום ייִדישן גלויבן. אויך אין די צייטן, ווען זיי זענען געווען געצוווּנגען פֿון אים זיך עפֿנטלעך אָפּצוזאָגן — האָבן זיי בגנבה תּפֿילה געטון לויטן ייִדישן דין. (דערפֿאַר טאַקע האָט די אינקוויזיציע, וואָס האָט ווידער אויפֿגעלעבט אין 1481 — זיך באַמיט אויסצוראָטן די איבערבלייבענישן פֿון דעם אַלטן גלויבן אין די דאָזיקע קרייזן. די פּראָצעסן,

1) צ. א. אין דער צייט פֿון די קרייץ־צוגן אין 13טן און 14טן יאָרהונדערט. געווויסע צאָלן אין פֿראַנקרייך,אין איטאַליע און אין שפּאַניע — ווי אַ פּועל־יוצא פֿון די געצוווּנגענע שמדן 1391—1415 א. אַ. וו.

2) 1008—1020 אין עגיפּטן (ווו דער קאַליף האַקים, וואָס האָט געקרענקט אויף אַ „צעזאַרן־מאַניע" האָט פֿאַרפֿאָלגט ייִדן און קריסטן) אין 1146 — אבל על מומין — די ייִדן פֿון מאַראָקאָ, 1172 די ייִדן פֿון תּימן. אַרום 1840 אין מעשעד (די הויפּט־שטאָט פֿון כאָראַסאַן).

וואָס זענען דורך איר אָרגאַניזירט געוואָרן, האָבן באַלד באַוויזן, אַז די „מאַראַנען" זענען נאָך אַלץ געווען שטאַרק צוגעבונדן צום ייִדישן גלויבן און צו ייִדישע טראַדיציעס.

די דאָזיקע עטלעכע פּרטים וועלן גענוג זיין מען זאָל פֿאַרשטיין, אַז די ענלעכקייט מיט די „אַרישע פּאַפּירן" איז בלויז אַן אויבערפֿלעכלעכע. די „מאַראַנען" האָבן (אַפילו ווען זיי האָבן זיך געפֿילט ייִדן) נישט גע־מוזט באַהאַלטן זייער אָפּשטאַם אָדער זייער פֿאַרגאַנגענהייט; זיי האָבן בלויז אויסבאַהאַלטן די געדאַנקען זייערע. דאָס איז נישט דאָס זעלבע. פֿאַר זיי האָט נישט עקזיסטירט די גאַנצע אינסצעניזאַציע, וואָס איז געווען אַ גאָר וויכטיקער פֿאַקטאָר אינעם לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן" און צו־זאַמען דערמיט די גאַנצע מאַסע קאָמפּליקאַציעס און געפֿאַרן.

און דאָך זענען אייניקע פֿאַרגלייכן נויטיק. אָן זיי קען מען נישט באַקומען קיין דיסטאַנץ צו דער באַהאַנדלטער פּראָבלעמאַטיק און אויך נישט קיין גענוגנדיקע מאָסן (סאָציאַלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע). די דאָ־זיקע קאָנפֿראָנטאַציעס מוזן אָבער אין אַכט נעמען די קרובישע דערשיי־נונגען, און נישט בלויז די וואָס זענען אויס צו זיין קרובה׳ש פֿון ערשטן אויגנבליק, נאָר אויך וואָס זייער קרובהשקייט שטעקט אין דער עצם פּראָב־לעמאַטיק. אַנדערש געזאָגט: די וואָס זענען אַרויסגעוואקסן אויף אַן ענלעכן באָדן און אין ענלעכע באַדינגונגען.

II

„אַרישע פּאַפּירן" אין פראַנקרייך

עס איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז מחוץ פוילן, האָט די דערשיינונג פון „אַרישע פּאַפּירן" אויך עקזיסטירט אין די אַלע מערב־אייראָפּעישע לענדער ווו עס איז — אין רעזולטאַט פון דער דייטשער אָקופּאַציע פאַר־געקומען אַ פאַרניכטונגס־אַקציע פונעם יידישן ישוב. די אונטערשידן זענען באַשטאַנען פון איין זייט אין דער פאַרשידנקייט פון די מעטאָדן, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעווענדט און פון דער צווייטער — אין די שטי־מונגען און אין דער באַציִונג פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג לגבי די פאַרפאָלגטע.

קודם כל: אין די לענדער פון מערב־אייראָפּע (דייטשלאַנד איינגע־שלאָסן) זענען נישט געווען קיין געטאָס. עס האָט דעריבער נישט עקזיס־טירט דער דורכגאַנג דורכן דאָזיקן פאַר־גהינום, דאָס שטאַרבן נאָך פאַרן טויט, דער פּראָצעס, וואָס האָט אויף די קרבנות אָפּגעדרוקט — ווי מיר האָבן געזען — אַ ספּעציפישן צייכן, און וועלכן זיי פלעגן מיטפירן מיט זיך אויפן וועג פון די „אַרישע פּאַפּירן", אַ משא פון דריקנדיקע זכרונות און רעאַקציעס, וואָס פלעגן פאַראַטן.

דאָ איז נישט דאָס אָרט אויף אַדורכצופירן נענטערע פאַרגלייכן. דערפאַר בלויז אייניקע שטריכן פון דעם דאָזיקן פּראָבלעם אין אַן אַנדער לאַנד — לאָמיר, למשל, נעמען פראַנקרייך:

דער אָפּשייד־צייכן פאַר יידן און מענטשן פון יידישן אָפּשטאַם איז דאָ איינגעפירט געוואָרן דעם 7טן יוני 1942. דאָס איז געווען אַ געלער שטערן אויף דער לינקער ברוסט (מיט דער אויפשריפט „ייד"). אַזוי ווי

אומעטום (אָדער בעסער געזאָגט — מער ווי אומעטום) האָבן די ייִדן נישט אָפגעשאַצט אין ערשטן מאָמענט די וואָג פון דער דאָזיקער פאַראָרדענונג. זיי באַציִען זיך צו איר ווי צו אַ ריין מאָראַלישער דיסקרימינאַציע און רעאַגירן ווי אויף אַזאַ מין שיקאַנע. זיי פראָיעקטירן למשל אַ דעמאָנסטראַציע מיט די „שטערנס" אויף די ברוסטן, וואָס זאָל אַדורכגיין דעם 7טן יוני 1942 1) דורך די עליזעישע פעלדער (Champs Elysées) דעם זעלבן טאָג הענגען די ייִדישע קאמבאטאנטן (פון 1914־1918) אָן אלע זייערע מיליטערישע אויסצייכענונגען איבער דעם „שטערן". די דאָזיקע דערשיינונג ווי אויך אַלע אַנדערע האָבן געמאַכט דעם איינדרוק — ווי עס האָבן צוגעטראָגן די מוסרים — אַז „די ייִדן זענען שטאָלץ צו טראָגן די אָפצייכענונג פון זייער ראַסע" 2).

עס איז כדי אָפצושטעלן זיך אויף אייניקע פרטים, וואָס זאָגן עדות וועגן דער באַציִונג פון נישט־ייִדן צו דער דאָזיקער פאַראָרדענונג. אויך דאָ קען מען זיך שטיצן אויף די שפורן, וואָס זענען פאַרבליבן אין די אַרכיוון הויפטזעכלעך ראַפּאָרטן פון געהיים־אַגענטן 3).

דעם 5טן יוני ד. ה. ערב דעם אַרויסגעבן די פאַראָרדענונג וועגן דעם „שטערן", לייגט די פראָפּאַגאַנדע־סעקציע פונעם „מיליטער בעפעלסהאַבער" פאַר דעם ס. ד. אָן אַלאַרמירנדיקע אינפאָרמאַציע: „פון די ראַפּאָרטן וואָס קומען צו אונדז אָן פון שעה צו שעה דרינגט אַרויס, אַז די גאָליסטישע און קאָמוניסטישע קרייזן פירן אַ מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע, וואָס צילט צו פּראָוואָצירן דעם נאָענטסטן זונטיק אינצידענטן. די דירעקטיוון זענען פאָלגענדיקע: אויף די גרויסע בולוואַרן, דאַרפן אַלע ייִדן, וואָס וועלן טראָגן דעם געלן שטערן באַגריסט ווערן מיט סימפּאַטיע־אויסדריקן. אַ חוץ דעם... איז פאַראַן אַ פּראָיעקט, אַז נישט־ייִדן, גאַליסטן און קאָמוניסטן זאָלן אַרומ־

1) פאַרגל. מיטן בריוו, וואָס זייטשעל (ראַטגעבער פון דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין פאַריז האָט געשריבן דעם 2טן יוני צום הויפט־שטורמפירער ס. ס. דאַנעקער. (אין רעזולטאַט פון די דערהאַלטענע ראַפּאָרטן). זייטשעל גיט צו: „דאָס וואָלט געווען אַ געלעגנהייט אָפצושיקן תיכף די אָנטיילנעמער פונעם דאָזיקן צוג אינעם לאַגער פון דראַנסי!".

2) פאַרגלייך מיטן ראַפּאָרט פונעם אַגענט א. ק. 316 פון 12טן יוני 1942.
"Verhauengmãnner" און "A 6" אַגענטן.

3) אויף דעם ראַנד פון דער דאָזיקער מסירה האָט דאַנעקער אייגנהענטיק צוגעשריבן: „שיינע מיר אַנטיסעמיטן".

שפּאַצירן אין די גאַסן מיט יידישע שטערנס, אויף וועלכע עס זאָל זיין — אנשטאָט „ייד" דער נאָמען פון אַ פּראַנצויזישער פּראָווינץ. עס דוכט זיך, אַז אין די גאָליסטישע קרייזן פּראָדוצירט מען געלע שטערנס... עס דוכט זיך, אַז עס איז אומבאַדינגט נויטיק די פּאָליציי זאָל אונטערנעמען דעם נאָענטסטן זונטיק אַלע נויטיקע זיכערהייט־מיטלען".

שפּעטערדיקע ראַפּאָרטן פון פאַרשידענע אַגענטן באַשטעטיקן די אָנ־זאָגן. מיר ברענגען דאָ אייניקע אויסשניטן פון מסירות: „ג. ז." האָט איינ־פאָרמירט: „דאָס איינפירן דאָס רעכט וועגן טראָגן דעם יידישן שטערן האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט". „פּ. 8": „מען מוז זאָגן, אַז אין די אַלגעמיינע שטימונגען פילט זיך אַן אַלגעמיין מיטגעפיל צו די יידן... מען דאַרף אויך צוגעבן אַ געפיל פון מאָראַלישער העכערקייט איבער די באַרבאַרישע דייטשן"... „א. ג. 331": „דער יידישער שטערן ווערט אין אַלגעמיין פאַראורטיילט". „ל": „די פאַראָרדענונג וועגן טראָגן דעם מגן־דוד איז אין אַלגעמיין שלעכט אויפגענומען געוואָרן דורך דער באַפעל־קערונג..." „פּ. 11": „די יידישע שטערנס האָבן אַרויסגערופן אַן אַלגעמיי־נע אויפרעגונג. אַנטיסעמיטן אַפילו פאַראורטיילן די דאָזיקע פאַראָרדע־נונג 2), בפרט דערפאַר וואָס זי איז אויך חל אויף קינדער".

אַזוי פיל פון פּאַריז. און אויף דער פּראָווינץ? אַ ראַפּאָרט פון באָרדאָ, דאַטירט פון 11טן יוני 1942: „לויט די מעלדונגען פון די אַגענטן ב. X, 103, 105, 711, 125 און 128 איז די רעאַקציע פון דער באַפעלקערונג אין באָרדאָ אויף דער פאַראָרדענונג וועגן דעם יידישן שטערן — אַ פּאָלגנ־דיקע: 1) די פאַראָרדענונג ווערט באַגריסט דורך די קרייזן פון קליינהענד־לער און בעל־מלאכות. דאָס ווייזט אָן, אַז די אויבנדערמאָנטע האָבן צום שטאַרקסטן געליטן פאַר דער מלחמה פונעם וואַקסנדיקן איינפלוס פון יידן אין דער האַנדל־וועלט (דאָס שאַפן די גרויסע מאַגאַזינען א. אַ. וו.). 2) די ברייטע מאַסן שטעלן זיך כמעט אָן אויסנאַם אויף דער זייט פון די יידן. זיי פילן מיט, פאַראורטיילן די פאַראָרדענונג — דערקלערנדיק, אַז די יידן זענען פונקט אַזעלכע אָרנטלעכע מענטשן, ווי די פּראָטעסטאַנטן און קאַ־טאָליקן. די זעלבע שטעלונג טרעפט מען ביי די פראַנצויזישע אַרבעטער. דער מיטגעפיל מיט די יידן דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז אויף די גאַסן מיידט די באַפעלקערונג אויס זיי גלייך אָנצוקוקן. אין די אוניווערסיטעטן פאַר־

אורטיילט מען, אָדער מען איז נייטראַל. 3) ווי מיר האָבן שוין מודיע גע־וועזן פאַראורטיילן אַלע אָן אויסנאַם דעם פאַקט וואָס די פאַראָרדענונג איז אויך חל אויף קינדער. 4) לויט די ראַפּאָרטן פון דריי אַגענטן קומט אויס, אַז די גאַליסטן באַגנוגענען זיך נישט בלויז מיטן פאַראורטיילן די פאַראָר־דענונג, נאָר זיי גרייטן זיך צו פאַרמינערן איר ווערט דורך איינפירן ענ־לעכע אָפּצייכענונגען מיט מאָנאָגראַמען. — אין די קרייזן פון פאַרשידענע גרופּירונגען ווי פּ. פּ. ף., ר. נ. ס. און מ. ס. ר. באַגריסט מען די פאַראָר־דענונג און מען באַדויערט, וואָס זי איז נישט קיין פּועל־יוצא פון אַ פראַנ־צויזישער איניציאַטיוו — נאָר פון אַ דייטשער. לסוף דאַרף מען צוגעבן, אַז אַ געוויסער טייל ייִדן טראָגן נישט די צייכנס. אונטערגעשריבן: לויטער ס. ס. הויפּטשטורעמפירער (דער ק. צ. ר. ד. סיפּא (ס. א.) קאָמאַנדא באָרדא.

און אָט איז אַ מעלדונג פון נאַנסי: „נאַנסי דעם 30טן יוני 1942. אַזוי ווי מיר האָבן שוין געמאָלדן אין אונדזער לעצטן ראַפּאָרט, באַמערקט מען כמעט אין אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אַ פאַראורטיילונג פון דער פאַראָרדענונג וועגן טראָגן דעם ייִדישן צייכן. מיר האָבן נישט פעסט־געשטעלט אין נאַנסי קיין פאַלן פון אומבאַגרינדעטן טראָגן דעם ייִדישן צייכן, דאַקעגן מעלדעט מען פון וויטעל וועגן אַן אַרעסט וואָס די פראַנ־צויזישע פאָליציי האָט דורכגעפירט איבער פיר יונגעלייט וואָס האָבן געטראָגן שטערנס, געמאַכטע פון פאַפּיר. (נישט לייענבאַרע אונטער־שריפטן)".

אַנדערע ראַפּאָרטן מעלדן, אַז אין די רייען וואָס בילדן זיך פאַר די געשעפטן, דריקן די פראַנצויזן אויס זייער סימפּאַטיע צו די ייִדן. איין אינפאָרמאַטאָר וואָרנט (5 יוני 1942), אַז די לערער פון דער קאָמונאַל־שול אין 19טן קוואַרטאַל האָבן געהייסן די קינדער קומען אין שול אַריין דעם 8טן יוני 1942 מיט אַ צייכן. מען איז זיך משער, אַז די דאָזיקע אַקציע האָט אַ שייכות מיטן אַריינפירן דעם ייִדישן שטערן און שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין סאָלידאַריטעט־מאַניפעסטאַציע מיט די ייִדן". נאָך אַן אַנדערער ראַפּאָרט (א. וו. 5טן יוני) מעלדעט וועגן אַ געשפּרעך צווישן סטודענטן אין מעטראָ, אין דעם זעלבן גייסט. זיידשעל נאָטירט, אַז די פראַנצויזישע אַדוואָקאַטן און נאָטאַרן פּראָיעקטירן אַן אויפרוף און זאַמ־לען אונטערשריפטן אויף אַ פּעטיציע צו באַפרייען די ייִדישע אַדוואָקאַטן

פון טראָגן דעם שטערן. דאַרקיע דע פעלוא וויל אַרעסטירן די אַלע אַד־וואָקאַטן, וואָס וועלן אָנטיילנעמען אין דער דאָזיקער אַקציע. די אַמבאַ־סאַדע האַלט נישט אַזאַ האַנדלונג פאַר נישט פּאַסיק 1).

אין ראַפּאָרט פון 5טן יוני שרייבט דאַנעקער וועגן „יונגע מענטשן מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם נישט־ייִדישן אויסזען, וואָס האָבן, אויפן „בול־וואַר דעז איטאַליען" געטראָגן אַן אימיטאַציע פונעם ייִדישן שטערן". אין שייכות דערמיט גיט ער אַרויס דער פעלד־זשאַנדאַרמעריע אַ באַפעל וועגן פאַרטאָפּלען די וואַכזאַמקייט, אַדורכפירן אָבלאַוועס א. אַ. וו. די רשימה פון נישט־ייִדן, וואָס זענען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין דראַנסי פאַר ענלע־כע פאַרברעכנס אַנטהאַלט אַ ריי נעמען פון מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער, פאַכן א. אַ. וו. אַ בעקער, אַן אַרכיטעקט, אַ שילער, אַן עלעק־טריקער, אַ טאָקער, אַן אַרבעטער, 4 סטודענטן און סטודענטקעס, אַ באַ־אַמטער פון פינאַנץ־מיניסטעריום, אַ האַנדלס־באַאַמטער, 3 סטענאָגראַ־פיסטקעס, אַ פאַפיר־פאַרקויפערין, אַ צייטונג־פאַרשפרייטער, אַ שטוב־מיידל, אַ פּאָסט־באַאַמטער און מענטשן אָן אַ פאַך. די פאַרשידענע אויפ־שריפטן און סימבאָלן וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף די שטערנס („דאַנבי", „נצחון", „סווינג", אַ קרייץ) זאָגן עדות וועגן אַ הומאָר־געפיל און אינ־טעליגענץ 2).

אַזעלכע דאָקומענטן וואָלט מען געקענט ציטירן אַ סך מער: ל. פּאָ־לאַקאָוו, וועלכער האָט די דאָזיקע אַ סך־זאָגנדיקע טעקסטן (וואָס האָבן זיך געפונען אין די דייטשע אַרכיוון), פאַרעפנטלעכט 3), ברענגט צ. אַ. אַ ראַפּאָרט (פון 7טן יוני 1942) צום 6טן פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט וועגן אַן אינצידענט אויף דער קרייצונג פון די בולוואַרן „סאַן זשערמען" און „סאַן מישעל". דער ראַפּאָרט רעכנט אויס עטלעכע יונגע פרויען (סטודענטינס און אַ מאַלערין), וועלכע האָבן „אָן שום רעכט" געטראָגן דעם שטערן.

---

1) אויפן ראַנד — אַ באַמערקונג פון דאַנעקער: „קיין דראַנסי" (א. ה. אינ־טערנירן אין לאַגער).

2) איינע פון די אינטערנירטע — אַליס קורובל האָט נאָך דער מלחמה, פאַרעפנטלעכט אירע זכרונות א. ד. ט. „אַ פריינדין פון ייִדן" (“Amie des Juifs”, Editeur Blond et Gay, Paris). די דערמאָנטע „פאַרברעכער" זענען באַפרייט געוואָרן 1. 10. 1942.

3) „דער געלער שטערן". Editions du Centre L’Etoile Jaune.

אַ חוץ דעם האָט די פּרוי באַנער זיך געווענדט צו אַ גרופּע דייטשע זעל־נער „שפּילנדיק אויף דער נאָז". אַ דייטשער אָפיציר האָט אויף איר אָנגעוויזן א. אַ. וו. וועגן ענלעכע אינצידענטן 1) דערמאָנען אויך אַנדע־רע ראַפּאָרטן.

פּאָרן פאַרענדיקן די דאָזיקע באַמערקונגען ווילן מיר נאָך צוגעבן, אַז צווישן די פּאַפּירן און די דייטשע „דאסיע" געפינט מען אויך אַ ריי פּאָרוווּרפן לגבי דער פראַנצויזישער פּאָליציי: זי ווייזט אַרויס „שוואַכ־קייט" ביים אויספירן די אַנטי־יידישע פאַראָרדענונגען; אַמאָל איז מען זי אויך חושד אין סאַבאָטאַזש 2).

מיר האָבן זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף די אויבן־ציטירטע דאָקו־מענטן הגם זיי האָבן בלויז אַ שייכות צו די צוגרייטונגען און צו די ערש־טע טעג נאָכן אַריינפירן די פאַראָרדענונג און האָבן בלויז אַן אומדי־רעקטע פאַרבינדונג מיט אונדזער טעמע. געטון האָבן מיר עס בכיוון, ווייל נישט געקוקט דערויף וואָס די פאַרבינדונג איז אַן אומדירעקטע, איז זי דאָך אַ גאָר וויכטיקע. פון אַלעם, וואָס עס איז אויבן געזאָגט גע־וואָרן קען מען זיך מאַכן אַ קלאָר בילד וועגן דער באַדייטונג און די שטימונגען פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

די דייטשן האָבן עס געוווּסט. דערפאַר טאַקע האָבן זיי אין פראַנק־רייך — אַזוי ווי אין אַנדערע לענדער — געלאָזט אין גאַנג אַלע מעג־לעכע שרייפלעך פון דער אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע. די דייטשע דאָ־קומענטן ווייזן, אַז דער אָקופּאַנט האָט געפירט גאָר זאָרגעוודיקע פּסי־כאָלאָגישע פאָרשונגען. נאָך איידער ס'ווערט איינגעפירט דער „געלער שטערן" פאָרשט דער דערמאָנטער דאנעקער די שטימונגען נישט בלויז אין פראַנקרייך, נאָר אויך אין אַנדערע באַזיגטע לענדער. דעם 27טן יאַ־

---

1) לאָמיר צוגעבן, אַז נאָך דער באַפרייאונג האָבן די אָרגאַניזאַציעס פון געוועזענע אינטערנירטע און די ליגע צום קאַמף מיט ראַסיזם איינגעאָרדנט דעם 4טן דעצעמבער 1945 אַ מיטינג לכבוד די באַפרייטע, אויף וועלכן באַקאַנטע פראַנצויזישע פערזענלעכקייטן (זשיסטען גאדאר, עדואר העריא, פּאָל ריווע, מאַ־ריס שומאַן א. אַ. האָבן געלויבט די שטעלונג פון די סטודענטן אין יוני 1942. טרוווא האָט אין זיין קאָמענטאַר וועגן דער שטעלונג פון די סטודענטן פאַרענ־דיקט מיט די ווערטער: „מיר וועלן נישט אַוועקגיין פון דעם וועג, וועלכן עס האָבן אונדזערע עלטערע אין קאַמף פאַר פרייהייט, קעגן ראַסיזם און טיראַניעס".

2) צ. אַ. אַ בריוו פון דער פּראָפּאַגאַנדע־סעקציע, אַדרעסירט צום הויפּט־שעף פון ס. ס. און פּאָליציי, מיט דער דאַטע, פּאַריז דעם 42־6־1.

בואַר 1942, שיקט ער אַן אָנפֿראַגע מכוח דעם ענין צו זיינע פֿאַך־קאָלעגן אין האָלאַנד (ווו די ספּעציעלע אָפּצייכענונג פֿאַר יידן איז איינגעפֿירט געוואָרן נאָך אין אַפּריל 1942). דער ס. ס. הויפּטשטורעמפֿירער זעפּץ ענטפֿערט אים, אַז בלויז די פּראָ־דייטשע עלעמענטן האָבן פּאָזיטיוו אויפֿ־גענומען די פֿאַראָרדענונג (אַן אַמטלעכער בריוו מיט דער דאַטע: האַג דעם 8־6־1942). ביי דער איבעריקער באַפֿעלקערונג האָט זי אַרויסגערופֿן, ווי מען האָט זיך געקענט דערוויף ריכטן, אַ גרויסן כעס קעגן דער אָקו־פּאַציע־מאַכט און מיטגעפֿיל צו די יידן. די פֿאַראָרדענונג ווערט באַטראַכט ווי אַ נישט־געוווּנטשענע איינגערענץ אין די אינערלעכע נידערלענדישע יוסטיץ־ענינים און די באַצייכענונג פֿון יידן פֿאַר אַ חרפּה פֿאַרן גאַנצן האָלענדישן פֿאָלק. אַפֿילו אין די קרייזן פֿון די האָלענדישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָט מען, אין אַנהויב, די פֿאַראָרדענונג נישט גוט פֿאַר־שטאַנען. עפּנטלעך... קען מען אָפּט באַמערקן, ווי יידן וואָס טראָגן דעם צייכן ווערן באַהאַנדלט דורך די האָלענדער באַזונדער פֿריינטלעך און מיט דרך־ארץ. אין די ערשטע טעג האָבן די האָלענדער דעמאָנסטרירט זייער סימפּאַטיע צו די יידן טראָגנדיק אמתע אָדער נאָכגעמאַכטע שטערן 1).

שוין פֿריער, דעם 13טן מאַי 1942, איז דער שעף פֿונעם אַדמיניסטראַ־טיוון גענעראַל־שטאַב (אין נאָמען פֿון „מיליטער־באַפֿעלסהאַבער") מודיע דעם דירעקטאָר פֿון דער מיליטער־פּאָליציי אין פּאַריז וועגן דעם פֿאַר־שטייענדיקן איינפֿיר פֿון דעם „יידישן שטערן" און רעקאָמענדירט: ...„עס איז אומבאַדינגט נויטיק צו דערוועקן ביי דער פֿראַנצויזישער באַפֿעלקע־רונג פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער דאָזיקער פֿאַראָרדענונג, פֿירנדיק אַ פּראָ־פּאַגאַנדע דורך דער פּרעסע און ראַדיאָ 2) א. אַ. וו. עס איז איבעריק צו־צוגעבן, אַז די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע איז אין פֿראַנקרייך געפֿירט געוואָרן אין אַ „מאָנומענטאַלן" מאַסשטאַב, אויסנוצנדיק אַלע צוטריטלעכע מיט־לען און געביטן.

לאָמיר זיך צוריקקערן צו די יידן אין פֿראַנקרייך: שוין די נאָענטס־טע פֿאַראָרדענונגען האָבן זיי געדאַרפֿט איבערצייגן, אַז עס גייט לגמרי

1) דער פֿולער טעקסט פֿון דעם אינטערעסאַנטן בריוו אין דעם שוין ציטירטן „דער געלער שטערן", זייט 69 און ווייטערדיקע.
2) „דער געלער שטערן".

נישט בלויז וועגן מאָראַלישע דיסקרימינאַציעס. באַלד נאָך דער ערשטער זענען געקומען איינע נאָך דער אַנדערער ווייטערדיקע פאַראָרדענונגען: אַ פאַרבאָט צו באַנוצן די אַלגעמיינע טראַנספּאָרט־מיטלען (אָדער דאָס אָפּזונדערן אין אַ באַזונדערן וואַגאָן), אַ פאַרבאָט צו קומען אין „עפנט־לעכע לאָקאַלן", אַ פאַרבאָט צו פּראַקטיצירן אין אַ ריי פאַכן אַ פאַרבאָט איינצוקויפן אין די נאָרמאַלע שעהן א. אַ. וו. לסוף — דעם 15טן יוני 1942 — „דאָס גרעסטע אין דער געשיכטע פון פראַנקרייך געיעג נאָך מענטשן". דעם 16טן יולי זענען 30 טויזנט מענטשן, מענער, פרויען און קינדער דעפּאָרטירט געוואָרן — פון ווינטער־וועלאדראָם — קיין דייטש־לאַנד אין די פארניכטונג־לאַגערן.

נאַטירלעך גיבן די אויבנדערמאָנטע דאָקומענטן בלויז אַ טיילווייז בילד און בלויז פון ערשטן פעריאָד. אין גאַנג פון דער אַרבעט פון דער אַנטי־יידישער מאַשין זענען אויפגעקומען נאָך אַנדערע פאַקטאָרן. אַ חוץ די אַגענטן זענען אויך געווען מוסרים. אַ גרויסע ראָלע האָט געשפּילט דאָס „נאָך־יידישע" האָב און גוטס, די אַמטן, די „נאָך־יידישע" געוועלבן. אַ חוץ דעם האָט מען דאָ — אַזוי ווי אומעטום — געקענט אויסנוצן מענטשלעכע שוואַכקייטן, קאָמפּלעקסן און האַסן.

**
*

די אַנאַליזן פון די באַזונדערע אַספּעקטן און די פאַרגלייכן מיט די אַנטשפּרעכנדיקע דערשיינונגען אין פּוילן וואָלטן אונדז צו ווייט פאַר־פירט. מען מוז דעריבער זיך באַגרענעצן צו עטלעכע סומאַרישע באַמער־קונגען און אויסגעקליבענע באַריכטן. קודם כל די אונטערערדישע באַ־וועגונג און איר איינפלוסן:

אין פּוילן איז — ווי מיר ווייסן שוין — געווען פאַרשידן. אַ ריי פּוילישע אונטערערדישע איינהייטן האָבן פשוט אָנטיילגענומען אינעם מאָרדן זייער יידישע מיטבירגער. פון אַזאַ מין חרפה האָט דער פראַנצוי־זישער ווידערשטאַנד זיך אימוניזירט באַלד פון אָנהויב. די פראַנצויזי־שע קאָלאַבאָראַטאָרן פלעגן זיין אַנטיסעמיטן, טעטיקע אַנטיסעמיטן פלעגן ווערן קאָלאַבאָראַטאָרן. דערפאַר אָבער וואָלט דער פאַרברעכערישער פּאַ־ראַדאָקס וואָס האָט עקזיסטירט אין פּוילן (ד. ה. פּאַרטיזאַנער, וועמענס

קאַמף מיטן אָקופּאַנט איז באַשטאַנען אין מאָרדן די שוין דורך אים געמאָרדעטע ייִדן) וואָלט אין פראַנקרייך, אָנגערופן געוואָרן מיטן ריכטיקן נאָמען: פאַרברעכן און פאַראַט. אין דעם פּרט זענען די פאַרטיילונגליניעס געווען קלאָרע; מענטשלעך און פּשוט... לאָגיש. דער דאָזיקער פאַקט האָט פאַרשטייט זיך שטאַרק באַאיינפלוסט נישט נאָר די אויפפירונג פון די ווידערשטאַנד־טוער אָבער אויך די מאַסן וואָס האָבן זיך געפונען אונטער זייער השפּעה. ווייטער: אין פראַנקרייך איז געווען אַ סך שווערער אויסצוגעפינען „ייִדישע פּנימער" ווי אין פוילן; דערפאַר האָט אַ סך אַ קלענערע באַדייטונג געהאַט דער פּראָבלעם פון „גוטן" אָדער „שלעכטן" אויסזען.

וואָס שייך דאָקומענטן זענען זיי אין פראַנקרייך, פאַר דער מלחמה, נישט געווען אוניפאָרם. פאַרקערט: אין פאַרשידענע פּראָווינצן זענען די „אידענטיטעט קאַרטן" געווען פאַרשידענע. אַ חוץ דעם האָט מען די בלאַנקעטן געקענט פּשוט קויפן אין געשעפט. אַזוי אַרום האָט נאָר עקזיסטירט די פראַגע פונעם שטעמפּל (מען דאַרף אויך צוגעבן, אַז אויף די פאַרמלחמהדיקע פראַנצויזישע דאָקומענטן האָט נישט פיגורירט די רובריק „גלויבן", אַזוי אַז נישט איין ייִד — אויב ער האָט זיך נישט אונטערגעוואָרפן דעם אָקופּאַנטס פאַראָרדענונגען און נישט געלאָזט זיך אָפּשטעמפּלען זיין דאָקומענט (האָט איבערגעלעבט די אָקופּאַציע אַפילו מיט די אַלטע דאָקומענטן). עס איז אויך באַוווּסט, אַז די אַסימילאַציע פון פראַנצויזישן ייִדנטום האָט ארומגענומען אַ סך ברייטערע קרייזן ווי אין פוילן. דערפאַר איז אַ סך שוואַכער געווען דער פּראָבלעם פון אויסשפּראַך, אַקצענט און דער „אופן פון אויפפירן זיך". אַגב האָבן אַזעלכע שוועריקייטן עקזיסטירט ביי די צאָלרייכע אויסלענדישע ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אין פראַנקרייך און צווישן זיי אַ סך פוילישע ייִדן. צווישן די לעצטע זענען געווען מדרגה־אונטערשידן: צווישן די אַלטע און פרישע עמיגראַנטן. אַנדערש געזאָגט: צווישן די וואָס האָבן אַבסאָלוט נישט געקענט די פראַנצויזישע שפּראַך (אָדער זייער ווייניק) און די וואָס האָבן גוט גערעדט פראַנצויזיש, אָבער מיטן אַן „אַקצענט" (אין אַזעלכע פאַלן פלעגט מען אויסנוצן דעם פאַקט, וואָס די פראַנצויזן אַליין רעדן מיט פאַרשידענע אויסשפּראַכן, אָפּהענגיק פון דער פּראָווינץ, פון וועלכער זיי שטאַמען").

די דאָזיקע גורל־פאַרשידנקייטן באַשווערט דעם אויסוואַל פון משלים. (אַגב דאַרף מען די אַרבעט ערשט אָנהויבן ווייל די ייִדיש־פראַנצויזישע היסטאָריקער האָבן זיך צו די אַלע פּראָבלעמען אַפילו נישט צוגערירט. דער דאָזיקער צושטאַנד איז אַ פּועל־יוצא דערפון וואָס אין זייערע פאָרשונגען פּרוּוון די אויבנדערמאָנטע אַפילו נישט צו באַנוצן אַנדערע מעטאָדן ווי די טראַדיציאָנעל־סעמינאַרישע. זיי שטיצן זיך אויסשליסלעך אויף די אַ. ג. דאָקומענטן און פאַר אַ „דאָקומענט" נעמען זיי אָן בלויז די טעקסטן, מעגן דאָס אַפילו זיין צופעליקע קוויטלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אין אָפיציעלע ד. ה. דייטשע אַרכיוון. פון דאַנען שטאַמט דער אייגנטערעסאַנטער פּאַראַדאָקס, אַז פון זייערע אַרבעטן דערוויסן מיר זיך געוויינלעך וועגן דעם, וואָס מען האָט געטון מיט ייִדן, אָבער זייער זעלטן, וואָס עס האָבן געטון די ייִדן אַליין. זיי שרייבן וועגן דעם וואָס עס האָבן געטראַכט וועגן ייִדן די דייטשן און די פראַנצויזן, אָבער זייער זעלטן וועגן דעם, וואָס עס האָבן געטראַכט די ייִדן אַליין 1).

צי זענען אָבער „דאָקומענטן" באמת בלויז און אויסשליסלעך די

1) אַ קליינער משל: אין דעם שוין ציטירטן, אינטערעסאַנטן ביכעלע וועגן דער „געלער לאַטע", שרייבט דער מחבר צווישן אַנדערע וועגן דער באַציונג פון ייִדן צו דער דאָזיקער פאַראָרדענונג. אין ראָזיקן קאַפּיטל געפינען מיר אַ בריוו פון עפּעס אַ מיידל צום „פעלד־קאָמענדאַנט" מיט דער בקשה וועגן באַפרייען זי פון דער פליכט צו טראָגן דעם שטערן און פון עפּעס אַן אַלטיטשקן צו פּעטענען אין דעם זעלבן ענין. זאָל עס אפשר זיין דערפאַר, ווייל נאָר דאָס זענען געבליבן אין די „טעקעס"? און די צענדליקער טויזנטער ייִדן, וואָס האָבן נישט געשריבן קיין בריוו נישט צום „פעלד־קאָמענדאַנט" און נישט צו פּעטענען? וועגן זיי דערציילן בלויז די מסירות פון די פּראָוואָקאַטאָרן. זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע מסירות זענען געווען באַזירט בלויז אויף אַן אויבן־אויפיקן איינדרוק, און דאָס נאָר אין די ערשטע וואָכן. די גאַנצע פאַרשידנאַרטיקייט פון די געפילן און זייער גאַנצע עוואָלוציע, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט — פאַרבלייבט... אויסער די טאָוולען פונעם ביכל. דער מחבר אַליין פילט, אייבעריקנס, אינסטינקטיוו דאָ און דאָרט דעם דאָזיקן פעלער. ווען ער ציטירט, צום ביישפּיל, די אויבנדערמאָנטע בריוו, גיט ער צו, אַז זיי זענען געווען אַן אויסנאַם. נו, גוט. אָבער וואָס איז מיט די דערשיינונגען, וואָס זענען נישט געווען קיין אויסנאַם? אויפן 43טן זייטל שרייבט דער מחבר וועגן אַן אַנקעטע, וואָס ער האָט דורכגעפירט בנוגע די געפילן ביים אָנטון צום ערשטן מאָל דעם „מגן־דוד". מיר כאַפּן זיך אָן דערין און ווילן שוין זוכן די רעזולטאַטן פון דער דורכגעפירטער אַנקעטע. אָבער, צום באַדויערן — ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז עס האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן קיין שום סיסטעמאַטישער אַנקעטע נאָר אָט — סתם אַזוי געלעגנהייטלעכע קשיות.

פּאַפּירלעך, וואָס האָבן צוליב די אָדער אַנדערע סיבות פאַרבלאָנדזשעט אין די „טעקעס" פון די דייטשע אַמטן? און די טויזנטער דירעקטע עדות רעכענען זיך שוין אַבסאָלוט גאָרנישט? עס האַנדלט זיך דאָך וועגן גע־שעענישן וואָס זענען פאַרגעקומען בלויז מיט אַכט יאָר צוריק. (יאָ, מיט אַכט יאָר!) און נישט אַכט יאָרהונדערטער. „דאָקומענטן" פון אַרכיוואַלן טיפּ זענען טאַקע אַ ווערטפולע אילוסטראַציע און באַשטעטיקונג. טראָץ דעם טאָר מען זיך מיט זיי נישט באַגנוגענען, ווייל זיי גיבן בלויז אַ טייל פונעם בילד און — נאָך ערגער — זייער גראָב און פאַראיינפאַכט. אַט גלייך ווי ס'וואָלט זיך עמעצער איינגעשפּאַרט, אַז ער אנערקענט נאָר דאָס, וואָס מען קען זען דורכן שליסל־לאָך און נישט דאָס, וואָס מען קען זען אָן שום שוועריקייט, אוממיטלבאַר, פּשוט, פּנים־אל־פּנים.

* * *

פאָלגנדיק קומען איייניקע גבית־עדות, וואָס דאַרפן געבן אַ בילד וועגן דער פאַרשידנאַרטיקייט פון גורל. איך ברענג זיי דאָ האָבנדיק אין זינען דעם ציל פון דאָזיקן קאַפּיטל, ד. ה. דאָס צושטעלן דעם לייענער פון איין זייט לעבעדיקעביישפּילן און פון דער צווייטער מאַטעריאַלן צום פאַרגלייכן. דאָס ערשטע גבית־עדות איז וועגן אַ ייִד, וועמענס עלטערן האָבן געשטאַמט פון פוילן און ער אַליין איז שוין געבוירן געוואָרן אין פראַנקרייך. די ווייטערדיקע — וועגן עמיגראַנטן פון פוילן, וואָס זענען געקומען קיין פראַנקרייך אין פאַרשידענע צייט־אָפּשניטן. איין גבית־עדות (מאַנטערא סקארניצקי) וועט געבן אַ ביישפּיל פון סענסאַציאָנעלע „קאַ־ריערעס". אַן אַנדערס (פּרוי באַדאַנאָווסקא) פון וואַנדערונגען דורך עט־לעכע לענדער (בעלגיע, פראַנקרייך, איטאַליע) און אַן אויפהאַלט אין אַן איטאַליענישן קלויסטער.

קאַראָל... (געבוירן אין פּאַריז 1924 — בייטל־מאַכער) גיט איבער:

אין אָנהויב פון דער מלחמה האָב איך געוווינט אין פּאַריז. איך האָב מיט מיינע עלטערן פאַרלאָזט די שטאָט אין 1940 פאַר דעם ווי די דייטשן האָבן געזאָלט אַריין קיין פּאַריז. מיר זענען געפאָרן ביז קיין אָרלעאַן, דאָרט פאַרבליבן עטלעכע טעג און צוריקגעפאָרן אַהיים אויסגעמאַטערטע און קראַנקע, צוליב די שוועריקייטן אין וועג און דעם מאַנגל אין עסן.

נאָך אונדזער צוריקקומען איז דאָס לעבן אויפן עקאָנאָמישן געביט געגאַנגען מער ווייניקער ווי פריִער, מיין טאַטע האָט ביסלעכווייז פאַר־דינט און האָבנדיק געננג מיטלען פון פריִער, האָבן מיר נישט געפילט קיין דוחק אין גאָרנישט. מיר האָבן אָבער תמיד מורא געהאַט, ווייל די דייטשן פלעגן אַרויסגעבן אַלע מאָל נייע אַנטי־יִידישע פאַראָרדענונגען, און אַרעסטירט באַקאַנטע און פריינד. ווען מיר האָבן זיך דערוווסט וועגן די קלאַנגען, אַז די דייטשן גרייטן אַ גרויסע אַנטי־יִידישע אַקציע, האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פאַריז און פאָרן אין דער נישט־אָקופּירטער זאָנע פון פראַנקרייך. די נסיעה איז אונדז אַדורך בשלום; מיר זענען אַריבער אָן אינצידענטן די דעמאַרקאַציע־ליניע (געפירט דורך אַ פּאַסער) און אָנגעקומען קיין טולוז. דאָרט האָבן מיר באַקומען אַ שטוב ביי אַ באַ־קאַנטן פראַנצויז און געלעבט אַ יאָר צייט פון גרייטן געלט. דעם 11טן נאָוועמבער 1942, זענען די דייטשן אַריבער די דעמאַרקאַציע־ליניע און האָבן אָקופּירט גאַנץ פראַנקרייך. די פראַנצויזישע מיליץ האָט פון דע־מאָלט אָן אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אַנטי־יִידישע אַקציע. מען האָט געזוכט און געבישטערט; אויסער דעם צוגעזאָגט אַ פּרייז פון 12.000 פראַנק פאַר יעדן אויסגעגעבענעם ייִד. די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער אַקציע האָבן לאַנג נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטן. עמעץ האָט אונדז אויסגעגעבן און די מיליץ איז געקומען און אַרעסטירט מיין טאַטן.

ער איז באַלד אָפּגעשיקט געוואָרן אין לאַגער קיין דראַנסי. מיר און מיין מאַמע איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן. אַזוי ווי איך האָב אָבער געוווסט, אַז מען וועט מיך זוכן, האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די שטאָט. איך בין ביינאַכט אַנטלאָפן קיין ליאָן ווו עס האָט אויף אַן אַרישן נאָמען געוווינט מיין פעטער מיט זיין גאַנצער משפחה. נישט געקוקט אויף די פאַרשידענע דעוויזיעס און קאָנטראָלן, איז מיר געלונגען בשלום אָנצוקומען. מיין פעטער האָט געהאַט פאַפירן פון אַ פאַרשטאָרבענעם פראַנצויזישן רעזערוו־קאַפּיטאַן און אַלע שכנים האָבן זיך צו אים באַ־צויגן מיט רעספּעקט. ער האָט זיך באַלד באַמיט אויך מיר אויסצואַר־בעטן „אַרישע פאַפּירן". דאָס איז אין ליאָן נישט געווען קיין גאָר שווע־רער ענין, מען האָט אָבער געדאַרפט האָבן באַקאַנטשאַפט. אַזוי ווי אַ סך אָנגעשטעלטע פון די אָפיציעלע אַמטן האָבן מיטגעאַרבעט אין דער „רע־

זיסטאנס 1) איז גאַנץ לייכט אָנגעקומען צו באַקומען אַ „קאַרט ד׳אלימאנ־טאסיאן 2) אין בלאנקאָ. אין דער זעלבער צייט האָט מען מיר פאַר 1.000 פראַנק פאַרשאַפט אַ געבורט־שיין אויף אַן עלזאַסישן נאָמען. לויטן שיין האָב איך געשטאַמט פון מענסטער אין דעפּאַרטאַמענט „באַ־רען״. די „קאַרט ד׳אלימאנטאסיאן״ האָט מען מיר אויסגעשטעלט אויפן זעלבן נאָמען און מיטנעמענדיק אַ וווינונג־באַשטעטיקונג אויף מיין פּעטערס אַד־רעס בין איך אַוועק אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט פון פערטן אראנדיסמאַן כדי צו בעטן מען זאָל מיר אויסשטעלן אַן אידענטיטעט־קאַרטע. דאָס איז געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע פּראָצעדור און אַלע האָבן אַזוי געטון. מיט מיר איז מיטגעגאַנגען מיין קוזין. ער האָט געוואַרט פאַר דער טיר פון קאָמיסאַריאַט. ווען איך האָב דערלאַנגט מיינע פּאַפּירן דעם סעקרעטאַר פון פּאָליציי־קאָמיסאַר, האָט ער זיך מיט מיר גאָר שטאַרק דערפרייט. ער איז געווען מיינס אַ „לאַנדסמאַן״. ער האָט מיר גענומען אויספרעגן אויף פאַרשידענע באַקאַנטע, אויפן גלה, אויפן קרעטשמער, דעם קאָוואַל א. אַ. וו. איך האָב מיך נישט געקענט באַהערשן און בין געוואָרן שטאַרק בלייך און צעמישט. דער סעקרעטאַר האָט זיך באַלד אָריענטירט, אַז מיי־נע פּאַפּירן זענען פאַלשע און ער האָט צוגענומען די דאָקומענטן און מיך געהייסן מיטגיין מיט אים צום קאָמיסאַר. ווען מיר זענען אַרויס פון ביור־ראָ, האָט מיין קוזין מיך געזען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג און איז געלאָפן אַהיים, אָנזאָגן. אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ „סערטיפיקאַט דע דאָמיסיל״ 3) פון זייער הויז, האָט מיין פעטער גע־גלויבט, אַז מען וועט גלייך קומען צו זיי.

אין דער צווישנצייט בין איך מיטן סעקרעטאַר אַריין צום פּאָליציי־קאָמיסאַר. דער ערשטער האָט דעם קאָמיסאַר איבערגעגעבן דעם גאַנצן עניין. דער קאָמיסאַר האָט דערקלערט, אַז ער וועט אַליין זיך מיט מיר פאַרנעמען; דער סעקרעטאַר איז אַוועק. ווען מיר זענען געבליבן אַליין, האָט מיר דער קאָמיסאַר געזאָגט: „איך ווייס שוין ווער איר זענט. איר האָט מזל, וואָס איר זענט אַריינגעפאַלן צו מיר. איך וועל שוין אייער

1) פּראָנצויזישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג.
2) לעבנס־מיטל קאַרטע.
3) איינמעלדונג באַשייניקונג.

ענין פאַרווישן. זאָגט מיר אָבער, פאַרוואָס האָט איר, וויסנדיק, אַז איר האָט פאַלשע דאָקומענטן, נישט געזאָגט, למשל, אַז איר זענט גאָר גע־בוירן אין מענסטער און, אַז איר זענט פון דאָרט אַוועק נאָך ווי אַ קליין קינד? פאַרוואָס האָט איר אייך נישט צוגעגרייט קיין ענטפער? און וויפל האָט איר באַצאָלט פאַר אייער געבורט־שיין און פאַר דער „אלימענטאַציע קאַרטע״? איך האָב אים אַלץ דערציילט וועגן מיין פאָטער, וועגן דעם ווי אַזוי איך בין אַנטלאָפן פון טולוז און ווי אַזוי איך האָב באַקומען די דאָ־קומענטן. ער האָט מיר געהייסן זיך ווענדן צו מיין „רעזיסטאַנס־גרופּע״ וואָס האָט מיר פאַרשאַפט די פּאַפּירן און זאָגן, מען זאָל מיר צוריקגעבן די 1.000 פראַנק און שאַפן מיר אַנדערע פּאַפּירן. ער האָט מיר אויך אָנ־געזאָגט, אַז איך זאָל קיינמאָל וועגן אים נישט דערמאָנען און נישט מאַכן זיך דערקענען אים, אויב איך וועל אים נאָך זען און נישט קומען מער אין דער מערי פון 4טן אראַנדיסמאַן. ווען איך בין אַרויס פון קאָמיסאַ־ריאַט, האָב איך באַמערקט אויף דעם צווייטן טראָטואַר מיין פעטער און קוזין. זיי האָבן מורא געהאַט צו מיר צוצוגיין, גלויבנדיק, אַז מען שפּירט מיר נאָך. זיי זענען געוועזן שטאַרק איבעראַשט ווען איך האָב זיי דער־ציילט, וואָס עס איז געשען. מער בין איך שוין נאָך קיין „קאַרט אידענ־טיטע״ אַליין נישט געגאַנגען. מען האָט זי מיר פאַרשאַפט פאַר 25.000 פראַנק. איך האָב מיך עטלעכע וואָכן אַרומגעדרייט אין ליאָן און גע־האַנדלט מיט פאַלשע ברויט־קאַרטן, ווייל די דאָקומענטן האָבן מיך אָפּ־געקאָסט דאָס גאַנצע געלט וואָס איך האָב געהאַט.

אין דער צווישנצייט האָב איך מיך באַקענט מיט טוער פון דער אונ־טערערדישער באַוועגונג. זיי האָבן מיר געדונגען אַ שטיבל אויף אַ פינפטן שטאָק און פאַרשאַפט אַרבעט־באַשטעטיקונגען. פאַקטיש האָב איך אָבער גאָרנישט געטון. ביי מיר אין שטוב האָט מען איינגעאָרדנט אַ ראַדיאָ־סטאַנציע, דורך וועלכע מיר זענען געשטאַנען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט לאָנדאָן. דאָס האָט געדויערט 4 חדשים. ביז אַ געוויסן טאָג, ווען איך האָב מיט נאָך אַ חבר איבערגעגעבן מעלדונגען קיין לאָנדאָן, האָט אין דער טיר אַנגעקלאַפּט געסטאַפּאָ. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען האָט אונדז געמסרט. מיר האָבן דעריבער אַרויסגעוואָרפן דעם ראַדיאָ־אַפּאַ־ראַט דורכן פענצטער, ער זאָל נישט אַריינפאַלן צו די דייטשן. אין מאַ־

מענט ווען מיר זענען אַליין אַרויס דורכן דאַך־פענצטער, האָבן די געס־טאַפּאָ־לייט אויפגעבראָכן די טיר און געעפנט אַ שיסעריי. מיר האָבן מיט זיך געהאַט צוויי לייכטע מיטראַיעזן און צוריק געשאָסן. אַזוי אַרום איז אונדז געלונגען צו אַנטלויפן. מיר האָבן פונעם רעזיסטאַנס שטאַב באַקו־מען אַנדערע דאָקומענטן און אין דריי טעג אַרום זענען מיר שוין געווען אין שפּאַניע. איך בין צוויי וואָכן פאַרבליבן אין באַרצעלאָנע. אין דער צווישנצייט האָט מען מיך פאַרבונדן מיט ענגלישע אַגענטן, וועלכע האָבן מיך אָפּגעפירט קיין ארץ ישראל. איך האָב מיך תיכף אַנגאַזשירט אין דער יידישער בריגאַדע ביי דער 8טער ענגלישער אַרמיי און פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין געקעמפט ביזן סוף פון דער מלחמה.

איך וויל נאָך צוגעבן, אַז די יידישע ווידערשטאַנד־גרופּע אין ליאָן האָט נאָך מיין באַפרייאונג איבערגעשיקט דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר אַ גרע־סערע סומע געלט. ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט זי אָנצונעמען. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז ער אַליין ווי אויך זיין סעקרעטאַר געווען אַן אַקטיווער ווידערשטענדלער 1).

1) מאַטעריאַלן פון „פאָרשונג־צענטער פאַר געשיכטע פון פּוילישע יידן" אין פּאַריז (פּראָטאָק. ש. זיסמאַן).

III

„איזידאָר״

„מיט „איזידאָר״ האָבן מיר זיך באַקענט בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין ליאָן. ער איז אַלט געווען 23 יאָר. געוווינט האָט ער מיט זיינע עלטערן זינט עטלעכע חדשים אין ליאָן. זיי האָבן אַנטלויפנדיק פון פּאַריז זיך דאָ באַזעצט און פאַרשאַפט זיך „אַרישע פּאַפּירן״. זיי האָבן געהאַט געלט און נישט געמוזט זוכן קיין אַרבעט. „איזידאָר״ האָט נישט געטראָגן דעם זעלבן נאָמען, וואָס זיינע עלטערן, ווייל אַזוי איז אויסגעקומען בעתן פאַרשאַפן די „פּאַפּירן״. אַלץ איז ביי זיי געווען נאָרמאַל, ביז מען האָט זיינע עלטערן אַ געוויסן טאָג געמסרט, אַז זיי זענען ייִדן. די געסטאַפּאָ איז אַריינגעקומען אין שטוב פונקט ווען „איזידאָר״ איז געזעסן מיט זיינע עלטערן ביים טיש. אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט אַ באַפעל צו אַרעסטירן די עלטערן האָבן זיי ביי איזידאָרן בלויז קאָנטראָלירט די דאָקומענטן און אים געהייסן אַרויסגיין פון שטוב. דער אָפיציר האָט אַראָפּגעשריען דורכן פענצטער, אַז די וואַך, וואָס איז געשטאַנען ביים טויער, זאָל אים אַדורכלאָזן. איזידאָר איז אַוועק צו אַ חבר, וואָס האָט געוווינט אַנטקעגן איבער און ער האָט געזען ווי מען האָט זיינע עלטערן אַרויסגעפירט פון הויז. דער חבר זיינער האָט מיט גרויס מי באַוויזן אים אָפּצוהאַלטן, ער זאָל נישט אַרויסלויפן אויף דער גאַס. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט איזידאָרס פאָטער געמאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן, דער געסטאַפּאָ־אַגענט האָט אויסגעשאָסן און דער פאָטער איז געפאַלן אַ טויטער. די מוטער האָט אָנגעהויבן שרייען און ספּאַזמירן. נישט קענענדיק זי איינשטילן האָט דער געסטאַפּאָוויעץ איר אַריינגעשאָסן צוויי קוילן אין מויל.

זינט דעם טאָג האָט איזידאָר חדשים־לאַנג נישט אויסגערעדט מיט

קיינעם קיין וואָרט. שפּעטער האָט ער זיך געמאָלדן צו דער אונטערערדי־שער אַרבעט און פאַרנומען זיך אויסשליסלעך מיט אויספירן טויט־אור־טיילן אויף פּראָוואָקאַטאָרן און מוסרים. ער פלעגט אַריינגיין צו אַזאַ פאַרשוין, פאָרלייענען אים די רשימה פון זיינע „מעשים טובים״ און אַריינשיסן אים צוויי קוילן. איזידאָר איז געוואָרן אַ לעגענדאַרע פּערזאָן. די דייטשן האָבן אים שטאַרק געזוכט אָבער נישט געקענט געפינען, ווייל די אונטערערדישע באַוועגונג פלעגט אים אַלע מאָל צושטעלן פּאַפּירן אויף אַנדערע נעמען.

ווען עס האָט זיך געענדיקט די מלחמה איז איזידאָר געווען איינער פון די אַקטיוויסטן ביים אויפזוכן קריגס־פאַרברעכער 1).

1) גבית־עדות פון י. פאַגעלמאַן און י. זיבערט (מאַטעריאַלן פון „פאָרשונג צענטער״ אין פאַריז).

IV

פון פּאַריז ביז איטאַליע. אין די בערג, אין מאָנאַסטיר.

פעליאַ ב. (**וווינט איצט אין פּאַריז) דערציילט:**

זי שטאַמט פון פּוילן. אין יאָר 1940 האָט זי געוווינט אין בעלגיע מיטן מאַן (אַ רוסישער ייִד). נאָכן אויסברוך פון דער קריג זענען זיי געקומען צוזאַמען מיט דער גאַנצער מאַסע פּליטים קיין פּאַריז.

„... ווען די דייטשן הויבן אָן אַריינקומען אין פּאַריז, לאָזן זיי זיך אַוועק אין דער ריכטונג צו דער שפּאַנישער גרענעץ. זיי קומען אָן אין טולוז. דאָ וויל מען זיי אָפּשיקן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר פאַרדעכטיקע אויסלענדער; עס באַפרייט זי דער בעלגישער וויצע־קאָנסול. פון טולוז קיין פּאַו (פּירענעיען). נאָך פיר וואָכן לאָזן זיי זיך אַוועק קיין ניצע (דער מאַן אַן ערשטקלאַסיקער פאַכמאַן פון דער כעמישער בראַנזשע באַקומט אַרבעט). עס הויבן זיך אָן די דייטשע אָבלאַוועס קעגן די ייִדן. זייענדיק געוואָרנט דורך אַ פראַנצויז וואָס איז באַשעפטיקט אויף דער פּרעפעקטור, באַהאַלטן זיי זיך אויס אין דער וווינונג פון מאַנס שותף — אַ פראַנצויז. (אַ סך אַנדערע ייִדן, וועלכע מען האָט געוואָרנט, זענען אַוועקגעפאָרן אין מאָנטע־קאַרלאָ, וואָס איז געוואָרן באַטראַכט נייטראַלער. צו מאָרגנס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַלע ייִדן זענען געוואָרן געכאַפּט דורך די דייטשן אויפן וועג).

אין משך פון זעקס מאָנאַטן באַהאַלטן זיי זיך אויס אין אַ קליין וווינונג. היות דער שכן איז געווען אַן אַנטיסעמיט, מוזן זיי אָפּהיטן דעם מאַקסימום פאָרזיכטיקייט. אַ גאַנצן טאָג (ד. ה., ווען דער באַלעבאָס גייט אַוועק צו דער אַרבעט) זענען זיי פאַרמאַכט.

אין דעצעמבער 1942, נעמען איבער די אָקופּאַציע איבער ניצע די איטאַליענער. די באַדינגונגען פאַרבעסערן זיך. דורך אַפּישן איז געמאָלדן

געוואָרן אַז די באַהאַלטענע ייִדן מעגן אַרויסגיין פון זייערע באַהעלטע־נישן, ווייל זיי געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון די איטאַליענער. אונטער דעם פּרעטעקסט פון באַשיצן די ייִדן, האָבן די איטאַליענער באַ־שלאָסן איבערצושיקן זיי אין אַ שטעטל (נישט ווייט פון דער גרענעץ), וואָס איז אויך אונטערליגן זייער אָקופּאַציע. אויך אַהין קומט דער מאַן פון דעם עדות. זי אַליין קען זיך פריי באַוועגן.

אַ הויכער איטאַליענישער באַאַמטער דאָנאַטטי האָט צוגעזאָגט די ייִדן, אַז עס וועלן אָנקומען אויטאָס, וואָס וועלן זיי איבערפירן אין איטאַ־ליע, אין אַ לאַגער פאַר נישט איטאַליענישע ייִדן (עס איז דאָרט געווען נישט אַמערגסטן) אין דעם סט. מארטען־וועסוביע (נידעריקע אַלפּן) פאַר־בלייבן זיי זעקס מאָנאַטן (ד. ה. ביזן 7טן סעפּטעמבער 1943). עס אַרבעט דאָרט אַ ייִדישער קאָמיטעט, וועלכער פאַרטיילט הילף. אַ שטעטל אַ רויִקס. די ייִדן זענען טראַקטירט געוואָרן ווי „פרייע אַרעסטאַנטן" (ד. ה. זיי האָבן זיך געקענט פריי באַוועגן אין די גרענעצן פון שטעטל). מיט די איטאַליענער זענען זיי געווען זייער אויפגעלעבט. די איטאַליענער האָבן נישט געקענט קיין ראַסיזם, זיי זענען געווען פאַרווונדערט ווען מען פלעגט זיי דערציילן וועגן פאַרפאָלגונגען.

דעם 9־ 11־1943 קומט פאָר דער דייטשיש־איטאַליענישער אָפּמאַך, אויף וועלכנס סמך די דייטשן נעמען איבער אַלץ אַ גרעסערע מאַכט אין איטאַליע. גלייכצייטיק נעמען די דייטשן איבער די גאַנצע זאָנע. די אי־טאַליענער גיבן צוריק די ייִדן די פּעסער, כדי זיי זאָלן זיך קענען באַ־וועגן. אַליין ציִען זיי זיך אויך צוריק. נאָך זיי גייען די ייִדן. וועגן באַן, צוגן איז קיין רייד נישט געווען. 1,000 ייִדן (שוין אַריינגערעכנט אַלט־וואַרג און קינדער) גייען דורך די אַלפּן. דריי טעג און דריי נעכט אָן דער מעגלעכקייט עפּעס צו קויפן.

ווען זיי זענען אָנגעקומען אין ערשטן איטאַליענישן שטעטל (קו־מעאָ), זענען זיי געוואָרן אַרומגערינגלט פון דייטשן. עס הויבן זיך אָן נייע דייטשישע אָבלאַוועס. אַ טייל פון די ייִדן (צווישן זיי אויך די דער־ציילערין) איז געלונגען אָפּצוגיין אין באָרגאסאן דאלמאנזא. אָבער אויך אַהער קומען די דייטשן און אויך דאָ הויבן זיך אָן די אָבלאַוועס. 150

ייִדן האָט מען געכאַפּט. 350 (צווישן די אויך זי מיט איר מאַן) באַהאַלטן זיך אין די בערג.

זיי האָבן געהאַט אַן אַדרעס פון אַן איטאַליענער (נעבן סאַן דאַל־מאַזנאַ), וועלכער האָט זיי אויפגענומען. אין זיין הייזל בלייבן זיי עטלעכע וואָכן. עפּעס אַ פּרוי מאַכט אָבער כסדר אוואַנטורעס און פאָדערט מען זאָל זיי דערוויטערן פון דער שטוב, ווייל אַנדערש וועלן די דייטשן זיי דערשיסן. במשך פון טאָג גייען זיי אַוועק אין די בערג. ביינאַכט שלאָפן זיי אין אַ פערד־שטאַל. שפּעטער זענען זיי געבליבן אַפילו אַן דעם דאַך איבערן קאָפּ. צום סוף נעמט זיי צו עפּעס אַ דאַמע, וועלכע האָט נאָך פאַר דער מלחמה אָנגעהויבן בויען איר הייזל, אָבער זי האָט נישט פאַרענ־דיקט די געביידע. אין דעם נישט פאַרענדיקטן הויז געפינט זיך פעליא ב. מיט איר מאַן פיר וואָכן. זיי שלאָפן דאָרט אויף שטרוי.

אין דעם דאָזיקן פעריאָד הויבט זיך אָן דאָס צונויפנעמען די קאַש־טאַנעס. צוליב דער מורא פאַר די ביי דעם באַשעפטיקטע אַרבעטער, גייען זיי נישט אַרויס פון זייער באַהעלטעניש. (בלויז ביינאַכט און נאָר דאַן ווען עס איז נישט קיין לבנה־נעכט). מען האָט אַפילו נישט געטאָרט פאַר־רויכערן קיין פּאַפּיראָס, ווייל דער פייער האָט זיי געקענט פאַרראַטן. במשך פון זעקס וואָכן האָט זיך די דערמאָנטע דאַמע אויך דערשראָקן. (אין די בערג איז נישט געווען זיכער צוליב די אָפטע רייבונגען צווישן די דייטשן מיט די פאַרטיזאַנער. באַזונדערס ווען עס זענען נאָך אויך געווען אָפּטיי־לונגען פון „שוואַרצע העמדלעך", וועלכע האָבן געדינט די דייטשן אַלס דענונציאַנטן); אין נאַכט שלאָפן זיי מיט קרוליקעס. שפּעטער האָבן זיי געפונען אין וואַלד אַ שאָפּע (ווו מען פלעגט אָפּלייגן האָלץ). דאָרט שלאָפן זיי. אָבער זיי מוזן פון דאַנען שטענדיק אַרויסגיין פאַר זעקס אַזייגער איי־דערפרי. זיי האָבן באַקומען פון עמעצן קאָלדרעס זיך צוצודעקן.

אין דער צייט האָבן זיך די איטאַליענישע גלחים זייער פאַרנומען מיט די ייִדישע פּליטים. אויף אַזוי פיל אַז פרויען־מאָנאַסטירן האָבן אויפ־גענומען אין מאָנאַסטיר אויך ייִדן־מענער (הגם אין נאָרמאַלע צייטן פלעגט אַפילו דער גערטנער, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען איבערן גאָרטן, האָט ער געהאַט צוגעטשעפּעט צו די פיס אַ גלעקעלע, אַז די שוועסטער זאָלן וויסן אַז עס דערנענטערט זיך אַ מאַן און זיי זאָלן זיך קענען צו־

דער צייט דערוויטערן). מיט דער דערציילערין האָט זיך פֿאַרנומען דער גלח דאָן וויאלע. ער האָט געשטאַמט פֿון אַ דאָרפֿישער משפּחה. ער איז געווען אַ פֿאַרברענטער אַנטיפֿאַשיסט, אַ מענטש זייער אַ געבילדעטער, אַ טאַקטפֿולער און אַ גוטער. נאָכן איבערנעמען די מאַכט דורך מוסאָ־ליני איז ער געוואָרן פֿאַרמשפּט אויף פֿיר יאָר תּפֿיסה. ער האָט געהאַט אַ ביסל יונגע גלחים, וועלכע פֿלעגן אים העלפֿן אין זיין טעטיקייט לטובֿת די ייִדן. יעדן טאָג, אָפֿט אויך ביינאַכט פֿלעגט ער גיין אין די בערג און טראָגן מיט זיך עסן. אַליין אָרעם, פֿלעגט ער אָבער אַלץ אָפּגעבן ייִדן און איטאַליענישע פּאַרטיזאַנער.

ווען ער האָט זיך דערוווּסט דורך עמעצן, אַז אין וואַלד געפֿינט זיך דער דריילינג (מיט פּעליע ב. און איר מאַן, איז אויך געווען זייערס אַ קרובֿה), האָט ער אַרויסגעשיקט צו זיי אַ ידיעה, אַז זיי זאָלן זיך קומען מיט אים זען. דאָס איז געווען שבת. זיי האָבן זיך געשראָקן צו באַוועגן. נאָר זונטיק, בעת דער תּפֿילה, האָט דער גלח דאָן וויאלע געהאַלטן אַ דרשה, אין וועלכער ער האָט געפֿאָדערט פֿון דער באַפֿעלקערונג צו העלפֿן ייִדן. דעמאָלט — מענטשן פֿון דער פּאַראַפֿיע זענען געקומען צו זיי. אָבער זיי האָבן דאָן נאָך נישט געקענט קיין איטאַליעניש. דער גלח האָט זיי געשיקט אַן איבערזעצער. מיט דעם איבערזעצער (וועלכער האָט אויך געדינט אַלס איבערפֿירער) לאָזן זיי זיך אין גענוע. (מיט דעם זעלבן באַן וואָס זיי, הגם אומאָפּהענגיק פֿון זיי, זענען געפֿאָרן אַ ריי אַנדערע ייִדן. מען האָט זיי איבערגעפֿירט אין גרעסערע צענטערן ווו עס איז לייכטער געווען צו באַהאַלטן).

אַ גאַנצע נאַכט פֿאַרברענגען זיי אויף עפּעס אַ סטאַנציע. דאָ אַ קאָנטראָל פֿון דאָקומענטן. „צום גליק" — אין דעם מאָמענט האָט זיך אָנגעהויבן אַ באָמבאַרדירונג.

אין גענואַ האָט מען שוין געוואַרט אויף זיי. מען האָט זיי אַריינגע־פֿירט צום אַרציבישאָף־רעזידענץ. זיי האָבן זיך אָפּגעוואַשן, האָבן אָפּגע־געסן, עס האָט זיי אויפֿגענומען אַ גלח, דער סעקרעטאַר פֿון אַרציבישאָף, דאָן ריפּעטאַ... דאָ זענען זיי געבליבן ביז פֿיר נאָכמיטאָג; שפּעטער גייען זיי איבער אין מאָנאַסטיר פֿון די שוועסטער „באָון פּאַסטאָרע".

די שוועסטער זענען געווען (צוליב דער באָמבאַרדירונג) אין די

בערג. אין שטאָט זענען געבליבן בלויז די „עלטסטע מאַמע" און אַ קליי־נע גרופּע שוועסטער. דאָס הויז איז געווען באַקאַנט צווישן די פאַשיסטן אַלס „פּאָזיטיוועס" (ד. ה. נישט קיין אָפּאָזיציאָנעלס) און דעריבער נישט קיין פאַרדעכטיקס. נעבן די שוועסטער זענען דאָרט אויך געווען אַרום צוואַנציק פּענסיאָנאַרקעס. צווישן זיי אויך די פּליטות (מיטן אויסנאַם פון מענער) וואָרפן זיך נישט אין די אויגן. צום ערשטן מאָל נאָך צוויי מאָ־נאַטן טוען זיי זיך אויס, באָדן זיך, און שלאָפן זיך אויס.

אויך גענוא איז אָבער באַדראָעט. דעריבער האָט זי פאַרגעשטעלט פאַר די ייִדן בלויז אַ מין קווראַנטאַנע פאַרן אַוועקגיין אין טיפעניש פון וואַלד. דאָס מאָל זענען די אַנדערע מאָנאַסטירן שוין געווען פאַרפולט (און ווידער: „צום גליק", וואָרום עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין פלאָרענץ, ווו זיי האָבן געזאָלט זיין, איז עס אין די נאָענטסטע טעג געקומען צו אַ „פאַרשיטונג", ביי וועלכער עס זענען אַריינגעפאַלן אַ גאַנצע ריי ייִדן).

עס גייט אַריבער אַ מאָנאַט. נאָכהער צוויי. אין איינעם אַ טאָג קומט צוגיין דאָן ריפּעטאַ, און זאָגט, אַז זיי דאַרפן אַוועקפאָרן קיין שווייץ (אין שטאָט הענגען אַפישן וואָס דראָען מיט טויט־שטראָף פאַרן באַהאַלטן ייִדן; עס איז אויך געווען אַן אָבלאַווע און מען האָט דערשאָסן איינעם פון די הייליקע ברידער, (דעם עלסטן, וועלכער האָט באַהאַלטן ביי זיך ייִדן). אויב זיי ווילן פאָרן, וועט ער, דאָן ריפּעטאַ, טון אַלץ, זיי דאָס צו פאַר־לייכטערן. אויב נישט, דאַן איז ער פריי פון פאַרפליכטונגען לגבי זיי.

פעליא ב. וויל זיך נישט דערוויטערן. (צומאָרגנס איז געקומען אַ ידיעה, אַז דער, וועלכער האָט זיי געזאָלט פירן, איז אַריינגעפאַלן; ער איז געוואָרן אַרעסטירט צוזאַמען מיט די ייִדן, וועלכע ער האָט געפירט (און ער איז פאַרשיקט געוואָרן אין דייטשלאַנד). זיי פאַרבלייבן אַלזאָ ווייטער אין מאָנאַסטיר. די לייטערין האָט באַקומען צו איר סימפּאַטיע.

זיי זענען געווען טראַקטירט ווי פענסיאָנאַריער, וואָס צאָלן (דאָס האָט אַראַנזשירט דער דזשוינט, דורך די איטאַליענישע בענק). זיי האָבן נישט געהאַט קיין רעכט אַרויסצוגיין ביי טאָג, כדי זיך נישט צו דעקאָנס־פירירן פאַר די שכנים. זיי זענען נישט געווען פאַרפליכטעט צו אַרבעטן. די איינציקע זאָרגן זענען געווען: זיך אויסלערנען איטאַליעניש און באַ־קומען אַ ביסל מער צום עסן. דאָס עסן ברענגט מען זיי אין צימער.

אַמערגסטן איז אין ווינטער, ווייל די טירן און די פענצטער זענען צע־בראָכן.

אין יענעם יאָר איז געווען אַ מוראדיקע באַמבאַרדירונג פון גענוא. פון צייט צו צייט זענען געווען רעוויזיעס אין די מאָנאַסטירן. דעמאָלט פלעגן זיי גיין צו די שכנים. (עס דערליידיקט דאָס די עלטסטע שוועס־טער). אַמאָל פלעגן זיי זיך איבערטאָן פאַר הייליקע שוועסטער (און דער מאַן פלעגט בלייבן מיטן גערטנער). פון צייט צו צייט פלעגן זיי גיין אויף תפילות. זיי האָבן שוין געקענט אַלע רעליגיעזע לידער אויף איטאַליע־ניש און לאַטיין.

די שוועסטער ריידן זיי צו זיך צו שמדן, אָבער קיין שום דרוק איבן זיי אַבסאָלוט אויף זיי נישט אויס. די עלטסטע מוטער, ווען זי פלעגט אַראָפּגיין מיט זיי אין שוץ־קעלער (בעת אַ באָמבאַרדירונג), האָט זי שטענ־דיק געהאַט מיט זיך געהייליקט וואַסער אין אַ קליין פלעשעלע. זי האָט זיך מודה געווען, אַז דאָס איז צוליב דעם, אַז, — אויב דאָס לעבן וועט זיין באַדראָעט און זיי וועלן ווערן — וועט זי זיי קענען דאַן אָפּשמדן, כדי אויף אַזאַ אופן זאָלן זיי קענען גיין צוזאַמען אין הימל.

אין דער זעלבער צייט האָט דער פּויפּסט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָר־דענונג, אַז יעדע הייליקע שוועסטער זאָל האָבן נעבן איר בעט ציווילע קליידער, און זיי זאָלן פאַרלאָזן זייערע האָר (מען האָט מורא געהאַט, אַז אין פאַל פון רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן, אויף וועלכע מען האָט זיך געריכט, זאָל מען די שוועסטער נישט דערקענען גלייך און זיי שלעכט טראַקטירן).

... קורץ פאַר דער באַפרייאונג איז געווען ביי זיי דער גלח פון גע־נואַ, וועלכער איז געוואָרן פאַרפאָלגט פון דער דייטשער מאַכט פאַרן באַ־האַלטן ייִדן... עס האָבן זיך אָנגעהויבן אומרוען. אָנפאַלן פון די פּאַרטיזאַ־נער אויף די דייטשן און רעפּרעסיעס מצד די דייטשן. דאָס האָט געדויערט ביז דעם 24טן אַפּריל 1945. נאָך די ייִדן איז אין מאָנאַסטיר געקומען די רייד צו באַהאַלטן פאַשיסטן (צווישן זיי איז דאָרט געווען אַ באַקאַנטער גענעראַל, וועלכער האָט באמת נישט געטויסט צוליב וואָס מען פאַרפאָלגט אים. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַ פאַשיסט, איז ער ווייט געווען פון יעדן ראַסיזם).

מיכאל באָרוויטש

גלייך נאָך דער באַפרייאונג האָט דער מאַן פון פעליא ב. אָנגעהויבן אַרבעטן. די „עלטסטע מוטער" האָט זיי אַליין פאָרגעלייגט, אַז זיי זאָלן זיך נאָך פאַרהאַלטן. זיי זענען געבליבן אין מאָנאַסטיר ביזן 25טן יוני 1945. אין דעם טאָג זענען זיי אָפּגעפאָרן מיט אַ פראַנצויזישע רעפאַטריאַציע קאָמיסיע קיין ניצע 1).

1) מאַטעריאַלן פון „פאָרשונג־צענטער פאַר די געשיכטע פון פוילישע יידן" אין פאַריז. (פראָט. מ. ב.).

V

אַ פּוילישער ייִד אין דער ראָלע פון אַ שפּאַנישן וויצע־קאָנסול.

פון אָפּשטאַם איז ער אַ פּוילישער ייִד. ער הייסט שמואל סקאַרניצקע.

נאָך דעם (ערשטן) וועלט־קריג איז ער אַוועק קיין פראַנקרייך. געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט, באַקומען די פראַנצויזישע בירגערשאַפט און געוואָרן אַ יורידישער ראַטגעבער.

אַזוי איז געווען ביז 1939. עס איז געקומען די מלחמה און פראַנקרייך איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן. אַ דאַנק זיינע קאָנטאַקטן געלינגט סקאַרניצקען צו ווערן אַ מכלומרשטער שפּאַניער און צו באַקומען אַ פּאָסטן אין דעם שפּאַנישן קאָנסולאַט פון סאַן עטיען (לוארן). אויפגענומען האָט אים דאָרט דער אַמטירנדיקער קאָנסול. ער איז מסכים געווען צו נעמען אויף זיך די ריזיקע, אויסדריקנדיק דערביי ספקות, וואָס שייך דעם נאָמען: אַ שפּאַניער קען דאָך נישט הייסן סקאַרניצקע. אויפן טיש איז פּונקט געשטאַנען אַ פלאַש מיט שפּאַנישן ווייַן מיט אַן עטיקעטע „מאַנטערא“. און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז סקאַרניצקע וועט הייסן „מאָנטעראָ“. אַזוי איז שוין פאַרבליבן: סאַנטאָס מאָנטעראָ סאַנכעז.

לגבי דעם קאָנסולאַט פון זייער פריינד פראַנקאָ האָבן זיך די דייטשן אויפגעפירט טאַקטפול און מיט אַ סך גוטן ווילן. „מאָנטעראָ“־סקאַרניצקע נוצט אויס די דאָזיקע לאַגע און באַהאַלט אויס אין די עקסטעריטאַריאַלע בנינים פון קאָנסולאַט — פראַנצויזן פאַרפאָלגטע דורך דער געסטאַפּאָ. אומאָפּהענגיק דערפון באַהאַלט ער אויס ייִדן.

אין סאַן עטיען האָבן זיך געפונען עטלעכע טויזנט פּאָליאַקן. אַ סך פון זיי האָט ער געהאָלפן. דערפאַר האָבן זיי וואָס אַ מאָל אָפטער אָנגעהויבן זיך ווענדן, אין נויט־פאַלן, צום „שפּאַנישן קאָנסול“ (דער אמתער קאָנסול, וועלכער האָט זיך צו דער דאָזיקער טעטיקייט פּאָזיטיוו באַצויגן

איז ׳קראַנק געוואָרן״ כדי נישט וועגן אַלעם צו וויסן. סקאָרניצקע איז אַזויאַרום אָנגעגאַנגען פאַר זיין פאַרטרעטער, כמעט פאַרן „וויצע־קאָנ־סול״). איינמאָל איז צו אים געקומען דער גלח קנאַפּיק מיט אַ הייליקער שוועסטער. זיי האָבן אים געבעטן ראַטעווען דעם גלח באַבירעצקי (וועל־כער איז געווען פאַרשפּאַרט אין דער פעסטונג מאָן ליק, וועלכע די דייטשן האָבן געהאַט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַבריק פון טויט) און מאַריא דזוואָנ־ניצקאַ. מאָנטעראָ האָט אונטערגענומען די נויטיקע שריט און זיי פּאַק־טיש אָפּגעראַטעוועט. ער האָט אין קאָנסולאַט אויך אויסבאַהאַלטן צ. אַ. די ענגלענדערין מאַנטגאָמערי, לטובת וועלכער עס האָט ביי אים אינ־טערוועניִרט די פראַנצויזישע אונטערערדישע באַוועגונג, מיינענדיק, אַז זי איז אַ קרובה פונעם ענגלישן גענעראַל.

אין יאָר 1943 ווערן דורך די דייטשן אָרגאַניזירט לאַגערן פאַר די שפּאַנישע רעפּובליקאַנער וואָס געפינען זיך אין פראַנקרייך. דער קאָ־מענדאַנט פונעם לאַגער, אַ פראַנצויז, האָט זיך גאָר שלעכט באַצויגן צו די אינטערנירטע. ער פלעגט ביי זיי צונעמען אַלע דאָקומענטן. אַ פרעמ־דער אָן פּאַפּירן איז הפקר, מען קען מיט אים טון וואָס מען וויל. איינמאָל האָט ער אַזוי געטון מיט אַ קאַפּיטאַן פון דער שפּאַנישער אַרמיי (געוו. אַטאַשע פון רעפּובליקאַנישן שפּאַניע ביי דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין יאָר 1937). מאָנטעראָ האָט דעם קאַפּיטאַן אַריינגעזעצט אין אַן אױ־טאָ, אַוועק צום דאָזיקן קאָמענדאַנט און יענער האָט די פּאַפּירן אָפּגעגעבן. שפּעטער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קאַמפּאַניע קעגן דעם קאָמענדאַנט. מען האָט אים אָפּגעזאָגט. זיין נאָכפאָלגער, קויסאַן דערקלערט ביים אי־בערנעמען די מאַכט: „איך וועל די אינטערנירטע באַהאַנדלען ווי קינ־דער״. עס האָט אָבער בקרוב אויסגעפּעלט אויך אַזעלכע קינדער. מאָנ־טעראָ האָט ערגעץ אויסגעפונען אַ צירקולאַר מיט אַן אינסטרוקציע, לויט וועלכער מען האָט געדאַרפט באַפרייען יעדן איינעם, פאַר וועלכן דער קאָנסול האָט פערזענלעך גאַראַנטירט. מאָנטעראָ גאַראַנטירט פאַר אַלע.

מיט מאָנטעראָן האָט מוטיק און מיט מסירת נפש מיטגעאַרבעט דער סעקרעטאַר פון קאָנסולאַט, אַ שפּאַניער און אַ דעמאָקראַט, דער שריי־בער פעליציאַנאָ גאַלאַן, וועלכער האָט געקענט דעם גאַנצן סוד. צוזאַמען מיט אים האָט מאָנטעראָ אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל פאַלשע, אָדער

בעסער געזאָגט ריכטיקע (אָבער נישט שטייענדיקע אין איינקלאַנג מיט די אָנווייזונגען וואָס דער קאָנסולאַט האָט דערהאַלטן) „פּאַפּירן", וויזעס, פּעסער און אַרבעט־באַשטעטיקונגען פון דער אַמבאַסאַדע.

עס האָט פּאַסירט למשל, אַז אַ פראַנצויזישע אונטערערדישע אָרגאַ־ניזאַציע האָט געגעבן מאַנטעראַן אַ פּעקל פּראָקלאַמאַציעס אין דער דײַ־טשער שפּראַך, וועלכע ער האָט געדאַרפט אונטערוואַרפן אין די דײַטשע קאַזאַרמעס. ער האָט עס געטון. לײַדער האָבן די אַגענטן באַמערקט און פאַרנאָטירט דעם נומער פון זײַן אויטאָ. מיטאַגצײַט זענען צו אים געקו־מען 7 ס. ס.־לײַט. ער דערקלערט, אַז ער איז פּשוט געגאַנגען טרינקען קאַווע און דערווײַל האָבן די טעראָריסטן צוגעגנבעט דעם וואָגן.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז דאָס זענען טעראָריסטן?

— ווייל אין אויטאָ זענען נאָך פאַרבליבן גאַנצע פּעקלעך מיט פלוג־בלעטלעך.

— איר קענט זיי אונדז געבן?

— פאַרשטייט זיך. איר מוזט מיר אָבער איבערלאָזן עטלעכע עק־זעמפּלאַרן כדי איך זאָל קענען פּראָטעסטירן קעגן דער פרעכקייט פון די טעראָריסטן, וועלכע רעספּעקטירן נישט אַפילו פרעמדע אַמבאַסאַדעס.

נאָך דער מלחמה האָט די באָמבע געפּלאַצט.

דערוויסנדיק זיך וועגן דער אַפערע זאָל געזאָגט. פראַנקאָ האָבן זיך אויסגעדריקט: „אונא מאנסטריאסיטאד" (אַ שרעק [1]).

פּ. ס.: ווען איך האָב נאָטירט די דאָזיקע פּרטים און געפאָדערט די דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דעם ענין, האָט דעם שמועס בײַ־געוווינט סקאַרניצקעס הײַנטיקע פרוי.

בעת דער אָקופּאַציע איז זי געווען זײַן סעקרעטאַרין און האָט אַפילו נישט פאַרגעפילט, ווער ער איז באמת.

ביז הײַנט שפּעט זי מיט האַרציקייט נאָך זײַן „וויכטיקייט" און ערנסט־קייט פון יענע טעג.

---

1) מאַטעריאַלן פונעם „פאַרשונג־צענטער פון פוילישע ייִדן" אין פּאַריז (פּראָט. מ. ב.).

אַכטער טייל:

א נישט-ייד „אויף פּאַפּירן"

מיר האָבן אַזוי אַרום אַ דורכגעפירט אַ סך פאַרגלייכן און צונויפֿ־שטעלונגען, צווישן מענטשן און מעטאָדן, דערשיינונגען און פּאַסירונגען — אַפילו צווישן לענדער. מיר האָבן עס געטון אויף פאַרשידענע אופנים, כדי אויסצוווייזן די צאָלרייכע אַספּעקטן פון דעם באַהאַנדלטן פּראָבלעם. און נישט געקוקט דערויף פאַרבלייבט נאָך... — אַזוי צו זאָגן — דאָס אַרויסבאַקומען זיך פון דער דאָזיקער נעץ און אַ קוק געבן אויף איר פון דרויסן. נישט נאָר אויף די מענטשן, נישט נאָר אויף די געשעענישן, אָבער אויך אויף דער גאַנצער דערשיינונג ווי אַזעלכע; אין איר גאַנצן פאַרנעם און מיט איר מעכאַניזם.

כדי דאָס צו טון איז פאַראַן בלויז איין אופן: געפינען אַ מעגלעך גוטן פאַרגלייך פון דעם באַהאַנדלטן פּראָבלעם, וואָס געפינט זיך אָבער מחוץ אים. דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס איז נישט שייך ייִדן און וואָס האָט נישט קיין שום מגע־ומשא.

ווי אָבער קען מען אַזאַ פאַרגלייך געפינען? עס האַנדלט זיך דאָך נישט נאָר וועגן פאַקטן פון אויסבאַהאַלטן זיך פאַר דער אָקופּאַציע־מאַכט און נישט נאָר וועגן פאַרשווייגן די אמתע אידענטיטעט. אַזעלכע פאַלן זענען — אין די דאָזיקע יאָרן — געווען אין די טויזנטער. וועגן אַ סך ענלעכע אינצידענטן איז שוין אַגב אויסגעקומען צו דערמאָנען אין נישט איינמאָל — ווי מיר געדענקען — איז אויסגעקומען פון די צופעליקע קאָנפראָנטאַציעס אַרויסצוציִען מערקווירדיקע אויספירן. דאָס זענען אָבער געווען בלויז ברעקלעך פון פאַרגלייכן און נאָר אַזעלכע האָבן זיי געקענט זיין. נישט־ייִדן פלעגן טיילמאָל פאַרטייען זייער נאָמען, אַן אַנדערש מאָל זייער פּאַס, פאַמיליע־פאַרהעלטענישן, אָדער פאַרגאַנגענהייט. דאָס אַלץ צוזאַמען שטעלט אָבער נאָך נישט פאַר מיט זיך קיין פולן פאַרגלייך מיט דעם קנויל פון פּראָבלעמען און מיט דער קייט פון שוועריקייטן וואָס

עס האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט דאָס לעבן פֿון אַ ייִד אויף „אַרישע פּאַ־פּירן". עס שטעלט זיך דאַן די פֿראַגע צי מיר וועלן אַזאַ פֿאַרגלייך גע־פֿינען? איך גלויב, אַז יאָ. און דאָס איז הסכם מיטן אַלטן אמת, אַז אַזוי ווי עס איז אין דער געשיכטע נישט פֿאַראַן קיין צוויי גאַנץ אידענטישע דערשיינונגען, אַזוי איז אויך נישט פֿאַראַן קיין געשעעניש וואָס זאָל נישט האָבן קיין אַנאַלאָגיעס (און דאָס גאָר באַדייטנדיקע). לאָמיר אָבער דערציילן די גאַנצע זאַך:

דער באַקאַנטער פּוילישער ליטעראַט אַלעקסאַנדער יאַנטאַ־פּאָלטשינ־סקי האָט זיך בעת דער לעצטער מלחמה געפֿונען אין פֿראַנקרייך. דאָ האָט ער ווי אַן אָפֿיציר אָנטיילגענומען אין די קאַמפֿן פֿון דער פּוילישער דיוויזיע, וועלכע האָט (אין יוני 1940) זיך געפֿונען אין דעם א. ג. לעצטן פּיבער פֿונעם פֿראַנצויזישן מזרח־פֿראָנט. שפּעטער איז געקומען די באַ־קאַנטע קאַטאַסטראָפֿע: דער פּאָגראָם פֿון דער פֿראַנצויזישער אַרמיי, דאָס צעקלאַפּן די פּוילישע דיוויזיע, דאָס אונטערגעבן זיך און די געפֿאַנגענ־שאַפֿט. די פּוילישע געפֿאַנגענע האָבן פֿאַראויסגעזען, אַז זייער לאַגע וועט זיין אַ סך אַן ערגערע ווי די לאַגע פֿון די געפֿאַנגענע פֿראַנצויזן. צוליב אַ סך סיבות: אויב די דייטשן האָבן זיך, אויף פֿראַנצויזישער ערד גע־מוזט אַ ביסל רעכענען מיט די פֿראַנצויזן, זענען די פּאָליאַקן געווען פֿול־שטענדיק הפקר. צו דעם מוז מען נאָך צוגעבן די געוויינלעכע שנאה פֿון די דייטשן צו סלאַווען בכלל און צו פּאָליאַקן, וואָס האָבן געקעמפֿט ביי דער זייט פֿון די אַליאירטע, בפֿרט. אַגב האָבן די דייטשן פֿריִער מודיע געווען, אַז די געפֿאַנגענע פּאָליאַקן וועלן זיי באַהאַנדלען נישט ווי זעל־נער פֿון אַ רעגולערער אַרמיי, נאָר ווי דיווערסאַנטן; פֿאַרשטענדלעך — וואָס דאָס האָט באַדייט. צוליב דעם האָבן די פּאָליאַקן, אונטערן איינ־פֿלוס פֿון דער מפּלה־פּסיכאָזע באַמיט פֿאַנאַנדערצולויפֿן זיך; שפּעטער טראַכטן זיי (שוין אינדיווידועל) וועגן אַנטלויפֿן פֿון דעם פּראָוויזאָרישן לאַגער פֿאַר געפֿאַנגענע (וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אויפֿן אָרט), אָדער וועגן צונויפֿמישן זיך מיט אַנדערע. יאַנטאַ־פּאָלטשינסקי באַשליסט אָנצו־גיין פֿאַר אַ פֿראַנצויז. די דאָזיקע עצה גיבן אים אויך די פֿראַנצויזן מיט וועלכע ער האָט זיך אין דער צווישנצייט באַגעגנט און שנעל, אויפֿן זעל־נערישן אופֿן, באַפֿריינדעט. די נויטיקע „באַדינגונגען" צו דער פֿאַר־

שטייענדיקער ראָלע באַזיצט ער; דריי יאָר האָט ער שטודירט אין פראַנקרייך און אויסער דעם עטלעכע מאָל דאָרט געווען, ער רעדט גוט פראַנצויזיש (וואָס אַן אמת... מיט אַ לייכטן „אַקצענט"), ער טראָגט דעם פראַנצויזישן אוניפאָרם, און ס'איז גענוג אַראָפּצורייסן דעם פּוילישן אָדלער, ארויסוואַרפן די פּערזענלעכע דאָקומענטן ווי אויך פאַרשידענע קלייניקייטן וואָס פּאַסן נישט, לויט זיין מיינונג צו דער נייער ראָלע. ער געפינט זיך דאָך צווישן אַ פיל־טויזנט קעפּיקער זעלנער־מאַסע; ווער וועט זיך מיט אים פאַרנעמען, ווער וועט אים ספּעציעל חושד זיין? גענוג, אַז ער נעמט אָן דעם באַשלוס: פון דעם פּוילישן אָפיציר יאַנטאַ־פּאָלטשינסקי ווערט אַ פראַנצויזישער געוויינלעכער זעלנער. אַזאַ, ווי די טויזנטער אַרום אים.

צי האָט ער גוט געטון? אין דער ווירקלעכקייט, איז דער גורל פון די פּאָליאַקן, אַריינגעפאַלענע אין געפאַנגענשאַפט נישט געווען אַזוי שרעקלעך ווי מען האָט עס פאָרויסגעזען. סוף כל סוף זענען זיי דאָך אויך געווען אַ מאַסע. עס האָט זיי דערוואַרט, וואָס אַן אמת, אַ נישט איבעריק פריילעך לעבן, דאָס האָט נאָך אָבער נישט געצווונגען זיך אונטערצונעמען דעם אויסוועג פון כסדרדיקן שפּילן אַ פרעמדע ראָלע. פאַר אים אָבער איז שוין קיין צוריקוועג נישט פאַראַנען. ווען ער וואָלט זיך דעקאָנספּירירט, וואָלט אים נישט דערוואַרט דער גורל פון די איבעריקע פּאָליאַקן; ער וואָלט באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ פאַרברעכער, אפשר גאָר ווי אַ שפּיאָן. מען האָט דעריבער געמוזט די אונטערגענומענע ראָלע שפּילן קאָנסעקווענט, ביזן סוף. פּאָלטשינסקי לעבט דעריבער אַזוי ווי אַלע פראַנצויזישע געפאַנגענע זעלנער. צוזאַמען מיט זיי האָט מען אים פאַרלאָדן אין אַ וואַגאָן און אָפּגעטראַנספּאָרטירט קיין דייטשלאַנד, צוזאַמען מיט זיי האָט מען אים צוגעטיילט אויף אַרבעט אין אַ דאָרף ביי אַ דייטשן „באוער"; אַ ביסל האָט ער געאַרבעט ווי אַ שוואַרצער אַרבעטער, ווי אַן ערד־אַרבעטער — און ווי אַ געפאַנגענער כסדר זיך געפונען אונטער אַ שמירה.

די דאָזיקע איבערלעבונגען ווי אויך די אָבסערוואַציעס, וואָס ער האָט בשעת דער געפאַנגענשאַפט געמאַכט האָט ער פאַרשריבן אויספירלעך אין אַ בוך (וואָס ציילט קרוב 550 זייטן) און וואָס הייסט: „איך האָב

אָפּגעענטפערט, כּדי צו לעבן" 1) („אַ טאָג בוך פון אַ יאָר געפּאַנגענשאַפט"). שרייבנדיק דאָס בוך האָט ער געהאַט בדעה צו פאַרפיקסירן זיינע זכרונות; פּשוט כראָנאָלאָגיש.

דאָס בוך, איז אַזוי ווי אַלע אַנדערע פון דעם דאָזיקן מין. אַ גרויסע צאָל באַשרייבונגען פון ערטער, סביבהס, מענטשן; אַ פּועל־יוצא פון מחברס טאָג־טעגלעכן לעבן. אַ רייכער מאַטעריאַל, ליטעראַריש אָבער נישט אָרגאַניזירט, צוזאַמענגענומען בלויז אין דער כראָנאָלאָגישער אָרדענונג. כּדי צו פאַרלייכטערן די אויפגאַבע פאַרן לייענער, וועלן מיר פון דעם ברייטן טעקסט אויסטיילן בלויז די רעלאַציעס און דערציילונגען, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות מיטן ענין פון קאָנספּירירן די אמתע אָפּשטאַמונג פונעם מחבר. לאָמיר דאָס איינטיילן אויף באַזונדערע פּראָבלעמען און ציטירן — ווי וויט מעגלעך ווערטלעך. די ציטאַטן וועלן מיר דאָ און דאָרט באַגלייטן מיט אַ קאָמענטאַר, אָבער אַ גאָר קורצן. ובכן:

אין סאַמע אָנהויב, באַלד ווי זיי האָבן אָנגענומען דעם באַשלוס (יאַנטאַ פּאָלטשאַניסקי איז דעמאָלט געווען מיט נאָך אַ פּאָליאַק); „קוקן די פּראָנצוויזן מעשה פּאַכמענער קריטיש אויף אונדזער אויסזען, זיי מאַכן פאַרשידענע פאַרבעסערונגען. עס האַנדלט זיך וועגן געבן אונדז אַן אויסזען, וואָס זאָל זיין אין הסכם מיט דער מאָדע, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט צווישן די פּראַנצויזן, אַ גאַנץ לויזע און נישט באַשטימטע מיט קיין שום דיסציפּלין"... (זייט 32).

לאָמיר פון זיך צוגעבן, אַז כאָטש די מאָדע איז געווען אַ לויזע און אַ פאַרשידנאַרטיקע, איז זי דאָס מאָל געווען אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פונעם פּלאַן. אַזוי אַרום האָט מען אַפילו די „לויזקייט" געמוזט פּרעציז אַדורכשטודירן. מיר קענען דאָס, אמת? מיר קענען אויך די מענטשן, וואָס גיבן פּריינטלעכע אָנווייזונגען.

ווי אַן אידענטיטעט־דאָקומענט פאַרמאָגט יאַנטאַ־פּאָלטשינסקי אַן „אידענטיטעט־בלעכל", אַזאַ ווי עס האָבן געטראָגן אויף דער האַנט די פּראַנצויזישע זעלנער (זייט 32). פאַר אַ זעלנער איז דאָס גענוג; איבערהויפּט ווען פאַרן אַריינפאַלן אין געפאַנגענשאַפט איז געווען אַ באַפעל

1) אַרויסגעגעבן אין וואַרשע 1947. פאַראַן אויך אַן ענגלישע אויסגאַבע "I lied to live" (ניו יאָרק 1944, 1945). א. נ.

צו פֿאַרניכטן אַלע דאָקומענטן, אַזוי אַז אַ סך פּראַנצויזן האָבן אויך נישט קיין דאָקומענטן. „אומבאַמערקט, זייער אומבאַמערקט צי איך אַרויס פֿון טאַש פֿון מיין מיליטערישן אוניפֿאָרם דאָס בלעכל מיטן קייטעלע אויף וועלכן עס איז אויסגעקריצט צוויי מאָל דאָס אַלץ, וואָס דאַרף בלייבן אין דער עווידענץ (...). אויף דעם דאַרף זיך פֿון איצט אָן שטיצן מיין לעבן (...). אין ליכט פֿון אַזאַ קאָנפֿראָנטאַציע וואַקסן די אין מעטאַל אויסגעקריצטע אותיותלעך אויס צו אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקן ענין. איך לייען דאָרט: ארקאשאָן, יאָר 1932. איך אַרבעט שוין צו אַ גאַנצע געשיכטע" (זייט 33). יאָ, יאָ: אויך ייִדן פֿלעגן אַזוי „אומבאַמערקט" אַרויסציִען זייערע נייַע מעטריקעס, „קענקאַרטעס" אָדער אַן אַנדערן סוראָגאַט פֿון „פּאַפּירן". אויך פֿאַר זיי פֿלעגן די פּערסאָנאַליען, וואָס זענען געווען אָפּגעדרוקט אויף די דאָקומענטן אויסוואַקסן — אין ליכט פֿון אַזאַ מין קאָנפֿראָנטאַציע — צו דער מדרגה פֿון אַ גאָר וויכטיקן ענין. נישט אמת? און אויך זיי פֿלעגן „צואַרבעטן" אַ גאַנצע מעשה.

אַגב: ווען אַן אַנדערער פּאָליאַק (וועגן וועלכן מיר וועלן נאָך דערמאָנען) האָט אויך באַשלאָסן צו גיין אויפֿן זעלביקן וועג „שאַפֿן זיי אים פֿאַר גרויסע געלטער אַ בראַנסאָלעטקע און אַן אידענטיטעט־צייכן מיטן נאָמען. עס איז שוין דאָ אַזאַ ספּעציאַליסט, וואָס מאַכט זיי פֿון זילבערנע צען־פֿראַנק שטיק" (זייט 82). מיט אַנדערע ווערטער: די נויט שאַפֿט דעם אָרגאַן. מיט די „אַרישע פּאַפּירן" פֿאַר ייִדן איז געווען ענלעך.

אָבער די באַדינגונגען (און מיר ווייסן שוין וועגן דעם!) באַגרענעצן זיך נישט בלויז צום אויסערלעכן אויסזען. דאָס קענען די שפּראַך איז נאָך נישט גענוג... ווייל עס איז נאָך פֿאַראַן אַן אַקצענט, אַן אינטאָנאַציע. און די דאָזיקע ענינים קומען אויך דאָ כסדר צום שיין. „דו מוזט אומבאַדינגט אויסגעפֿינען נאָך אַ תּירוץ — זאָגט אים אַ פֿריינטלעך־געשטימטער פּראַנצויז — וואָס זאָל באַרעכטיקן דיין... לייכטן אַקצענט. דו וואָלסט אפֿשר געקענט אָנגיין פֿאַר אַן עלזאַסער, אָבער צווישן אונדז איז פֿאַראַן אַ היפּש ביסל עלזאַסער און ווער ווייסט צי דאָס איז אַ גוטער איינפֿאַל. ווייל אויב עס וואָלט געווען דער קלענסטער חשד מצד דער מאַכט"... א. אַ. וו. (זייט 82). אַן אַנדער מאָל: „מיר שמועסן ווידער וועגן מיין אַקצענט. אַזאַ נישטיקער ענין און גלייכצייטיק אַזאַ וויכטיקער. איך

פרווו נאָכמאַכן... אַ מענטש קען דאָך אָבער זיך אַליין נישט הערן. ער מוז אויסהערן די מיינונג פון פריינד און מוז זיך באַהאַלטן מיט די גע־שפּרעכן אויף דער דאָזיקער טעמע" (זייט 83).

און דאָס איז אויך נישט קיין נייעס — נישט אמת?

לאָמיר איצט איבערגיין צו אַן אַנדערער זייט, צו דער א. ג. „משפּחה". מיר ווייסן וואָס פאַר אַן איינפלוס ס'האָט געהאַט דאָס פעלן פון אַ משפּחה, ווען מען האָט געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן". מיר ווייסן, אַז בכדי נישט צוצולאָזן קיין שום חשד, פלעגן ייִדן אויסטראַכטן פאַרשידענע אַנשטעלן ווי: אָרגאַניזירן איבערגעגעבענע פריינד, זיי זאָלן דערציילן, אַז זיי קענען דעם געגעבענעם מענטש און זיין משפּחה שוין פון לאַנג, אינסצעניזירן משפּחה־וויזיטן, ווייזן פאָטאָגראַפיעס פון מכלומרשטע משפּחה־מיטגלי־דער, שרייבן בריוו צו זיך אַליין און אַפילו קויפן זיך מתנות. און ווי אַזוי האָט אויסגעזען אין דעם דאָזיקן פאַל, ד. ה. בעת מען האָט געלעבט נישט אויף „אַרישע", נאָר אויף... פראַנצויזישע פּאַפּירן?

באַלד אין אָנהויב פונעם נייעם לעבן געפינט יאַנטאַ, בעת אַ שפּאַ־ציר, עפּעס אַ „צעריסענע, ליידיקע וואַליזע... אַרום איר וואַלגערן זיך אָבער אויפן גראָז פאָטאָגראַפיעס, פּערזענלעכע, וואָס אינטערעסירן קיי־נעם נישט און וואָס זענען קיינעם נישט נויטיק... איך געפין בילדער פון אַ פרוי מיט אַ קינד אין פאַרשידענע פּאָזעס, ווי אויך אַ בילד פון דעם קינד אַליין... איך האָב עטלעכע פון זיי אויסגעקליבן און אַריינגעלייגט אין טאַש... ...

— צו וואָס טוסטו דאָס? — פרעגט זשאַרזש.

... איך האָב נאָך אייגנטלעך נישט געוווּסט. מסתּם כדי אויסצופילן די טאַשן מיט זכרונות פון מיין פריוואַטן לעבן... וואָס וואָלסטו געזאָגט צו אַזאַ פרוי? איך ווייז אים די פּאָטאָס. זשאַרזש האָט תּיכף פאַרשטאַנען דעם זין פון מיין איינפאַל. ער קוקט זיך אויפמערקזאַם צו.

— זי איז לײדער נישט שטאַרק שיין, אָבער גאַנץ רעפּרעזענטאַטיוו. אָ, יאָ, אַ גאַנץ איבערצייגנדיקע — לאַכט ער און ווינקט מעשׂה גוטער־ברודער מיטן אויג. — איך האָב נאָר אַ חשד, אַז קיין לייכט לעבן האָסטו מיט איר נישט. און דערצו איז נאָך די טאָכטער צו דיר אינגאַנצן נישט ענלעך!

— דאָס שאַדט נישט — פּרווו איך מיך פאַרטיידיקן — דאָס וועט זיך ענדערן ווען זי וועט עלטער ווערן. די הויפּטזאַך איז וואָס זי איז דאָ״ (זייטן 51־52).

דער זעלבער זשאַרזש שלאָגט אים פאָר אַן אַנדער מאָל: „אין פאַל פונעם קלענסטן חשד פאַרוף זיך אויף מיר. איך וועל זאָגן, אַז איך קען דיך פון קינדווייז אָן, אַז איך האָב אויך געקענט דיין פרוי ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידל״ (זייט 82).

שפּעטער אין געפאַנגענשאַפט, (ווו יאַנטא־פּאָלטשינסקי האָט — ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט — געאַרבעט ביי אַ דייטשן פּויער) זענען אָנגעקומען אינסטרוקציעס צו וועמען, ווי אַזוי און וואָס מען מעג שרייבן אין בריוו. מען האָט אָבער נישט בלויז געמעגט, נאָר געמוזט. דאָס איז, אייגנטלעך, אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע זאַך. „עס וואָלט אַגב געווען מאָדנע ווען מען וואָלט נישט וועלן שרייבן״ (זייט 166). צו וועמען אָבער האָט ער געזאָלט שרייבן? „און אָנגעגעבן האָב איך אַז איך האָב אַ פרוי. עס איז דעריבער געווען נאָרמאַל, אַז איך זאָל צו איר באַלד אָנשרייבן אַ בריוו. ווו געפינט מען אָבער אַ פרוי? ווו נעמט מען באַקאַנטע, וואָס זאָלן זיך אונטערנעמען צו קאָרעספּאָנדירן מיט אַן אומבאַקאַנטן מענטש און וואָס זאָלן אים נאָך אַ חוץ דעם פאַרטרעטן זיין ווייב. ס׳איז אָבער נישטאָ קיין אויסוועג, מען מוז ריזיקירן.

איך קוק אַדורך, אין זכרון, אַלע מיינע נאָענטע און ווייטערע באַ־קאַנטע אין פראַנקרייך. ליידער האָב איך אַזויפיל באַקאַנטע אין פּאַריז און אַזוי ווייניק אין דרום. און קאָרעספּאָנדירן וויל איך בלויז מיט דער פרייער סטרעפע 1), ווייל אַנדערש וואָלטן מיינע פאַרפאָלגער געקענט לייכט נאָכקאָנטראָלירן ווער זי איז, ווען עס וואָלט זיך זיי בלויז פאַר־גלוסט צו קאָנטראָלירן! אַרקאַשאָן — מיין מכלומרשטע געבורט־שטאָט איז אויך געווען אָקופּירט. אָבער אין דער בהלה פון דער יוני־מפּלה און בשעת דער דעזאָריענטאַציע וואָס האָט דעמאָלט געהערשט, האָט דאָך די פרוי מיטן קינד געקענט אַוועקפאָרן אויף דרום, אויף דער ריוויערע,

1) דאָס באַזיגטע פראַנקרייך איז — ווי באַוווסט — געווען צעטיילט אויף צוויי סטרעפעס: די אָ. ג. „פרייע זאָנע״ (אונטער דער רעגירונג פון ווישי) און די צווייטע, וואָס איז געווען אָקופּירט דורך די דייטשן.

לאָמיר זאָגן — צו אירע עלטערן און מיינע מכלומרשטע שוויגער־על־טערן. אין דער דאָזיקער ריכטונג זענען אויך געגאַנגען מיינע תשובות אויף פראַגן, וועלכע ס'האָט מיר געשטעלט מיין אַרבעט־געבער שנאבעל (דאָס הייסט, דער דייטש ביי וועלכן איך האָב געאַרבעט).

גענוג, אַז — דורך אַן אומוועג — איז מיר געלונגען צו אַראַנזשירן אַזאַ מין קאָמעדיע".

און ער האָט גענומען שרייבן. די ענטפערס וואָס ער פלעגט דער־האַלטן זענען פאַר דער סביבה געווען נאָך אַ באַשטעטיקונג פון זיין אי־דענטיטעט. די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ האָט אָנגעהאַלטן גענוג לאַנג. אין דער ערשטער צייט איז ער געווען דער איינציקער פון די געפאַנגענע וואָס זאָל נישט האָבן דערהאַלטן קיין בריוו און נישט קיין פּעקל, דאָס האָט ביים דייטש אַרויסגערופן אַ גרויסן חשד.

צי דאַרף מען נאָך איצט אויסווייזן די ענלעכקייט פון דעם אַלעם מיט דער לאַגע פון ייִדן אויף „אַרישע פּאַפּירן"?

לאָמיר איצט איבערגיין צו טיפערע און מער קאָמפּליצירטע פּראָב־לעמען. איך טראַכט איצט וועגן די פאַרשידענע סיטואַציעס און סענטי־מענטאַלע רעאַקציעס פון ייִדן (וואָס האָבן געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן") אין קאָנטאַקט מיט ייִדן און מיט אַלץ וואָס מען איז געוווינט צו באַציי־כענען מיט דעם אויסגעוועפּטן טערמין „ייִדן־פראַגע". לאָמיר נישט פאַר־געסן, אַז דער דאָזיקער מאָטיוו פלעגט אָן אויפהער אַרויפשווימען. אַ מאָל פלעגט ער זיין פול מיט טראַגיזם און קאָנפליקטן, אַן אנדערש מאָל ווידער פלעגט ער זיין פאַרבונדן מיט נישט־ווילנדיקע קאָמישע סיטואַציעס, וואָס זענען אָפטמאָל דערגאַנגען ביז גראָטעסק. ער איז דערביי אַזוי שטאַרק פאַרבונדן געווען מיט אַ גאַנצער ריי אַזוי ספּעציפיש־ייִדישע עלעמענטן (אָדער מיט אַזעלכע, וואָס זענען געווען אויסגעדעכנט קעגן ייִדן), אַז נישט נאָר ראַסיסטן, אָבער אַפילו ייִדן קענען גלויבן, אַז דאָס קען זיין מעגלעך בלויז לגבי ייִדן. מיר וועלן זיך אָבער צוריקקערן צו די דער־פאַרונגען פון יאַנטאַ־פאָלטשינסקי, דעם פּאָליאַק, וואָס איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ פּראַנצוויז. שוין בעתן ערשטן עטאַפּ פון זיין נייער ראָלע האָט ער איינמאָל „ביים ראַנד פון פעלד אָנגעטראָפן אויף אַ גרופּע מענטשן,

וועלכע ער האָט ביז דעמאָלט קיינמאָל נישט געהאַט געזען. דאָס זענען געווען פּאָליאַקן".

„איך אָבסערוויר זיי פון אַ זייט — שרייבט יאַנטאַ — אַליין שוין אַ פרעמדער, פאַר אַנדערע אַ באַהאַלטענער... איך קוק אויף זיי מיט האַרץ־קלאַפּעניש, אַן ארויסגעשטויסענער פון סענטימענטאַלן גלייכגע־וויכט, נאָך אַ וויניק און שלעכט צוגעפּאַסטער צו דער נייער ראָלע פון אַ פראַנצויז. איך קען מיר קיין עצה נישט געבן מיט מיין נייער הויט, איך בין שוין אָבער אַנטשלאָסן אויף איינס: אויב דאָס דאַרף געלונגען, אויב דאָס האָט איבערהויפּט אַ זין — מוז מען דעם שפּיל פירן מיט אַלע קאָנסעקווענצן און ביזן סוף. דאָס איז פאַר מיר, אין געגעבענעם מאָמענט — ווען איך בין שוין אַזוי וויט דערגאַנגען — דער איינציקער אויסוועג. דערפאַר טאַקע דערנענטער איך מיך נישט צו די דאָזיקע מענטשן, כאָטש דאָס האַרץ ציט מיך צו זיי און די נייגעריקייט שטויסט. ווי גוט וואָלט געווען ווען איך קען זיך מיט זיי טיילן מיט מיין דערפאַרונג, דערוויסן זיך וועגן די שטימונגען און שטאַרקן מיין גייסט"... (זייט 56).

שטעלט אַריין אויפן אָרט פון „פּאָליאַק" און „פּאָליאַקן" די ווער־טער „ייִד" און „ייִדן" און טוישט דאָס וואָרט „פראַנצויז" אויף „אַריער". צי האַנדלט זיך דאָ צופעליק נישט וועגן דעם לעבן פון אַ ייִד אין די ערשטע טעג פון זיין עקזיסטענץ אויף „אַרישע פּאַפּירן"?

און אויפן ווייטערדיקן וועג:

„איך האָב אים צווישן המון דערזען דער ערשטער. פון וואַנען קען איך דאָס דאָזיקע פּנים? דאָס איז דאָך זיכער אַ פּאָליאַק? ער טראָגט בלויז דעם אוניפאָרם פון אַ פראַנצויזישן זעלנער, אַזוי ווי איך. אַזוי, אַז אין דעם מאָמענט איז ער שוין אַ געוויינלעכער פראַנצויזישער געפאַנגענער.

ער האָט מיך, דוכט זיך, אויך דערקענט. מיר האָבן זיך בגנבה פאַר־שטענדיקט בלויז מיט די בליקן, אָפּלייגנדיק דאָס געשפּרעך אויף אַן אַנדער געלעגנהייט... ... איך האָב געהאַט אַ סך אַזעלכע באַגעגענישן: פון דער מאַסע פלעגט פאַר מיר אויפשווימען עפּעס אַ באַקאַנטער קאָפּ, שוין ווי אויף אַ פרעמדן גוף, אַ צוגעפּאַסטער צו די נייע באַדינגונגען... ... איך האָב אָפּט מורא געהאַט, אַז ביי אַזאַ אומגערעכטער באַגעגעניש קע־נען עמעצנס נערוון נישט אויסהאַלטן און אַנשטאָט צו באַהערשן די רע־

אַקציע, אָנשטאָט דער גלייכגילטיקייט, וואָס האָט געדאַרפט פאַרדעקן די פאַרוווּנדערונג — קען קומען אַן אויסברוך. ווען אַזאַ פאַל האָט מיר דערציילט איינער אַן אָפיציר, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעגעבן פאַר אַ געוויינלעכן זעלנער. ער האָט אַמאָל באַגעגנט זיין געוועזענעם אָרדינאַנס, אַ האַרציק יינגל. דאָס טרעפן זיין אָפיציר אין סאַמע האַרץ פון דייטש־לאַנד איז פאַר דעם אָרדינאַנס געווען אַזאַ איבעררעאַשונג, אַז ער האָט אַ געררירטער אויסגערופן אויפן קול: „הער לייטענאַנט!" דאָס איז געווען גענוג. דער „הער לייטענאַנט" האָט דעם זעלבן טאָג געמוזט מאַכן אַ ויברח. נישט באַוווייזנדיק אַפילו מיטצונעמען זיינע זאַכן" (זייטן 79־80).

נו, דאָס קענען מיר דאָך זייער גוט. לאָמיר דעריבער זען ווייטער:

אַ ביסל שפּעטער איז צווישן זיי געקומען צו אַ געשפּרעך. דער באַקאַנטער איז געווען דער פּאַדכאַראָנזשי לעאָן מיראָסלאַווסקי, וועלכער איז אין געפאַנגענשאַפט אָנגעגאַנגען פאַר אַ פראַנצויז — מאַרסעל בוטאָן. (ער האָט אָבער אויך געהאַט אַלע נויטיקע אַקצעסאַריעס צו קענען שפּילן זיין נייע ראָל. פראַנצויזיש האָט ער אַפילו גערעדט בעסער ווי יאַנטאַ, איבערהויפּט אָן אַ שום „אַקצענט"). ער האָט פאַרגעלייגט, זיי זאָלן אויף להבא שוין פאַרבלייבן צוזאַמען. דערויף ענטפערט יאַנטאַ:

„.... נישט געקוקט אויף מיין בעסטן ווילן, נישט געקוקט דערויף וואָס פאַר מיר וואָלט עס געווען אַ גרויסע מאָראַלישע הילף, גלויב איך, אַז מען טאָר דאָס נישט טון."

— „פאַרוואָס — פרעגט דער צווייטער. — זייענדיק צוזאַמען וועלן מיר דאָך קענען איינער דעם אַנדערן העלפן..."

— „ניין, לעאָן. דעם דאָזיקן שפּיל מוז יעדער פון אונדז אויסשפּילן אַליין. עס וואָלט געווען אַן אומזיניקע אומפאַרזיכטיקייט, אין אונדזער לאַגע, ווען יעדער פון אונדז שפּילט אַ פרעמדע ראָל, ווען יעדער פרווּוט מכלומרשט אַן אַנדערן, אָבער פאַקטיש דעם זעלבן שפּיל — אויסצופירן די זאַך בשותפות... מיר מוזן זיך רעכענען דערמיט, אַז איינער פון אונדז קען אַריינפאַלן. אין אַזאַ פאַל איז מער זיכער, אַז אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן זיין צוזאַמען, צווישן דער זעלבער קליינער גרופּע פון צען מענטשן, וועט דאָס אַנטדעקן דורך די דייטשן דעם קלענסטן שפּור פירן צו אונדזערביידנס דורכפאַל... ... מיין ליבער, מיר וועלן אָן אַ שום ספק האָבן גרע־

סערע שאַנסן, אויב יעדער פון אונדז וועט גיין זיין אייגענעם וועג, גלויב מיר״ (זייט 108). (צי האָבן די „פּאַפּירענע אַריער״ נישט געפירט צווישן זיך די זעלבע שמועסן?).

עס האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס נישט געקוקט אויף די אויבן־ציטירטע אַרגומענטן — זענען זיי פאַרבליבן צוזאַמען. יאַנטא האָט צו־געשטימט, מורא האָבנדיק פאַר דעם פאַרוואורף „אַז איך האָב זיך אָפּגע־זאָגט צו העלפן אַ יינגערן קאָלעגע, וועלכער האָט געגלויבט, אַז זיין פאַר־בלייבן מיט מיר וועט אים ראַטעווען״ (זייט 109). מיר וועלן ווייטער זען, וואָס עס איז דערפון ארויסגעקומען. מיר ווילן בלויז באַמערקן, אַז אויף פּאָליאַקן האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ סך מאָל. שוין אַ ביסל פריִער האָבן די דייטשן פאַראָרדנט אַ מין אַלגעמיינעם אַפּעל פון די געפאַנגענע. „מיט אַ האַרטן, מיליטעַרישן קול, אין וועלכן ס׳איז געווען מער דראָונג ווי באַפעל, גיט אונדז דער דייטשער אָפיציר פאַראָרדענונגען דורך אַ היל־כער: אַלע יידן, פּאָליאַקן, זעלנער פון די קאָלאָניאַלע אָפּטיילונגען און אַ חוץ דעם בירגער פון עלזאַס, לאָטערינגען, ברעטאַניע — וואָס געפינען זיך נאָך אין די רייען — אַרויסטרעטן! ... ... די וואָרענונג דאַרף אויפרו־דערן די נישט־אַנטשלאָסענע ווי אויך די, וואָס פּרוּוון זיך אויסבאַהאַלטן. וואָס שייך פּאָליאַקן, איז דאָס די לעצטע וואָרענונג. זאָלן זיי זיך תיכף מעלדן. אויב עס איז נאָך פאַראַן אַזאַ נאַר, וואָס גיט זיך אָן פאַר אַ פראַנ־צויז... דאָס וועט זיך פריִער צי שפּעטער אויסווייזן און דעמאָלט זאָל ער זיך נישט וווּנדערן, אויב מ׳וועט אים באַהאַנדלען אַזוי ווי ער פאַרדינט עס״. (זייט 97).

(אַגב, האָט זיך דער מחבר ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט — דאָס איינציקע מאָל אין בוך — צוזאַמענגעטראָפן מיט יידן: „... נישט ווייט פון מיר איז אין דער ריי געשטאַנען אַ זעלנער פון עלזאַס. אין „ציוויל״ איז ער געווען אַ רב אין שטראַסבורג. זיין אויסזען איז נישט געווען קיין יידישער. פאַרקערט: דאָס איז געווען אַ שלאַנקער שאַטען מיט אַן איידע־לען פּראָפיל און גוטע, קלוגע אויגן... דער רב איז געווען בלאַס, אָבער רויִק. ער האָט מיר אַמאָל געהאַט געזאָגט, אַז ער איז אַ טיף און אויפ־ריכטיק־גלויביקער מענטש און אַז דאָס גלויבן אין גאָט איז פאַר אים אַ קאָלאָסאַלע הילף. אַן אויסגעגלייכטער, אַן ערנסטער, אַ בכבודיקער איז

ער אַרויסגעטרעטן פון דער ריי. ער האָט אין דער דאָזיקער רגע נישט געדאַרפט קיין שום עצה אָדער הילף. מיט אַ רו:קן שריט האָט ער זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון דעם זעלנער, וואָס האָט ווי אויף אַ יאַריד געשריגן: „ייִדן צו מיר! אַלע ייִדן צו מיר" (זייט 98). נאָך דעם רב האָבן זיך אַרויסגערוקט נאָך עטלעכע געשטאַלטן.

איך ציטיר דאָ דעם דאָזיקן אָפּשניט כדי אויסצווייזן, אַז עס קען נישט זיין קיין רייד וועגן קיין שום פאַראַלגעמיינערטע פּאַראַלעלן.

אָבער לאָמיר זיך צוריקקערן צו אונדזערע אייגענע העלדן:

איך האָב מיך אויסגעדרייט — שרייבט דער מחבר — כדי אַ קוק טון אויף לעאָנען. ער האָט אַפילו קיין ציטער נישט געטון. ער האָט געקוקט פאַר זיך טעמפּ, מיט פאַרביסנקייט און אָנגעשטרענגטע שטריכן. דאָס מוז טאָקע זיין אונדזער ליניע" (זייט 98).

צי איז דאָס נישט — נאָכאַמאָל! — אַ סצענע וואָס קען צוגעפּאַסט ווערן צום ארט לעבן „אויף אַרישע פּאַפּירן"?.

די אמתע קאַפּיטעס אָבער, רעפּראָדוקציעס און וואַריאַנטן פון סיטו־אַציעס, וועלכע ס'איז אונדז אויסגעקומען אַזוי אָפט צו באַשרייבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען פון דאָזיקן בוך — וועלן קומען אין אַ באַדייטנ־דיקער צאָל שפּעטער, אין דייטשלאַנד, אין דאָרף, וואָהין מען האָט יאָנ־טען און לעאָנען צוגעטיילט מיט אַ גאַנצער גרופּע פּראַנצויזן.

באַלד דעם ערשטן טאָג, אַזוי ווי ער איז אַריינגעקומען אין דעם „באוערס" שטוב, האָט ער אין קיך דערזען אַ יונג מיידל, וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביי מילך. „די דייטשקע האָט צו מיר אַ זאָג געטון:

— דאָס איסט איינע פּאָלין, אַ פּויליש מיידל וואָס געפינט זיך דאָ זינט פאַראַיאָרן האַרבסט. איר וועט אַרבעטן מיט פּאָליאַקן — האָט זי צוגעגעבן — דאָ איז נאָך פאַראַנען אַ ייִנגל, סטאַסיעק, ער פאַרנעמט זיך מיט די פערד און אַרבעט אין פעלד... פרייוויליקע פון פּוילן — האָט זי פאַרענדיקט.

עס איז מיר הייס געוואָרן. איך בין געווען צוגעגרייט אויף אַ סך, אָבער נישט אויף דעם, אַז איך וועל, אין מיין פראַנצויזישער הויט, מוזן לעבן... צוזאַמען מיט פּאָליאַקן... כסדר זיי קוקן אין די אויגן, צופּאַסן און צוגעוווינען זיך צו זייער אָנוועזנהייט אַרום מיר; צו פּאָליאַקן, וואָס

דאַרפן — אַזוי ווי די אַרומיקע סביבה גאָרנישט וויסן וועגן מיר, גאָר־נישט פּילן אָדער חושד זיין... דאָס הייסט, אַז זיי וועלן צווישן זיך רעדן פּויליש און איך וועל קיין וואָרט נישט טאָרן זאָגן צו קיינעם פון זיי. דער אינסטינקט זאָגט מיר אונטער אַ פעסטן, איינגעשפּאַרטן באַשלוס, אַז איך מוז מיך אינערלעך קרעפטיקן קעגן יעדער אומפּאַרזיכטיקייט און יעדן סיורפּריז פון דעם מין; אַז איך מוז אויסהאַלטן און שווייגן פאַר יעדן פּרייז" (זייט 117).

די צוקונפט האָט פולשטענדיק באַשטעטיקט זיינע ספקות. די אויבנ־דערמאָנטע לאַגע האָט גורם געווען אַ גאַנצע קייט אַנדערע סיטואַציעס און יעדע איינע פון זיי איז אויף אַ באַזונדערן אופן געווען דעליקאַט. די פּאַליאַקן מיט וועלכע ער אַרבעט (און אין דער געגנט, ביי אַנדערע פּויע־רים, זענען זיי אַ סך מער) דערהאַלטן בריוו פון פּוילן, שמועסן צווישן זיך וועגן פּוילן אין זיין אַנוועזנהייט, זייענדיק טיף איבערצייגט, אַז ער פאַרשטייט נישט קיין וואָרט פון זייערע פּוילישע געשפּרעכן. ער מוז שווייגן. מיט אים פאַרשטענדיקן זיי זיך באַנוצנדיק די עטלעכע דייטשע אויסדרוקן, וואָס זיי קענען. טיילמאָל הערט ער (און פאַרשטייט) זייערע אינטימע געשפּרעכן. אַ מאָל באַמערקונגען וועגן אים אַליין (אַגב, הויפּט־זעכלעך קריטישע, נעגאַטיווע, דערפאַר וואָס, נישט זייענדיק צוגעוווינט צו פעלד־אַרבעטן, איז ער געווען אַ שלעכטער אַרבעטער).

— „הער אויס, סטאַשעק — האָט וואַנדאַ געזאָגט עטלעכע וואָכן נאָך מיין אָנקומען קיין ראַבהאָף — איך ווייס נישט וואָס דאָס איז, אָבער איך האָב דעם פראַנצויז שטאַרק פיינט" (זייט 147).

אָדער: ... „זאָג אַליין — האָט ווייטער גערעדט וואַנדאַ — וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט? דו, סטאַשעק, לייגסט אָן אַ פולע פור מיט מיסט אין דער זעלבער צייט וואָס ער לייגט אָן אַ פערטל פור. ... איך וווּנדער מיך נאָר, וואָס דער פויער האַלט אים — האָט זי פאַרגעזעצט מיטן איינ־געשפּאַרטן, ניכטערן רעאַליזם פון אַ דאָרף־מיידל, וואָס האָט אין דאָזיקן מאָמענט געזען בלויז דעם אינטערעס פון דערווירטשאַפט. ... אַנדערע עלעמענטן, פּאַטריאָטישע און פּאָליטישע, פלעגן באַדעקן דעם דאָזיקן פּרינציפּיעלן שטראָם פון זייער אַנשטעלונג ווי אַן אויבערפלעכלעכע דעק, וואָס מען האָט לייכט געקענט באַזייטיקן און וואָס האָט נישט אַנטהאַלטן

איך זיך קיין אונטערשיד צווישן דער אַרבעט פֿאַרן שונא און פֿאַר אייגע־נע״... (זייט 148).

עס איז געווען גענוג, אַז יאַנטאַ זאָל אַרויסזאָגן דעם נאָמען „סטאַ־שעק״ אָן שום „אַקצענט״, אַז וואַנדאַ זאָל צומאַרגן זיך אָפּרופֿן:

— „ווי אַזוי האָט ער דיך נעכטן גערופֿן דער פֿראַנצויז? ער האָט אַזוי גוט אַרויסגעזאָגט „סטאַשעק״, אַז איך האָב געשטוינט. ווען ער וואָלט וועלן, וואָלט ער זיך שנעל אויסגעלערנט פּויליש.

— צו פֿיל — האָט אַ בורטשע געטון סטאַשעק — אויסלערנען קען מען אים אָבער.

עס איז מיר הייס געוואָרן. זיי וועלן מיך אָנהויבן לערנען פּויליש? ניין, דאָס איז שוין אָן ספֿק די קרוינונג פֿון גראָטעסק און פֿון ... סכּנה (זייט 160־161).

טראָץ דעם האָט זיך די לערע אָנגעהויבן. פֿאַרשטייט זיך, ווי גע־ווײַנלעך אין אַזעלכע פֿאַלן — פֿון די אַמווײַניקסטן אויסגעזוכטע אויס־דרוקן, פֿון די אָרדינערסטע. דער אָרעמער יאַנטאַ האָט געמוזט איבער־דרייען די אויסשפּראַך כּדי נישט צו וועקן קיין חשד.

אָבער האָט קומען די חגאות פֿון „באָזשע נאַראָדזעניע״. סטאַשעק האָט אויסגעפֿונען אַ כאָינקע, דאָס מיידל האָט זי באַצירט. אין זייער קע־מערל אָרדענען זיי אײַן „אַ גוויאַזדקע״ און פֿאַרבעטן צ. אַ. אויך יאַנטען. זיי זינגען פּוילישע קאָלענדעס און ער מוז מאַכן דעם אָנשטעל, אַז נישט נאָר ער קען זיי נישט, אָבער אויך, אַז ער פֿאַרשטייט נישט. שפּעטער בעטן זיי אים, ער זאָל זינגען אַ פֿראַנצויזישע קאָלענדע. עס קומט אַ מאָ־מענט פֿון קאָנסטערנאַציע, ווײַל:

„איך מוז זיך מודה זײַן, אַז צווישן די צאָלרײַכע און צוגעגרייטע „נומערן, וואָס האָבן אין פֿאַל פֿון געפֿאַר אָדער חשד געדאַרפֿט מיר שאַפֿן אַן אַליבי ... האָב איך נישט געטראַכט אַרײַנצוציִען אויך אַ קאָלענדע... איך האָב מיך אויסגעלערנט דעם „פּאַציעזש... ... די „מאַרסעליעזע״... (זייט 273).

צום גליק: ... „עס ראַטעוועט מיך אין אַ געוויסער מאָס דאָס, וואָס איך האָב אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך בראָנפֿן, מיט וועלכן די פּאַ־ליאַקן זענען ברייטהאַרציק מכבד דעם „פֿראַנצויז״. איך באַשליס אונ־

טערן איינפלוס פונעם בראָנפן אָנצוטון זיי דאָס פאַרגעניגן. אַזוי ווי אָבער איך קען נישט קיין שום קאָלענדע און אַפילו די מעלאָדיע פון „קריסט־לעכע האַלב־נאַכט״ איז מיר אַרויס פון קאָפּ (די ווערטער פון דעם ליד האָב איך קיינמאָל נישט געקענט), מוז איך אויסקלויבן עפּעס אַ לידל פון דעם לייכטערן רעפּערטואַר... איך וואַקל מיך צווישן „איך האָב צוויי ליבעס״ 1) און „איך פיל מיך אַזוי קליין אין דיינע אָרעמס״ 2). איך באַשליס צו זינגען דאָס צווייטע, ווייל עס האָט אַ ריטם ענלעך צו אַ וויג־ליד. אין מיר טראַכט איך, אַז דאָס דאַרף פאַרטרעטן „שלאָף־זשע יעזוס״.

און אַזוי איז עס געגאַנגען. איך האָב מיך קיין איין מאָל נישט פאַר־האַלטן און נישט פאַרטשעפּעט. דאָס לידל איז זייער גינסטיק אויפגענו־מען געוואָרן.

— די פראַנצויזן זענען אויך אַ קריסטלעך פאָלק — האָט באַשקע געזאָגט צו וואַנדען, נאָכדעם ווי איך האָב פאַרענדיקט מיין געזאַנג״. (זייט 274).

כדי נישט איבערצורייסן דעם גאַנג פון דער דערציילונג האָב איך נישט געמאַכט קיין פאַרגלייך מיט סיטואַציעס „אויף אַרישע פּאַפּירן״. מען וואָלט עס געדאַרפט טון נאָך יעדע פּאָר זאַצן. דאָ, איז אָבער שווער זיך אָפּצוהאַלטן פון מאַכן אַ באַמערקונג. צי דערמאָנט נישט די אויביקע סצענע עקשנותדיק אין דעם, אונדז שוין באַקאַנטן ייִד, דעם חסיד בער ריטשעוואָל, וועלכער האָט — אָנגייענדיק פאַר אַ קלויסטער־דזיאַד געמוזט איינמאָל אַגב אויך בעת „באָזשע נאַראָדזעניע״ דערציילן קאַטוילישע לעגענדעס?

זעט אויס, אַז יאַנטאַ־פּאָלטשינסקי האָט גוט געשפּילט זיין ראָלע פון פראַנצויז, וואָס ווייסט אַבסאָלוט גאָרנישט וועגן פּאָליאַקן און פּוי־לישקייט ווייל... ווען ער באַשליסט (נאָך אַ סך איבערלעבונגען) צו אַנט־לויפן פון געפאַנגענשאַפט דערמאָנט אים יאַסיעק ביים אויסבאָרגן אים זיין ציווילן מאַנטל:

---

1) אַ „שלאַגער״ פון דער באַאַקנטער פראַנצ. קאַבאַרעט־זינגערין זשאָזע־פין באַקער.

2) אַ פראַנצויזיש ליבע־לידל.

— „נאָר גערענק, אַז דעם „פּ״ 1) מוזטו אַראָפּנעמען פונעם מאַנטל. קיין פּויליש קענסטו נישט און מען וואָלט דיך דעריבער געכאַפּט. אַלץ וועט דיר געלינגען אָבער די ראָלע פון אַ פּאָליאַק וועסטו נישט קענען שפּילן״ (זייט 346).

**
*

יאַנטאַס חבר (דער פּריזער דערמאָנטער לעאָן מיראָסלאַווסקי, וועל־כער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ פראַנצויז — מאַרסעל בוטאָן) האָט אויך געאַרבעט צוזאַמען מיט פּאָליאַקן (אין אַן אַנדערער דייטשער ווירט־שאַפט). אויך אים פלעגט כסדר אויסקומען צו קעמפן מיט פאַרשידענע רעפלעקסן פון פּוילישקייט בשעת די פערזענלעכע קאָנטאַקטן מיט פּאָ־ליאַקן. איינמאָל אָבער האָט ער זיך „אַרויסגעכאַפּט״: ביי דער אַרבעט האָט ער זיך, אומפאַרזיכטיק אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד, געווענדט צו זיינע פּויליש־רעדנדיקע שכנים אויף ... פּויליש. — אַהאַ, איר זענט אַ פּאָליאַק?!״... נישט האָבנדיק קיין ברירה האָט ער זיך מודה געווען און געבעטן זיי זאָלן אָפּהיטן דעם סוד. די פּאָליאַקן האָבן אָבער נישט אויסגעהאַלטן. זיי האָבן פאַרשפּרייט די ידיעה״ (זייט 180).

און אָט געפינען מיר זיך ווידער אין סאַמע צענטער פון דער פּראָב־לעמאַטיק און פון די שטימונגען, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס טאָג־ טעגלעכע ברויט פון ייִדן אויף „אַרישע פּאַפּירן״: דאָס געפיל פון אַ פאַרפאָלגטן, אַ פאַריאָגטן אין אַ טעמפּ ווינקל. ... ...

נישט געקוקט דערויף, וואָס די ידיעה איז נאָך נישט דערגאַנגען צו די דייטשן, פילט לעאָן, אַז דער סוד געהערט שוין נישט צו אים אַליין; אַז פון דעם מאָמענט אָן איז שוין זיין לעבן אָפּהענגיק פון אַ צו־פאַל, פון אַ קאַפּריז. ... שטאַרק אויפגערעגט, אַרויסגעפירט פון גלייכ־געוויכט... לעבט ער איבער אַ שרעקלעכן אינערלעכן אומרו.

— „הער אויס — זאָגט ער שנעל — וואָס קלערסטו וואָלט מיט אונדז געשען, ווען עס גיט זיך אויס, ווען מען דערוויסט זיך, אַז מיר זענען פּאָליאַקן?״ (זייט 171). (אַגב, האָבן ייִדן נישט געהאַט קיין ענלע־כע ספקות!).

1) די פּאָליאַקן וואָס זענען געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד האָבן געמוזט טראָגן אַ „פּ״ אויף דער ברוסט.

ווען יאַנטאַ האָט זיך דערוווּסט וועגן זיין חברס אומפּאַרזיכטיקייט האָט אים „אַ געפיל פון מורא צונויפגעפרעסט דאָס האַרץ, אַזוי ווי דאָס קלינגען פון אַן אַלאַרם־גלאָק" (זייט 176).

איבערגעבנדיק דעם ווייטערדיקן געשפּרעך שרייבט יאַנטאַ: „עס באַהערשט מיך אַ געפיל פון רעוואָלט, אַ טייוולאַנישע פּרעטענזיע צו לע־אָנען, ווייל ער האָט נישט אַכטונג געגעבן, ווייל ער האָט זיך געלאָזט פּאַרפירן, ווייל ער איז דורכגעפאַלן. איך זאָג: דער שפּיל איז געווען אַ טאָטאַלער. אַלץ געשטעלט אין קאָן, די צוקונפט, די רעטונג".

לעאָן לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. ער ענטפערט קורץ און אַנטשלאָסן: איך האָב פּאַרשפּילט. דערביי שווימען תיכף אויף די אייביקע פראַגן: „צי האָסטו געזאָגט עפּעס וועגן מיר? דו האָסט אפשר דערמאָנט, אַז דו ביסט נישט אַליין? זיי האָבן אפשר אַ חשד, אַז אויך איך"...

איר וועט אַוודאַי זאָגן: סוף כל סוף ווייסן דאָך וועגן דעם סוד בלויז פּאָליאַקן: זיי האָבן דאָך זיכער נישט קיין סיבה צו מסרן אַ זייע־ריקן; פּאַרקערט. יאָ, יאָ, דער סוד איז שוין אָבער נישט אָפּהענגיק פון גוטן אָדער שלעכטן ווילן. דאָ קומען שוין צו אַנדערע עלעמענטן: די מענטשלעכע שוואַכקייט צו רעדן, פּאַרשטאַרקט דורך דער נייגעריקייט, חידוש און לסוף דורך דער מורא.

אַ רגע גיט אויך דער פּאַרפּאָלגטער אַ טראַכט: „און אפשר זאָל איך פון דעם אַלעם פּרווון מאַכן אַ וויץ"?

ער רעדט דאָך עטלעכע שפּראַכן, טאָ וואָס איז פּויליש אויך. צו שפּעט. די אויפמערקזאַמקייט איז שוין קאָנצענטרירט אויף אים. דעם חשד וועט שוין קיינער נישט אָפּווענדן. אויב די דייטשן וועלן בלויז פּרווון פעסטצושטעלן זיין אידענטיטעט — וועט זיך אַלץ סיי ווי סיי אויסגעבן". דאָס זענען אויך באַקאַנטע ענינים. מיר קענען אויך זייער מעכאַניזם.

פּונקט ווי אַ שעדלעכער באַציל פּאַרשפּרייט זיך די ידיעה און זי דערגייט צו די דייטשן. לעאָן ווערט אַרעסטירט. אונטער זיין קאַלך־ווייס פּנים איז נישטאָ קיין טראָפּן בלוט. שפּעטער קומט די אויספאָרשונג און ער ווערט דערשאָסן.

„מאגדע און וויאטעק (וועלכע זענען געווען די ערשטע גורמים פון

לעאָנס דעקאָנספּיראַציע) לעבן אין שרעק. דאָס געוויסן לאָזט זיי נישט רוען. זיי ווייסן נישט „אויף זיכער וועמענס שולד ס׳איז“. דער דערמאָרדעטער וועט אָבער צוליב דעם נישט צוריק לעבעדיק ווערן און יאַנטאַ?

„איך ווער אָבערגלויביק, אָנגעשפּיצט. איך טראַכט אַ סך וועגן טויט. מען דאַרף זיך צו דער דאָזיקער עווענטואַליטעט צוגעוווינען, אַריינרעכענען זי צו די נאָענטע מעגלעכקייטן, געפינען לגבי איר אַ ניכטערע שטעלונג פון אַ מער ווייניק אינטעליגענטן מענטש“.

אין שייכות מיט לעאָנס דורכפאַל וואַקסט אויס אַ הויפּן השערות. די דייטשן (און אַפילו די פּאָליאַקן) טראַכטן אויס גאַנצע ראָמאַנען וועגן זיינע פאַרדעכטיקע כוונות. דער אָרעמער לעאָן וואַקסט אויס צו דער מדרגה פון עפּעס אַ טייוול. מיר געדענקען, אַז אַן ענלעכער קלימאַט פלעגט זיך שאַפן אַרום די געכאַפּטע ייִדן. אויך זיי האָט מען חושד געווען אין פערפידע מאַכינאַציעס. אַז די סיבה פון זייער אויסבאַהאַלטן זיך און פון זייער „געהיימניש“ קען זיין — פּשוט: דאָס ווילן אויסמיידן דעם טויט, וואָס האָט אויף די דאָזיקע מענטשן געלויערט, דאָס האָט — זעט אויס — די אָרגאַניזאַטאָרן פון מאָרד זיך נישט געלייגט אויפן שכל.

***

צו די איבערגעבליבענע פּראַנצויזן האָבן די דייטשן געזאָגט: „מאַרסעל קאַפּוט“. גוט אַזוי. וואָס האָט איר, פּראַנצויזן, זיך צו קימערן וועגן אַזאַ פינצטערן טיפּ? „ער האָט דאָס, וואָס ער האָט פאַרדינט“ (זייט 190). אָדער נאָך דייטלעכער: „... דאָס וואר נור איין פּאָלען! בלויז פּאָליאַקן! וואָס קען דאָס אָנגיין פּראַנצויזן?“ (זייט 192). (ווי גוט געדענקען מיר דעם באַרימטן סלאָגאַן: „דאָס איז דאָך בלויז אַ ייִד, וואָס קען ער אָנגיין פּאָליאַקן?“).

עס איז שווער אויסצורעכענען אַלע ענלעכקייטן. עס איז אויך אָבער שווער אַדורכצולאָזן די באַזונדער טיפּישע. למשל: „יאַנטאַ קען דייטש. אין אָנהויב האָט ער זיך צו דעם נישט מודה געווען, מורא האָבנדיק די דייטשן זאָלן אים נישט נעמען פאַר אַ דאָלמעטשער. שפּעטער, שוין אין

דאַרף (ווו עס דראָט שוין נישט די דאָזיקע עווענטואַליטעט) באַנוצט ער די דייטשע שפּראַך צו טאָג־טעגלעכע, פּראַקטישע צוועקן. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז „מיין קענטעניש פון דער דייטשער שפּראַך האָט שטאַרק געווונדערט די דייטשן אויך דאָ אין דאָרף. פאַר אַ פּראַנצויז — פלעגן זיי זאָגן — איז דאָס באמת אויסערגעוויינלעך. ווען ער וואָלט וועלן, וואָלט ער געקענט זיך אָנגעבן פאַר אַ דייטש און קיין לעבעדיקער נפש וואָלט נישט חושד געווען, אַז ער איז אַ פרעמדער. איך האָב געדרייט ווי איך האָב נאָר געקענט, כדי זיי אויפצוקלערן מיין ליבשאַפט צו דער דייטשער ליטעראַטור, מיין פריינטשאַפט מיט דייטשע סטודענטן אין פּאַריז און מיין עקשנותדיקן ווילן אויסצולערנען זיך די דאָזיקע שפּראַך... דאָס האָט נישט געהאָלפן... מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך געמוזט אויפסניי אַלץ איבערחזרן און אויפקלערן" (זייט 132). (באַמערקונג: דאָס קענען די דייטשע שפּראַך האָט גורם געווען דורכפאַלן פון צאָלרייכע יידן, וואָס האָבן געלעבט „אויף אַרישע פּאַפּירן". דערפאַר טאַקע האָט די מערהייט יידן אויסבאַהאַלטן די אַזוי ... געפערלעכע קענטעניש).

„דאָס קענען דייטש — קלערט אויף יאַנטאַ־פּאָלטשינסקי — האָט געצויגן אויפן געגעבענעם מענטש די אויפמערקזאַמקייט, דאָס האָט אים אויסגעצייכנט, אין דער צייט ווען די טאַקטיק האָט געפאָדערט צו טון אַלץ וואָס מעגלעך, כדי נישט צו זיין „וויכטיק". (זייט 85 א. אַ.). „דאָס בעסטע איז געווען צו האָבן דעם שם פון אַ אידיאָט, ווייל דאָס האָט בלויז אַרויסגערופן רחמנות".

דאָס אַלץ מישט זיך צונויף מיט אַן אינערלעכן בונט קעגן דער גע־וואַלטיקער דעקלאַסיפיקאַציע. (מיר געדענקען דערביי, אַז אויך וועגן דעם ענין איז שוין אין בוך דערמאָנט).

און איצט אַ פּאָר ווערטער בלויז אין שייכות מיט די אייגנשאַפטן פון דער סביבה אָדער — ווי מען פלעגט דאָס אין יענע צייטן שיין אָנ־רופן — מיט די ראַסן־אייגנאַרטיקייט. מיר ווייסן, אַז יידן, וואָס האָבן געלעבט „אויף פּאַפּירן" זענען אין דעם פרט געווען באַזונדער פילבאַר — אין באַצוג צו אַנדערע יידן. עס איז גאָר אינטערעסאַנט, וואָס די זעל־בע טענדענץ דערשיינט ביים מחבר פון דעם, דאָ אַנאַליזירטן טאָג־בוך. ביי אַ פּאָליאַק — לגבי פּאָליאַקן. „וואַנדעס געפיל־פּאָטענציאַל, וועלכן זי

האָט אויף יעדן שריט אַרויסגעוויזן אָן שום באַגרענעצונגען אָדער ראַמען" — האָט זיך אים — „אויפֿן דאָזיקן באָדן אַרויסגעוויזן עקזאָטיש און זשעניִרנדיק". אירע נישט באַהאַלטענע רעאַקציעס אויף יעדן בריוו, אויף יעדן געשפּרעך וועגן דער היים (וואָס פֿלעגט זיך אַגב תמיד ענדיקן מיט טרערן) האָבן ביי די דייטשן אַרויסגערופֿן ביטול. „וואָס פֿאַראַ אַנדערע מענטשן, די דאָזיקע פּאָליאַקן"... (זייט 154). דעם מחבר רעגט אויף טיילמאָל איר „פּלאַפּלען", אַן אַנדער מאָל דאָס, וואָס ״זי הערשט נישט איבערן טאָן פֿון איר קול, וואָס זי רעדט תמיד מיט אַ טאָן צו הויך" א. אַ. וו. (איך וועל דאָ נישט איבערחזרן, אַז די דאָזיקע שטריכן האָט מען אין פּוילן געהאַלטן פֿאַר „ראַסיש" ייִדיש. אינטערעסאַנט איז אָבער דאָס, וואָס אַפֿילו מיט קרבנות זענען, אונטערן איינפֿלוס פֿונעם קלימאַט, געווען גענייגט צו פֿאַראַלגעמיינערן די דאָזיקע אינדיווידועלע אָדער סביבהשטריכן און צו משפּטן לויט זיי אַ גאַנץ פֿאָלק, אָדער אַפֿילו די ראַסע, אָננעמענדיק אַזוי אַרום די טעזן פֿון שונא).

כאַראַקטעריסטיש איז אויך (צוליב פֿאַרגלייך־עלעמענטן!) די מעכאַניק פֿון די מאָטיוון, וואָס האָבן — אינעם באַנעם פֿון די דייטשן — באַשטעטיקט די מיינונג פֿון דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע וועגן פּאָליאַקן. פּאָליאַקן זענען באַרבאַרן, מענטשן פֿון אַ נידעריקער מדרגה. א באַווייז? זיי האָבן אים. אַפֿילו דער אויסערלעכער אויסזען זייערער באַשטעטיקט עס: די פּוילישע אַרבעטער זענען דאָך געקומען פֿון פּוילן אָפּגעריסענע און אויסגעהונגערטע; ערשט ביי זיי, ביי די דייטשע „באַוערס" האָבן זיי זיך אָנגעגעסן און אָפּגערייניקט. די פּאָליאַקן זענען דעריבער הונגעריקע און זיי די בעלי טובֿות. ווי האָט דער ענין אָבער אויסגעזען אין דער ווירקלעכקייט? די פּאָליאַקן זענען טאַקע אָנגעקומען אָפּגעריסענע און הונגעריקע. אָבער פֿאַרוואָס? „מען האָט זיי גאָרנישט געלאָזט מיטנעמען פֿון דער היים, געכאַפּט אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען. שפּעטער איז געקומען די קאַראַנטען אין קראָקע און דאַן די לאַנגע נסיעה אין שמוץ, קעלט און הונגער"... (זייט 150, 271 א. אַ.).

די מיינונג וועגן פּוילן ווי אַ „לאַנד פֿון אונטערמענטשן פֿלעגן אויך באַפֿעסטיקן די דייטשע זעלנער, וואָס פֿלעגן פֿון פּוילן אַהערקומען אויף אורלויב. „זייערע דערציילונגען האָבן אַלץ מער באַפֿעסטיקט די ... מיי־

נונג פון די דייטשן וועגן פּוילן, ווי וועגן אַ לאַנד פון אָפּגעשטאַנענקייט, אָרעמקייט און שמוץ". דער מחבר באַמערקט מיט רעכט: „קיינער האָט נישט גענומען אין אַכט די אָקופּאַציע־באַדינגונגען אָדער די פאַרניכטונ־גען, וואָס זענען געווען אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה. אַלע האָבן בלויז באַשולדיקט די פּאַליאַקן" (זייט 231). מיר פון אונדזער זייט ווילן נאָך צוגעבן: ענלעך (אָבער אין אַ גיגאַנטישער מאָס!) האָט מען פריִער באַ־רויבט די ייִדן און זיי צונויפגעפּרעסט אין גרויליקע באַדינגונגען, און שפּעטער האָט מען — ווי אַ בילד פון ייִדישקייט — געוויזן ייִדן אין שמאַטעס און דעם „פּייזאַזש" פון געטאָ!

און ענדלעך, צום סאַמע סוף פון דעם דאָזיקן פאַרגלייך־איבערזיכט, אַ ביסל אָפּגעריסענע ציטאַטן וועגן די געפילן פון אַ פאַרפאַלגטן מענטש (דאָס מאָל אַ פּאַליאַק אויף ... פראַנצויזישע „פּאַפּירן"). אָט למשל:

„... אומגלויבלעך זענען די דאָזיקע געשעענישן, ווען מען קוקט זיך צו זיי צו אַ ביסל פון דער זייט, אָפּגעריסן פון זיך אַליין. זיי געהערן צו די, וואָס טרעפן זיך ביי אַנדערע מענטשן, קיינמאָל ביי זיך אַליין. זיי געהערן צו די דאָזיקע אוממעגלעכע פאַרפאַלן, וואָס קלינגען פאַלש ווען מען דערציילט זיי, אָדער אַפילו ווען מען דערזאָגט זיי אין זכרון".

אָדער:

„טראָץ דעם וואָס דאָס שפּילן די ראָל איז שוין איבערגעגאַנגען אין אַ געוווינהייט ... האָט אָבער יעדע דערמאָנונג פון דער לאַגע און יעדעס פאַרשטעלן די סכנות אַרויסגערופן אַן אויפטרייסלונג, וואָס האָט אַלע מאָל מיט דעם זעלבן כוח פאַרניכטעט די מכלומרשטע רויִקייט... פון דער עקזיסטענץ". (זייט 163־164).

„ווער ... האָט עס, ווען עס איז, גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר חלומות? און אין אַנהויב האָבן דווקא די חלומות געמאַ־טערט מיין נשמה מיט אַן אונטערערדישן שטראָם פון אָזויפיל ענדערונ־גען, זיי האָבן אונטערגערוקט אַזעלכע וויזיעס פון גרויל, אַז איך פלעג פון זיי אַנטלויפן צוריק צום באַוווסטזיין ווי צו אַ רעטונג. — ... צו וואָס אַזויפיל אָנשטרענגונג... ווען איין שעה פון שלאָף קען אַלץ אויסגעבן, חרוב מאַכן, צעשטערן?... אַ מענטש וואָס שלאָפט אומרויִק און נערוועז,

קען לייכט אויסגעבן זיין סוד, פשוט אויסגעבן זיין פוילישקייט רעדנדיק פון שלאָף". (זייט 164־165).

און אויף אַן אַנדער אָרט:

„... די געפאַר וועגן וועלכער מען ווייסט נישט — עקזיסטירט נישט. זי ווערט אָבער רעאַל אין אונדז אַליין פון דעם מאָמענט ווען זי דרינגט אַריין אין אונדזער באַוווסטזיין און הויבט אָן לעבן אין דער פאַנטאַזיע. אַפילו ווען זי וואָלט געווען אַן אויסגעטראַכטע, אַפילו ווען זי איז נישטאָ — איז זי פאָרט פאַראַנען. עס גענוגנט, וואָס מען גלויבט אין איר און מען טראַכט וועגן איר, ווי וועגן אַן אמתער זאַך". (זייט 192). און ווייטער:

„די קונסט פון לעבן איז געווען די קונסט פון קאָמפּראָמיס. די פרייד פון לעבן איז געווען די קונסט פון גלייכגעוויכט צווישן דעם געדענקען און פאַרגעסן, פונעם פאַרבייטן די פאַרגאַנגענהייט מיט דעם, וואָס עס האָט געקענט ברענגען דער מאָרגן, אָדער וואָס עס האָט געטראָגן דער היינט, יאָ, הויפּטזעכלעך דער היינט... איך לעב שוין בלויז מיט דער פאַרנייגונג פון אַלעמען, וואָס איך האָב ליב געהאַט..." (זייט 209־210).

אַזוי שליסט זיך דער קרייז פון די פון זיך אַבסאָלוט אומאָפּהענ־גיקע, בפירוש אמתע ענלעכקייטן און מען דאַרף — גלויב איך — אָנער־קענען, אַז ער שליסט זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פּרעציזקייט. מען מוז מודה זיין, אַז עס איז פאַראַנען עפּעס אַ משונהדיקע לאָגיק אין די אַלע — שוין נישט אנאַלאָגיעס נאָר כמעט אידענטישע געשעענישן, סי־טואַציעס און קאָנפליקטן. און מער ווי אַלץ: אין די געפיל־רעאַקציעס. טראָץ דעם אָבער, נישט געקוקט דערויף, וואָס די שוועריקייטן און סכנות מיט וועלכע ס'האָט געמוזט קעמפן יאַנטאַ־פּאָלטשינסקי, זענען אַזוי ענ־לעך געווען צו די אויף וועלכע עס האָבן אָנגעטראָפן יידן אויף „אַרישע פּאַפּירן", קען מען זיי — נעמענדיק אין אַכט די שפּאַנונג־שטאַפּלען — אַפילו נישט פאַרגלייכן. ער האָט דאָך נישט געהאַט הינטער זיך נישט די געטאָס און לאַגערן, נישט די מאַסן־מאָרדן, וואָס האָבן אָוועקגעריסן די נאָענטסטע. ער האָט זיין וועג נישט מיטגעמאַכט אין אַ לופט, וואָס זאָל זיין פאַרסמט ביז דער העכסטער מדרגה דורכן סם פון פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער „ראַסע", וואָס ער האָט זיך באַמיט צו פאַרטייען. נישט קעגן אים האָבן געווירקט די בייסנדיקע כוואַליעס פון טויזנטער ראַדיאָ־האָוו־

קערס, די דייטשע און היימיש־פּאַרקויפטע פּרעסע, ביכער און ספּעציעל אָרגאַניזירטע אויסשטעלונגען, פילמען, פלוג־בלעטלעך, אַפישן, מענטשלעכע פּאַרברעכערישקייט, מענטשלעכע פּינצטערקייט, מענטשלעכע שלעכטקייט און גיריקייט. ער האָט נישט געהאַט הינטער זיך קיין שאַנטאַזשיסטן. די טאָגטעגלעכקייט פון דורכפאַלן און דעם טויט פון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, וואָס זענען געגאַנגען אויפן זעלבן וועג, וואָס ער אַליין. אַזעלכער אָבער איז געווען דער קלימאַט פונעם לעבן פון אַ ייִד „אויף פּאַפּירן", די סטעזשקעס אויף וועלכע ס'האָבן זיך געשאַרט מענטשן, נישט צוגעווינטע צו קיין אַוואַנטורעס, און צווישן זיי זקנים, פרויען און קינדער. צונויפזאַמלענדיק דאָס אַלץ וועלן מיר זיך קענען מאַכן אַ בילד וועגן דער מאָס פון שטאַנדהאַפטיקייט, אָנשטרענגונגען און אינערלעכע קאַמפן, מיט וועלכע עס זענען אויסגעלייגט געווען די אויבן־באַשריבענע סטעזשקעס. דאָס איז אָבער בלויז איין אַספּעקט פון די ענלעכקייטן.

דער צווייטער אַספּעקט, דאָס איז די אויסשפּראַך פון די אויסגעוויזענע אַנאַלאָגיעס, דער לייענער דאַרף זיי גוט פאַרשטיין. אַזוי איז געשען, אַז די הויפּנס טויטע און די, דורך זיי געשאַפענע שטימונגען און באַגריפן, זענען מיט דער צייט אויסגעוואָקסן צו אַ סווערענעם מאַסיוו. אַפילו די רעאַקציע פון די געמאָרדעטע האָט מען גענומען באַצייכענען ווי כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער „ייִדישער ראַסע" און מיט זיי פלעגט מען ווידער באַפעסטיקן די ראַסן־נאַרישקייטן.

פאַרשטייט זיך, אַז קעגן אַ קלימאַט קען מען אָפּטמאָל קעמפן. עס איז אָבער שווער פון אים זיך צו באַפרייען. זיינע רעפלעקסן קריצן זיך איין און באַאיינפלוסן. זיי רופן זיך אַמאָל אָפּ אַפילו אין די אינסטינקטיווע רעאַקציעס. דער כישוף פון דעם דאָזיקן קרייז קען אויסגעדריקט ווערן מיט דעם, וואָס מען האָט ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט געזאָגט וועגן דעם אַקצענט: „דער מענטש איז דאָך נישט בכוח זיך אַליין צו הערן. ער מוז זיך רעכענען בלויז מיט דער מיינונג פון זיינע פריינד"... די דאָזיקע מיינונג איז אָבער אויך נישט פריי פון פאַרשידענע נישט ווילנדיקע און נישט באַוווּסטזיניקע איינפלוסן... דאָס איינציקע מיטל איז — ווי שוין געזאָגט — אַרויסרייסן זיך פונעם דאָזיקן קרייז, אַ קוק געבן אויף אים פון דרויסן. טאַקע אַזאַ בליק דאַרף געבן דער אויבן־דורכגעפירטער אנא־

ליז פון די איבערלעבענישן פון אַ נישט־ייִד, וועלכער האָט זיי פאַרשריבן לשם זכרון, נישט פילנדיק אַפילו — וואַרשיינלעך — די אַלע אַספּעקטן. ווי אַ רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן אַנאַליז און פון די פאַרגלייכן ווייזן די, דורך דער פּסיכאָזע געשאַפענע פלויטן, זייער גאַנצע נישטיקייט און גע־קינצלטקייט. פון דער צווייטער זייט אָבער ווערט אַלץ קלאָרער און שטאַרקער אַן אַנדערע פּאַרטיילונג. אַ פּאַרטיילונג אויף אַזעלכע וואָס אָרגאַניזירן דעם פּסיכאָז (אין פאַרשידענע ניואַנסן) לטובת זייערע פאַר־ברעכערישע צילן און אויף אַנדערע, וואָס אומאָפּהענגיק פון אַלע פינצ־טערע כוחות, האַלטן זיי איין, אין די ערגסטע מאָמענטן, זייער ווידער־שטאַנד־כוח און רייסן זיך דורך יעדן חשכות צום הייליקן רעכט פון מענטש, צום פרייהייט.

ניינטער טייל:

דאס פראבלעם פון כבוד

צענדליקער פּראָבלעמען זענען באַהאַנדלט געוואָרן, אָפטמאָל אַפילו זייטיקע, אַזעלכע וואָס האָבן נישט קיין דירעקטן שייכות צום ענין. דאַ־קעגן האָט מען ביז איצט קיין איין מאָל נישט אָנגעשטעלט די פראַגע, וואָס וואָלט אייגנטלעך באַדאַרפט שטיין אויפן ערשטן פּלאַן. די דאָזיקע פראַגע קען מען פאָרמולירן אַזוי:

— צי איז נישט אַמאָל דאָס אויסקלייבן דעם וועג פון די „אַרי־שע פּאַפּירן" (מיט אַלע זיינע באַגלייט־דערשיינונגען, פּועל־יוצאס און קאָנסעקווענצן) געווען אין סתירה צו די מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע געפילן פון ערע און חשיבות לגבי זיך אַליין און דעם פאָלק?

ביז איצט איז די דאָזיקע פראַגע רעכט נישט באַרירט געוואָרן. מען איז געווען טיף איבערצייגט, אַז מיט דער דערשיינונג פון „אַרישע פּאַפּירן" (די דערשיינונג „אַזאַ ווי זי איז!") האָט די דאָזיקע פראַגע קיין שום שייכות נישט. זי איז פּשוט נישט קיין זאַכלעכע, נישט אויפן אָרט.

לאָמיר זשע אָבער באַטראַכטן דעם ענין אַ ביסל ברייטער:

ווען אַ שיף טרינקט זיך און עס זענען פאַראַן מעגלעכקייטן (אַלץ איינס צי פּראַקטישע, צי עס ווייזט זיך בלויז אויס...) אַז דאָס פאַרבלייבן לענגער אויף דער שיף קען נאָך וועמען ברענגען נוצן (ד. ה. העלפן ראַ־טעווען די שיף, די פּאַסאַזשירן וואָס געפינען זיך אויף איר), דעמאָלט...

— און דאָס איז דער אמת! — אַנטלויפן די ערשטע פון דער אונטער־גייענדיקער שיף — די שטשורעס.

פונדעסטוועגן:

ווען דאָס וואַסער דערגייט שוין צו דער אויבערשטער דעק און דאָס ווייטערדיקע בלייבן אויף דער שיף קען שוין קיינעם נישט ברענגען קיין נוצן — נישט דער שיף און נישט די מענטשן, פאַרקערט — מיט דער דריקנדיקער משא פונעם אייגענעם גוף דערנענטערט מען דערמיט דאָס בשותּפותדיקע אומקומען — דעמאָלט איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די

מענטשן שפּרינגען אין ים און פּרוּוון שווימען — אַפילו ווען זיי ווייסן פון פאָראויס, אַז זיי האָבן נישט קיין שום אויסזיכט און האָפענונג זיך צו ראַטעווען; עס איז אויך אינגאַנצן נאַטירלעך אַרונטערצולאָזן די רעטונג־שיפלעך און אַראָפּוואַרפן די הילפרינגען און פּאַסן.

פון דעם אַלעם וואָס מיר האָבן געזאָגט אין די אַריינפיר־קאַפּיטלען (וועגן די עטאַפּן פון די „אַרישע פּאַפּירן", וועגן דעם פּסיכישן ווידערשטאַנד־כוח און אויסדויער וואָס עס איז דערמיט פאַרבונדן, וועגן דעם פאַרנעם און אופן פון די פאַרשידענערליי פאַקטאָרן וואָס האָבן צונישט געמאַכט דעם דאָזיקן ווידערשטאַנד א. אַ. וו.), דרינגט אַרויס, אַז דאָס רעספּעקטירן, דאָס האַלטן זיך ביי די כלערליי מאָראַלישע פּעדים האָט איבערגעשטיגן (ווייט און לאַנג!) יעדער לאָגיק. מ'איז נישט בלויז פאַרבליבן אויף דער אונטערגייענדיקער שיף אַפילו נאָך דעם, ווען ס'איז שוין מער נישט געווען קיין שום האָפענונג זיך צו קענען האַלטן אויף איר, נאָר מ'האָט נאָך אין צווישנצייט אַפילו דערלאַזט דערצו, אַז די פּאָטענציעל־עקזיסטירנדיקע רעטונג־שיפלעך זאָלן אויך פאַרניכטעט ווערן.

ס'איז וואָס אַן אמת געווען אַ גרויסע צאָל מענטשן, וואָס האָבן אַפילו אין לעצטן מאָמענט (צומאָל נישט אָן שום סיבות) נישט פאַרלאָזט די רעשטלעך פון דער צעקלאַפּטער שיף. געפינענדיק זיך שוין ביים סאַמע אָפּגרונט, האָבן זיי נישט געזען פאַר זיך קיין אַנדערן אויסוועג און — שוין בעסער געוואָלט וואָס־גיכער אומקומען, איידער ערשט גיין נעמען אויפסניי אָנהויבן וואַנדערן איבערן ים פון אומצייליקע סתירות און ווידעראַנאַנדן. אָדער צוליב דעם, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט אַליין בלייבן לעבן און צוזען דעם טויט פון זייערע נאָענטע. אָדער גאָר נאָך דערפאַר, וואָס נאָכן דאָזיקן אומקום־מבול פון גאַנצן אַרום האָבן זיי נאָך געזען עפּעס אַ זין בלויז — אין אייגענעם טויט, אין דעם וואָס זיי וועלן אויך זיך געפינען צווישן די אומגעקומענע, און נישט אינעם אייגענעם בלייבן לעבן, אינעם איבערלעבן.

געוויס פאַרמאָגן אין זיך אַזעלכע פאַלן אַ סך פּאַטאָס; דער דאָזיקער פּאַטאָס וועט זיכער אויפגעהיט ווערן אין זכרון צוזאַמען מיטן געדעכעניש וועגן זיי אַליין. אָבער דאָס אַלץ האָט שוין נישט קיין שייכות צו אונדזער ענין. און אַוודאַי נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט די אומגליקלעכע, וואָס

האָבן זיך געוואָרפן אין ים אַריין. יענע האָבן נאָר געטון, וואָס ס׳האָט זיי דיקטירט דער פּשוטער שׂכל און אויך זייער פּערזענלעכע אומדערשיטער־טע איניציאַטיוו.

פון דער אַנדערער זייט ווידער זענען נישט פאַראַן קיין שום סיבות, אַז מ׳זאָל שוין אינעם בלויזן פאַקט פון לאָזן זיך אויפן דאָזיקן וועג, אָדער פאַרנעמען זיך מיט העלפן דערצו אַנדערע — זען דערין אַ הויכע מאָראַ־לישע קוואַליטעט. אין גרעסטן טייל פאַלן האָט עס זיך דאָך געהאַנדלט פּראָסט און פּשוט אין ראַטעווען בלויז דאָס אייגענע לעבן.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט איז דאָס אָוועקגעשטעלטע פּראָב־לעם, ווי מיר האָבן אויבן געזאָגט, אין דער דערשיינונג וואָס הייסט „אַרישע פּאַפּירן" — אינגאַנצן נישט פאַראַן: נישט אין נעגאַטיוו און נישט אין פּאָזיטיוו זין.

דאַקעגן קען מען און מען מוז רעדן וועגן אַן אַנדערן מאָטיוו:

אין שייכות מיט די ניצול־געוואָרענע, וואָס האָבן זיך — נאָך אַ לאַנג־דויערנדיקן קאַמף מיט די צעבושעוועטע אומגעצוימטע לעבנס־כוואַליעס — ענדלעך דערשלאָגן צום ברעג, קומט נישט אויפן זין — וואָס אַן אמת — דער באַגריף וועגן דעם, צי זייער טאַט איז געווען „ווירדיק". צי נישט, נאָר קודם כל ווערט מיט פאַרשטענדלעכער באַוווּנדערונג גערעדט וועגן זייער שטאַרקן לעבנס־אינסטינקט און אויסדויער, וועגן זייער ענער־גיע, שטאָלץ און לעבנס־כּוח, וועגן דעם אַלעם, וואָס האָט זיי דערפירט גאַנצע צום ברעג. אויך לגבי די וואַנדערער איבערן ים פון די „אַרישע פּאַפּירן" דיקטירט די געוויינלעכע מענטשלעכע גערעכטיקייט אונטער־צושטרייכן דעם דאָזיקן מאָטיוו. דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן צוצו־געבן, אַז דער ים איז דאָס מאָל געווען אומגעהייער צעבושעוועט; אַז צום ברעג איז געווען אַ שרעקלעך גרויסער מהלך, און אַז מען האָט זיך מיט קיין שום שיפלעך נישט געקענט דערשלאָגן צו אים, נאָר (אין גרעסטן טייל) אויף צופעליק אָנגעטראָפענע (אָדער „דעראָבערטע") ברעטער און צעפוילטע בעלקעס; און צום סוף — אַז אין אַלגעמיין איז דער וואַנדער־עלעמענט באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום אַוואַנטוריסטישע נייגונגען און צוגרייטונגען. דאָס איז אַלץ.

**
*

צי באַטייט דאָס אַלץ, אַז אינעם באַהאַנדלטן קאָמפּלעקס פון די פאַקטן איז אינגאַנצן נישט געווען בנמצא קיין פראַגן פון מאָראַלישן כאַראַקטער? ניין, גראָד פאַרקערט. עס זענען טאַקע יאָ געווען, אָבער נישט אין שייכות מיט דער דערשיינונג „ווי אַזאַ", נאָר אינעם אויפפירן זיך אין אַלע געלעגנהייטן, וואָס זענען געוואָרן אָנגעוואָרפן דורך די כלערליי סיטואַציעס, אין וועלכע ס'איז זיך אויסגעקומען צו געפינען.

לאָמיר אויך דאָס דאָזיקע פּראָבלעם אילוסטרירן מיטן פריִער־געבראַכטן ביישפּיל:

אויב אַ שטייגער דער ניצול־געוואָרענער באַנוצט זיך — בכדי צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן — מיט די מיטלען וואָס געהערן אַנדערע און יענע פאַרלירן צוליב דעם די מעגלעכקייט זיך צו קענען ראַטעווען; אויב ער פאַרלייכטערט דערמיט זיך אין דער צייט פונעם וואַנדערן אויפן חשבון פון די אַנדערע, וואָס פאַלן צוליב דעם אין אָפּגרונט, — דעמאָלט נאָר איז זיין האַנדלונג אין סתירה צו דער אָנגענומענער עטיק און מענטשלעכער ווירדע: ער באַגייט דערמיט אַ פאַרברעכן. און אומגעקערט. אויב ער האָט — נישט געקוקט אויף די אַלע סכנות וואָס דראָען אים — אַליין נאָך געהאָלפן אַנדערע, שטעלנדיק דערמיט נאָך מער אין געפאַר דאָס אייגענע לעבן; אויב ער פאַרמאָגט אין זיך גענוג כוח, דרייסטקייט און גרייטקייט אונטערצונעמען זאַכן, וואָס זענען דיקטירט דורך העכערע אימפּעראַטיוון (און נישט בלויז בכדי צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן), שטעלט ער זיך אין קעגנטייל אויס דערמיט אַ באַשייניקונג פון אַ פּאָזיטיוו ווערטפולן מענטש, דאָס הייסט אַ מענטש מיט מאָראַלישע פאַרדינסטן.

אינעם געביט, וועגן וועלכן מיר רעדן דאָ — האָבן די האַנדלונגען פון דער ערשטער קאַטעגאָריע געהערט צו די אויסנאַם־פאַלן. דאַקעגן איז דאָס געביט פון פּאָזיטיווע טאַטן, אָן שום צווייפל, רייך און פאַרשידנאַרטיק: אָנהויבנדיק פון די אַלע, וואָס האָבן געאַרבעט — מיט „אַרישע פּאַפּירן" — אויף צענדליקער אופנים פאַר די געטאָס און לאַגערן, דורך הילף־קאָמיטעטן, קאַמף־גרופּן, פּאַרלעגערישע אַקציעס און קאָלפּאָרטאַזש ביז צו די פּילצאָליקע אַנאָנימע יחידים, וואָס האָבן געהאָלפן פאַרלייכ־

טערט, געראַטעוועט אויף זייער אייגענעם אָפּשניט, ווו זיי זענען געוועזן טעטיק. אַזוי זעט אויס דער אמת.

דער דאָזיקער אמת האָט אין די אומקום־יאָרן אויך באַנומען די מערהייט פון יידישן פאָלק, וואָס איז געווען פאַרמשפּט אויף אומקום. יעדן איינעם, וואָס האָט זיך געלאָזט „אויף פּאַפּירן", האָט מען געווונטשן מיט דער טיפסטער אויפריכטיקייט און גערירטקייט, אַז ער זאָל מצליח זיין, אויסדויערן און זיך דערשלאָגן צום ברעג. אומאָפּהענגיק פון דער מענטשלעכער פריינטלעכקייט האָט דאָ געווירקט דער באַוווסטזיין, אַז יעדעס געראַטעוועטע לעבן איז אַ דורכרייס אין די פּלענער פונעם בלוטיקן שונא: — און אויב דו וועסט בלייבן לעבן — האָט מען צוגעגעבן פון זיך און שיער נישט ווי אַ כלל — „געדענק! און דערצייל!" מחמת אינעם באַוווסטזיין פון די וואָס זענען שפּעטער אומגעקומען, וועט יעדער וואָס וועט איבערהאַלטן — זיין גלייכצייטיק אַן עדות פונעם אמת, צוליבן בלויזן פאַקט אַליין, וואָס ער האָט „דאָס אַלץ" צוגעזען און „דאָס אַלץ" אַליין מיטגעמאַכט, אַליין דורכגעלעבט.

איך דערמאָן זיך, ווי „בראָנעק" יאַקובאָוויטש פונעם יאַנאָווער גהיי־נום־לאַגער האָט אין זעלבן קאַרטל, אין וועלכן ער האָט מיר מיטגעטיילט 1), אַז ער האָט באַשלאָסן צו פאַלן, צוגעגעבן מיט גערירטקייט די פראַגע: „צי יאַנקען 2) איז גענוג וואַרעם?"

איך דערמאָן זיך אויך אַ צווייטן פאַל פון דער צייט, ווען איך בין אַליין געווען אַן אַרעסטאַנט פונעם דערמאָנטן לאַגער: פון אַ געוויסער בריגאַדע איז אַנטלאָפן אַן אַרעסטאַנט (וואָס האָט זיך שוין פון פריִער — ווי מיר זענען שפּעטער געוואָר געוואָרן — געהאַט באַזאָרגט מיט „פּאַפּירן"). גלייך ווי מען האָט באַמערקט, אַז איינער פון דער בריגאַדע איז נעלם געוואָרן, איז עמעצער פון דער גרופּע געלאָפן אַן איבערגעשראָ־

---

1) פאַרגלייך די ערשטע קאַפּיטלען פון מיינע פערזענלעכע זכרונות (אין 3טן טייל פון דאָזיקן בוך).

2) געמיינט יאַנקע העשעלעס (אויטאָרין פונעם שפּעטער באַוווסט געוואָרענעם „טאָגבוך פון אַ צוועלפיעריק מיידעלע", וועמען עס האָט זיך מיר איינגעגעבן אַרויסצורייסן פונעם לאַגער, און — מיט דער הילף פון דער מאַריאַנסקען און אַנדערע פריינט נישט־יידן — איינצואָרדענען „אויף פּאַפּירן"). איצט אין ישראל.

קענער צום בריגאַדיר דערציילן, אַז איינער פעלט. דער בריגאַדיר 1) האָט אויסגעהערט און אַ ווייל שטום געבליבן, זיין בליק האָט געזוכט אַן אַנ־שפּאַר אין דער ווייט. ער האָט זיך, זעט אויס, אָפּגעגעבן אַ חשבון פון דעם וואָס דערוואַרט אים. אָבער גלייכצייטיק האָט ער זיך אויך קלאָר געמאַכט דעם ענין פון אַ גאַנץ אַנדערן אַספּעקט, ווייל... ווען ער האָט ענדלעך צוריקבאַקומען ס'לשון, האָט ער (אָנשטאָט די קללות, וואָס אַלע האָבן דערוואַרט, זיי זאָלן זיך אַ שיט טון אויפן אַדרעס פונעם אַנטלאָ־פענעם) גאָר אַרויסגעבערענגט פון זיך אַ ביבלישן זאַץ: „געבענטשט זאָלן זיין זיינע פיס!" דער דאָזיקער פּסוק, וואָס האָט מיט זיך אויסגעדריקט אַ גאַנצן פּראָגראַם, איז תיכף געוואָרן פּאָפּולער. שפּעטער, בעת די ווײַ־טערדיקע פאַלן פון אַנטלויפן, האָט שוין דער דאָזיקער זאָג ביי די לאַגער־ניקעס אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ שפּריכוואָרט, ווי עפּעס אַ ברכה, אַ ריטואַלע פאָרמולע.

אַזוי איז די באַהאַנדלטע דערשיינונג פאַרשטאַנען געוואָרן דורך די, וואָס זענען געווען פאַרמשפּט אויף אומקום.

געוויסע ספקות און פאַרוואורפן האָבן זיך באַוויזן שוין נאָך דער מלחמה. כאַראַקטעריסטיש, אַז זיי זענען אַרויסגערוקט געוואָרן (מיט פאַרבאַהאַלטן, נישט דרייסט) דורך געוויסע ייִדן, וואָס זענען אַליין — זיך אויסצודריקן מיט דער באַצייכענונג פון ה. לייוויק — „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען". (מיט אַנדערע ווערטער: די וואָס האָבן פּערזענלעך נישט מיטגעמאַכט, נישט געהאַט די דערפאַרונגען פונעם היטלעריסטישן גהינום צוליב דעם, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אין אויסלאַנד, ווייט פון דער ווירקונגס־ספערע פון דער דייטשער אָקופּאַציע). צו דער דאָזיקער איינצלהייט מוז מען צוגעבן אַ באַמערקונג:

ס'זענען געווען מיינונגען (איבעריקנס ברייט דיסקוטירטע) וואָס האָבן אָפּגענומען די רעכט ביי די, וואָס זענען „אין טרעבלינקע נישט געווען" — צו נעמען אַ שטעלונג און אַרויסזאָגן זיך אויף דער טעמע — ווי אַזוי די פאַרפּייניקטע האָבן באַדאַרפט רעאַגירן און דער עיקר —

1) מיר דאַרפן געדענקען, אַז ווען אַן אַרעסטאַנט איז אַנטלאָפן האָט מען זייער אָפט — ווי אַ רעפּרעסיע — דערשאָסן זיינע קאָלעגן פון דער בריגאַדע, און דעם בריגאַדיר האָט מען קודם־כל צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

די רעכט אַרויסצוטראָגן אַ מאָראַלישן אורטייל איבער דעם אופן פון רעאַגירן.

די פאַרטרעטער פון דער דערמאָנטער איינשטעלונג זענען אַרויס־געגאַנגען פונעם שטאַנדפּונקט, אַז דער מענטש, וואָס האָט אַליין נישט איבערגעלעבט די אָקופּאַציע, איז נישט מסוגל ווי געהעריק תופס צו זיין יענע אמתן און במילא פאַרמאָגט ער נישט די גענוגנדיקע באַווייזן אַרויסצוטראָגן אַן אורטייל. מיט אַזאַ איינשטעלונג קען מען ווייט נישט דערגיין. פון איין זייט איז שטענדיק אויסגעקומען אַפּצושאַצן צענדליקער דערשיינונגען, וואָס מ׳איז אַליין קיין מאָל דערביי נישט געווען, און פון דער צווייטער זייט ווייסן מיר, אַז עדי־ראיה קענען אויך זיין סוביעקטיוו, איינזייטיק. אין איצטיקן פאַל איז דער גאַנצער ענין — לכל־הפּחות אין דער פּראַקטיק — זייער שטאַרק קאָמפּליצירט 1). מיר וועלן זיך דאָ נישט אריינלאָזן נעענטער צו באַטראַכטן די זאַך. מיר ווילן בלויז באַמערקן, אַז די אַלע באַוואָרענישן און קעגנערישקייט וואָלטן געמוזט אַרויסרופן אַזעלכע אורטיילן, וואָס וועלן אַרויסגעטראָגן אַן שום קענען גרינטלעך דעם ענין, אָדער — וואָס באַהאַנדלען אים צו... לייכט.

די דאָזיקע פאַרוואורפן קען מען נישט מאַכן י. עפּרויקינען, וואָס האָט זיינע מיינונגען אַרויסגעבראַכט אין די צוויי ביכער זיינע, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן איינס נאָכן אַנדערן: „קדושה און גבורה ביי ייִדן" — גזירות ת״ש — תש״ה (ניו יאָרק 1948) און „חשבון־הנפש".

דאָס לעצטע בוך האָט מען באַצייכנט ווי אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די מיליאָנען ייִדן, וואָס זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך היטלערן. י. עפּרויקין אַליין פּראָטעסטירט אָבער קעגן אַזאַ אָפּשאַצונג פון זיינע גע־דאַנקען און — אויף צו שטיצן זיין פּראָטעסט — ציטירט ער פונעם איי־גענעם בוך געוויסע שטעלן, באַמערקונגען און פאַרבאַהאַלטן. יאָ, דאָס איז אמת; די דאָזיקע שטעלן געפינען זיך טאַקע אין זיין ווערק. פונדעסט־וועגן: אויב די לייענער האָבן, טראָץ די דאָזיקע פאַרבאַהאַלטן, פאַרשטאַ־נען דאָס בוך ווי אַ „באַשולדיקונגס־אַקט", איז אין דעם שולדיק דער

1) פאַרגלייך מיין אַרטיקל: „באַטראַכטן! — גוט באַטראַכטן!" („נאַשע סלאָוואָ" נומ. 14) און מיין אַרטיקל וועגן „חורבן געזען מיט נישט־ייִדישע אויגן" („אונדזער וואָרט" פון 19טן אַפּריל 1949).

מחבר גופא. ווארום וועגן דעם אויסדרוק פון אַ ווערק (נאָך דערצו ווען ס׳טראָגט אַ פּובליציסטישן כאַראַקטער!) דעצידירן נישט קיין קאָמפּליקאַציעס פונעם אויטאָרס אינטענצן נאָר דער אינעווייניקסטער פלוס פונעם טעקסט גופא; איך וואָלט געזאָגט: זיין סטיליסטישע „מוסקולאַטור״, זיין אנשיכטונג, די קאַדענץ פון אַקצענטן וואָס זענען אויסגעלייגט אין אים.

וואָס שייך י. עפּרויקינען, טוט ער אַלץ בכדי צו באַווייזן אין זיין בוך: א) אַז די ייִדן, וואָס זענען געפּייניקט געוואָרן בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, האָבן זיך אויפגעפירט שלעכט, ב) אַז די דאָזיקע אויפפירונג זייערע לאָזט זיך נישט פאַרענטפערן מיט „אָביעקטיווע באַדינגונגען״ (אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען), נאָר אַז דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון זייערע אייגענע מאָראַלישע חסרונות און ג) אַז ווען נישט די דאָזיקע מאָראַלישע פעלערן זייערע, וואָלטן זיי זיך (און דאָס אין די זעלבע באַדינגונגען) געוועץ אויפגעפירט אומפאַרגלייכלעך בעסער.

אָט אַזוי אַוועקשטעלן די פראַגע (אומאָפּהענגיק פון די פערזענלעכע כוונות פונעם מחבר) הייסט: געמאַכט אַ באַשולדיקונגס־אַקט.

י. עפּרויקין איז נישט דער ערשטער, וואָס מאַכט פאַרווורפן אויפן אַדרעס פון די ייִדן וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. יעדעס מאָל — ווי מען האָט שוין דערמאָנט — טרעט אין דער ייִדישער פּרעסע אַרויס אַן אַנדערער מאָראַל־פּריידיקער, אָדער אַן אַנדערער „שיינגייסט״, עסטעט, ווען „די גאַנצע מאַרטיראָלאָגיע לאַנג־ווייליקט״, וועלכער „וווּנדערט זיך״ גאָר, אָדער וועלכער באַשולדיקט מיט גרויס פּאָמפּע. דער חילוק צווישן י. עפּרויקינען און דעם גרעסטן טייל פון זיי באַשטייט קודם כל אין דעם, וואָס עפּרויקין וויל נישט סוגערירן דעם לייענער, אַז ער שטייט מאָראַליש מכלומרשט העכער ווי די קרבנות. פאַרקערט: ער איז זיך מודה, אַז ער ווייסט נישט ווי אַזוי ער אַליין וואָלט זיך געוועץ אויפגעפירט אויף זייער אָרט. עפּרויקין טיילט זיך אויס מיט דער ערנסטער צוגרייטונג. באַנוגט זיך נישט מיט די פאַרווורפן נאָר פּרוווט אויך אַנאַליזירן יענע דערשיינונגען; צוליב דעם דאָזיקן צוועק האָט ער זיך דעריבער באַקענט מיט דער פאַרהעלטענישמעסיק רייכער ביבליאָגראַפיע (ד. ה. לכל הפחות מיט די דאָזיקע דערשינענע ביכער

וואָס זענען פאַר אים שפּראַכלעך געווען צוטריטלעך). לאָמיר ענדלעך צוגעבן, אַז אין זיין בוך געפינען זיך אַ גאַנצע ריי באַמערקונגען, געדאַנקען און באַאָבאַכטונגען, וואָס זענען פאַר זיך גופא נישט בלויז טרעפלעך, נאָר טיילמאָל אויך אָריגינעל, אַריינדרינגענדיק.

י. עפּרויקין פאַרמאָגט אָבער נאָך עפּעס מער: מוט. מוט פון ראַדיקאַליזם ביים אַרויסטראָגן אורטיילן, מוט ביים מאַכן די לעצטע אויספירן. ליידער: עס איז נישט דער מוט פון דערגרונטעווען זיך ביז דער סאַמע דנאָ פון דער אַנאַליזירטערווירקלעכקייט, נאָר דער מוט פון דערגיין צו די לעצטע אויספירן פון זיינע אייגענע (אַ פריאָרי געשאַפענע) הנחות. די אָקופּאַציע־ווירקלעכקייט פילט דאָ פאַקטיש אויס די ראָל פון (אַ ביסל הפקרותדיקן) מאַגאַזין, ווו דער מחבר קלייבט זיך צו — לויטן באדארף — אַזאַ אָדער אַנדערןביישפּיל (פאַר זיין אַרגומענט).

עס איז דעריבער נישט קיין ווונדער, אַז זיין בוך האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרודערונג און אַ ריי דיסקוסיע־שטימען. ליידער: נישט איינעם פון די דיסקוטאַנטן האָט אַראָפּגעפירט פון וועג דער אופן ווי אַזוי י. עפּרויקין האָט געבויט זיינע מסקנות. און אָט פאַרוואָס: י. עפּרויקינס מסקנה שטעלט מיט זיך פאָר אַ געמיש פון פאַרשידענע טעמעס און עלעמענטן. איינהייטלעך זענען זיי נאָר אין דער סוביעקטיווער אויפפאַסונג פונעם מחבר. אין דער ווירקלעכקייט אָבער געהערן זיי צו גאַנץ באַזונדערע געביטן און קאַטעגאָריעס. איז אָט: אַ טייל דיסקוטאַנטן (אַנשטאָט צו ברענגען אין אָרדענונג, אויסמדרן די גאַנצע פאַרקאָכטע קאַשע, אָנשטאָט קלאָר צו מאַכן זיך און דעם לייענער וועגן וואָס עס האַנדלט זיך אין דער דיסקוסיע) האָבן נישט ווילנדיק נאָך מער פאַרטיפט דעם גאַנצן פּלאָנטער. כ׳וועל ברענגען אַ קליינעם ביישפּיל: היות עפּרויקין גיט די הויפּט־סיבה פון אַלעם שלעכטן אין דער רעליגיעזער אָפּגעשוואַכטקייט ביי יידן, פאַררופט ער זיך דעריבער אויך אויף די רעליגיעזע דאָגמעס און אויטאָריטאַטיווע קאָמענטאַרן פון די דאָזיקע דאָגמעס. און היות ווי די לעצטע האָבן דאָך נישט פאָראויסגעזען די באַדינגונגען אַקוראַט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, איז דאַרף מען דעריבער ערשט מאַכן די געהעריקע אויספירן פון זיי. מיט אַנדערע ווערטער, הייסט עס, אַז איבער די מאמרי חז״ל דאַרף מען ערשט דורכפירן אַן אַנאַליז. דער דאַ־

זיקער אַנאַליז קומט ביי עפּרויקינען אַרויס פּונקט אַזוי וואָגיק ווי דער אַנאַליז איבערן חורבן גופא. וואָס זשע טוען טייל דיסקוטאַנטן? זיי שרייבן לאַנגע מסקנות בכדי צו באַווייזן, אַז עפּרויקין איז זיך טועה אינעם אַנאַליזירן די ... ראיות פון די חז״ל. שוין דאָס אַליין ווייזט זיך מיר אויס פאַר אַ געגנוג וויטיקדיקן — אין דאָזיקן צוזאַמענשטעל — „אַפּוויי־כונג־שריט״. נאָר מיט דעם ענדיקט זיך עס נאָך נישט. איך פאַרשטיי, אַז דער אַנאַליז איבער די דאָגמעס און פּרושים איז זייער אַ וויכטיקע זאַך פאַר די מענטשן, וואָס האָבן שוין קיין שום רעליגיעזע פאַרבאַהאַלטן, פאַר די, וואָס האַלטן זיך ביי די רעליגיעזע פּרינציפּן אין לעבן. אָבער אין דאָזיקן פאַל איז עפּרויקין אַליין מודה, אַז ער וואָלט געוואָלט זיין אַזעל־כער, אָבער ער איז נאָך (אָדער: שוין) נישט אַזאַ. און וואָס שייך טייל דיסקוטאַנטן, זענען זיי בכלל נישט און האָבן נישט בדעה צו זיין רעלי־גיעז. די גאַנצע זאַך ווערט אַלזאָ פאַרוואַנדלט אין אַן ענין פון „קונסט לשם קונסט״. אין עפּעס אַן אָפּגעריסענעם פּילפּול. איז אַט וואָס: מיר ווייזט זיך אויס, אַז דאָס אויסנוצן די מיליאָנען־קאַטאַסטראָפע (און דאָס קוים עטלעכע יאָר ווי זי איז געשען) צו האָבן אַ געלעגנהייט צו פאַראַ־דירן מיט אַ פּשטל, מיט אַן אויסטייטש, איז נישט קיין באַווייז נישט פון אַחריות, נישט פון גוטן געשמאַק. איך וויל דערמיט זאָגן, אַז ס׳זענען פאַראַן פּראָבלעמען, וואָס מען דאַרף איבער זיי דיסקוטירן, נאָר איינס פון די ביידע: אָדער פראָנטאַל, אָדער אינגאַנצן נישט דיסקוטירן איבער זיי. אַזעלכע זענען, לויט מיין באַשיידענער מיינונג (און דאָס אין העכסטן גראַד!) די פּראָבלעמען, וואָס עפּרויקין האָט מיט אַזאַ פּאַסיע באַרירט.

***

אין י. עפּרויקינס בוך טייל איך אויס פאָלגנדע טעמעס: 1) די פראַגע פונעם באַגריף „ייִדישקייט; 2) דאָס אַנאַליזירן די דערשיינונגען אין האַל־טונג פון די ייִדן אין די אומקום־יאָרן אין אַלגעמיין און אין שייכות דער־מיט; 3) דאָס אָפּזונדערן פון איין זייט די רעליגיעזע ייִדן (אַלס ווירדיקע און גוטע) און פון דער אַנדערער די נישט־רעליגיעזע, די „וועלטלעכע״ (אַלס שלעכטע און אומווירדיקע); 4) דאָס אויסטייטשן די רעליגיעזע דאָג־מעס, קאָמענטאַרן, די ווירקונג פון די אנשויאונגען, זייער ראָל א. אַ. וו.; 5)

די געוויסע צאָל שוין דערמאָנטע באַמערקונגען, וואָס זענען פאַר זיך גופא טרעפלעך, אָבער זענען „איינמאָנטירט״ צו אַרגומענטירן די הנחות, ווו זיי געפינען זיך אומבאַגרינדעט.

וואָס שייך דעם באַגריף „ייִדישקייט״, פאַרדינען יעפּרויקינס באַמער־קונגען — כאָטש זיי זענען איינזייטיקע — אויף אַן ערנסטע דיסקוסיע. מיט דער פראַגע פון די דאָגמעס און פּרושים וועלן זיך אפשר פאַרנעמען די קרייזן פון די רעליגיעזע ייִדן; עפּעס אַנדערש איז, וואָס איך האַלט, אַז די באמת טיף־רעליגיעזע ייִדן וועלן דאָך אַרויסווייזן אַ ווייטגייענדיקן רעזערוו ביים באַנוצן זיך מיט כללים. דאַקעגן דאָס, וואָס נישט בלויז עס אינטערעסירט אונדז דאָ צוממיינסטן, נאָר רודערט אונדז אויך אויף ביז די טיפענישן — איז די פראַגע פון די אורטיילן פון די אָקופּאַציע־יאָרן, ריכטיקער געזאָגט, — די פּאַראַלגעמיינערונגען (וואָרום אין דעם טאָקע גייט עס) פון די דאָזיקע משפּטים.

נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך אַריינצולאָזן אין די קריטישע צעגלידע־רונגען פון באַזונדערע באַשפּילן און אַרגומענטן פון יעפּרויקינען. (כ׳האָב עס שוין איבעריקנס געטון ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט 1) און עס איז דאָ נישט נויטיק נאָכאַמאָל דאָס אַלץ איבערצוחזרן). יעדנפאַלס: דער אַנאַ־ליז פון דער אָקופּאַציע־ווירקלעכקייט (ד. ה. דער טייל אַ דאַנק וועלכן דאָס בוך האָט געוווּנען אַזאַ אָפּקלאַנג!) האָט נישט קיין שום שייכות מיטן וויסנ־שאַפטלעכן אַנאַליז. וואָרום עפּרויקין גייט נישט איבער — ווי שוין דער־מאָנט — פון די פאַקטן צו די מיינונגען, נאָר פאַרקערט: פון זיין אַרויסזאָגן זיך צום... אילוסטרירן עס מיט די צוגעקליבענע פאַקטן; דאָס הייסט נישט, אַז ער האָט געוואָלט פאַרשווייגן די איינצלהייטן, וואָס זענען פאַר אים געווען אומבאַקאַנט. פאַרקערט: ער ציטירט זיי, אַפילו זאָרגעוודיק און פּינקטלעך. אָבער עפּרויקין איז — ווי באַקאַנט — אַ תלמיד חכם און — אַ תלמיד חכם גיט זיך אַן עצה: אַלע ביישפּילן וואָס שטימען מיט זיינע ריזיקאַלישע טעזן ציטירט ער ווי כללים, אַלע אַנדערע — וואָס זענען אין סתירה צו די דאָזיקע טעזן — ווי אויסנאַמען; און פאַרקערט. אויף אַזאַ אופן קען מען (פאַרשטייט זיך) אַלץ באַווייזן. אָבער מיט דעם ענדיקט זיך

1) זע מיין אַרטיקל: „דער יידישער ווידערשטאַנד און די אָביעקטיווע באַ־דינגונגען״ („קיום״ נומ. 13).

עס נאָך נישט: ווען איינער פון די דיסקוטאַנטן (דער רעליגיעזער ייִד גראַ־נאַטשטיין) דערמאָנט וועגן די פרומע ייִדן, וואָס זענען געווען גרייט — אויב די טעכנישע באַדינגונגען וואָלטן עס זיי געוועזן דערלויבט — צו גיין „אויף אַרישע פּאַפּירן" (און מיר קענען צוגעבן, אַז דאָס איז נישט קיין שום רעוואָלוציע, פּאַרקערט 1), איז ווייסט איר, ווי אַזוי עפּרויקין גיט זיך אַן עצה? ער שרייבט: „זאָג איך אָפּן און בפירוש, אַז איך גלויב אים נישט". „אָפּן... בפירוש". און פּשוט. שוין אַפילו צו פיל פּשוט. און נאָך מער: „בין איך בטוח, אַז ער (ד. ה. גראַנאַטשטיין) טראַכט אויס אַ בילבול אויף די פרומע ייִדן, אויב נישט אויף אַלע, איז לכל הפּחות אויף אַ גרויסן טייל" („קיום" נר. 23־24). דאָס באַדייט: דעם זעלבן עפּרויקין, וואָס ציטירט, ווי אַ באַוויז, (מגע, ווי אַ כלל!) יעדע נאַטיץ (אַפילו אַ זשורנאַליסטישע!) אויב זי אַנטשפּרעכט אים נאָר, איז אים אין דעם פאַל בלויז געווג „נישט צו גלויבן". דער זעלבער עפּרויקין, וואָס האַלט פאַר דערלאָזבאַר אַרויסצוטראָגן אַ משפּט איבער אַלע „וועלטלעכע ייִדן" אויפן סמך פון צופעליקן נאָטיצן, איז דאָ אויפגעבראַכט: „אַ בילבול!!".

עטלעכע ווערטער וועגן די קריטעריעס: דער יסוד פון אַלע מענטשלעכע געריכטן זענען פאַרגלייכונגען. אויב מיר זאָגן וועגן עמעצן, אַז ער איז אַ פּחדן, עגאָיסט, גאָר נישט קיין אָרנטלעכער א. ד. גל., ווילן מיר זאָגן אין יעדער איינער פון די דאָזיקע אָפּשאַצונגען, אַז דער דאָזיקער מענטש איז אַזאַ אין פאַרגלייך מיט אַנדערע, וועלכע מיר האַלטן נישט פאַר קיין פּחדנים, פאַר קיין עגאָיסטן, פאַר קיין נאַראָנים און פאַר קיין אומאָרנטלעכע. דאָס איז אַ מענטשלעכע מאָס, אַן ערדישער צוגאַנג. אמת — אַ רעלאַטיווער, אָבער פאַרפאַלן — אַזוי איז שוין די וועלט. עפּרויקין וואַרפט פונדעסטוועגן אָפּ די דאָזיקע אַלע מאָסן. ער אָנערקענט נאָר די אידעאַלע, מעטאַפיזישע, אַבסאָלוטע. אויף אַזאַ אופן קען מען פאַרדאַמען אַלץ און אַלעמען (וואָרום אין אַלגעמיין איז אַפילו לויט דער רעליגיע נישט בנמצא קיין פולשטענדיק הייליקע, אַן זינד). נאָך דערצו, אַז עפּרויקין אַליין ריכט זיך נישט לויטן לעבעדיקן רעליגיעזן געפיל, נאָר ריכט זיך לויטן טויטן אות פון די כללים. אַ פאַקט איז: ווען די ייִדן וואָלטן זיך געווען

1) איך דערמאָן צ. אַ. דעם חסיד בער ריטשעוואָל (וועלכן כ'האָב געוויד־מעט אַ ביסל אָרט אינעם קאַפּיטל: „פּערזענלעכע אַטריבוטן".

צוגעפּאַסט צו די אָנווייזונגען, וואָס עפּרויקין גיט (איצט), וואָלטן אַלע באַדאַרפט אומקומען. אפשר מיט „שמע ישראל" אויף די ליפּן, אָבער אומקומען! אַלע. עפּרויקין (כ׳מיין — פאַרשטייט זיך — עפּרויקינען דעם טעאָרעטיקער און נישט עפּרויקינען דעם מענטש) הויבט עס אַפילו נישט אָן צו רירן. „יהרג ואל יעבור" — חזרט ער איבער אומדערשיטער־לעך ווי דער איינציקער ענטפער. און דאָס איז אים גענוג. אונדז — נישט.

רעליגיע, „אַבסאָלוט", „שאלות ותשובות" פילן אויס אין עפּרוי־קינס מסקנה נאָך אן אַנדערע ראָל: — פאַרוואָס האָבן די ייִדן זיך שלעכט אויפגעפירט? — ווייל זיי זענען נישט געווען רעליגיעז. — און אויף וואָס פאַר אַ סמך מאַכט עס עפּרויקין די פעסטשטעלונג, אַז די אָדער אַנדערע אויפפירונגען איז געווען נישט לייטיש, אומווירדיק? — ווייל עס שטימט נישט מיט די איינגעשטעלטע כללים, וואָס זענען אַ פּועל־יוצא פון די „שאלות ותשובות". — מיט אַנדערע ווערטער: די רעליגיעזע פאַרשריפטן און דינים זענען אין איין פאַל די גענעזע, די קוואַלן פון אַלע שלעכטע האַנדלונגען, און אין אַנדערש מאָל אַ קריטעריע, לויט וועלכער מען משפט, אַז די אויפפירונג איז געווען אַ שלעכטע. אין סך הכל: אַ פאַרשלאָסענער קרייז. נישט אַזוי ווייט פאַרכישופט, ווי פאַרפלאָנטערט.

סתירות זענען אויך פאַראַן אין אַנדערע עלעמענטן פון בוך: עפּרויקין האַלט נישט (און ריכטיק!), אַז בלויז באַוואָפנטער קאַמף איז אַ העלדיש־קייט. נישט געקוקט דערויף, ווידמעט ער אַ סך זייטן, באַמערקונגען, ערו־דיציע, בכדי צו באַווייזן, אַז דאָס האָבן לגמרי נישט די „אָביעקטיווע באַדינגונגען" נישט דערמעגלעכט קיין באַוואָפנטן קאַמף. די פונקציע פון דער דאָזיקער מסקנה וואָלט מען נאָך, ווי ס׳איז, געקענט פאַרשטיין, אָבער: דער זעלבער עפּרויקין וואָס האַלט נישט פון באַוואָפנטן קאַמף, ווען ער קריטיקירט די, וואָס האָבן יאָ געהאַלטן און נישט אויסגעפירט, באַנוצט זיך גאָר ווידער (כאָטש דאָס מאָל רופט ער עס נישט אָן אויף דעם אופן מיט „אַבסאָלוטע" קריטעריעס. בכדי צו רעאַליזירן עפּרוי־קינס סטראַטעגישע סוגעסטיעס וואָלט מען נעמלעך באַדאַרפט, אַז דער גאַנצער ייִדישער ישוב זאָל באַשטיין נישט בלויז פון מוסטערהאַפטע און העלדישע זעלנער, נאָר פון סאַמע געניאַלע סטראַטעגיקער.

**
*

מיטן זאָג „פּראָנטאַלע דיסקוסיעס" מיין איך: צי איז טאַקע אַזוי געווען ווי עפּרויקין האַלט, צי נישט אַזוי? צי קען מען מאַכן אַזעלכע פּאַראַלגעמיינערונגען ווי ס'טוט עס עפּרויקין, צי זיי זענען פאַלשע?

אַז מען לייענט עפּרויקינס ענטפער, זעט מען ...אַנשטאָט ער זאָל ענטפערן אויף דעם צי יענעם פאָרוואורף, פאַרופט ער זיך נאָר אויף אַזאַ צי אַנדערע באַמערקונג, אָדער באַוואָרעניש, וואָס ער האָט געגעבן אין זיין בוך... צווישן די שורות. אויב עפּרויקין האָט פאַרפירט אַ פּראָצעס (און אָנגעהויבן האָט ער אים מיטן גאַנצן באַוווסטזיין, ווי ער אַליין איז זיך מודה) וואָלט ער צומווייניקסטן באַדאַרפט געדענקען, אַז דאָס איז אַ געשיכטלעכער פּראָצעס און נישט קיין קאָמערציעלער פּראָצעס וועגן וועקסלען וואָס מען קען אים געווינען צוליב אַזאַ אָדער אַנדערע באַוואָרעניש (וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין רעיענטאַלן אָפּמאַך).

און נאָך עפּעס: מאָטיווירנדיק זיין רעכט צו קריטיקירן 1) דאָס אויפפירן זיך פון די קרבנות, וואָס מען האָט געפירט צו דער שחיטה, פאַררופן זיך עפּרויקין אויף... די נביאים און אויף ביאַליקן. דאָס איז שוין דער קולמינאַציע־פּונקט פונעם מיספאַרשטענדניש: צי האָט עפּרויקין באמת נישט פאַרשטאַנען דעם (קוואַליטאַטיוון!) אונטערשיד צווישן געפילן און צאָרן־אויסדרוק פונעם נביא צי פּאָעט, און די מסקנות, וואָס פאַרופן זיך אויף דער לאָגיק, אויף אַקטן, טעקסטן, ציפערן, פּראָפּאָרץ, טעכניק און ...פּאַראַגראַפן?

**
*

וואָס שייך די „אַרישע פּאַפּירן":

י. עפּרויקין טראָגט אַרויס זיין באַשולדיקונג מיט דער גאַנצער אַנט־שלאָסנקייט. זיי האָבן זיך געשטיצט — קומט ער צום אויספיר — אויף אַ כסדרדיק באַהאַלטן (דאָס הייסט — רעדנדיק נישט פאַרשטעלט — אין פאַרלייקענען) דעם אייגענעם אָפּשטאַם, דעם אייגענעם גלויבן, די אייגע־

1) איך נעם נישט אַוועק — ווי איך האָב שוין געזאָגט — ביי קיינעם דאָס רעכט צו אַזאַ קריטיק. איך האַלט נאָר, אַז מען האָט נישט קיין רעכט צו לייכטזיניקן פּאַראַלגעמיינערונגען.

נע נאַציאָנאַלע צוגעהעריקייט. דאָס פאַרלייקענען זיך (אומאָפּהענגיק פון די באַדינגונגען אין וועלכע זיי קומען פאָר) איז — לויט עפּרויקינען — פאַרראַט. אי פון נאַציאָנאַלן אי פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט. ער באַשול־דיקט אַלזאָ סיי די, וואָס האָבן אַליין געלעבט „אויף פּאַפּירן", סיי די, וואָס לאָזנדיק זיך אויפן דאָזיקן וועג, האָבן נאָך אַנדערע דעריין געהאָלפן. אָבער שוין גאָר אויפגעבראַכט איז ער אויף די טוער און יידישע קאָמי־טעטן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן אויסאַרבעטן פאַלשע מעטריקעס און באַשטאַטן יידישע קינדער „אויף פּאַפּירן", אין וועלכן זיי האָבן איינ־געזען (לויט אים נאָך — ווי אַן איראָניע!) אַ נאַציאָנאַל־יידישע טעטיקייט.

***

בכדי בולטער אַרויסצוברענגען זיין איינשטעלונג, אילוסטרירט ער עס מיט עטלעכע פאַלן (אויסקלייבנדיק פאַרשטייט זיך די סאַמע שאַרפס־טע): וואָס די יידן „אויף פּאַפּירן" איז אַלץ נישט אויסגעקומען אויסצו־הערן אַנטי־יידישע העץ־רייד:

„זיצט דער ייד אין געהאַקטע ווונדן, אָבער דער חשק צו לעבן איז שטאַרקער ווי נשמה־ווייטיק. זאָל ער שווייגן — איז אַ סכנה, ער זאָל דערמיט אַרויסגעבן זיין אָפּשטאַם. שאָקלט ער מיטן קאָפּ. ס'הייסט, אַז ער איז מסכים מיט די שאַנאָוונע פּאַנעס" 1).

פאַרראַט פון מענטשן און נאַציאָנאַלער ווירדע — קומט עס אויס לויט עפּרויקינען.

איז עס פּאַקטיש טאַקע אַזוי?

נישט ווייטער ווי אין פריערדיקן קאַפּיטל איז ערשט געווען אַ רייד וועגן דעם פּאָליאַק, וואָס איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ פראַנצויז און ווי אַזעל־כער האָט ער געמוזט אויסהערן אָן איבעררייס און אָן פּראָטעסט פאַר־

1) פאַרשטייט זיך, אַז אַזוינס האָט זיך אויך געקענט טרעפן. דער פּשוטער אמת הייסט אָבער פעסטשטעלן, אַז אין דער גרעסטער צאָל פאַלן, האָבן די יידן געקענט ביי זיך פועלן צו פאַרשווייגן, אָדער אַפילו צו פאַרפירן אַ דיסקוסיע — זעלבסטפאַרשטענדלעך, זיך באַנוצנדיק דערביי מיטן גאַנצן (ווירקלעכן) אַר־סענאַל פונעם פּאָרזיכטיקן אַרומגיין דעם עניך. מען וואָלט אַפילו געקענט צו־נויפשטעלן אַ לאַנגע רשימה פון געוויסע „מעטאָדישע" צוגאַנגען אין די דער־מאָלטדיקע געפירטע געשפרעכן און דיסקוסיעס.

שידענערליי אינסינואַציעס און באַליידיקונגען אויף פּוילן, פּאָליאַקן און פּוילישקייט. אפשר איז דאָס אן אויסנאַם?

פּאַרקערט: גיכער — אַ געוויינלעכע זאַך; אָדער גאָר:

ווי לאַנג עס עקזיסטירט די „אינסטיטוציע" פון געפאַנגענשאַפט, אַזוי לאַנג עקזיסטירט אויך די אינסטיטוציע פון געפאַנגענע זעלנער וואָס אַנטלויפן. אַ באַרימטער אַפאָריזם זאָגט אַפילו, אַז „דאָס אמתע פאַך פון אַ געפאַנגענעם איז דאָס אַנטלויפן".

קיין שום פאָלק האָט נאָך נישט געהאַלטן פאַר קיין עוולה דאָס אַנטלויפן פון זיינע בירגער פון געפאַנגענשאַפט; פונקט פאַרקערט — פאַר אַ פאַרדינסט. און ווידער דאָס אַנטלויפן פון שונאס געפאַנגענשאַפט האָט באַטייט — איבערגעזעצט אויף פראַזע־לשון — אַז דער געפאַנגענער ווען ער געפינט זיך שוין אויף יענער זייט דראָטן פונעם געפאַנגען־לאַגער און ווייטער — דאַרף זיך דורכשלאָגן דורכן גאַנצן לאַנד, אָדער אַפילו — זיך אויסבאַהאַלטן אויף פאַרשידענערליי אופנים ביז נאָכן פאַרענדיקן זיך פון דער מלחמה.

אַזאַ אונטערנעמונג האָט זיך קודם כל איינגעגעבן די, וואָס האָבן גוט באַהערשט די שפּראַך פונעם שונא און האָבן דאַדורך געקענט פאַר־מאַסקירן זייער נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם. פאַראַן אַ גאַנצע ריי באַשרייבונגען פון דאָזיקן אַרט פאַסירונגען: פּאָליאַקן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דער רוסישער געפאַנגענשאַפט, פראַנצויזן — פון דער דייטשער, דייטשן — פון דער ענגלישער צי פראַנצויזישער א. אַ. וו. א. אַ. וו., דורכשלאָגנדיק זיך דורכן שונאס לאַנד האָבן זיי במילא געמוזט פירן געלעגנהייטלעכע געשפּרעכן. און אין וואָס זענען באַשטאַנען און וועגן וואָס האָט מען גע־רעדט אין אַזעלכע שמועסן בעת דער מלחמה? ווי — מיינט איר — זענען געווינט זיך אויסצודריקן די בירגער פונעם מלחמה־פירנדיקן לאַנד וועגן דעם פאָלק פונעם שונא (דאָס הייסט, פון דעם פאָלק צו וועלכן דער אַנט־לאָפענער געהערט?). ווען עס וואָלטן אַפילו נישט געווען די דאָזיקע אַלע באַשרייבונגען, וואָלט מען פון פאָראויס — מיין איך — געקענט אָננעמען, אַז קיין אַנטציקונג־רייד זענען עס זיכער נישט געווען און קיין הימן אוודאַי נישט.

צי האָט דער געפאַנגענער, וואָס איז אַנטלאָפן פונעם געפאַנגענען־

לאַגער (אַ חוץ אויסנאַמען, וואָס טרעפן זיך אומעטום) געקענט דערויף פראַנק און פריי רעאַגירן? סתם אָפּענטפערן? אָדער גאָר זיין דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך?

עפּרויקין — ווי ער וואָלט פאַרויסגעזען די אַלע (בפירוש עלעמענ־טאַרע) פאַרגלייכן — שרייבט: „אויב מיר האָבן אין די חורבן־יאָרן זיך נישט אויפגעפירט ערגער פון די אַנדערע, איז דאָס גאָר אַ קנאַפּע טרייסט. וואָרום אויב מיר זאָלן נישט זיין בעסער פון יענע, וועלן מיר בכלל נישט זיין".

און אָט (טאַקע דערפאַר), בכדי אָפּצושאַצן אַזאַ אָדער אַן אַנדערע דערשיינונג, פּאַסט ער אים נישט צו צו די לעבנס — אָדער מענטשלעכע דערשיינונגען („רעלאַטיווע" — ווי ער רופט זיי אָן), נאָר צו — ווי שוין געזאָגט — די תרי"ג מצוות (וואָס דריקן אויס — ווי ער שרייבט — „אַבסאָלוטע" אמתן).

דערפאַר מוז מען מיט אַ גרויסער פאַרוווּנדערונג, אָבער באַמערקן, אַז צווישן די עלעמענטן פון דעם דינאַמיזם, פלעגן מקורותדיקע רעליגיע־זע איבערלעבענישן. נישט פאַראַנען דאָרט קיין רעליגיעזע וויזיע, קיין רעליגיעזער עקסטאַז. דאָס זענען נאָר רעליגיעזע דאָגמעס.

אַפילו פון אַ ריכטער, וואָס אונטערליגט די ערדישע („רעלאַטיווע") געזעצן, פאַרלאַנגט מען נישט בלויז די קענטשאַפט און דאָס צופּאַסן פון כלערליי געזעץ־פּונקטן — אָבער אויך אַ יסודותדיק געפיל פון יושר. דאָס לעצטע פאַרמינערט קיינמאָל נישט דעם פּאַראַגראַף — איז נישט אין סתירה מיט אים. מען דאַרף נאָר נישט צולאָזן אַ מעכאַנישע גע־זעצן־אָנווענדונג. און ווי דאַרף מען נאָך טראַכטן, ווען עס גייט וועגן אַ מעטאַפיזישע יוריסדיקציע?

און טאַקע יענע יאָרן האָבן דאָך דערהויבן רעליגיעזע מענטשן, האָבן זיי דערנענטערט צו גאָט. אַפילו דעמאָלט ווען מען האָט זיך איינ־געבראָכן, ווען מען האָט זיך אָקעגנגעשטעלט. זינט יאָרהונדערטער קען די ליטעראַטור דעם באַגריף פון פּראָמעטעיִזם. פאַר מיר האָט זיך דער באַגריף פאַרבונדן (אין האַרבסט 1942) מיט אַ בילד פון אַ ייִדישער פרוי, אין לעמבערגער געטאָ, בעת אַן „אַקציע". די דאָזיקע פרוי מיט נאָך אַנדערע ייִדן האָבן די דייטשע מערדער אַרויסגעשלעפּט פון אַ

„בונקער״, פון קעלער. די אַרויסגעשלעפּטע האָט מען (פאַרן אָפּטראַנס־פּאָרטירן אויפן זאַמלפּלאַץ) אויסגעשטעלט — אונטער דער אויפזיכט פון אוקראַאינער — מיטן פּנים צו דער וואַנט. די דייטשן זענען אויפן שמאָלן געסל געלאָפן הין און צוריק אַרויסגעבנדיק באַפעלן, שיסנדיק, לויפנדיק אַריין און אַרויס פון די קליינע הייזקעס. די פרוי, וועגן וועלכער מיר רעדן דאָ, איז געווען אַ לעמבערגער הענדלעריו, א. ג. „פּלאַץ־יידענע״, און דאָס גאָר פון די פּרימיטיווע. איך זע זי נאָך ביז איצט: אַ ברייטע, אַ צעשויבערטע, אַן אָנגעלענטע אויפן צעבראָכענעם פּלויט פון דער אָרע־מער זשרודלאַנאַ גאַס. צוויי שריט פאַר מיר. פאַר אונדז אַ פּאָר טויטע קערפּערס און אַרום אונדז יענע געדיכטע שטילקייט, אין וועלכער אַ יע־דער שאָס, אָדער אַ יעדער געשריי פון די מערדער — שניידן זיך ווי אין לעבעדיקן גוף. די פרוי, די אַלטע, לעבעדיקע „פּלאַץ־יידענע״, אַרומגע־נומען מיט איר ברייטן ראָק, איז אויף אַ שריט אַרויס פון דער קרבנות־ריי; זי האָט גערירט מיטן קאָפּ, ווי מיט דער באַוועגונג וואָלט זי געוואָלט אָפּשאָקלען פון זיך דעם גרויל און היסטעריע; דאָס פּנים האָט זי הויך פאַרהויבן, צילנדיק מיט די אויגן איבער די קליינע הייזלעך, ערגעץ צום הימל. די אוקראַאינער זענען געשטאַנען לויטן רעגולאַמין; די ביקסן אויסגעצויגענע פאַר זיך, גרייט צום שיסן. מען האָט אָבער ביי זיי נישט באַמערקט קיין פאַרביסנקייט. טראָץ דער אָנגעהעריקייט צו אַ פאָרמאַציע פון דעם מין האָבן זיי געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן אויסגעפירט נאָר דאָס, צו וואָס דער באַפעל האָט זיי געצוונגען. זיי האָבן געשוויגן. און אויף זייער פּנים איז געלעגן אפשר אַ מורא און אפשר גאָר אַ מיטגעפיל. מעגלעך, אַז זיי האָבן ערשט אָנגעהויבן מיט דעם „באַרוף״ און מעגלעך, אַז דאָס איז געווען די ערשטע „אַקציע״, אין וועלכער זיי האָבן זיך באַ־טייליקט. איינער פון זיי — זעענדיק די באַוועגונג פון דער פרוי — האָט שטיל געפרעגט: צי דאַרפט איר (דאָ האָט ער אָנגערופן איר נאָמען) עפּעס? ווייזט אויס, אַז ער האָט זי געקענט. וואָס קען מען וויסן? אפשר איז ער נאָך פאַראַיאָרן געווען איר שכן? אפשר געהאַנדלט מיט איר אויפן פּלאַץ? שווער צו זאָגן. די פרוי האָט געקוקט דורכן אָרעם, ווי אַ מענטש, וועלכן מען האָט אויף אַ מאָמענט אָפּגעריסן פון אַ וויכטיקן ענין. זי האָט געשאָקלט אויף ניין און צוריקגעקערט מיטן בליק צום

הימל. זי האָט אויפגעהויבן די הענט, ווייך — ווי צו אַן אינטימען שמועס — אָבער הויך, אין דער ריכטונג פון הימל. אויפן ראַנד פון דעם גרויל איז איר רו געווען גאָר אומהיימלעך. זי האָט געשמייכלט צו דער ווייטקייט און מיט שטיינערנער ביטערקייט האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו אירע מחשבות. נאָכדעם האָט זי מיט איר הייזעריקער אויסדרוק־פולער און רויִקער שטימע געזאָגט:

— הייסט עס שוין, האַר פון דער וועלט! הייסט עס, אַז איצט, גאָר נאָענט וועל איך מיט דיר רעדן, טאַקע מיט דיר פּנים־אל־פּנים. אָבער (און מיט אַן אויסדרוק פון האַרטער זיכערקייט האָט זי ווידער געשאָקלט מיטן קאָפּ). איצט, זעסטו — די דין תורה, וועסטו שוין פאַרשפּילן!

אַזוי האָט פאַר איר טויט גערעדט אַ לעמבערגער פלאַץ־ייִדענע. דערפאַר אפשר ווייל זי האָט נישט געקענט אַלע ניואַנסן פון די ראשונים און אַחרונים.

עפּרויקין להיפוך — קען זיי ביז די לעצטע פּרטי־פּרטים. אָבער ביי אים איבערברעכט זיך נישט די וועלט און ציטערט נישט אין אירע יסודות — אַפילו איין מאָמענט נישט.

אין די פּשוטע רייד פון דער פּשוטער פרוי איז געלעגן דער העכס־טער רעליגיעזער התלהבות; אין די ווילעלערנדיקע אויספירונגען פון עפּרויקינען — נאָר פּאַראַגראַפן.

**
*

נישט האַלטנדיק דעם פיזישן קאַמף פאַרן אייניציקן אויסדרוק פון נאַציאָנאַלער העלדישקייט און כבוד — דערשאַצט אָבער עפּרויקין די גרויסקייט פון די ייִדישע ווידערשטאַנד־אַקטן, וואָס זענען יאָ פאָרגע־קומען. מען דאַרף אָבער נישט אויפקלערן, אַז אַן דעם אָפּשניט „אַרישע פּאַפּירן" — וואָלטן די אַלע אַקטן געווען אוממעגלעך. ובכן?

עפּרויקין, נידערט דאָ אַראָפּ, אויף אַ ווײַלע, אויף דער ערד. ער געפינט דאָ אַ קאָמפּראָמיס. און אַלץ מיט דער הילף פון די „שאלות ותשובות". דורך אַנאַלאָגיעס, איז ער דאָ דער מקיל פאַר די וואָס זענען געגאַנגען אויף „אַרישע פּאַפּירן", בכדי צו זיין. אָבער נאָר פאַר די.

דער איינער שריט אויף דער רעאַלער ערד איז שוין געגוגנדיק מיד, ווי ווייט עפּרויקין — וואָס באַוועגט זיך אין דער ספערע פון אָפּ־געריסענע אַבסטראַקציעס, האָט פאַרלוירן דעם רעאַלן געפיל פון דער ווירקלעכקייט. צי גלויבט ער באמת, אַז אין יענע טעג איז דאָס אַלץ געווען אַזש אַזוי פשוט? צי גיט ער זיך באמת נישט אָפּ קיין דין וחשבון פון דעם, וויפל צופאַלן האָבן דאָס שווער געמאַכט אַלע אויסרעכענונגען? אין וואָס פאַר אַ באַדינגונגען דער רוב איז געגאַנגען „אויף פּאַפּירן"? און אין וועלכע מען האָט בכלל געקענט גיין? און ווי אַזוי עס האָבן זיך אויף דער „אַרישער זייט" געשאַפן „קורצשלוסן"? און וואָס פאַר אַ נסיונות און ביי־אַזקייטן מען האָט געמוזט אַדורכמאַכן? וואָס פאַר אַ קאָמפּליצירטע פאַקטאָרן עס האָבן געהערשט איבער דעם אַלעם?

אָט אויף וואָס עס באַשטייט דאָס גאַנצע מיספאַרשטייעניש. נישט דערמיט וואָס עפּרויקין גייט דאָ אַרויס פון אַנדערע הנחות; ער טראַכט און רעדט (טראָץ דעם וואָס זיינע אויספירונגען זענען אָנגעזאַפּט מיט אַ שלל ביישפּילן) דאָ פשוט וועגן אַ גאַנץ אַנדערער ווירקלעכקייט.

צענטער טייל:

שפּילאָן און... פאַרזעצונגען

עפילאָג, פאַרזעצונגען, באַמערקונגען.

די „אַרישע פאַפּירן" (אַגב, אַזוי ווי אַ גאַנצע ריי אַנדערע דערשיינונגען, וואָס זענען געווען אַ פּועל־יוצא פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע), זענען לגמרי נישט פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט איר. עס איז אין דעם אַלעם געווען צופיל קרייצונגען, צופיל קאָמפּליקאַציעס, צופיל אַספּעקטן, און קודם כל אַספּעקטן.

נאָך דער מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייַ קאַפּיטל פון דעם געגעבענעם מאָטיוו. דערצו נאָך אַזאַ משונהדיקס, אַזאַ ברייטס און פול מיט קאָמפּליקאַציעס, אַז עס שטייגט איבער די ראַמען פון „אָפּקלאַנגען" אָדער בלויז פון אַן — „עפּילאָג".

דעקאָנספּיראַציעס

קודם כל איז געווען אַ גרויסע פאַרוווּנדערונג (מצד דער נאָענטער סביבה) בעת די געוועזענע „אַריער" פלעגן זיך דעקאָנספּירירן. די באַקאַנטע און פריינד פון די מלחמה־צייטן האָבן — אין אַ סך פאַלן נישט געקענט פשוט גלויבן, אַז דער געגעבענער מענטש איז אַ ייִד. אַמאָל איז דאָס געווען אַן „אָנגענעמער" סיורפּריז און אַן אַנדערש מאָל אַ „נישט אָנגענעמער" — אָפּהענגיק פון דער מדרגה פון ראַסן־פאַרסמונג ביי דער געגעבענער סביבה. מען האָט זיך אָבער תמיד געחידושט. דאָס איז געווען ממש אַ רעגל. אייניקע סצענעס פון דעם מין האָבן מיר שוין אָנגעטראָפן אין דעם ביזאיצטיקן טעקסט, אין די פאַרשידענע ערטער, צעוואָרפענע „דיגרעסיעס". עס איז כדאַי צו פאַרענדיקן די דאָזיקע סעריע מיט נאָך איין מעשהלע:

בעת ז׳ער אָקופּאַציע, ווען איך בין געווען קאָמענדאַנט פון די קאָנספּיראַטיווע אָפּטיילונגען פון פּ. פּ. ס. אין דער מיעכאָווער געגנט, איז צו מיר איינמאָל געקומען אַ פּאַרטיי־חבר. ער האָט מיטגעברענגט אַן עלטערן מענטש, פאַרגעשטעלט אים און געבעטן הילף. דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט 1944, קורץ נאָך דעם טראַגישן וואַרשעווער אויפשטאַנד.

— „דער ענין — האָט אָנגעהויבן דער דערמאָנטער חבר — איז אַ דעליקאַטער. דער דאָזיקער הער איז... דאָ האָט ער, ווייזט אויס כדי אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק, פאַרענדיקט — ...אַן „איזראַעליט״.

שפּעטער האָט ער מיך אָוועקגערופן אין אַ זייט און קאָמענטירט:
— „אַ פּליט פון וואַרשע. ער איז אַהערגעקומען צוזאַמען מיט די אַנדערע. מען האָט אים צוגעטיילט אויף וווינונג צו מיר און איך האָב אים אויפגענומען. ער איז ביי מיר געווען; אַן אָרנטלעכער מענטש. ביז דאָ — נעכטן קומט איינער פון דאָרף און זאָגט: — „צי ווייסט איר, אַז דער פּליט וואָס וווינט ביי אייך אין אַ ייד?״... איך האָב נישט געוווּסט. הויב איך אים אָן פאַרזיכטיק אויסצופרעגן. סוף כל סוף האָט ער זיך מודה געווען און זאָגט: — „וואָס שטערט עס אייך?״ אין דער צייט וואָס ער האָט ביי מיר געוווינט, האָט ער שוין פעסטגעשטעלט אַז מיך גייט נישט אָן דער אָפּשטאַם פון אַ מענטש. נו גוט, אָבער... ווען איך וואָלט בלויז געווען דער איינציקער, וואָס ווייסט עס; עס ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז אַנדערע ווייסן שוין אויך; און נאָך פריִער פאַר מיר. זעט אויס, אַז עמעץ האָט געוווּסט און אויסגעפּלאַפּלט. דאָס איז שוין נישט גוט. אייגנטלעך קען דאָס מיך אַפילו נישט אָנגיין; איך האָב אויפגענומען אַ פּליט און געענדיקט. נאָר, איר ווייסט דאָך... סאַראַ מענטשן עס זענען פאַראַן. אַ שאָד אַ מענטש. אַזוי, אַז איך גלויב, אַז מען וואָלט אים געדאַרפט איבערשיקן, ערגעץ ווו קיינער ווייסט נישט״.

אַזוי איז אויך געשען. מיר האָבן אים „איבערגערוקט״ אין אַ שכינותדיק שטעטל, אין אַ וווינונג פון אַן אַנדערן חבר, וועלכער האָט ביי זיך אויך געהאַלטן אַ פּליט. (אויפן סמך פון אַן אויסטויש, וועלכער איז אַגב דורכגעפירט געוואָרן מיטן הסכם פונעם פריִערדיקן לאָקאַטאָר). אויך דאָרט האָט דער פּליט נושא חן געווען ביי די באַלעבאַטים. נאָך

מער ווי ביי די לעצטע האָט ער אויסגענומען ביי זייערס אַ שכן, אַ פאַרביסענעם אַנטיסעמיט (אפשר גאָר דערפאַר, וואָס ער האָט אין אים אַנטדעקט אַ פערטן פאַרטנער צום ברידזש; אַזעלכע פעיִקייטן האָבן אין די דאָזיקע יאָרן אויך אַ מאָל געהאַט אַ ווערט). גענוג, אַז ביזן סוף פון דער אָקופאַציע איז שוין מיט אים נישט געווען קיין צרות.

דערפאַר אָבער: אַ וואָך נאָכדעם ווי די רוסן האָבן אַרויסגעיאָגט די דייטשן פון שטעטל, בין איך אַריינגעקומען אין דער דערמאָנטער שטוב. דער גאַסט האָט זיך פונקט געקליבן אַוועקצופאָרן. אין אַ געווויסן מאָמענט האָט ער מיך אַוועקגערופן אין אַ זייט און פאַרטרויט זיך פון אַ ספק. ער וואָלט וועלן — זאָגט ער — זאָגן די באַלעבאַטים פאַרן אַוועקפאָרן ווער ער איז; ער האָט זיך מיט זיי באַפריינדעט; ער וואָלט וועלן — ווען ער וועט זיך איינאָרדענען — אָפדאַנקען זיי פאַר דער גאַסטפריינטלעכקייט. ער ווייסט נאָר נישט, ווי אַזוי דאָס „איינצואָרדענען”.

לסוף האָב איך עס „אַראַנזשירט”. גאַנץ פשוט: ביים טיש, בעת דעם ווייטערדיקן שמועס, האָב איך מיך געווענדט צום באַלעבאָס: — „און איר ווייסט, וועמען איר האָט ביי זיך געהאַלטן פאַר אַ לאָקאַטאָר? אַ ייִד”. ער האָט פון שטוינונג אויסגעגלאָצט די אויגן, שפעטער אַ לענגערע צייט נישט־קלאָר געשמייכלט, אַ ביסל ווי פאַרשעמט, אַ ביסל צוליב דעם וואָס ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי צו רעאַגירן און ווייל ער האָט געוואָלט אָפוואַרטן. דער שכן אָבער (דער אַנטיסעמיט), וועלכער האָט ביי־געוווינט דעם געשפרעך, האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער איז אויפגעשפרונגען מיט אַ האָגל אויסגעשרייען. אין די געוואַלדן — איך האָב זיי אויפמערקזאַם אויסגעהערט! — איז אַפילו נישט געווען קיין סימן פון פיינטלעכקייט. פאַרקערט, גיכער, פריינטלעכקייט און אַ האַרציקע באַצִיאונג. דאָמינירט האָט אָבער איינס: אַ חידוש. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי ער וואָלט פלוצלינג פאַרלוירן דעם באָדן פון אונטער די פיס און ווי ער וואָלט אין דעם האָגל פון רעטאָרישע פראַגן געזוכט צוריקצוגעפינען די פאַרלוירענע גלייכגעוויכט:

— אוממעגלעך! דאָס הייסט, אַז אַפילו איך, וואָס פלעג אים כסדר, ממש אָן איבעררייס... איך, וועלכער האָב יעדן אָוונט געשפילט אין ברידזש... איך האָב געקענט נישט דערקענען?

אַגב, האָבן זיי זיך גאָר פריינטלעך געזעגנט, אָפּגעשמועסט ווען זיי וועלן זיך נאָכאַמאָל טרעפן; דער אַנטיסעמיט האָט מיט אַ סך זאָרגעוו־דיקייט צוגעהיטן, אַז דער באַגאַזש פונעם ייִד זאָל זיין אין אָרדענונג, געגעבן אים עצות, צוגעזאָגט אים תמיד צו העלפן.

ווען איך האָב אים (דעם אַנטיסעמיט!) געטראָפן מיט עטלעכע טעג שפּעטער, האָט ער געפרעגט צי איך האָב שוין אַ ידיעה פון דעם... „איז־רעאַליט״; צי ער דאַרף נישט עפּעס. אָבער נאָך דעמאָלט האָט אים געמאַטערט דער זעלבער ספק:

— ווער וואָלט זיך געקענט ריכטן, הער מיכאַל? ווער וואָלט זיך אויף דעם געקענט ריכטן?

און מיט אַ טאָן פון אַ טראַגישע סינטעזע האָט ער צוגעגעבן:

— אויב אַזוי, וואָס זענען שוין ווערט די אַלע טעאָריעס (ער האָט געמיינט די ראַסן־טעאָריעס)? וואָס, זאָגט מיר, זענען זיי ווערט?

איך האָב געגעבן אַן אויסמיידנדיקן ענטפער, באַנוצנדיק אַ באַנאַלן זאַץ וועלכן איך וויל דאָ איבערחזרן:

— וועגן דעם זאָלן זיך שוין ברעכן דעם קאָפּ די ראַסיסטן. מיר האָבן גענוג אַנדערע צרות.

אין דער זעלבער צייט האָב איך געטראַכט:

— איך וואָלט וועלן זען די אויגן וואָס ער וועט עפענען, ווען ער וועט זיך אין אַ פּאָר טעג אַרום דערוויסן, אַז איך,ביי וועמען ער זוכט איצט אויפקלערונגען און דערמוטיקונג, בין אַליין אויך... אַ ייִד.

**
*

אָפט פלעגט געשען אַזוי, אַז די מלחמה־פריינד פון אַ „פּאַפּירענעם אַריער״ — דערוויסנדיק זיך נאָך דער מלחמה, אַז ער איז אַ ייִד — פלעגן קודם כל זיך וווּנדערן און שפּעטער דערקלערן... אַז זיי האָבן שוין לאַנג געהאַט אַ חשד. זיי האָבן אַזויאַרום געוואָלט באַווייזן, אַז דער אָפּשטאַם האָט פאַר זיי נישט קיין שום באַטייט און אַז גאָרנישט קען ענ־דערן זייער באַציִונג צו דעם מענטש.

טיילמאָל פלעגן די דעקאָנספּיראַציע־מאָמענטן האָבן אַ זייער קורצן פאַרלויף. אַזוי פלעגט זיין ווען די ידיעה האָט פאַר דעם פריינד באמת

נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג און ווען ער האָט — אַ שייכות מיט איר — פּאַקטיש גאָרנישט געמוזט „רעווידירן". די פרוי מאַריאַנסקאַ־האָכבערג טרעפט למשל, אַ פּאָר טעג נאָך דער מלחמה, אַ טוער פון „סטראַנניצטוואָ לודאָווע", מיט וועלכן זי האָט — אין דער קאָנספּיראַציע — אָפּט מיטגעאַרבעט און אָפּט זיך געטראָפן. זיי שמועסן וועגן פאַרשיידענע אַקטועלע פראַגן; פּלוצעם דערמאָנט זיך די מאַריאַנסקאַ, אַז זי האָט אים נאָך איבערצוגעבן אַ קליינע „פאָרמאַליטעט":

— אַגב, וויל איך אייך זאָגן, אַז איך בין אַ ייִדישקע.

— אַזוי? צעלאַכט ער זיך אויפן קול. — דאָס איז אַ גוטער וויץ. איך וואָלט נישט געגלויבט". — און אַזוי ווי גאָרנישט וואָלט געשען, זענען זיי איבערגעגאַנגען צום איבערגעריסענעם געשפּרעך. דער דערמאָנטער טוער האָט נישט געדאַרפט פאַרנעמען אין דער פראַגע קיין „שטעלונג" אָדער בכלל עפּעס אויפקלערן. ער האָט זיך פשוט דערפרייט, וואָס זי האָט די דייטשן אָפּגעטון „אַ שפּיצל", און גענוג.

עס איז אָבער אמת, אַז עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן באמת שוין פריִער פאַרגעפּילט. אָבער דווקא צוליב דעם זענען זייערע רעאַקציעס געווען פּאָזיטיווע:

נאָך דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, איז די פרוי צילי ר. מיט איר טעכטערל (צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע פליטים) אָנגעקומען קיין קראָקע. אַזוי ווי זי האָט פאַר דער מלחמה געוווינט אין קראָקע, איז איר אויפהאַלט דאָ געווען פאַרבונדן מיט אַ סכנה. מען האָט זי דאָך גאָר לייכט געקענט דערקענען אויף דער גאַס. זי האָט נישט געהאַט קיין שום דאָקומענטן אַ חוץ אַ באַשטעטיקונג פון „ר. ג. אָ." 1). אויפן סמך פון דער דאָזיקער באַשטעטיקונג האָט דער באַן־אַרבעטער אַנדזשעי קוואַפּיען זי אויפגענומען ביי זיך ווי אַ דינסט־פרוי. זי האָט זיך אויך געדאַרפט פאַרנעמען מיט זיין קראַנקער פרוי. אַ טאָג נאָכדעם ווי ער האָט זי צוגענומען, האָט ער געגעבן אָן אַנאָנס אין דער צייטונג. דער גאַנצער אַנאָנס איז געווען געשריבן לויט די אייגנשאַפטן פון דער פרוי צילי ר. און האָט — ווי עס איז זיך לייכט פאַרצושטעלן — געהאַט בלויז אַ „פּרעווענטיוון"

1) "Rada główna opiekuńcza" וואָס האָט זיך פאַרנומען אָפיציעל מיט פילאַנט־ראָפּיע־אַרבעט, אין דעם פאַל מיט די פּאָליאַקן־פליטים.

באַטייט, בכדי זיך צו פילן זיכערער. די נייע דינסט־פרוי און איר טעכטערל האָט ער די גאַנצע צייט פון זייער פאַרבלייבן ביי אים אין שטוב, באַ־האַנדלט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פריינטלעכקייט. דאָס מיידעלע פלעגט ער רופן: „אונדזער קליין מיידל פון טאַהיטי״.

ער פלעגט בלויז בעטן די מוטער, זי זאָל די קליינע נישט שיקן איינקויפן אין געוועלב, נאָר זי זאָל עס טון אַליין. ווען די פרוי צילי ר. האָט — באַלד נאָכן אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי קיין קראָקע — געוואָלט לויפן אין שטאָט אַריין (די אומגעדולדיקייט פון אַ פאַרקאָנספּי־רירטער ייִדישער פרוי, וועלכע האָט ווי צום שנעלסטן געוואָלט זיך עפּעס דערוויסן — אפשר וועגן דער פאַרלוירענער משפחה!) האָט זי אַנדזשעי קוואַפּיען געפּרוווט אָפּהאַלטן: — „צי איז אייך דען אַזוי שלעכט ביי אונדז? צו וואָס דאַרפט איר אייך אַזוי יאָגן? אין שטאָט איז נאָך אומרויִק״...

זי האָט אים געזאָגט, אַז זי איז אַ ייִדישע. אויף דעם, האָט ער ווידער אַ שמייכל געטון: — „טאַקע דערפאַר דאַרף מען נאָך נישט״.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט עס פאַרגעפילט פון אָנהויב־אָן. ער האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט, דערפאַר פלעגט ער אָבער רויִק און מיט אַ רירנדיקער זאָרגעוודיקייט „איינאָרדענען״ כלערליי דעטאַלן. אַזוי איז געקומען דער אַנאָנס אין דער צייטונג. דערפאַר פלעגט ער רופן די קליינע „אונדזער קליין מיידל פון טאַהיטי״ בכדי אָפּצושוואַכן דעם חשד פון שכנים, וועלכע ס'האָט אינטריגירט איר טונקעלע הויט. הערנדיק, אַז אין דעם געוועלבל איז מען דאָס מיידעלע חושד אַז זי איז אַ ייִדישקע, האָט ער געבעטן, אַז איינקויפן זאָל די מוטער, וואָס האָט געהאַט אַ „גוטן אויסזען״.

אין די זכרונות פון די אָקופּאַציע־יאָרן, ווערן אַזעלכע דערשיינונגען גאָר זעלטן פאַרשריבן, זיי זענען צו סובטעל און פאַרלירן זיך אין דעם מבול.

קינדער

אַ געוויסן רושם האָט אין די ייִדישע קרייזן געמאַכט, נאָך דער מלחמה, דאָס אַ. ג. אויסקויפן קינדער. עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם,

וואָס פאַרשידענע אַפּוטרופּסים, וואָס האָבן אָפּגעראַטעוועט ייִדישע קינדער (האַלטנדיק זיי ביי זיך, ווי אייגענע), האָבן נאָך דער מלחמה געפאָדערט מען זאָל זיי באַצאָלן (אָפּט גרויסע געלטער) פאַרן אָפּגעבן די קינדער. אַזוי ווי — אין רוב פאַלן — זענען די עלטערן פון די קינדער אויסגע־מאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן, האָבן זיך מיט דעם ענין באַשעפטיקט צופעליקע קרובים פון אויסלאַנד, אָדער פאַרשידענע ייִדישע קאָמיטעטן. אַזוי ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן, איז אויך דאָס מאָל געקומען צו דינ־געניש, אָפּט גאָר לאַנגע און פיינטלעכע. פון דער צווייטער זייט — ווי דאָס טרעפט אויך אָפט אין אַזעלכע פאַלן — זענען (להיפּוך צו די וואָס האָבן געשטעלט ציניש באַדינגונגען און האָבן זיי מיט פאַרשידענע מיאוסע מיטלען רעאַליזירט) געווען אויך אַזעלכע מענטשן וואָס פלעגן גאָרנישט באַקומען, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן זיך באמת געפונען אין אַ שווערער לאַגע; נישט געקוקט דערויף וואָס זיי האָבן זיך ווירקלעך גע־נויטיקט אין הילף און וואָס ראַטעווענדיק דאָס געגעבענע קינד פלעגן זיי זיך אַוועקנעמען דאָס ביסן פון מויל.

די וואָג פון די דאָזיקע אינצידענטן דאַרף מען נישט איבערטרייבן. זיי זענען פאָרגעקומען נאָך יאָרן פון אן אמתער ערד־ציטערניש, אין דעם ערשטן נאָך־מלחמה פעריאָד, אין אַ צייט ווען די קעגנזייטיקע עמפּינד־לעכקייט איז געווען איבערגעטריבן. אין אַ געוויסער מאָס איז די טומלעניש אַרום דעם געקומען דערפון, וואָס וועגן שלעכטע זאַכן רעדט מען אַמאָל מער ווי וועגן גוטע; אַזאַ איז שוין דאָס רעכט פון דער בייזוויליקער, אקוסטיק.

אין דער מערהייט פאַלן, ווען אַזאַ פּראָבלעם איז אויפגעשווומען, איז ער דערליידיקט געוואָרן צופרידנשטעלנדיק פאַר ביידע צדדים.

אַגב, האָט בלויז אַ קליינער פּראָצענט געשטעלט אַזעלכע אומגערעכטע פאָדערונגען. אין אַנדערע פאַלן פלעגט דער ענין דערליידיקט ווערן אין גייסט פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג, צוטרוי, דאַנקבאַרקייט און מעגלעכקייטן.

קינדער געדענקען. אַזוי ווי זיי פאַרגעסן נישט דאָס שלעכטע וואָס מען טוט זיי, געדענקען זיי אויך — און אַ סך בעסער! — דאָס גוטע וואָס מען האָט זיי געטון. עס איז גענוג איבערצולייענען זייערע צאָלרייכע

גבית־עדות און דערציילונגען 1). זיי רעדן וועגן דעם אַלעמען זייער פשוט און טאַקע דערפאַר גאָר איבערצייגנדיק. זיגמונט וויינרעב (וועמענס גורל — אַזוי ווי די איבערלעבענישן פון אַ סך אַנדערע ייִדישע קינדער — שטעלט מיט זיך פאָר אַן אמתע עפּאָפּיי פון וואַנדערונג) איז צום סוף פון זיין אָקופּאַציע־וואַנדערונג אָנגעקומען אין דעם אַלבערטינער אַנ־שטאַלט אין קראָקע. דאָרט האָט דער דירעקטאָר און די לערערין (איר נאָמען: טיל) אים חושד געווען, אַז ער איז אַ ייִד; טראָץ דעם האָבן זיי זיך מיט אים פאַרנומען און פאַרלייכטערט אים די קאָנספּיראַציע. נאָך מער: ווען מען האָט געגומען מורמלען וועגן זיין ייִדישן אָפּשטאַם, האָט די פרוי טיל אים גענומען צו זיך אַהיים און אים געהאַלטן ביי זיך שוין ביזן סוף. נאָך דער מלחמה איז דאָס ייִנגל איבערגעגאַנגען אין אַן איני־טערנאַט פון ייִדישן קאָמיטעט: „אָבער איך גיי צו איר וויטער (צו דער פרוי טיל) — ענדיקט ער זיין דערציילונג — און זי רופט מיך תמיד „טשעסיאָ 2), ווייל זי האָט זיך אַזוי צוגעוווינט" 3).

***

נישט דאָ איז דאָס אָרט אויף אַרומצורעדן די צאָלרייכע פּראָבלע־מען, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך דער פּסיכישער ירושה ביי קינ־דער ד. ה. דורך די שפּורן פון די איבערגעלעבטע ליידן וואָס זענען פאַרבליבן אין זייער נשמה. מיר וועלן זיך באַגרענעצן מיט מאָטיוון, וואָס זענען דירעקט פאַרבונדן מיט לעבן „אויף אַרישע פּאַפּירן" און דערמאָנען אַזויאַרום בלויז די פאָלגנדיקע דערשיינונג:

אַ ריי קינדער, האָבן זיך בשעת דער אָקופּאַציע געפונען אונטער דער אויפזיכט פון נישט ייִדן, נאָך אין די יאָרן ווען זיי האָבן נאָך נישט

(אַרויסגעגעבן דורך דער צ. י. ה. ק.). דאָרט געפינט מען אויך אינטערעסאַנטע באַמערקונגען פון מאַריאַ האָכבערג־מאַריאַנסקאַ, וואָס האָט בעת דער אָקופּאַציע אַוועקגעגעבן אירע בעסטע כוחות דאָס ראַטעווען קינדער — און נאָך דער מלחמה זייער צוריקקערן צום נאָרמאַלן לעבן; זי איז געווען זייער פאַרטיידי־קערין און זייער וודוי־אָפּנעמערין; פאַרגלייך אויך מיט אַנדערע זאַמלונגען ווי למשל: „מיינע קינדער" (פּאַריז, געזאַמלט דורך ל. קיכלער).

1) צוזאַמענגענומען אינעם באַנד „קינדער באַשולדיקן" "Dzieci oskarżają"

2) זיין נאָמען פון די „פּאַפּירן".

3) אַרכיוו פון דער וו. יי. ה. ק. אין קראָקע, פּראָט. נומ. 5.

פאַרשטאַנען די פאָראורטיילן און זאַבאָבאָנעס וואָס זענען אויסגעהאָדעוועט און פאַרהייליקט געוואָרן דורך דער שטותעריי פון דערוואַקסענע.

די קינדער זענען געוואַקסן אונטער דער פריינטלעכער השגחה פון זייער נישט־יידישן באַשיצער גאָרנישט וויסנדיק אָפּט וועגן זייער אָפּשטאַם. זיי האָבן געלעבט מיטן לעבן פון דער סביבה, מיט אירע מיינונגען און אָבערגלויבנס און דאָס, מיט די פון דער אָקופּאַציע־תקופה! נאָך דער מלחמה האָט מען זיי געזאָגט, אַז זיי זענען יידן און זיי אָפּגעגעבן אין אַ יידישן יתומים־היים. די קינדער פלעגן אָפּט ווערן פאַרבליפט, זיי פלעגן אויסברעכן מיט אַ ספּאַזמאַטיש געוויין. ביסלעכווייז האָט מען זיך דערוווסט, אַז זיי האָבן מורא געהאַט די יידן זאָלן זיי נישט דערמאָרדן. ריטועל. „אויף מצה".

די וואָס רעגן זיך שטאַרק אויף, ביי אַזעלכע דערשיינונגען איז כדאַי זיי צו זאָגן (נישט אָן מעלאַנכאָליע) אַז אָט די דערשיינונגען זענען געווען פולקאָם פאַרשטענדלעך. און אָנשטאָט צו אַנאַליזירן די אָבערגלויבנס און זאַבאָבאָנעס וועלן מיר ברענגען איין משל, וואָס וועט אַ סך מער און בעסער אויפקלערן ווי אַ טעאָרעטישער פלפול.

דר. קאַהאַנע (נאָך דער מלחמה — הויפּט־רב פונעם פוילישן מיליטער) איז ניצול געוואָרן אַ דאַנק דער הילף פונעם גריכיש־קאַטוילישן מעטראָפּאָליט — שעפּטיצקי. (ווי דאָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן אינעם דאָזיקן בוך). דער מעטראָפּאָליט (וועלכער איז אויך געווען דער וואָרטזאָגער פונעם אוקראַינישן נאַציאָנאַליזם), האָט אים „איינגעאָרדנט" אין אַ מאָנאַסטיר און די פרוי זיינע מיט די קינדער ביי אַן אוקראַינישער משפּחה. זיי האָבן אַזויאַרום געלעבט באַזונדער און צוזאַמענגעטראָפן זיך ערשט נאָכן אַריינקומען פון דער סאָוויעטישער אַרמיי קיין לעמבערג. דעם רבס קליין טעכטערל איז אָנגעזנד געווען ביים צונויפטרעף פון איר מוטער מיטן פאָטער (וועלכן זי האָט שוין נישט געדענקט). הערנדיק, אַז די עלטערן רעדן צווישן זיך פויליש, איז זי אויפגעשפּרונגען און אַ רויטע פון כעס זיך געווענדט צו דער מוטער:

— אַזוי מאַמע, האָסטו, הייסט עס, חתונה געהאַט מיט אַ „ליאַך" [1].

1) „אַ פּאָליאַק" (באַנוצט דורך אוקראַינער ווי אַ באַליידנדיקע באַצייכענונג).

ווייל זי, אַן אויפגעצויגענע אין אַן אוקראַינישער סביבה, האָט אין זיך איינגעזאַפּט אַ טיפע שנאה צו... פּאָליאַקן.

ווי מען זעט, קען די דערפינדערישקייט פון מענטשלעכן שטות און האַס געוועגדט ווערן אין פאַרשידענע ריכטונגען; אַלץ איז בלויז אָפּהענ־גיק דערפון, אין וואָס פאַראַ שטותים (און לגבי וועמען!) עס ספּעציאַלי־זירט זיך די געגעבענע סביבה. דאָס איבעריקע איז שוין בלויז אַ פּועל־יוצא.

**
*

צווישן די נאָכמלחמהדיקע קאָנפליקטן פונעם דאַזיקן אָפּשניט זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן מיט די אויבנדערמאָנטע פאַראורטיילן נישט געהאַט קיין שום מגע ומשא, זיי זענען אָבער דערפאַר אַרויסגעוואָקסן פון אַ דירעקטן גרויליק־מענטשלעכן יסוד.

פון אַ דייטשן לאַגער קומט צוריק (מיט אַנדערע לעבנגעבליבענע) אַ מוטער. זי דערוויסט זיך אַז אויך איר קינד לעבט. איר קינד, נאָך וועלכן זי האָט אויסגעווייגט אירע אויגן אין די טעג און נעכט פונעם לאַגער־גיהנום אַדורכגענומען מיט אַ ים פון גליק ציט זי אויס צום דאַזיקן קינד די הענט. דאָס קינד אָבער אַנטלויפט פון דער אומבאַקאַנטער, פרעמדער פרוי; פון דער פרוי, וואָס טראָגט נאָך די לאַגער־שמאַטעס, וואָס טראָגט נאָך אויפן פּנים און גוף די שפּורן פון אַלע איבערגעלעבטע מאַטערנישן. דאָס קינד אַנט־לויפט צו זיין מלחמה־מאַמען, וועלכע עס האַלט פאַר דער אמתער, צו וועל־כער עס האָט זיך בשעת די מלחמה־יאָרן צוגעוווינט און ליב באַקומען זי ווי אַן אייגענע מאַמע.

צי איז דאָס חל בלויז אויף קינדער?

אין די קרייזן פונעם ייִדישן קאָמיטעט אין קראָקע האָט דער פאָלגנדי־קער ענין אַרויסגערופן אַ סך קאָמענטאַרן:

די משפחה ז. האָט בשעת דער מלחמה אויפגענומען אַ קליין ייִדיש מייד־דעלע. דאָס קינד איז ביי זיי געוואָקסן אין אַן אַטמאָספער פון האַרציקייט, אַן איבערצייגטע אַז זי איז זייער טאָכטער. נאָך דער מלחמה האָט זיך געיאַ־וועט איר אמתע מאַמע און קרובים. די ז. זאָגן זיך אָפּ צוריקצוגעבן דאָס קינד. נישט צוליב אויסגערעכנטקייט אָדער „פּאָליטישע" טעמים. פאַרקערט: זיי האָבן דאָס קינד ליב באַקומען, נישט מעטאַפאָריש, נאָר ווערטלעך. נישט

נאָר זיי האַלטן זי פאַר זייער טאָכטער, נאָר זי איז עס באמת געוואָרן. אָרגאַניש. און דערצו אַ קינד, וואָס זיי האָבן ליב געהאַט מער ווי אַלץ. צי קען מען רעזיגנירן פון אַן אייגן קינד בלויז דערפאַר, וואָס אַזוי פאָדערן אַדמיניסטראַטיווע פאַרשריפטן?

אין רעזולטאַט — האָט זיך אָנגעהויבן אַ סענסאַציאָנעלער ראָמאַן. די מלחמה־עלטערן האָבן — כדי צו פאַרמעקן די שפּורן — זיך איבערגעצויגן אין אַן אַנדערער דירה און שפּעטער — ווען אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן — בגנבה אריבערגעפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. זיי האָבן געשטעלט אין קאָן זייער גאַנצע עקזיסטענץ, און נישט נאָר די מאַטעריעלע. פון דער צווייטער זייט טוט די אמתע מוטער אויפרודערן הימל און ערד און אויך... די קאָמיטעטן און די פּאָליציי. שפּעטער קומט עס צום אַרויסגנבענען דאָס קינד...

נישט וויכטיק איז דער סוף פונעם דערמאָנטן ענין. אַזעלכע קאָנפליקטן זענען געווען אַ סך מער. דער פאַקט וואָס אַנדערע פאַלן פלעגן דערליידיקט ווערן אָן די „סענסאַציאָנעלע" צוגאָבן, ענדערט נאָך נישט זייער אינהאַלט. איך האָב אַ גרויסן ספק צי אַדמיניסטראַטיווע לייזונגען קענען אַזעלכע ענינים פולשטענדיק אויסשעפּן. אַן אַדמיניסטראַטיוון כאַראַקטער האָבן דאָ געהאַט בלויז די אָנהויב־אומשטענדן פונעם שפּעטערדיקן קאָנפליקט: דאָס אויסטיילן די „ראַסן", דער מבול פון דייטשע מאָרדן און אַלץ, וואָס האָט די קליינע אָפּגעריסן פון אירע עלטערן. דאָס איבעריקע איז שוין אַן „אָרגאַנישע" אַנטוויקלונג, אין וועלכער די „ראַסע" האָט נישט געשפּילט קיין שום ראָלע. אַ קאָנפליקט? אַוודאי? ער איז אָבער געווען אַ פועל־יוצא פונעם צוזאַמענשטויס פון צוויי מוטער־ליבעס. נישט די ייִדישקייט פון דער ערשטער און נישט די נישט־ייִדישקייט פון דער צווייטער האָבן שוין וועלכע ס'איז באַדייטונג.

אַ נײַ קאַפּיטל „פּאַפּירן"

אַ גרויסע צאָל „פּאַפּירענע אַריער" האָט זיך דעקאָנספּירירט תיכף נאָכן איינברעכן זיך פון דער דייטשער אָקופּאַציע. אַ געוויסע צאָל האָט נאָך צייטווייליק געשפּילט די פרעמדע ראָלע. שפּעטער האָבן אַ סך פון

די, וואָס האָבן שוין באַוויזן זיך צו דעקאָנספּירירן — צוריקגעקערט אויפֿ־סנייַ צו די „פּאַפּירן“. און דאָס איז נאָך נישט דער סוף. עס איז געקו־מען די רעפּאַטריאַציע פֿון פּוילישע בירגער, וואָס האָבן די מלחמה־יאָרן איבערגעלעבט אין אויסלאַנד, מחוץ דער מאַכט פֿון די דייטשן. צווישן זיי זענען אויך געווען ייִדן. און אויך צווישן די דאָזיקע רעפּאַטריאַנטן איז געווען מער ווי איינער, וואָס איז געגאַנגען „אויף פּאַפּירן“; איצט, נאָך דער מלחמה, אין אַ לאַנד וווּ עס איז שוין נישט געווען קיין ראַסן־געזעצגעבונג. מיט איין וואָרט: נאָך איין פּאַראַדאָקס.

מען איז געווױנט צו דערקלערן די דאָזיקע דערשיינונג מיט אַנטי־סעמיטיזם. צי איז עס טאַקע ריכטיק?

פֿון דער דריי און אַ האַלב־מיליאָניקער מאַסע ייִדן זענען (אין פּוילן!) פֿאַרבליבן צענדליקער טויזנטער.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען קען פֿאַר יעדן לאָגיש־טראַכטנדיקן מענטש — קיין רייד נישט זיין, וועגן דער עקזיסטענץ פֿון אַ „ייִדן־פּראַ־גע“. צווישן די פּאָליאַקן איז אָבער פֿאַרבליבן אַ גאַנץ באַדייטנדיקער פּראָצעס אַזעלכע, וואָס זענען אויפֿן ייִדישן חורבן רייך געוואָרן. דער אַנטיסעמיטיזם איז פֿאַר זיי דעריבער געווען אַ „גוט פֿערדל“. ווייטער זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן, אין די אָקופּאַציע־יאָרן מיטגעהאָלפֿן ביים מאָרדן ייִדן און זיי האָבן געדענקט, אַז די מעשים זענען זיי גאָר לייכט אָנגעקומען. און לסוף איז פֿאַרבליבן די ירושה נאָך דער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע. און היסטעריע — וואָס האָט אַזוי ווי יעדער היסטעריע — נישט ליב צו טראַכטן קריטיש, דערפֿאַר אָבער זוכט זי זייער גערן אַ קרבן. ווי אַ רעזולטאַט דערפֿון — זענען אויך נאָך דער מלחמה פֿאָר־געקומען אַ ריי מערדערייען איבער ייִדן. אומאָפּהענגיק פֿון דעם רוב, זענען די מערדער געווען גענייגט צו מאַכן פֿון זיך „קעמפּער“. נעמענדיק דאָס אַלץ אין אַכט, איז לייכט צו פֿאַרשטיין, אַז די מענטשן, וואָס האָבן שוין געהאַט הינטער זיך דאָס מלחמה־גהינום האָבן נישט געוואָלט פֿאַלן פֿון דער קויל פֿון אַ נאָך־היטלעריסטישן באַנדיט. און, אַז אַ געוויסע צאָל האָט באַשלאָסן צו פֿאַרטיידיקן זיך מיט די זעלבע „פּאַפּירן“, וואָס האָבן זיי, בשעת דער אָקופּאַציע פֿאַרטיידיקט — מיט פֿאַרשידענע רעזולטאַטן פֿאַרשטייט זיך — קעגן די מייסטערס פֿון די שפּעטערדיקע עפּיגאָנען.

זיכער האָט ביי איניקע אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע דער ווילן פון לייכטער מאַכן זיך דאָס לעבן, אַ מאָל אויך א. ג. „קאַריערע" סיבות.

דאָס אַלץ צוזאַמען אָבער קלערט נאָך נישט אויף די דערמאַנטע טענדענץ. סוף כל סוף האָט דער גורל אויך אין דער פאַרגאַנגענהייט נישט געזשאַלעוועט ייִדן קיין געפאַרן אָדער קאַריערע שוועריקייטן. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז אַ סך מענטשן וואָס האָבן, בעת דער אָקופּאַציע געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן" זענען אַריינגעוואָקסן נישט נאָר אין דער ייער סביבה אָבער אויך אין אירע ענגערע קעמערלעך. עס גייט דאָ נישט נאָר וועגן די געמישטע חתונות (סיי די וואָס זענען פאַרגעקומען אין די מלחמה־יאָרן, ווי אויך די געשלאָסענע שוין נאָך דער מלחמה, אָבער אין רעזולטאַט פון די מלחמה־באַקאַנטשאַפטן). עס גייט דאָ אויך וועגן דעם גאַנצן קנויל און וועגן דער געשטאַלטונג פונעם פּריוואַטן לעבן. פון דער צווייטער זייט — האָט דער חורבן פונעם פּוילישן ייִדנטום און דאָס באַוווסטזיין פון דעם איבערגעבליבענעם חורבן באַפעסטיקט גאָר לייכט אין די אויסגעמאַטערטע מוחות די איבערצייגונג, אַז עס איז שוין נישטאָ צו וועמען צוריקצוגיין. די מערהייט פון די דאָזיקע מענטשן האָבן געהאַט פאַרלוירן זייערע גאַנצע משפּחות און די איינציקע פריינט און באַקאַנטע וואָס זענען זיי געבליבן — זענען געווען נישט־ייִדן.

נישט איינער האָט — אפשר געקלערט — אַזוי ווי פּראָפ. לודוויק הירשפעלד, וועלכער איז געקומען צו אַזעלכע מסקנות:

„דאָ... אין דעם עקלדיקן אייראָפּע, אין דעם קעסל, ווו עס פּרעגלען זיך פעלקער, וואַקסן, אַפילו די קלענסטע מנהגים אויס צו דער מדרגה פון נאַציאָנאַלע סימבאָלן. דאָ הערשט נישט קיין טאָלעראַנץ נאָר אידיאָ־סינקראַזיע. די פעלקער קרענקען אויף זייערע מינדערהייטן. נישט נאָר אויף דער ייִדישער מינדערהייט. דאָ האָט מען אין אַלגעמיין פּיינט דעם שכן. דעם האַס וואָלט מען נאָך געקענט אַריבערטראָגן, אָבער דאָס ערגסטע איז דער פאַקט, אַז די פעלקער פאַרטראָגן זיך נישט קעגנזייטיק, אַז זיי גייען זיך קעגנזייטיק אויף די נערוון. און אַזוי קומט מען צום טרויעריקן געפיל פון איינזאַמקייט און אַנדערשקייט. צי דאַרפן טאַקע די קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך פון די וואַנדערער,ליידן אַזוי ווי זיי

אַליין?״ דערפאַר זעט ער פאַר די ייִדן, וואָס פאַרבלייבן אויפן אָרט, איין אויסוועג: אַסימילאַציע, נישט נאָר קולטורעלע אָבער טאָטאַלע.

נישט דאָ פאַרשטייט זיך איז דאָס אָרט אויף אַן אָפּשאַצונג אָדער דיסקוסיע מיט דער אָדער אַן אַנדערער מיינונג. עס איז אָבער שווער נישט צו באַמערקן, אַז די דאָזיקע שטעלונג באַזיצט נאָך איין אייגנשאַפט: זי פאַרגעסט, אַז די זעלבסטבאַצייכענונג פון יחידים פונעם געגעבענעם פאָלק שאַפט זיך נישט בלויז אויפן סמך פון דער באַציִונג פון דער סביבה צו די געגעבענע יחידים אָבער אויך אויפן סמך פון זייער אייגע־נער באַציִונג צו זייערע אייגענע קולטורעלע און היסטאָרישע ווערטן.

די דאָזיקע נאָענטע און בלוטיקע פאַרגאַנגענהייט האָט, נישט נאָר נישט אָפּגעשוואַכט דאָס געפיל פון פאַרבונדנקייט מיטן ייִדנטום, נאָר להיפּוך, עס פאַרשטאַרקט. אַ סך יחידים, וועלכע זענען פריִער געווען פאַרבונדן מיט ייִדן און ייִדישקייט בלויז דורך זייער שטאַם, האָבן איצט נישט נאָר דערפילט דאָס דאָזיקע אַחדות, אָבער אויך פאַרשטאַנען און ליב באַקומען די ייִדישע ווערטן.

סוף

דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דויד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן!
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאָוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאָס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947“ (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע“
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען **(אויספאַרקויפט)**
(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד

75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פּערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 1937)

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן

80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו **(אויספאַרקויפט)**

81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך

82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**

84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

85־86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות

87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג **(זכרונות)**

89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן **(אויספאַרקויפט)**

90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91־92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע

93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען **(ראָמאַן)**

94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות **(קראָקע)**

95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן **(זכרונות)**
(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954).

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע **(ראָמאַן)**

99) **פּועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין

100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

101) **י. הירשהויט** — יידישע נאָפט־מאַגנאַטן

102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע

103) **פ. מינץ** (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) — **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים **(ראָמאַן)**

105־106־107) — **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

108־109) **מרדכי שטריגלער** — געאַרעמט מיטן ווינט **(ראָמאַן)**

110־111) **ד״ר א. מוקדוני** — וואַרשע און לאָדזש.

112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות

113) **ב. שעפנער** — נאָוואַליפּיע 7 **(זכרונות)**

עס גרייט זיך צום דרוק:

פּנחס שטיינוואַקס — יידן צום געדענקען

ש. בערלינסקי — ירושה

מאַקס וויינרייך — פון ביידע זייטן פּלויט **(ווענן אורי קאָוונער)**

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 107

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el Depósito que marca la Ley

COPYRIGHT BY
MICHAL BORWICZ, Paris

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 1º DE DICIEMBRE DE 1954 EN LOS "TALLERES GRAFICOS ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON Nº 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

MICHAL BORWICZ

(ARISHE PAPIRN)

TOMO III

* Obsequio para Zukunft, para uso particular sin valor comercial.

Editado por
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA

Buenos Aires — 1955